בעת דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, ווען אין בענדין איז געשטאַנען דער 14טער פּולק פון די דאָנסקער קאָזאַקן, האָט זיך מאַטוש ארומגעדרייט מיט אַ רויט טיכל, און ווען אַ אָפיציר איז פאַרביי געגאַנגען פלעגט ער דערמיט פאָכען אים אין פּנים.

דאָס איז דערגאַנגען צום טאַטן ר' יחיאל ז"ל, און דער טאַטע האָט אים אַוועקגעשיקט צו אַ פעטער אין די

פאַראייניקטע שטאַטן. אויך אין ניו־יאָרק האָט ער זיך קיין אָרט נישט געפינען און פון דאָרט אַוועק קיין ארגענטינע. דאָרט האָט ער געהאָרעוועט שווער און ביטער, און געשריבן ביטערע בריוו אַהיים. אין זיינע בריוו האָט ער געדראָט צו באַגיין זעלבסטמאָרד אויב מ׳וועט אים נישט שיקן קיין געלד אויף הוצאות צוריק אַהיים צוקומען. מ׳האָט אים נאַטירליך געשיקט געלט, און בעת זיין אָנקומען צוריק האָט מיך דער טאַטע מיטגענומען קיין קאַטאָוויץ אים אָפּצוּוואַרטן.

אַ צייט לאַנג זענען מיר געשטאַנען אויף דער באַן־סטאַציע און אים נישט געזען, מיר האָבן שוין נישט געוויסט וואָס צו טאָן, מיט אַמאָל באַווייזט זיך אַ מענטש באַוואַקסן מיט אַ באָרד און לאַנגע האָר, אָנגעהאַנגען אַ גיטאַרע אויף איין אַקסל און אַ פּאַפּוגיי אויף דעם צווייטן, און גיט אַזאָג טאַטע צו דערקענסט מיך נישט? דאָס בין איך דאָך דיין מאַטוש...

מיין פאָטער איז אַ פאַרגליווערטער שטיין געבליבן, דאָס ביזטו מיין זון... און זיי האָבן זיך אַרומגענומען.

דער פאָטער איז געווען אין פאַרלעגנהייט ווי ברענגט מען אים אהיים אין אַזאַ מעמד קיין בענדין. מ׳האָט אים אַביסל פאַרפּוצט, און סוף סוף זענען מיר אינדערהיים. די מאַמע און די קינדער האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט זיין צוריק קומען.

אונדזער גאַנצע משפחה איז געווען אַ מוזיקאַלישע, און ווען מאַטוש האָט גענומען שפּילן אויף זיין גיטאַרע האָט דער ברודער יעקב באַגלייט מיט דער פידל און די שוועסטער צעשא האָט מיטגעהאָלפן מיט דער פּיאַנע. די גאַס איז געווען פול איינהערענדיק זיך אין דעם קאָנצערט.

אויך דער פּאַפּוגיי האָט נישט געשוויגן און מיין מאַמע האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און איינמאָל ווערענדיק זער בייז האָט זי אויפגעמאַכט דאָס שטייגל און אַרויס־געלאָזט דעם פּאַפּוגיי. מאַטוש איז נאָך דער מעשה געווען אויסער זיך און קיין אָרט זיך נישט געפונען.

בכלל האָט ער אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע אָרגאַ־ניזאַציעס. אָנגעהערט צו דער אָרגאַניזאַציע פון הכוח און פייערלעשער, געווען זער אַ גערעטענער ביי דעם אלעם. געהאַט גאָלדענע הענט און אַ וואַרעם האַרץ.

צו יענער צייט האָט די בענדינער חלוצישע יוגנט געג־רינדעט אַ הכשרה פונקט אויף דעם פלאַץ אונטערן באַרג און זיי האָבן זיך געניוטיגט אין וואַסער אינסטאַלאַציע, מאַטוש האָט דאָס געמאַכט אָן שום לוין.

בעת דעם רעמאָנט אין דער שול האָט ער אויך אַלץ געמאַכט פריינוויליק.

ער האָט אויך געהערט צו דער זעלבסטשוץ, ווען די שונאי ישראל האָבן געפּרוווט בושעווען אין זאַגלעמביע...

ער האָט געהאָלפן ווי ער האָט נאָר געקאָנט. פלעגט טרעפן אַז ער פלעגט אויסבויען אַ דירה פאַר אַ יונג פּאָר פאָלק. מאַטוש האָט אומעטום צוגעלייגט אַ האַנט.

קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט און אדאַפּטירט אַ קינד מיט נאָמען מענדעלע, וואָס ער האָט אים אויך אַריינגעפירט אין פאַך.

איינמאָל דורכפירענדיק אַ גרויסע אַרבעט אויף דער מאָנדזשעווער גאַס 54 האָט מאַטוש דאָרט געאַרבעט מיט אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער ביים גרובן גריבער פאַר דער אינסטאַלאַציע, און מענדעלע איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב, מאַטוש איז אַראָפּ אים ראַטעווען און ביידע — מאַטוש און מענדעלע — זענען דאָרט פאַרשיט געוואָרן. אַזוי האָט מאַטוש פאַרענדיקט זיין קאַלירפול לעבן.

די גאַנצע שטאָט האָט אים באַוויינט און דערציילט זיינע מעשים טובים.

די לוויה פון מאַטוש און מענדעלע איז געווען אין אַ זונטיק. מאַסן מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען, נישט נאָר פון בענדין. די פּאָליציי האָט געמוזט האַלטן אָרדנונג בעת דער לויה צוליב דעם ריזיקן עולם און די גאַנצע שטאָט האָט אים באַוויינט. אויך נישט יידן האָבן אָנטייל גענומען אין זיין לויה און דערמאָנט זיינע גוטע מעשים און דאָס גוטע האַרץ און נאָך אַ צייט לאַנג האָט מען דערציילט און דערמאָנט זיין נאָמען און דעם טראַגישן פאַל.

געוועזן צייטן ווען מ׳האָט נאָך באַוויינט מיט האַרץ און געפיל איינציקע מענטשן. בענדין איז נישטאָ מער, נישט קיין יידיש בענדין, און צווישן אַלע דערמאָן איך מאַטוש, מיט זיין שטורמיש יידיש האַרץ וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין בענדין.

יהי זכרו ברוך.

אלטוש ווינער ניו יאָרק

מאַלעריי און סקולפּטור אין סאָסנאָוויץ

געקומען איז ער פון מינכן, פון די ערשטע קינסטלער, גערופן האָט מען אים סטאַניסלאַוו בינדער. צו יענער צייט איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט זיינע מאָטיוון אין גאַנץ איראָפּע, מייסטנס רעליגיעזע און פאָלקסטימליכע מאָטיוון.

דער קינסטלער בינדער איז געוואָרן דער איידעם פון דעם אָנגעזעענעם גביר הענדל נונבערג פון בענדין, און באַזעצט זיך אין סאָסנאָוויץ און דאָרט אויפגעמאַכט אַ סטודיע, ער האָט דאָ דעם אינטעליגענטן עולם ארויסגערופן אַסאַך אינטערעס און אויך אַ פרייד, וואָס זאַגלעמביע ווערט באַרייכערט מיט אַזאַ קינסטלער. אין זאַגלעמביער צייטונג איז אָנגעגעבן געוואָרן אַ בכבודיקער פלאַץ, ווי די פּען מענטשן האָבן אָפּגעשאַצט זיינע אַרבעטן, און די יוגנט וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צו קונסט האָט אים וואַרים אויפגענומען, און עטלעכע פיינע קינסטלער וואָס האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין די מאַלעריי און סקולפּטור זענען פון זיינע תלמידים.

פון די ערשטע זיינע שילער אין סאָסנאָוויץ זיינען געווען: אייזיק ליס, שמואל ציגלער, פריווער, אלטוש ווינער, ראָטענבערג (דער ארויסגעבער פון יידישן אלמאנאך פון זאגלעמביע) א.א.

פון דער דאָזיקער ערשטער קונסט־שולע אין סאָסנאָוויץ זיינען אייניקע שילער אויפגענומען געוואָרן אין דער קראקאָווער מאטעיקא אקאדעמיע, דאָס זענען געווען: ליס, ציגלער און ווינער.


פון די לעבן געבליבענע קינסטלער — לעבן און שאַפן: פריווער אין צפת, ווינער אין ניו יאָרק און ליס אין פאַריז.

פיל פון דאמאָלסדיקע קינסטלער זענען אומגעקומען אין היטלערישן פייער הי״ד.

פונקט ווי אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אויף דער שוועל פון 20־טן יאָר הונדערט האָט אויך זאגלעמביע, מיט אירע פרעכטיקע קהילות, בייגעטראָגן פיל צום יידישן קול־טורעלן לעבן.

ר׳ שלמה פייוול זיסקינד ז״ל

פון די ערשטע סאָסנאָווצער בעלי בתים, פון די ערשטע פיאָנערן וואָס האָבן אויף דעם ראנד פון סאָסנאָווצער וואלד (ווען סאָסנאָווצע איז נאָך געווען אַ דאָרף) זיין



שלמה פייוול זיסקינד

ביישפיל האָבן פיל נאָכגעטאָן. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון תלמוד תורה און ישיבה אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה. געהערט צו די גרינדער פון קאָמיטעט פאר העלפן פאַראָרעמטע יידן. לאַנג יאָריקער ראטמאן פון סאָסנאָווצער שטאָטראָט אַלס פאָרשטייער פון אגודת־ישראל, נישט איינמאָל איז אים צוגעפאַלן דער כבוד צו עפענען פייערלעכע זיצונגען אין שטאָטראָט צוליב דעם וויל ער איז געווען דער עלטסטער.

לאנגע יאָרן איז ער געווען דער וויצע פרעזעס פון די הויז אייגנטימער. טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ הייסער חסיד אַ פאַרערער פון ראַדאָמסקער רבין און אַ חסידישער מנהיג. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געהערן צו די שומרי שבת וויל דאָס איז געווען אַ קעגנזאַץ צו זיינע איבערצייגונגען, נישט ווילנדיק אָנוואַרפן אנדערע זיינע מיינונגען.

צען קינדער האָט ר׳ שלמה זיסקינד געהאט און געווען טאלעראנט צו זיי, געלאָזט זיי גיין אין זייערע וועגן, נישט געשטערט זייערע אידעאלן. איינע פון זיינע טעכטער העלענא זיסקינד־יאסנע איז געווען לאַנגיאָריקע לערערן אין סאָסנאָווצער יידישן גימנאַזיום דערנאָך אין „יבנה״ גימנאזיום א.נ. פון באקאנטן פילאַנטראָפּ פירסטענבערג אין בענדין. זי האָט דערצויגן דורות פון יוגנט וועלכע דער גרעסטער טייל געפינט זיך איצטער אין ישראל. זי מיט דער טאָכטער אירער זענען אומגעקומען אין געטאָ טערעזיענשטאט אין דער טשעכאסלאָוואקיי.

די צווייטע טאָכטער גוטשע זיסקינד (גיטעלע) ראמאן האָט אין דער צייט פון דער מלחמה אָפּגעראטעוועט. הונדער־טער יידישע קינדער, וואָס מען האָט זייערע עלטערן דעפּאָר־טירט פון פראנקרייך. זי איז געווען די גרינדערן פון אַ געהיימע קינדערהיים און טולוז (פראנקרייך) זי ווערט דערמאָנט אין בוך „שרידי חרב״ פון א. דקל ארויסגעגעבן פון משרד הבטחון וואָס איז דערשינען אין ישראל אויף דער זייט 365, וו עס געפינט זיך אויך איר בילד אויף די זייטן 377—376. די אָפּגעראטעוועטע דאָרך איר קינדער האָט זי אין מלחמה צייט געפירט איבער שפאניען און מיט דער מיטהילף פון עליה ב. קיין ארץ־ישראל, די קינדער געפונען זיך היינט צו טאָג צווישן אונדז אין ישראל.

פון די צען קינדער זיסקינדס לעבן אין ישראל צוויי טעכטער גושא ראמאן און רודאווער און איינעקלעך. דער זון אברהם געפינט זיך אין ארגענטינע.

שלמה פייוול זיסקינד איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1935 אין עלטער פון 68 יאָר. ריזיקע מאסן יידן און פּאלאַקן האָבן אים באַגלייט צו דער אייביקער רו.

אזוי האָט די סאָסנאָווצער באַפעלקערונג אָנגעגעבן כבוד איינעם פון אירע אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן.

אברהם זענדעל



אברהם זענדעל

יליד סוסנוביץ ב־1915, נמצא כעת בארה"ב. עם גמר המלחמה ותלאות השואה נשאר בחיים ומצא את עצמו על שטח גרמניה. כאחד משארית הפליטה היה פעיל ועשה הרבה בכל המוסדות היהודיים והבינלאומיים שקמו אז להושטת עזרה לשארית הפליטה בכלל ולבני העיר בפרט. בהיות ולא מצא את מקומו על אדמת גרמניה היגר לארה"ב ועתה חי הוא עם משפחתו בשיקאגו וגם שם פעיל במוסדות צדקה וכד׳ ובעיקר בלנדסמאנשאפט הזגלמבאי ולא מעט תרם גם מזמנו לטובת הספר.

אברהם זענדעל הנו בנו של לייביש זענדל ז"ל שהיה מהאנשים הידועים בעיר כחבר מועצת העיר, חבר ועד וחבר הנהלת בית החולים היהודי ובכלל כאיש מעשה בית הקהילה, יו"ר קופת הגמ"ח בעיר, אחד ממייסדי מושב הזקנים פתוח ורודף צדקה. והיה ידוע כאיש חסיד וסוחר אמיד.

ר׳ מיכאל טריגער הי"ד



מיכאל טריגער

אין מיין זכרון ענטפלעקט זיך די געשטאַלט פון ר׳ מיכאל, אַ יידישער בעל־מלאכה אין סוחר פון סאָסנאָוויץ אויף דער מאַדזשעיאָווער גאַס, אַ שמייכלדיק גוטמוטיק פּנים, אַ פיין פאַרקעמט שוואַרץ בערדל, אַ זויבערער און ציכטיקער מענטש. און הגם ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען ווי דער שטייגער אין יענע יאָרן, ווען עס זענען נישט געווען קיין נאָרמאַלע אַרבעטס שעהן און אויך דאָס פאַרקויפן איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. אויך דער שטייער־אמט האָט געהאַט אַ אָפּן אויג און נישט געלאָזט לעבן במנוחה.

אַזאַ פרנסה ווי ר׳ מיכלס האָט געפאָדערט אַסאַך אויפמערקזאַמקייט, אַלערליי היטלעך און הוטן ווי אויך פעלץ אויסאַרבייטונגען האָט מען ביי אים געקאָנט באַקומען .

ר׳ מיכאל מיט זיין לעבנס באַגלייטערין רחל גיטל הי"ד, וואָס איז געווען אַן אמת'ע עזר כנגדו האָבן אויך געגעבן זייערע קינדער, זעקס זין און איין טאָכטער, אַ פיינע דערציונג. אויך זיין וווינונג ביי שמחה עסטרייכער אין הויז איז געפירט געוואָרן אויף אַ בכבודיקן אויפן, דאָס איז געווען אַ אָפּענע שטוב.

נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג האָט ר׳ מיכל געפונען צייט פאַר אַ נויט באַדאַרפטיקן מענטש, געזאָרגט פאַר קהלישע ענינים, געזאָרגט פאַר אָרעמע לייט זיי זאָלן האָבן אויף שבת און יום טוב. און גאָר באַזונדער איז ער געווען טעטיק אין לינת הצדק און אין לינת החולים, ער פלעגט גיין צוזאַמען מיט דעם וויצע־פרעזעס פון דער קהלה, ר׳ בירך סטעמסקי צונויפנעמען קמחא דפסחא, מחמת ער האָט געקענט זער גוט די פאַרהעלטנישן פון יעדן איינעם. געוויסט ביי וועמען בעטן און ביי וועמען אַוועקקוקן.

ר׳ מיכאל געהערט צו דעם מין ערלעכע יידן פועלי־צדק וואָס האָבן אויך געהאַט אַ וואַרעמע באַציונג צו חסידות און ער און נאָך עטלעכע פינטשעווער חסידים ווי שלמה טשאַרנאָבע און שלמה אוקס א.א. האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם פינטשעווער רעבן, ר׳ אליעזר פינקלער זצ"ל קיין סאָסנאָוויץ. ווייל סאָסנאָוויץ אַלס פרנסה שטאָט האָט צוגעצויגן אַסאַך פאַראָרעמטע יידן פון די קליינע שטעטלעך און דאָרפס יידן. זיי האָבן פאַרזאָרגט דעם רבין מיט אַ דירה אויף דער דעמבלינסקי גאַס, האָבן זיך מתחייב געווען אַוועקגעבן פאַרן רבין אַ געוויסן פראָצענט פון זייערע הכנסות. טראָץ דעם שווערן פרנסה עול האָבן זיי געפונען צייט אָפּצוגעבן זיך מיט גייסטיקע ענינים און חסידישע דערהויבנקייט. שווערע זענען געווען די אינדערוואָכנס, האָט מען געדאַרפט אביסל דבקות אין דער האָפענונג אויף ישועה און גאולה פאַר זיך און פאַרן כלל ישראל.

ר׳ מיכאל צוליב זיינע עסקים פלעגט פאָרען קיין לייפּציג אויף דער מעסע איינקויפן פיטער אויסאַרבייטונגען. געוויס האָט ר׳ מיכאל ווי אַ סאַך אַנדערע נישט געטראַכט אַז די דייטשן וועלן זיין די רוצחים פון זיי. אַז אַזאַ דאַנק וועלן זיי באַקומען פאַרן אויסברייטערן דעם דייטשן מאַרק, פאַרקויפן די פּראָדוקציע איבער די דייטשע גרעניצן אין אויסרייסן די יידן מיטן וואָרצל.

די וואַרעמע באַציונג צו ארץ־ישראל וואָס ס'האָט געטראָגן ר׳ מיכאל אין האַרצן, האָט אויך מיטגעהאָלפן זיין זין

חיים יבל"א עולה זיין קיין ישראל, אויפבויען אַ שיין משפחה לעבן וואָס איז ממשיך מיט זיינע קינדער און אייניקלעך אַ לעבן וואָס איז אין גייסט פון דער היים ווי ער האָט דאָס צוגעזען ביי זיין פאָטער, וואָס איז געווען דער אויסדרוק פון אַ יידישן אַרבעטס מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ וואַך אויג און וואַרעם האַרץ פאַר יעדן מענטשן.

ר' לוי יונגסטער ז"ל

מאת ב. דגיאלי

בשנת 1917 בסוסנוביץ היה כבר מצמרת תנועת המזרחי וצעירי מזרחי, עסקן מסור בלבו ונפשו, לוחם למען השפה העברית וחולם למען ציון ברוח התורה והמסורה. היה ממניחי היסוד לבית ספר המזרחי שהלימודים התנהלו על טהרת השפה העברית. הוא היה משושביני גדולי התורה שבאו לסוסנוביץ הרבנים עמיאל מאנטוורפן, עוזיאל מארץ־ישראל, הרב י.ל. קובלסקי מוולוצלאבק והרב זלוטניק מגומבין. היה בין משתתפי קונגרסים ציוניים, מעורב בין הבריות, תוסס ואהוב על כל מי שבא במגע אתו, היה לוחם וחולם נאמן ומגשים. בשנת 1921 עלה ארצה ונתקבל בשמחה ובהתלהבות על ידי הססנוביצאים בתל־אביב. היה פעיל בחיים הציבוריים בהפועל המזרחי. חזר לפולין בשנת 1929 ניצל מהשואה כשהצליח לעזוב את פולין ועלה לארץ ישראל ב־1940 הוא התקרב לתנועת ז'בוטינסקי התנועה הרביזיוניס־טית, נפטר בתל־אביב אחרי מחלה ממושכת. השאיר משפחה ענפה, אשה, בנים ובנות נכדים ונינים, קהל רב ליווהו למנוחת עולם בבית העלמין בנחלת יצחק: הספידוהו הרב כ.פ. טכורש וחיים בר אבא על חלקו בייסוד צעירי מזרחי בפולין ובעיצוב התנועה הדתית לאומית. מר יוסף קלרמן מתנועת ה„חרות" בארץ, מר משה קרונה על חלקו בייסודה וקידומה של התנועה הדתית לאומית, והרב מובשוביץ מבית הכנסת בו התפלל. מקומו בין החולמים הלוחמים והמאמינים.



ר' ברוך לנצמן ואשתו שפרינצה

ר' ברוך לנצמן ואסתר שפרינצה ז"ל

אויף אזא איד קען מען זאָגען מי יגור באהליך, מי ישכון בהר קדשך הולך תמים ופועל צדק והובר אמת.

א יידישער בעל מלאכה שהיה שמח בחלקו תמיד עסוק במלאכתו ר' ברוך עם העזר כנגדו אשתו שפרינצה שחכמת נשים בנתה ביתה, גדלו דור 4 בנים ובנות ברח' שקלרנה פנת דקרטה שבסוסנוביץ השתדלו לתת חינוך יהודי לבניהם.

ר' ברוך לנצמן אחרי יום עבודה קשה מהיותו עצמאי במלאכתו בסדנתו מצא תמיד זמן לעזרה לזולתו, התעסק בצרכי צבור באמונה, היה עסקן בחברת מלביש ערומים בלינת הצדק לא בדבורים אלא בפועל ממש ובצניעות. צאצאיו



מצבת שפרינצה ע"ה

רק אחד שנשאר לחיים ארוכים מאיר לנצמן ונכדו נחום נמצאים בארץ, מאיר אחרי שורה ארוכה של פעילות צבורית עוד בסוסנוביץ ואחרי גלגולים במלחמה בצבא הפולני וטל־טולים הגיע לארץ וממשיך בפעילות צבורית והוא הרוח החיה והמדרבן בהוצאת ספר יזכור של קהילת זגלמביה — סוסנוביץ.

ב. ד.

ציון לשבח

יוסף לנצמן ז"ל



יוסף לנצמן

בנם של הלה ומאיר לנצמן יו"ר ארגון יוצאי סוסנוביץ יוסף לנצמן נולד בסוסנוביץ בשנת 18.12.1929 עלה ארצה בשנת 1940. בגילו הרך התאקלם מהר ודבק בתנועת הנוער קומתו התמירה והזקופה מלא חיים ותקוה התחיל ב„הפועל" ובשנת 1944 נתן **השבועה** בשורות ההגנה (מספרו בהגנה 3400 ת') בנשק זה המופקד בידו על ידי ארגון ה„הגנה" בארץ ישראל, — אלחם באויבי עמי בעד מולדתי, בלי כניעה, בלי רתיעה, ובמסירות נפש, בהליכותיו הנאות והשקט הנפשי שבו, עבר קורסים והגיע לדרגת מ"כ הוא היה נעלם מהבית לימים ושבועות כשחזר מן הפעולות, לנוח יום או לילה היה עונה בחיוך לשאלות האמא, אל דאגה אמא יהיה טוב. וכשפרצה המלחמה יוסף היה מבין הראשונים שיצאו נגד האויב של מיליונים ערבים שבקשו כליוננו, אם בשכונת התקוה אבו כביר דרך באר טוביה ונגבה. צעד עם לוחמי המולדת וחרף את נפשו כגבור על כבוד ישראל, בהיותו בן 18 וחצי נפל בקרב על נגבה ב־12 ליולי 1948 ה' תמוז: והגורל הטרגי של יוסף שהתקשר עם אדמת נגבה לנצח.

במכתב שנמצא בין חפציו שנכתב יומיים לפני האסון כותב להוריו אני מרגיש בטוב, אל דאגה ואל יאוש אני מקוה שבקרוב אוכל לראות אתכם.

דמותו וזכרו שמור בלב כל חבריו ומכיריו ובהגנה לעד.

יזכור עם ישראל את בניו הנאמנים והאמיצים אשר חרפו נפשם במלחמות ישראל, יזכור ישראל ויתברך בזרעו ויאבל על זיו העלומים וחמדת הגבורה וקדושת הרצון ומסירות הנפש, אשר נספו במערכות הכבדות, יהיו גבורי הדרור והנצחון חתומים בלב ישראל לדור ודור.

חבר הנהלת ותיקי ההגנה בת"א והמרחב
ב. ד.

ר' ירמיה איגרא

זלמן פרייפעלד

אַ גאַר באַזונדערן און אייגנאַרטיקן לעבנס שטייגער האָט געפירט, ירמיה איגרא, א וועלטס־מענטש מיט ברייטע אייראָפעישע האריזאנטן. און גלייכצייטיק אַ פייערדיקער חסיד. אַ באַקאַנטער גרויס־סוחר מיט פארבינדונגען אין אַלע עקן פון פּוילן און אין אַ סאַך אויסלענדישע שטעט אין גלייכצייטיק געלעבט אין די ד' אמות פון זיין טריסקער שטיבל.

נישט באַוויליקט אָנצונעמען אַ אָפיציעלן מעמד פון אַן עסקן. דאַקעגן זיין וווינונג אויף טאַרגאָווע 8, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הילפס פאַראיין. יעדן פרימאָרגן האָבן געוואַרט ביי אים אַ באַדייטנדע צאָל מענטשן ביז נאָכן דאַווענען זיינעם. יעדן איינעם פריינטלעך אויפגענומען און יעדער איינער האָט אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ און בעטן ביי אים הילף.

איינער דערציילט אים דאָס דער חתן פון זיין טאָכטער הייסט זיך **דערלייגן צום צוגעזאָגטן נדן** און ער ווייס נישט פון וואַנען דאָס צו נעמען און עס קאָן חלילה וחס ווערן אויס שידוך. ר' ירמי' פאָרזיכערט אים צי ערלעדיקן דעם ענין און אויב ר' ירמי' זאָגט צו וועט עס זיכער ערלעדיקט ווערן פאָזיטיוו.

אַ צווייטער באַקלאָגט זיך דאָס דער הויז־ווירט דראָט אים מיט אַ עקסמיסיע צוליב דעם גרויסן חוב פון דירה געלט. ר' ירמיה בארואיקט אים און זאָגט צו צו זאָרגן דערפאַר און ברענגען אַלעס אין אָרדנונג.

ווידער אַן אַנדערע אַז א פאמיליע מיטגליד איז קראנק, נויטיקט זיך אין אַ אָפעראַציע אָדער גאָר איינער ווידער מוז **אַרויספאָרן אויף פרישער** לופט, און האָט נישט דערצו די געהעריקע מיטלען. ר' ירמי' הערט אים אויס מיט האַרץ, איז געריררט אין אַזאַ ענין פון פיקוח נפש, און סטאַרעט זיך פאַר אַלעם אַלץ צו ערלעדיקן.

דאָס בילד האָט זיך כמעט יעדן פרימאָרגן איבערגעחזר'ט און ווען ער איז געווען אונטערוועגס האָבן אַסאַך נויטבאַדאַרפטיקע מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיין צוריקקומען.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין מאטעריעלע הילף וואָס ער אליין קאָן זיך דאָס דערלויבן דעקן האָט ער דאָס געטון פון זיין אייגן געלט פון זיין אייגענער טאַש און נישט דערציילט קיינעם דער מתן בסתר איז אים געווען אמנאָענסטן צום האַרצן.

און ווען דער ענין האָט פאַרלאַנגט אַ גרעסערע סומע, האָט ער זיך געוואָנדן צו זיינע פריינט ווי ר' משה מיאַדאוורניק, ר' פייוול אוסטרי, ר' נפתלי באכמייער און אנדערע, און זיי האָבן שוין בשותפות און בסתר ערלעדיקט יעדנס בקשה.

אסאַך מאָל איז געווען געגנוג אַן אינטערווענץ ביי אַ הויז ווירט צוריקצוהאלטן די עקסעמיסיע א.א.וו.

אַ פּאָר טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן קיין סלאמניק פון וואַנען ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין טויטן לאַגער קיין בעלזשיץ דעם 4טן יוני 1942 און דאָרט אומגעקומען ה.י.ד. — יהי זכרו לברכה.

יוסל חריף ירושלים

פייוול אוסטרי ז"ל

ווי שווער איז מיר צושרייבן וועגן מיין ברידער פייוולס הויז, ווייל מיינע בעסטע יאָרן מקאן זאָגן, קינדער און יוגנט יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין זיין הויז. איך האָב זיך איינגעקוקט פון דער נאָענט ווי אַזוי ער האָט געבויט זיין לעבן. זייענדיק אַ פעיקער סוחר, אַ וואַרעמער חסיד און געהאַט אַ אָפענע האַנט און געפירט זיך ברייט.

ווי גרויס איז געווען דער מהלך ווען ער האָט פאַרלאָזט די דאָרפישע שטוב וואָס אין מיכאווער קרייז, ביז



פייל אוסטרי

סאָסנאָוויץ ווי ער ווערט רייך איינגעפונדעוועט אין לעבן פון דער שטאָט און באַקאַנט צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

מיר דערמאָנט זיך אַן עפיזאָד פון פייוולס לעבן. איך אַליין זייענדיק דאַמאָלס אַ קליין יינגל, קומט אָן אַ בריוו פון פייוולען אַז ער האָט פאַרלאָזט זיין אַרבעטס פלאַץ ביי ר' שמחה עסטרייכער אין סאָסנאָוויץ און אוועק קיין קאָוונע אין דער ישיבה באגערנדיק לערנען אין אַ ישיבה. איך דערמאָן זיך נאָך היינט וואָס פאַר אַ רושם דאָס האָט געמאַכט אין דער דאָרפשער שטוב אונדזערע און ביי אַלע באַקאַנטע.

צוריקקומענדיק נאָך אַ צייט פון דער ישיבה האָט ער זיך אלס יינגער בחור געמאַכט זעלבסטשטענדיק, אויפגעמאַכט אַ געשעפט אויף דער מאדזשעיאָווער גאַס, אין דער דאָרפישער שטוב אונדזערע און ביי אַלע באַקאַנטע. הי"ד און עס הויבט זיך אָן דער גרויסער פונאנדערבלי מיט מזל.

פייוול איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ אין סאַמע ברען פון די רעוואלוציע יאָרן. און פונקט ווי אַנדערע יידן אריינגעוואקסן אין דער שטאָט, ער איז נישט מיטגעריסן ווי דער עלטערער ברידער הערצקע הי"ד מיט דעם שטראָם פון דער רעוואלוציע, פאַרקערט, פייוול האָט זיך פאַרפלאנצט אין די ד' אמות פון אמונה און הנאה געהאַט אריינקוקן אין אַ ספר, געדאַוונט אין אַלעקסאַנדרער שטיבל.

ווען איך בין געקומען קיין סאָסנאָוויץ ווי מיין שוועסטער רוזיע הי"ד האָט מיך מיטגענומען. ווי זי האָט זיך שוין אויך מיט אַ צייט צוריק געפינען און דאָרט געאַרבייט. האָט פייוול געהאַט איין קינד יצחק יעקב הי"ד. און אַזוי האָט מיך דער גורל צוזאמענגעפירט מיט פייוולס הויז.

דאָס איז געווען אין יאָר 1914, די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און איך בין שוין פאַרבליבן ארבעטענדיק ביי אים.



ממשפחת פייוול אוסטרי

פּייוול הויבט אָן גיין מחייל אל חייל, פּאָרט קיין ברעסלוי און בערלין, איינער פון זיינע נאָענטע פריינד איז דער נאָבעלער מענטש דער דייטשער ייד יוליוס נאַטמאַן הי״ד. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט צוזאַמען געפירט געשעפטן און פּייוול ווערט איינער פון די גרעסטע הורט סוחרים פון גאַלאַנטעירע, געהאַט אומעטום צוטרוי.

אין הגם ער איז געווען שטאַרק פאַרטון אין זיינע עסקים, האָט ער נישט פרגעסן אַז ער איז אַמאָל געפאָרן קיין קאָוונע דערווערבן תורה וחכמה. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער לערנען און נאַטירלעך האָט ער מיך אויך צוגענומען צום לערנען.

זיין שטוב דערמאָנט מיך אַ געמיש פון פאַרשידענע מענטשן וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך דערמאַן דאָ עטלעכע פון זיי: ר׳ שמואל פאַרזשענצעווסקי הי״ד אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט געוווינט אין זעלבן הויז טאַרגאָווע 11 אַ למדן מופלג. גאַנץ אָפט פלעגט ער מיך רופן פאַרטאָג אין לערנען מיט מיר.

אַ שטענדיקער איינגייער איז געווען ר׳ שלמה נחום פאַריזער הי״ד אַ גאון, געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון און אויך געקאָנט שפּראַכן און אַ צייט געווען בוכהאַלטער ביי פּייוולען.

געפלעגט האָט אויך אַריינקומען ר׳ שלמה גאַרפינקל ז״ל פון בענדין. אַן איידעלער ייד, וואָס האָט מיך שטאַרק מקרב געווען, געשטאָרבן אין דער ערשטער וועלט מלחמה. פון צייט צו צייט פלעגט ער נעכטיקן ביי פּייוולען אין הויז און פלעגט מיך וועקן פאַרטאָגס, און מיר געזאָגט קום וועט מען מאַכן אַ שפּאַציר איבער אַ ספר און אַ ביסעל לערנען.

גאָר באַזונדער שניידט זיך ארויס אין מיין זכרון ר׳ אברהם פינקלקרויט פון וואַרשע וואָס פלעגט פאַרבלייבן גאַנץ אָפט אויף שבת. געטראָגן האָט ער אַ טלית מיט אַ פּתיל תכלת געווען אַ שפּיליטער, געוווינט האָט ער ביי ר׳ דוד לעדן ער פלעגט מיר דערציילן אַ סך מעשיות וועגן וואַרשע, געווען אַ ייד אַ משכיל אין אַחלוש. געמוטשעט זיך ווי אַ סך זיינס גלייכן, געווען אָבער אַוווּנדערבאַרער דער־ציילער און איך האָב געשלינגען זיינע ווערטער.

פון דער ערשטער וועלט מלחמה דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל מיט אַ דייטשן זעלנער. אַמאָל אין אַ פרייטיק גייענדיק אין אַלט סאָסנאָוויץ צוליב עפעס אַן ענין, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויפן „פּשעיאַזד״ אויף אַ סאָלדאַט וואָס שלעפּט אַ וועגעלע מיט שוואַרצע לאַבנס בכּנים און ער האָט מיך צוגערופן און זאָגט צו מיר. קום דאָ אַהער נאָכמיטאָג דאָ וועל איך שטיין אויף דער וואַך, ער האָט אַזוי איינזאם





קרובי משפחת אוסטרי

אויסגעזען אין זיין לאנדשטורם אוניפארם און געקוקט מיט ווארעמע גוטע אויגן. אהיימקומענדיק האָב איך געזאָגט פייולען און זיין פרוי אַז עס וואָלט כדאי געווען אים איינלאַדן צום טיש, געוועזן איז דאָס שבת חנוכה, ביידע האָבן איינגעשטימט.

נאָכמיטאָג בין איך אַוועק אויפן אָרט ווי ער איז געשטאַנען אויף וואַך און פרייטיק צונאַכט איז ער געקומען צום טיש, מיר האָבן נישט געוווסט אויב ער איז אַ ייד. מען מאַכט קידוש מען וואשט זיך, מען נעמט עסן די שבת־דיקע סעודה און ביי יעקב מאיר'ן באווייזן זיך טרערן אין די אויגן און ער זאָגט מיט אַ פארשטיקטער שטימע „איך בין יודע" „פאַסט אַלעס פאַרגעסן" נאָך איך דער מאן מיך גיט זאָגט ער, איך האָב געהאַט אַ פרומע גראָסמוטער" און ער ציטירט פלוצים די ווערטער וואָס ער האָט פאַרגעדענקט פון חומש, פון זיינע קינדער יאָרן. „האזינו השמים ואדברה והארץ תשמע אמרי פי" און ס'איז אַזוי וואַרעם געוואָרן פון די ווערטער ביים טיש, פון דאַמאָלט אָן האָט ער ביי אונדז געהייסן ר' יעקב מאיר, פייוול האָט באַזוכט זיין היים אין קעלן.

פייוול האָט אַדורכגעמאַכט דעם גאַנצן מארטירער וועג, נאָר ער האָט זיך געראַטעוועט מיט זיין זון יחיאל וואָס וווינט אין ניו־יאָרק.

איין עפיזאָד האָט מיר פייוול דערציילט. ווען ער איז געזעסן אין באַהעלטעניש האָט ער געהערט ווי צוויי קינדערלעך רעדן צווישן זיך, אַ ברידערל און אַ שוועסטערל, און דאָס ברידערל האָט געבעטן ביי זיין שוועסטערל אַ שלוק וואַסער האָט זי אים געזאָגט, וואָס טויג דיר טרינקען, וועסט באַקומען פעטע ריפלעך וואָס זיי דאַרפן אויף זייף. די קינדער האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין זיין זכרון. פייוול האָט נישט געקענט וועגן זיין פאַרלוירענעם רייכטום. ווי אַנדערש זענען געווען פון אמאָל אונזערע באַגעגענישן אין ישראל.

זעסט גיט ער אמאָל צו מיר אַזאָג, זעסט געוועזן אַ וועלט אַלץ ווי געוועזן, פאַרשניטן און ס'וואַקסט ווידער. יידן זענען נאָך אַלץ צו גרויס אין די אויגן פון אַ וועלט.

משה מיאדאווניק ז"ל


אויף דער טארגאווע גאַס אויף טרעפלעך האָט זיך געפינען די באַקאַנטע פאַרבן קראָם פון ר' משה מיאדאווניק ז"ל.

פאַרנומען מיט דער קלייט האָט זיך דער עיקר זיין טאָכטער און די פרוי.

זיין פרוי אַ דראָבנינקע האָט שווער געהאָרעוועט אַז ר' משה דער למדן זאָל זיך קאָנען אָנגעבן מיט לערנען.

ר' משה שטענדיק אַ פאַרטיפטער אין לערנען, דאָך ברייט זיך פאַרמאָסטן, געווען אַ שטילער גאָטספאָרכטיקער מענטש, אוהב את הבריות און געהאַט אַ עצה פאַר אַ געדריקט האַרץ. זיין שטילער גאַנג האָט אַרויסגערופן צו אים דרך ארץ.

יחזקאל לזינגר הי"ד



יחזקאל לזינגר

אחת הדמויות הפופולריות ועסקן רב פעלים היה ר' יחזקאל לזינגר. כעסקן ציבורי פעל יחזקאל לזינגר הי"ד בעיקר בין השכבות העממיות בהתאחדות בעלי המלאכה בעיר סוסנוביץ. כסגן יושב ראש ההתאחדות, עשה רבות לחיזוק אירגון זה, ונשלח על ידי ההתאחדות כנציג בעלי המלאכה היהודיים בעיר קילצה בלשכה הממשלתית למלאכה.

בשבתו בוועדת השומה הממשלתית כנציגם של בעלי המלאכה, עמד תמיד תחת לחץ כבד מצד השלטונות שדרשו לנשל את היהודי ממלאכת כפיים. לא אחת סבל וספג עלבונות מן הגויים כאשר הוכיח צדקת שולחיו. כן גם היה ציר בוועידה הראשונה של „חלוץ בעל מלאכה" אשר התקיימה בוורשה. יחזקאל לזינגר לא הסתפק בפעילותו בשטח זה. הוא היה בין יוזמי יסוד חברת „מלביש ערומים", אשר נטלה על עצמה את החובה האנושית לדאוג להלבשת והנעלת ילדי עניים ונצרכים. גם כאן כבשאר פעולותיו הציבוריות לא חסך עמל וזמן וכתת רגליו על מנת להפעיל את חלקה הגדול של יהדות סוסנוביץ למען הקל על הנוגעים בדבר.

בימים הקשים שבימי המלחמה כשיהודי סוסנוביץ היו בתוך צפרני הגרמנים ימ"ש, לא פסקה דאגתו וערנותו כלפי חבריו בעלי המלאכה, וכשעדיין קיוו היהודים שבעזרת עבודה יעילה יספקו את רצונה של החיה הנאצית פעל רבות למענם בסידורים „בשופים".

ביתו היה אכסניה שבה חושלה הרוח היהודית האיתנה. בביתו התאספו יהודי הרחוב קובלסקה לעריכת תפילות, לייעוץ ועידוד בימים הקשים. כן שימש ביתו כמרכז העצבים לאחד מארגוני המחתרת.

כל ימיו הלם יחזקאל לזינגר לעלות עם משפחתו שהיתה ציונית לארץ ישראל, אך יחד עם החלק הארי של משפחתו ושל יהדות אירופה כולה נספה בשואה הגדולה.

ד״ר הירש ליבערמאן

ד״ר הירש ליבערמאן, דער פירער פון דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ, איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע פּערזענלעכקייטן אין גאַנצן קוילן־ראיאָן פונם אזוי־גערופענעם זאַגלעמביע. צו אונזער באַוועגונג האָט ער געהערט זינט די יאָרן 1918—1919 און אַוועקגעגעבן איר אַ סך צייט און ענערגיע. ער האָט פאַר־טרעטן די פּאַרטיי אינם סאָסנאָוויצער שטאָטראַט און אין דער קהילה. ער איז געווען דער וויצע־פּאָרזיצנדער פונם „יידישן דאָקטוירים־פאַרבאַנד אין דער פּוילישער רעפּובליק״; דער פאָרשטייער פון אונזער ספּאָרט־באַוועגונג אינם אַלגע־מיינעם פּוילישן ספּאָרט־פאַרבאַנד פון זאַגלעמביע און אויבער־שלעזיען; מיטגליד פונם פּאַרטיי־ראַט און אַקטיווער טוער אין אַ סך אָרטיקע און צענטראַלע געזעלשאַפטלעכע אינס־טיטוציעס.

ד״ר הירש ליבערמאַן איז געווען אַ מוסטער פון אַן אידעאַלן מענטש. די איידעלע שטריכן פון זיין כאַראַקטער און זיין אינטערעסן־לאָזע איבערגעבנקייט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט זענען אָפּטמאָל געווען אַ ביישפּיל פאַר זיינע מיט־מענטשן, און ער איז טאַקע אַ סך מאָל, צוליב זיין אַנטקעגן־שטעלן זיך דער נאַצי־מאַכט, געווען אַרעסטירט אַלס „לעבעדיקער משכון״, ביז ער איז סוף־כל־סוף דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אשוויענטשים און פון דאָרט קיין בערגען־בעלזען, וואו ער איז אַן אויסגעשעפּטער פון הונגער געפאַלן אַלס קרבן פון נאַציזם.

יעקב קענער

ר׳ יונה מאנעלע דער בעדער ז״ל

אַ פּאָפּולערע געשטאַלט איז פאַרשטייט זיך געווען ר׳ יונה מאַנעלע דער בעדער אויף דער דאָמבלינער גאַס, אַ ייד מיט אַ פריילעכן פּנים, אויפגענומען די באַזוכער שטייענדיק אין פּאָדערהויז. אַ פיינער ייד וואָס האָט זיך נישט באַניגן געלאָזט מיט דער מקווה זיין פּרנסה, וואָס איז ב״ה געווען בנמצא. נייערט אויך עוסק געוועזן אין תורה לשמה און גמילות חסדים, ער גרינדעט די חברה משניות און שטיצט זי אונטער.

געהאַט קינדער תלמידי חכמים, אָרענטלעכע מענטשן. איינער פון זיי אַ גרויסער תלמיד חכם איז געוועזן אַ תלמיד פון דער מאַקאָווער ישיבה צוזאמען מיט ר׳ לייביש וויטלזון יבל״ט (וואָס וווינט אין ירושלים).

דריי זין וווינען אין ישראל און גייען אין די וועגן פון זייער אָרענטליכן פאָטער. דער יינגסטער פון זיי איז ראש ישיבה„ אין דער ישיבת „חדושי הרי״ם״.

מ. סתוי

ר׳ אלטער מארקאוויטש ז״ל

אַ שיינע געשטאַלט. פון די אקטיווסטע טוער פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניסטישן אידיאל, איז געוועזן ר׳ אלתר מאַרקאָוויטש ז״ל. באַקאַנט צווישן אַלע שיכטן פון דער שטאָט, וואָס האָט געגלויבט אין חיבת ציון, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די וואָס האָבן זיך נישט באַצויגן מיטן גאַנצן ערנסט צי דער ציוניסטישער אַרבעט.



אלטער מארקאוויטש

אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישע טעטיקייט האָט ער זיך אָנגעזען מיט זיין אַקטיוויטעט, ליבשאַפט און איבער־געבנקייט, נישט האָבענדיק אין זינען קיין שום טובת הנאה, אָדער כבוד.

אַזאַ געזונט, טאַקט, און ליבשאַפט האָט ער אריינגעט־ראָגן אויף דעם געביט פון קרן קיימת און קרן היסוד, וואָס האָט אָנגענומען אַדאַנק אים ברייטע פאַרמען, מיט זיין סיסטעמאַטישער אַרבעט איז ער אַריינגעדרונגען אויך אין אַזעלכע קרייזן וואָס זיינען געווען ווייט פון אקטיוון ציוניזם.

ווי דער שטייגער פון אַזעלכע כאַראַקטערן צו וועלכע ס׳האָט געהערט ר׳ אלתר מארקאָוויטש, האָט ער אַסאַך מאָל דאָס אַלץ געטאָן אויף דעם חשבון פון זיין אייגענער פרנסה, אריינוואָרפענדיק זיך אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן, און געמאַכט האָט ער דאָס ווי אַ זעלבסטפארשטענדלעכקייט ווי יעדער ייד דאַרף דאָס זעלבע מקיים זיין בכדי מקרב צו זיין די גאולה און אויסגעלייזט ווערן.

אזוי האָט ער זוכה געווען פאַרווירקלעכן זיין אידעאל און עולה זיין אין לאַנד פון די אבות, און אויך דאָ איז ער געווען דער זעלבער — אריינגעטאָן אין טובת הכלל, און געהאַט אַ אָפן אויער און וואַרים האַרץ פאַר דעם נאָענטן, פאַר יעדן נייעם עולה.

אַ טרייער זון צום פאלק און טרייער פאָטער צו זיין משפחה, ווייל ביי אים איז געווען דאָס געזעלשאַפטלעכע און פריוואַטע לעבן ענג צענויפגעקניפט.

מיט פרייד האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם ווי דער אידעאל פאַרווירקליכט זיך און צו דעם באַדייטענדן חלק וואָס זיין פאַרטיי „מזרחי" האָט צו דעם בייגטראָגן.

צענדליקער בריוו זענען געבליבן ביי זיין משפחה — אויסדריקן פון דאַנק פאַר זיין ארבעט אָבער ער האָט זיך אין דעם נישט גענויטיקט ער האָט געהערט צו די וואָס זייער טיפע פאַרוואָרצלטע יידישקייט איז געבונדן מיט דער טיפער בענקשאַפט צו ארץ ישראל, געהערט צו דעם וואונדערבאַרן דור פאַרווירקלעכער, וואָס זאָגן נעשה ונשמע. געברענט מיט נשמה פייער, מיט גאולה פלאַם, צו די וואָס הערן די טריט פון משיח און העלפן בויען דעם וועג צו ציון וירושלים, פאַר דעם צוריק־קום פון דעם אויס־געפרוווטן שטאַם און גלות יסורים און פאַרפלאַנצן אים אויף אייגענע ערד. ער האָט געהערט צו די נחשונים, און שרעקט זיך נישט צו זיין פון די ערשטע און דינען ווי אַ ביישפיל פאַר אַנדערע.

זיין עולה זיין איז אויסגעפאַלן נישט אין קיין לייכט יאָר, דאָס איז געווען דאָס יאָר פון אומרועו 1936, ער האָט זוכה געווען צו אַ סערטיפיקאַט פון די פאַרדינסטפולע ציוניסטן. ער האָט געוווסט ווי דאָס צו שאַצן און צו וואָס דאָס פאַרפליכטעט.

אַוועק איז ער אויף דער שוועל פון זקנה דערלעבענדיק די יידישע מדינה און צו זיין שמחה איז נישט געווען קיין גרענעץ.

יהי זכרו ברוך.

ר׳ מיכאל מילעכיאר ז״ל

אַן איידל חסידישע געשטאַלט וואָס איז אָנגעפילט געווען מיט מעשים טובים ווי אַ מילגראָם, אַ אלעכסאנדער חסיד, אַ הדרת פנים, איך געדענק אים שוין מיט אַ גרויער באָרד און ליכטיקע גוטמוטיקע אויגן וואָס האָבן אויסגעדריקט גוטסקייט און גרייטקייט עפעס צו טאָן פאַר אַן אַנדערן.

אַ הויז פון צדקה וחסד איז געווען דאָס הויז פון ר׳ מיכאל, געפירט גרויסע מסחרים פון אויסלענדישע פרוכטן און פיש, אויך די פרוי אַן אַיידל מענטש, אַ שטילע טויב וואָס איז געווען אַן אמתע עזר כנגדו. אין דער שטוב האָט זיך געפילט אַן אַריסטאקראטישקייט, און גלייכצייטיג אַ וואַרעמע באַציאונג צום פשוטן מענטש.. דאָס הויז ווי די משפחה מילעכיאר האָט געווינט איז געווען דאָס ראגאווע הויז מאַנדזשעווער 20—טאַרגאווע 10, אויף מאָנד־זשעווער 20 איז געווען דאָס געשעפט און יעדן פרייטיק האָט מען פאַרקויפט פיש לעבעדיקע קאַרפן. מ׳דערציילט אַ מעשה וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן ביי ר׳ מיכאלן האָט געאַרבעט ר׳ יידל מ׳פלעגט אים רופן יידל־נײַנציקער געהאַט אַ פלאַטפאָרמע מיט אַ פאָר פערד און דערביי געווען אַ ייד א יודע ספר, ר׳ יידל איז געווען אַן אַייגענער מענטש און מען האָט אים אַלעס אָנגעטרויט. ר׳ מיכאל האָט אַמאָל באמערקט אַז עמיצער דערלויבט זיך נעמען אַ פיש און נישט באַצאָלן, האָט ער געבעטן ר׳ יידלען ער זאָל אויפ־פאַסן. ר׳ יידל האָט באַמערקט אַז די נעמערקע איז אַ גאַנץ אָנגעזעענע בעל הביתטע און גרייט געווען אַרויסנעמען דעם קאַרפן. ר׳ מיכאל האָט אים אַ שלעפ געטאָן ביי דער האנט צו זיך און געזאָגט אים שטיל, איך האָב דיר נאָר געהייסן היטן אָבער נישט כאַפן ביי דער האַנט און פאַרשעמען אַ מענטש, אָט אַזוי איז ער געווען. ר׳ מיכאל האָט געהאַט גוטע זין און געראָטענע פיינע טעכטער וואָס זיינען געגאַנגען אין די וועגן פון זייערע אבות. משה׳לה האָט שטענדיק געהאַט אַ זמר׳ל אויף די ליפן. ווען די מלחמה האָט אויס־געבראָכן איז זיין זון מלך געווען ביים רוסישן מיליטער, דורך וועגן און אומוועגן איז ער צוריק געקומען. איך געדענק ווי איצטער ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען די מאנדזשעווער גאַס און קינד און קייט האָבן זיך געפרייט מיט מלך׳ס צוריקקום. דאַכט זיך אין יאָר 1915 אָדער 1916 איז מלך נפטר געוואָרן און דאָס האָט שטארק דערדריקט ר׳ מיכאל׳ן, הגם ער האָט נישט מהרהר געווען. דאָס געזונט איז בא אים אונטערגעבראָכן געוואָרן אויך די לאַגע איז געוואָרן אַ שווערע.

ר׳ מיכאל איז אַוועק אין דער אייביקער רוה און די גאַנצע שטאָט האָט אים באַוויינט.

ווען איך בין געקומען אין לאַנד יאָר 1934 האָב איך אין מאה שערים אין ירושלים געטראָפן ר׳ יידל ניינציקער ז״ל וואָס האָט געאַרבעט ביי ר׳ מיכאל מילעכיאר, געווען שוין דאַמאָלט אין טיפן עלטער געהיטן דעם בור מיט

וואָסער אין מאה שערים, און אַזוי שטייענדיק ביים בור אויפן שוק מאה שערים פלעגט ער מיר דערציילן מעשיות אויף מעשיות וועגן די מעשים טובים פון ר' מיכאלן.

די זקני העדה פון דער שטאָט סאָסנאָוויץ קאָנען נישט אויסמיידן די ליכטיקע געשטאַלט פון ר' מיכאלן.

שמואל קריסטל ז"ל



שמואל קריסטל

נולד בעיירה פאצאנוב (פלך קילצה — פולניה) בי"ח שבט התרל"ט — 1879; אביו היה הרב אברהם זלמן קריסטל ואמו אסתר (לבית יעקב בז'סקי).

נשא לאשה את לאה, בת רבי שאול (ממשפחת הרבנים גיטלר מבנדין).

משחר־ילדותו היה ממקורבי רבי יצחק יעקב ריינס, מראשוני חובבי ציון החרדים; בהשראתו הצטרף לתנועה הציונית של „המזרחי" והתמסר בכל התלהבותו לעשיית נפשות לרעיון הציוני, לעליה, לחינוך לאומי ברוח המסורת ולהחיאת השפה העברית, כאחד מראשוני הפעילים במרכז העולמי של „מזרחי" וכעסקן מורשה לפעולת הקרנות הלאומיות. עסק שנים רבות בהסברת הרעיון הציוני. הרצה על עניני ארץ־ישראל בחוגי היהודים החרדים והחסידים בעיר מגוריו סוסנוביץ והמחוז, במקום שם ייסד רשת בתי־ספר לאומיים אשר שפת ההוראה בהם היתה עברית.

השתקע בארץ עם משפחתו בז' אלול התרפ"ד (6.9.1924). הצליח לגאול שטחי קרקע ניכרים למען המולדת. עד הסתלקותו המשיך בעסקנותו הציבורית, בחוג תלמידי־חכמים מוותיקי תנועת המזרחי בחסותו של הרב י. ל. הכהן מימון.

נפטר בשיבה טובה בשבת חנוכה כ"ח כסלו התשכ"א.

צאצאיו: צבי, אברהם זלמן (המזכיר הכללי של התאחדות בעלי התעשיה בישראל), יעקב (משרד רואה חשבון), חיה (אשת ד"ר יעקב הלל ממשרד הבטחון), ויהודית ז"ל (אשתו המנוחה של אלוף פקוד הדרום אברהם יפה).

בערנארד ראמאן

איינער פון די ערשטע איינוואנדערער קיין סאָסנאָוויץ איז געווען בערנארד ראמאן. שוין אין יאָר 1890 האָט ער געדינט אין אַ בילדער געשעפט אין אַ הילצערנעם ביידל אַנטקעגן דער באַן סטאַציע. און אין אַ צייט ארום האָט ער דאָס איבערגעטראָגן אויף דער מאנדזשעווער גאס, ווער פון דער עלטערער גענעראציע געדענקט נישט ראמאנס געשעפט.

געווען איינער פון די גרינדער פון דער דייטשער שול וואָס אויף טאַרגאָווע 11 וואָס אַרום איר וועלכע עס האָבן זיך גרופירט יידישע אינטעליגענץ. אַ פאָטער פון פיר קינדער, מילא, פעליקס, שמואלעק און רוזיע.



בערנארד ראמאן

דריי פון זיינע קינדער זענען אומגעקומען אין די דייטשע טויט לאגערן, אַפּגעראַטעוועט האָט זיך נאָר דער זון פעליקס.

וווינענדיק העכער פערציק יאָר אין בעלגיען. די נאַצי תקופה איבערגעלעבט אין פראַנקרייך און אין סוף מלחמה געוועזן אין שפאַניען לאַנגע יאָרן געווען דירעקטאָר פון דער דזווינט באַנק אין בריסעל, אַקטיווער ציוניסטישער טוער. דער גרינדער און קאסירער פון קרן קיימת לישראל אין בריסעל. היינט צו טאָג וווינט ער צוזאַמען מיט דער פרוי זיינע פון דער היים זיסקינד גוטשא אין חיפה.

בערנאד ראמאן איז אומגעקומען אין אַנהויב פון דער דייטשער אקופּאַציע. דערשלאָגן צום טויט אויף דער גאס אין סאָסנאָוויץ דורך די דייטשע רוצחים.

זלמן וולפנזון

אחרי מחלה קצרה מת בכסליו תרצ"ז בסוסנוביץ הסוחר הנודע זלמן וולפנזון בנו של ר' אייזיק בר. הנפטר היה סוחר ובעל־בית חשוב בעיר ומכובד כאיש ישר. עם מינוי ועד הקהילה הקומיסרית מטעם השלטון הפולני בסוסנוביץ נתמנה הנפטר כאחד מחברי המועצה, אך בעקב הסכסוכים שקמו במועצה התפטר ממשרתו וידידיו ראו בזה מעשה נועז.

בהלויה השתתף קהל גדול, וביחוד מחוגי האינטליגנציה היהודית. בבית־העלמין הספידו הד"ר הרצמן והחזן ערך „אל מלא רחמים".

ר' ישראל מיכל ברקוביץ

בסוף חשון תרצ"ז ליותה סוסנוביץ היהודית לבית עולמו את אחד מבעלי בתים החשובים בעיר, ר' ישראל מיכל ברקוביץ, שמת בגיל 76. הנפטר היה מהעסקנים הצנועים העוסקים בצרכי ציבור ללא תעמולה צעקנית, אלא בשקט ובצנעא תוך מחשבה כיצד להקל על צער האומה. זמן ועמל רב מסר לטובת קופת גמ"ח המקומית במשך עשר שנים לא החסיר אף יום אחד מלשבת במשרד המוסד ולגלות ענין בפעולתו, ואף בשנה האחרונה לחייו בהיותו כבר חלש השתתף בפעולת ה„קמפיין המליוני" ומילא תפקידו בשלימות.

בהלויתו השתתפו קהל רב מכל השכבות, וליד הקבר הפתוח הספידו הרב מנחם האגר שהשאיר רושם נמרץ על השומעים. הנפטר — מוצאו ממשפחת רבנים, את שנות נעוריו בילה בישיבת מיר ואחרות. אחר כך השקיע עצמו בהשכלה כללית והתעלה בעולם ההשכלה. עדות לכך מספר ספרים גדול שהשאיר בדפוס ובכתב־יד.

ר' לייביש פדרמן

שבע שנים נפטר בר"ח כסלו תרצ"ז בסוסנוביץ ר' לייביש פדרמן, חסיד נכבד ומופלג בתורה ויראת שמים, ממייסדי החברה־קדישא בסוסנוביץ ובמשך ארבעים וחמש שנים היה נשיא החברה.

בבית־הכנסת העירוני ערכו אתו הקפות והמו"ץ רבי יהונתן שטארק הספידו.

המו"ץ ר' חנוך יונגסטר

ביום ח' באדר תרצ"ד נפטר בבנדין כשהוא בן 63 שנים אחרי מחלה קצרה המו"ץ לשעבר בקטרינה ר' חנוך־הניך יונגסטר, היה מעורב בין הבריות, כאב לחסידי סוכאצ'וב ב־בנדין ובכלל היה איש חשוב ולדן מופלג; הוא נסע לביקור לחתנו המו"ץ הרב יהונתן שטארק בקטרינה ושם לקה לפתע בשיתוק ולמחרת נפטר לעולמו. הלויתו נערכה על ידי חסידי סוכאצ'וב בבנדין וכבוד גדול נעשה לו בהלויתו בנאומי הספד מפי גדולי העיר.

הרץ ליפשיץ

ביום ז' בניסן תרפ"ט מת פתאום הרץ ליפשיץ, מחשובי העיר סוסנוביץ, סוחר תבואות, שבשנות חייו רכש לו אהדה רבה אצל כל תושבי העיר, ללא הבדל דת; עם הקמת בתי־משפט פולניים בעיר הוא נבחר כשופט־שלום ראשון בסוסנו־ביץ; הנפטר היה בעל צדקה והשתתף בכל המפעלים ה־חברתיים.

שאול מייטליס

ממשפחת מייטליס הוותיקה בבנדין וזגלמביה, סוכן ל־עניני מכס בבית־המכס הגדול הרוסי אשר במונדזיוב;

האשה מלכה מקובר

מלכה מקובר אשת השו"ב הסוסנוביצאי במשך עשרות שנים ר' יעקב מקובר מתה בת 85 בסוף שנת תרצ"ז. היא היתה האחות הבכירה של הרב מבנדין רבי ישכר־בריש גרויברט מבנדין; היה זה טיפוס מיוחד במינו, בקיאה בכל ספרי המקרא, וידעה את כל התנ"ך ממש בעל פה, בקיאה במדרשים, תלמוד, למדנית נדירה, ופטירתה נחשבה לאבידה שאינה הוזרת.

באותו זמן בערך נפטר גם אחיה הרב הגאון הנודע רבי יהודה ליב גרויברט מטורונטו בקנדה, לשעבר ראב"ד בסטא־שוב הפולנית וממנהיגי המזרחי, עסקן נודע בין רבני פולין ומחבר ספרים חשובים והוא שהספיד בבנדין את אחיו ר' ישכר־בריש אחרי פטירתו בשנת תרע"ב ובילה בעיר כמה שבועות בקשר להעברת כס הרבנות לבן הרב הנפטר רבי יקותיאל זלמן גרויברט (שעבר אחר כך לכהן כרב בברוקלין באמריקה).

יהודה צוקרמן

בסוסנוביץ מת בן 64 יהודה צוקרמן שהיה ידוע בעיר בקרב עסקני הצבור, היה למדן, בקי בתנ"ך ובעל זכרון נדיר; במשך שנים כיהן כשמש בבית־הכנסת האשכנזי.

בשנים האחרונות התפטר מכהונתו ועבר לשבת ב„מושב זקנים". אחר זמן סבל במחלת עצבים ונתקבל לבית חולים לחולי עצבים ושם מת בטבת תרצ"ו.

מאוריצי רייכר

בסוסנוביץ מת בסוף סיון תרצ"ו הסוחר ובעל־בית מיקירי העיר מאוריצי רייכר. בישבו ליד הרדיו קיבל שבץ לב שממנו נסתלק; מנכבדי ותשובי העיר, איש ישר ונדבן גדול, בעל אופי אציל, ועם זה צנוע נדיר. הוא לקח חלק חשוב בשטח הפעולה החברתית, היה נשיא כבוד של איגוד הסוחרים והתעשינים, חבר הנהלת ה„דוברוצ'ינושץ" במשך שנים רבות, אחד ממייסדי „מושב זקנים" ומוסדות שונים אחרים יהודים ובלתי יהודים.

בהלויתו השתתפו אלפי אנשים מכל השכבות. ליד קברו הספידוהו היו"ר יוסף ספיר בשם אגוד סוחרים ותעשינים, הנשיא ד"ר הרצמן בשם ה„דוברוצינושץ" ו„מושב זקנים", שהראה על הפעולות הכבירות של הנפטר לטובת הסוחרים ומוסדות ציבוריים, והחזן עם מקהלתו סיימו את תפילת האב, ובנו יחידו אמר קדיש.

פיקוד הדרכה • בסיס הדרכה מס׳ 1 • בית ספר לקצינים

תעודת גמר

מס׳ אישי 2153000 דרגה צוער שם פרידריך אברהם, חיל חי"ק


השתתף בקורס קצינים בסיסי **מחזור** מרץ 73

מתאריך 19.3.73 עד תאריך 26.6.73

וסיים אותו בהצלחה

מפקד בית הספר

26.6.73
תאריך



פרידריך אברהם (רמי) הי"ד, בן רחל ואריה

צבא. הגנה לישראל

2391 .3.3

י' שבט תשל"ד
11 ינואר 1974

למשפחת פרידריך שלום רב.

בנכם רמי ז"ל שרת תחת פיקודי במלחמת יום הכיפורים כקשר על גבי נגמ"ש.

את תפקידו מלא רמי באמונה ובמסירות, תוך גילוי כושר לחימה וכושר מקצועי מעולה.

רמי נפל ב־19 באוקטובר ממערב לתעלה, באזור ג'בל־ג'ניפה.

לא הכרתיו אישית, אולם מפקדו הישיר העביר אלי חוות דעת חיובית ביותר על כך כי בצע תפקידו על הצד הטוב ביותר.

בזכותו ובזכות חבריו הצלחנו לבלום את התקפת האויב ולפתח התקפה שבמהלכה נטלנו את היוזמה לידינו והעברנו המלחמה אל שטח האויב.

אנו משתתפים בצערכם הרב ודמותו של בנכם תשאר עמנו כפי שהיה בעת המלחמה.

בידידות ובהוקרה

עמיר יפה — סא"ל
מפקד הגדוד

צבא הגנה לישראל

ינואר 74
ימ' 3.3. 3029

משפחת פרידריך יקרה!

בתוקף תפקידי כמפקד ביה"ס לקשר הייתי מפקדו של בנכם אברהם ז"ל שהיה צוער בקורס קציני קשר ואלקטרוניקה בפרוץ מלחמת יום הכפורים. אברהם נפל בקרב מספר ימים לפני הפסקת האש בגדה המערבית של תעלת־סואץ, כאשר לפי מיטב ידיעתי הגיע לתפקיד האחרון בהתנדבות.

משיחה עם חבריו ושחזור מעשיו בצה"ל מצטיירת דמותו כחייל המתנדב לכל משימה וזכור לחבריו כטוב לב במיוחד. אברהם ז"ל התנדב לסיירת ונאלץ לעזוב מסיבות בריאות וכך הגיע אלינו לחיל הקשר. בקורס הקצינים היה סמל בעזרה לזולת וחבריו מספרים כיצד דאג לכל מחסורם החל ממכשירי כתיבה וכלה בקפה וכוזה נשאר בזכרונם.

אברהם ז"ל הוסמך לקצונה והעלה לדרגת סג"מ בר"ק כפי שהוסמכו חבריו. לצערי לא זכה לענוד את הדרגות אולם בלבנו יזכר כסג"מ פרידריך אברהם ז"ל קצין בצבא ההגנה לישראל.

משתתף אני בצערכם הכבד יחד עם חבריו וכל חיילי היחידה ותקוה אני שלא תדעו עוד צער.

שלכם

פ. שחר
שחר פנחס — אל"מ
מפקד היחידה

שמואל רודאווער — סטארשי פעלצ׳ער



שמואל רודאווער

ווען עמיצער רופט זיך אָן אַ סאָסנאָווצער, איז דער בעסטער באווייז דאָס צו באשטעטיקן „אויב ער האָט געקאָנט רודאווען, ווייל ווער אָט דאָס נישט געדענקט זיין דראָבנער געשטאלט, מיט די לאַנגע וואָנצעס, מיט דעם קליינעם וואַליזקעלע אין דער האַנט וואָס אין אַלע שעה׳ן פון טאָג און נאכט האָט ער געאַיילט — טראָגנדיק הילף ליידינדיקע־קראנקע. גאַנצע דורות יידן האָט ער געהיילט און געראַטעוועט. יעדעס קינד (ווייל דאָס איז געווען זיין ספעציאַליטעט) האָט זיך ארויסגעריסן פון טאַטע מאמעס הענט בכדי באגריסן דעם פאַן רודאווע.

און ווי אָפט פלעגט ער זיך באַווייזן אין וואסילעווקעס אַפּטייק און קויפן רפואות פאַר זיינע אָרעמע פאַציענטן, און אויף צולאָג איבערלאָזן אַפּאָר גילדן אונטערן קישן אויף פלעגע פאַרן חולה. אַסאַך מאָל פלעגט ער אַליין ברענגען אַן עוף אין אַ אָרימער שטוב אריין און אָנגעוויזן ווי אַזוי צוצוגערייטן אַ דיעטישן מאכל.

אויסער זיין פאַך אַרבעט אין דער יידישער גאַס איז רודאווער געווען באשעפטיקט אין משך פון 40 יאָר אין דער וואָל פאַבריק ביי דיטלען און אויך געווינט אין די דיטל־הייזער.

דריי זין האָבן די רודאוועס געהאַט, דער עלטסטער שמעון אַ דאָקטאָר דענטיסט אין סאָסנאָוויץ, ער איז באגאנגען זעלבסטמאָרד צוזאַמען מיט זיין זין יורעק 20 יאָר אַלט ביים ליקווידירן דעם געטאָ שראדולע און נאָך דעם אומקום פון זון רישעק אין אַ דייטשן לאגער.

דער צווייטער זון איגנאצי איז געווען דירעקטאָר פון דער יידישער האַנדלס באַנק. פלוצים געשטאָרבן פון אַ האַרץ אָנפאַל זייענדיג אינדערהיים ביים מיטאָג. זיין פרוי מרים־מארישא איז געווען די טאָכטער פון מענדל און פראַניע כריוועך אומגעקומען אין געטאָ שראדולע.

דער דריטער זון ד״ר הענריק רודאווער ווינט צו זאַמען מיט זיין פרוי (ז.ד. זיסקינד) אין ראשון לציון.

שמואל רודאווער ז״ל איז נפטר געוואָרן אין חודש יגואר 1940 אין סאָסנאָוויץ אין עלטער פון 79 יאָר נאָך דעם ווי ער האָט אויפגענומען דעם לעצטן פאציענט אין זיין ווינונג.

אזוי ווי ער האָט געלעבט אזוי איז ער נפטר געוואָרן.

שרה רוטשטין (גורזשלני)

מיין פאָטער שמחה גורזשלני ז״ל, פון סוסנוביץ, ווארשאווסקא 22 האָט געהאַט אַ שלאָסעריי און וואָסער־לייטונג וואַרשטאַט. עס האָבן ביי אים געאַרבעט פיל אַרבע־טער, ער איז אויך געווען וויצע־פּרעזעס אין האנדווערקער פאַריין־צעך. ער האָט אין זיינער צייט עקזאַמינירט פיל אַרבעטער צוזאַמען מיט דער איזבה־זשעמיעשניצא פון קיעלץ און האָט פילע אַדורכגעפירט די עקזאַמינעס.

ער האָט אויך אַרויסגעשיקט פיל בחורים וואָס האָבן מיטגעמאַכט אַ הכשרה פון שלאָסער־פאַך און איבערגעשיקט זיי אין פאַלעסטינא־אמט אין וואַרשא אין דאָרט האָבן זיי באַקומען סערטיפיקאַטן און זענען אַהער געקומען קיין ישראל.

אייניקע וואָס איך האָב אויסגעשריבן די באַשטעטיקונגען וועמענס נעמען איך געדענק נאָך זענען געווען:

1) מנשה יונגסטער — דער זין פון לוי ז״ל, סאָסנאָוויץ.
2) מאיר־הערש יונגסטער — דער זין פון לוי ז״ל סאָסנאָוויץ
3) הרמן פון דעמבלינסקה גאַס סאָסנאָוויץ
4) וואגא (שרגא) אַ זין פון אַ גלעזער פון מאַנדזעיאוו
5) שקלארציק — אַ זין פון הערשל שקלארציק אַ מכולת אין סאָסנאָוויץ
6) דאטנער סאָסנאָוויץ
7) שטורכיין פון דאָמבראָווע
8) צום סוף אויך ראטשטיין יעקב, וועלכער איז מיין מאַן.

אויך נעמען וועלכע איך געדענקט שוין נישט
מיין מוטער ביילה־לאה איז געשטאָרבן פריער.

י.ח.

ר׳ נתן שליבינסקי

ר׳ נתן שליבינסקי — אחד מראשוני היהודים בסוסנוביץ, נולד בדזיאלושיץ שבמחוז פינטשוב בשנת 1878 למשפחת סוחרים ובעלי אחוזות. מצבם הכלכלי של הוריו עד לשנת

1900 היה יציב. הם סחרו עם ה„פריצים" ובעלי החוות הגויים שבפלך קילץ ופרנסו בכבוד את משפחותיהם מרובות הילדים. כשהחל להתערער הבסיס הכלכלי, ורעל האנטישמי חדר לכל חצרות בעלי המשקים, החליט נתן שליבינסקי לעבור לסוס־נוביץ. היות וסוסנוביץ לא היתה אז מאוכלסת ביהודים (הקהילה היהודית רק התחילה להתארגן) — עבר לגור בפרברים שהקיפו את העיר ויגויזדוב, פוגון, קטרינה, שלצה, מילוביץ, דינדובקה וראדוחה.

אחרי שמשפחת שליבינסקי עברה בכל השכונות האלו ונתנסתה בחבלי הקליטה הקשים האופייניים לתקופה ההיא — עברה סוף סוף לסוסנוביץ ור' נתן התחיל לעבוד בנגרות אצל נחמן בייטנר בבנית תבניות ליציקות פלדה עבור בתי החרושת למטויות צמר וכותנה של „שיין" ו„דיטל", מפעלים שהעסיקו אז מאות רבות של פועלים נוצרים — אך לא עבד בהם אף פועל יהודי אחד.

ר' נתן שליבינסקי היה בין מייסדי חברת „לינת החולים" בסוסנוביץ והסביבה — בשנות מלחמת העולם הראשונה. בתקופה ההיא היו מגפות קשות ומספר החולים בין יהודי העיר היה רב וקשה היה מצב החולים העניים. האגודה „לינת החולים" הציבה לעצמה מטרה לעזור לחולים על ידי בקורסי בביתם ובבית־החולים, על ידי קנית אביזרים ומכשירים להשאיל לחולים, שידם לא השיגה מימונם. החליטו על עזרה כספית במקרים מיוחדים לאלה מבין החולים ראשי משפחה שהיו צריכים לכלכל את משפחותיהם בעת מחלתם.

יש לציין, שבזמן ההוא עוד לא היו מפלגות ותנועות פוליטיות בישוב היהודי ולכן השתייכו הרבה יהודים לאגודות פילנטרופיות ובהן מצאו כר פעולה נרחב לעסקנות חברתית.

ר' נתן שליבינסקי והמורה ר' אברהם לוין היו מיסדי חברת „לינת חולים" והשקיעו בה מזמנם וממרצם עשרות שנים. הפעולות באגודה זאת הכשירו הרבה פעילים לתנועות הפוליטיות שהחלו בפעולותיהן בשנות העשרים עם קבלת עצמאות פולין לאחר מלחמת העולם הראשונה.

יוסף חריף

יהושע שליווינסקי ז"ל

אַנ'אייגנאַרטיקער טיפּ, קודם־ כל וואָס ס'וואָלט אונז נישט געשאַדט אַז ס'זאָלן זיך געפינען צווישן אונז אַסאַך אַזעלכע ווי ער אין ארץ־ישראל, דאַמאָלסט וואָלט מען געקענט מקיים זיין דעם פּסוק: „ומשפטים בל ידעום"... הגם, זייענדיק אַ סטאָליער בן סטאָליער, באַזיצט יהושע צי לאַנגע יאָרן צוויי טאַלאַנטן און באַגאַבונג, טעאַטער און מוזיק אָפּערן און פינאַנסן, און נאָר אין אַ אויסנאַם־פאַל, אין אַ יומא דפגרא האָט ער זיך געקענט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס, צונויפנעמען איינציקע מעלאַמאַנען און אריינ־פאָרן קיין קאַטאָוויץ זען אַ וויכטיקע אָפּערע, ווייל אין אַ וואָכעדיקן טאָג פון אַגאַנץ יאָר איז אונזער יהושע געווען אריינגעטאָן ראשו ורובו אין פינאַנצן. קודם־כל איז ער געווען ביי פּוע"צ איינער פון די בעסטע פּרעסע־קאָמיסאַרן. למשל: די אַרבעטערצייטונג וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר גראָשנס, געווען אַ וואָכן־צייטונג, פאַרשפּרייט געוואָרן אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן אין סאָסנאָוויץ, אָבער די צייטונג האָט שטענדיק צוריקגעגעבן אַ געווינסן פּראָצענט אויף דעפיציטן. היות ווי יהושע איז נישט געווען קיין גרוי־סער בעל־רחמים אַנטקעגן אַ חבר אַ שווערער צאָלער, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּאַרטיי־געלטער.

יהושע האָט אויסגענוצט די גראָשנס וואָס האָבן זיך צענויפגעזאַמלט אין גרויסע סומען און ער האָט עס אַריי־געגעבן אין דער אָוונט־שולע. ער איז אויך געווען אין דער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי. יהושע איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אַ הייסער דיסקוסאַנט, נאָר ער האָט שטענדיק אויסגעפירט וואָס ער האָט באַדאַרפט.

ער האָט געהאַט דעם כבוד צו באַקומען דעם ערשטן פּאַרטיי־סערטיפיקאַט און צו זיין אין יאָר 1932 קיין ארץ־ישראל דעם סערטיפיקאַט וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר די פּאַרטיי אין אונזער שטאָט. יהושע איז געבליבן דער זעלבער אויך דאָ, און דאָס קענט איר זען, ווי שיין ס'האָבן זין אויפגעהאַלטן די בוימער אויף שדרות־רוטשילד, ווייל יהושע טוט יעדע זאַך לויט די טראַדיציע פון טאַטנס שטוב, וואָס איז אַליין געווען אַנ'עסקן אין לינת־החולים — אַנ'ערלעכער ייד און פועל צדק.

און אויך דאָ האָט אים דער גורל צוזאַמענגעפירט מיט די לעבעדיקע בוימער אין ארץ־ישראל. ווער נאָך ווי יהושע ווייס, וואָס מ'קען אַלץ מאַכן פון אַ בוים. ווען איר כאַפּט זאַך אַמאָל צווישן די בוימער און די גערטנער פון תל־אביב וואָס ער גיט דערוויל אַכטונג, אַז ווייסע חברהניקעס זאָלן נישט ברעכן דאָס געפלעגטע גרינס אין גאָרטן, וועט ער אייך זיכער אגב אורחא דערציילן וועגן אַ נייע אָפּערע וואָס מ'גיט לעצטענס.

אַזאַ איז יהושע שליווינסקי.

יאָסל חריף (אוסטרי)

דער גרויסער בער ר' דוד שוואַרצבוים

איך געדענק אים פון מיינע קינדער יאָרן, ווען איך בין אָנגעקומען קיין סאָסנאָוויץ. איינעם פון די וווּנדערבאַרע געשטאַלטן, וואָס סאָסנאָוויץ האָט פאַרמאָגט, איז געווען ר' דוד שוואַרצבוים דער גרויסער בער.

אין פליק זענען אַסאַך פון זיינע מעשים טובים באַשטאַ־נען פון קלייניקייטן, וואָס פלעגן אַרויסרופן אַ שמייכל אויף די ליפּן, נעמט למשל אַזאַ ענין ווי אַרומגיין איבער די שילן, שטיבלעך און בתי מדרשים און אָנטרינקען די קינדער וואַסער מיט זאַפּט, און ער פלעגט שטאַרק הנאה

האָבען ווען זיי מאַכן אַ ברכה און ער זאָגט נאָך אַ הויכן אמן.

און נישט בלויז פאַר יידן האָט ער געזאָרגט נאָר אויך פאר נישט יידן, ביי דער וויענער סטאציע איז געוועזן אַ פלומפּ מיט זיס וואַסער (סאָסנאָוויץ האָט יאָרן לאַנג נישט געהאַט קיין גוט וואסער ביז מען האָט געבראַכט וואַסער פון גראניץ) אויף דער פלומפּ האָט ער אָנגעהאָנגען אַ קיפּערן שעפּטעפּל מיט צוויי אויערן און אויף דעם טעפּל געווען אויסגעקריצט אַ „שהכל נהיה בדברו".

און אויך די בהמות האָט ער נישט פאַרגעסן, אויטגעס טאַריעט אַ זלאבעק אָנצוטרינקן די בהמות, מחמת ביי דער סטאציע זענען געשטאַנען דראָשקעס פארשפּאנטע מיט פערד.

איינע פון זיינע מצוות איז אויך געוועזן טראָגן טשאָלענט אין ריזיקע טעפּ פאַר די ארעסטירטע אין תפיסה אויף טאוואראווע גאַס. און אויך גויים האָבן נהנה געוועזן פון דעם שבתדיקן מאכל.

איינמאָל אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט איז אַ ייד פארביי־ געגאַנגען אין שיל אַריין און ר׳ בער האָט באַמערקט אַז זיינע שיך זענען פארשטויבט, ער האָט דעם ייד אריינגע־ רופן געבעטן זיצן און שמייכעלדיק געזאָגט אים, אַ וודאי פאַרגעסן אָפּפּוצן די שיך. רב בער האָט די שיך אָפּגעפּוצט מיט אייגענע הענט, בכדי דער ייד זאָל נישט פאַרשעמט ווערן אין שיל.

ווער קאָן אויסרעכענען די אלע מעשים טובים, ער פלעגט אויך אויסבאָרגן געשיר אויף שמחות און חתונות, און אויב עס פלעגט טרעפן אַז אַ כלי האָט זיך צעבראָכן ביי אַרעמע מחותנים האָט ער קיין געלט נישט גענומען. ביי רייכע האָט ער גענומען, בכדי שטיצן די אָרעמע.

זיין אייניקל פאלע האָט מיר דערציילט אַז איינמאָל האָט זי אים געטראָפן טראָגן אין אַ טעפּל אַ קרופּניק אויף דער דעמבלינסקא גאַס צו אַ אָרעמע קימפּעטאָרן, אַ מהלך וועג פון זיין דירה, קיינמאָל נישט געשפּאַרט אַ גאַנג און פון אַלעם געוווסט ווע מען דאַרף העלפן.

יחפים ורעבים ללא קורת גג ההעברה לעומק ליטא היתה לנו הצלה וכאשר פסקו להטריד דאגות הקיום האלמנטרי התעוררה הדאגה להורים ומשפחות שנשארו תחת עול הנאאצים. הצלחנו לקשור קשר מכתבים עם סוסנוביץ אשר סופחה לשלזיה הגרמנית ופעולות הדאר היו תקינות. קיבלנו מכתבים משם, למדנו לקרוא גם בין השורות והבינונו את המצב לאשורו. הצלחנו להעביר חבילות מזון.

ב־22 ביוני 1941 פרצה מלחמת גרמניה ברית המועצות — ושוב לקחנו את מקל הנדודים ליד. היינו קבוצה גדולה מסוסנוביץ ועז היה רצוננו להמשיך דרכנו יחד. נמוגו כל החלומות על ליטא כתחנה בדרך לא״י ונפתחה מחדש דרך נדודים ארוכה שנמשכה 4 שנים.

היה מסע רגלי תחת הפגזות והפצצות מהאוויר, דרך בילורוסיה הפולנית. ימי סבל ורעב ויחס עויין של האוכלוסיה המקומית. ראינו פוגרומים ראשונים בעיירות ובכפרים, עם כל נסיגה של הצבא האדום.

רכבת פליטים הובילה דרכנו לעומק רוסיה. ראינו את ההרס הנורא של המלחמה בכל הדרך הארוכה, עקובה מדם. הגענו לקויבישוב. אך בכל תחנות הדרך היינו תמיד יחד כקבוצה. מקויבישוב רצו השלטונות לכוון את הרכבת ל־סיביר. קבוצתנו החליטה אחרת: רצינו לפנות מזרחה, כאשר עינינו נשואות לא״י במבצע דרמטי נטשנו את הרכבת ובדרך לא דרך הגענו לצ׳קלוב כתחנה אל המזרח הסובייטי. מנוחה קצרה ומחשבה על המשך הדרך.

הגענו לטשקנט, עיר הלחם. מכאן העבירו אותנו לעיירה קרובה לסמרקנד. ידענו כי מכאן מובילות רכבות לגבול פרס ולים הכספי.

היינו שם פליטים ראשונים. קיבלונו יפה ועזרו לנו להסתדר בעבודה. מטרתנו היתה: להתקיים, לנוח קצת ולהמשיך בחתירה אל הגבול, ומעבר לגבול. שלחנו מרגלים לעיר הדרומית ביותר — אשהבד, והוטל עליהם לבדוק אפשרות לעבור לפרס.

הגבול היה סגור על „שבעה מנעולים".

לא ניתן לנו לנוח. האופי המיוחד של הקבוצה: נוער שאיננו שותה, מבקש עבודה, צורת ההתנהגות שלא היתה דומה להתנהגות פליטים אחרים — כל זה עורר תשומת לב מיוחדת מצד השלטונות והתחילו לעקוב אחרינו. אם כי לא היתה שום כוונה לפתוח במחתרת אנטי־סובייטית. סבלנו סבל רב מרדיפות מאסרים, נלחמנו על זכותנו להיות קבוצה ציונית חלוצית.

צרות אלו ליוונו כל שנות חיינו בברית המועצות וקיומנו היה בלתי חוקי.

בין היתר נרתמנו לעזרת היהודים אשר יחד עם פולנים אחרים שוחררו ממחנות בסיביר, עם ההסכם שיקורסקי — והחלה נדידה יהודית לאיזורים החמים של רוסיה. רבים מהם הגיעו אל הסביבה שלנו. קבוצתנו נטלה על עצמה את חובת העזרה והארגון. הרי היינו „מסודרים" בעבודה ומאורגנים. עסקנו בארגון בתי הולים, מרכזי חינוך, עזרה כלכלית. כקבוצה חלוצית העושה שלא על מנת לקבל פרס עוררנו אמון כללי וכל מי שמוכן היה להושיט יד עוזרת התלכד סביבנו.

נוצרו קשרים עם א״י דרך טהראן, וחיפשנו דרך לעליה בעזרת צבא אנדרס. גם תוכניות אלה לא נתגשמו. קם הצבא הפולני האדום, היחסים עם לונדון ואנדרס נמתחו ונתחדשו הרדיפות גם נגדנו תמיד ראו אותנו כקבוצה דיברסנטית המבקשת קשרים עם אנגליה. וכל מה שאנו רצינו היה להחזיק מעמד תוך עזרה הדדית ולעלות ארצה בבוא היום.

גם בימי צבא אנדרס וגם עם הקמת הצבא הפולני האדום עשינו מאמצים להצטרף אל שורות לוחמים, כדי להשתתף במעשי נקם בצורר הנאצי. אנשי אנדרס לא קיבלו אותנו מטעמים אנטישמיים וגם הצבא הפולני החדש חשש להופיע כצבא „יהודי" ונזהר מלקבל יהודים רבים. התייצבנו פעמים אחדות והחזירו פנינו ריקם.

עם שחרור לובלין ביולי 1944 — נרתמנו לפעולה חדשה: לחזור במהירות לפולין, להפגש עם שארית הפליטה.

ראשוני חברינו הגיעו כחודשיים אחרי שחרור לובלין. היו פגישות מזעזעות עם שרידי עמנו ועם שרידי המרד, ביניהם עם אנטק צוקרמן, רוז׳קה ואבא קובנר.

נתנו יד לעזרת יהודים שחזרו מרוסיה לפולין סייענו בארגון הבריחה היהודית מפולין ולעצמנו חיפשנו דרך לעליה לא״י.

נסתיימה מלחמת העולם, חלק מחברינו נרתם לעניני עליה ובריחה ועמדנו בראש הפעולה הזו למען שרידי מחנות ההשמדה ולמען היהודים שחזרו מברית המועצות. בתנועת השומר הצעיר היינו בין המדריכים הראשונים שהתמסרו להעפלה הבלתי חוקית לא״י. השתתפנו בהקמת בתי ילדים, הוצאנו והצלנו ילדים יהודים ממנזרים והחזרנום לחיק היהדות.

פעולה זו קיבלה מימדים נרחבים עם גל הרפטריאציה של אלפי יהודים מרוסיה לפולין. הוקמו מחנות בגרמניה ובאיטליה. הוקמו קיבוצי הכשרה ועליה, כחלק מהפעולה הציונית הענפה באירופה אחרי השואה.

עוד צפויים היו שבעה מדורי גיהנום — (בתוכם קפריסין) — עד אשר ראינו את חוף המולדת. אחרוני חברינו הגיעו ארצה עם חיסול המחנות בקפריסין.

בכל הסיפור הזה לא הזכרנו שמות אך נציין שנים מחברי קבוצתנו שהלכו אתנו ואל החוף לא זכו להגיע **קלמן טנצר** ז״ל אשר נפל בפעולה מחתרתית בעת השלטון הנאצי, ו**יעקב שברץ** ז״ל, אשר נפל קורבן הפעולה הציונית־חלוצית הבלתי חוקית בלבוב הסובייטית.

„בצרון" רחון, ניו יורק ניסן אייר תשי״ג, חוברת ה (161).

זלמן פרייפלד — סוסנוביץ

יום־כפור במחנה פלשוב־יולג

יום הכפורים שנת תש״ד — 1943. יהדות פולין כמעט שלא היתה קיימת עוד. נשאר קומץ יהודים במחנות ובגיטו לודז שניתנה להם הזכות לחיות באופן זמני חיי עבדים ולעבוד בתנאים קשים ובלתי אנושיים עבודה מפרכת את הגוף ומשפילה את הנפש. — ממרחק הימים של יותר מחצי יובל שנים קשה לי לתפוס כיצד הצלחנו שרידי בני אדם מעונים ומדוכאים, מודרכים ע״י בחורים חסידיים להתגבר על ענויי הגוף ומצוקת הנפש ומאין שאבנו את הכח והמרץ להתכונן תוך התלהבות לחגיגת היום הקדוש, יום הכפורים בצורה נאותה ומתאימה. —

למעטים בלבד ידוע על קיומה של מחתרת בעלת גוון מוסרי־דתי במחנות הנאצים. ברוב המחנות התארגנו באופן ספונטני קבוצות יהודים שהציבו להם למטרה, למרות הסכון לחייהם שהיה בדבר זה לשמור על ערכים דתיים־מוסריים שדוכאו וחוללו בציניות אכזרית ע״י הקלגסים הנאצים — ולקיים את רגש האחוה ורוח הסולידריות בין חבריהן. — הם קיבלו על עצמם את המשימה הקשה להגן על אסירי המחנות מפני ירידה מוסרית ואבדן צלם האלוקים של האדם היהודי וסיסמתם היתה שעל אף הכל עלינו להשאר יהודים ובני אדם עד הסוף. בקבוצות המחתרתיות הללו שחבריהן היו בני גילים שונים ובעלי השקפות שונות שהצטרפו אליהן מפני שמצאו בהן עידוד מוסרי, לא שמעו מעולם מלים ובטויים גסים והיחסים ההדדיים היו יחסי אחווה וידידות אמיתית. כאמור עמדו בראש הקבוצה במחנה פלשוב חסידים צעירים שפעלו את פעולות הסתר במסירות ובלהט נפשי והיו מוכנים תמיד למסור את נפשותם למען האחים לצרה.

מלאי אמונה היו שרים לעתים קרובות את הימנון „אני מאמין״ שהלחן שלו נוצר ע״י בחורים אלה בגיטו קרקוב.

לדאבוננו הצעירים הנפלאים אלה נפלו כמעט כלם בזמן יותר מאוחר במחנות שונים וביניהם הפעילים ביותר האחים אליעזר ומרדכי, בני החסיד הנלהב ירמיה איגרא מסוסנוביץ. — אחד מהמעטים שנשארו בחיים היה משה פרידריך מהעיר סלומניק, שהיה בעל השכלה כללית נרחבה וגם בר אורין ובקיא במקורות היהדות. הוא הגיע ארצה ובהגנת גוש עציון בימי מלחמת השחרור נפל מות גיבורים.

המנהיגים הצעירים הללו השתדלו לשוות ליום הכפורים שבמחנה צורה כזאת שיהיה בה דמיון־מה ליום הקדוש שהיינו רגילים אליו בהיותנו חפשים בחיק משפחותינו כשהמנגינות החגיגיות של תפילות היום בקעו מבתי הכנסת בערי פולין והאוירה ברחובות היהודים היתה ספוגה קדושה ואצילות. —

אחד מאסירי פלשוב היה החזן מקרקוב, יוסלה מנדלבאום. חזן ידוע זה היה הש״ץ שלנו בתפילת „כל־נדרי״ בצריף שהיה מואר אור עמום. תפילתו שהיתה חדורה עצבות ומלאה רגש והתרוממות הרוח החדירה בלבנו ועוררה בקרבנו געגועים אל ימי העבר הקרוב מחוץ למחנה. החוויה העמוקה והמעמד המיוחד במינו העלו במחשבותינו את זכר ימי האינקוויזיציה בספרד בהם ערכו האנוסים את תפילותיהם בסתר.

למחרת אחרי הצהרים ביום הכפורים חזרנו ממקומות העבודה אל המחנה עיפים, רצוצים ומושפלים כרגיל. מעל הספסלים המלוכלכים, המקום הפרטי היחידי של יושבי המחנה, ערכנו תפילות „יזכור״ בהתלהבות גדולה ליקירנו שהושמדו או מתו.

פתאום נשמעו הדי יריות מהמחנה הסמוך לנו. הפסקנו כבר להתפלל, כעבור זמן קצר נודע לנו שמפקד המחנה, אומן גטה ימ״ש (הנידון בקרקוב אחרי המלחמה למוות ושם הומת) החליט לירות במספר יהודים, כדי לציין באופן כזה את היום הקדוש ליהודים...

חיים דונסקי

צווישן נאַצים און זייערע העלפער

איך האָב געהאַט אַ שכן א שוסטער. מען האָט אים גערופן סטאַניסלאַוו וואַיסאַ. געווען איז ער אַן אמתער היטלעראַוויעץ, אַקטיוו אין דער פּוילישער פאַשיסטישער פּאַרטיי, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קרוב למלכות. אין אַ באַשטימטן טאָג באַווייזט זיך אַן ס.ס.מאַן און רופט אויס „הייל היטלער". פון זיין היטל האָט אראָפּגעשיינט דער טויטער קאָפּ און ער ווענדעט זיך צו מיר: „דו הייסט דונסקי חיים? האָסטו שוין היינט געדאַוונט? נעם דעם טלית אין איך וויל זעען ווי דו דאַוונסט". איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב שוין היינט געדאַוונט. „דאָס הייסט — האָט ער מיר געזאָגט — אַז דו ווילסט נישט אויספירן דעם באַפעל פון דער דייטשער געהיים פּאָליציי דאַן קומסטו מיט אויף דער דריטער מאַי גאַס".

דאָרט איז געהאָנגען אַ שוואַרצע פאָן און דאָס איז געווען דנס אָרט פון יסורים און פּיין. מיך האָט מען צוגע־נומען מיט די קינדער. ווען איך בין אריין האָט מען אַרויסגענומען אַ בריוו, ווייזט אויס, אַ מסירה פון סטאַניסלאַוו וואַיסאַ. דאַן האָט מען יעדן פון אונדז געגעבן פּאַפּיר, יעדער זאָל עפּעס אַנשרייבן, יעדער האָט אויפגעשריבן, דאַן האָט מען געזען, אַז דאָס איז נישט דער זעלבער כתב יד. די קלענערע טעכטערלעך האָט מען אהיימגעלאָזט, נאָר מיך מיט דעם עלטסטן זון האָט מען פאַרהאַלטן.

אין אנהויב האָט דער ס.ס.אוויעץ אָנגעהויבן טרעטן אויף מיין פיס און דאַן מיך געפרעגט, צי איך וויל פאָרן קיין פּאַלעסטינע ווען איך האָב געענטפערט יאָ, האָט מיך אריינ־געפירט אין צווייטן צימער, ווו עס זענען געשטאַנען פיר דייטשן מיט קייטן אין די הענט, איינער, אַ ריז, איז געשטאַנען אין געוואַרט אויף באַפעלן. איינער, אַ ציווילער, איז געזעסןביים טיש און געשריבן. זיי האָבן אים טיטולירט ריכטער. זיין ערשטע פראַגע איז געווען וויפל איך פאַרדין, אויך מיין זון האָט מען געשטעלט די זעלבע פראַגע. און דאָ האָבן זיי גענומען שלאָגן מיך און מיין זון דאָס צימער איז פאַרשפּריצט געוואָרן מיט בלוט, מיין בלוט און מיין זונס בלוט. נאָך אַן ערך אַ האַלבע שעה שלאָגן האָט מען מיך געהייסן אויסווישן דאָס בלוט. כהאָב געווישט מיט מיין טיכל, און אויך מיט אַ צייטונג. איך האָב זיך ביים ווישן מיין אייגן בלוט אַ ביסל אָפּגערוט, דאַן האָבן זיי אַוועק געפירט מיין זון אין אַ באַזונדער צימער, און מיך ווידער גענומען שלאָגן, ווידער איז אַלץ פול געוואָרן מיט בלוט. נאָכן קאַטעווען אנדער האַלבן שעה. פרעגט מען מיר, צי איך בין געווען אין פּוילישן מיליטער. איך ענטפער, אַז יאָ.

„דו ביזט אַ פּחדן — זאָגט דער אזוי גערופענער ריכטער צו מיר — זעסטו פאַר דיין זון האָב איך רעספּעקט".

אוועק אין לאַגער בין איך נאָך אין יאָר 1940. איך בין געווען אין לאַגער סאַקראַ, אַ דורכגאַנגס לאַגער. מיר האָבן דאַן געבויט אַ ברייטן שאַסיי פון זעקס און דרייסיק מעטער. ווען איך בין געקומען האָב איך זיך דערוווסט, אַז מען האָט דאָ דערשאָסן צוויי־הונדערט סאָוויעטישע געפאַנגענע, דעם צווייטן לאַגער האָט מען גערופן מערטייל, אַ שפּינעריי. אין דעם לאַגער איז געווען אַ צונויפמיש פון פאַרשידענע נאַציאַנאַליטעטן אַלץ איז מיר נישט אָנגעקומען אַזוי שווער ווי וואַשן אַ העמד. דאָרט זענען געווען צוויי מיידלעך, וואָס האָבן דאָס פאַר מיר געטון. מיר איז געלונגען אַרויסצושיקן אַהיים אַ בריוו, מיט אַ געוויסן טשעכישן געפאַנגענעם. אין דעם בריוו האָב איך געבעטן צוויי פאָר לאַטשן פאַר די מיידלעך און פאַר מיר אַ ביכל. אוי, ווי שטאַרק האָט זיך מיך פאַרוואָלט אַ יידיש ביכל, אין איך האָב געבעטן אפשר טאַקע עפּעס פון שלום עליכם, מיט דער צייט איז די פּאַסילקע אָנגעקומען, אָבער נישט אין מיינע הענט. ווען די פּעקלעך זענען פאַרטיילט געוואָרן, איז מיר געווען פאַרדעכטיק, פאַרוואָס מ'רופט מיך באַזונדער, מען האָט מיר געוויזן די זאַכן, מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. צווישן אַנדערע זענען דאָרט געווען צוויי פאָר לאַטשן פון מיין וואַרשטאַט און אַ ביכל. דאַכט זיך שלום־עליכמס „בלוטיקער שפּאַס". מען האָט מיר גענומען אויספאָרשן. ווער ווייסט, ווי דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען נישט דער קאַפּאָ, אַ ייד, איז צו צום אויספאָרשער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פרעגן, ווי אַזוי און מיט וועמען איך האָב געשיקט א בריוו. דער קאַפּאָ האָט מיך דערלאַנגט אַ פייערדיקן פּאַטש און געבעטן מיך איבערגעבן אין זיינע הענט דערנאָך האָט ער מיך געזאָגט, אַז מיט דעם פּאַטש האָט ער מיך געוואָלט אויסלייזן פון זייערע הענט. מען האָט מיך איבערגעגעבן אין די איידעלע הענט, פון די שומרי המחנה דער קאַפּאָ האָט מיר געראָטן,

כ׳זאָל אריינלייגן שמאַטעס אויפן רוקן און אויפן הינטערשטן טייל, זיי האָבן דאָס באַמערקט, און די 25 שמיצן האָב איך דערפאַר באַקומען אויפן נאַקעטן לייב.

לאנג האָט געדויערט ביז איך האָב זיך אויסגעהיילט פון די שמיץ, אָבער די באליידיקונג איז געווען נאָך פיינלעכער און ווייטאגלעכער.



התעללות בעבודת כפייה

יעקב שיוועק

א געפאנגענער ביי די נאצים

דאָס איז געווען דאָנערשטיק אָוונט יולי 1939, ווי איך בין געשטאַנען מיט אַ גרופּע מיטגלידער פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית״ר אין סאָסנאָוויץ אויפן וואָקזאַל און געוואַרט אויפן צוג קיין וואַרשע, כדי פון דאָרט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

זענען מיר אַזוי געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אונדזערע עלטערן, שוועסטער, ברודער, נאָענטע חברים און סתם יידן. ווער האָט דאַמאָלט געקאָנט טראַכטן, אַז אָט די אַלע וועלן פאַרשווינדן און מיר וועלן זיי מער נישט זען. קיינמאָל וועל איך נישט פאַרגעסן דעם בליק פון מיין פאָטער ז״ל וואָס האָט מיך באַגלייט ביז טשענסטאָכאָוו און געזאָגט מיר: „געלויבט צו גאָט, אַז דו וועסט זיין אין הייליקן לאַנד, איך האָב דאָס נישט זוכה געווען״.

לויטן פּלאַן האָט די שיף „פּאַריטאַ״ געדאַרפט פאָרן ביז צו די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ ישראל און דאָרט האָבן געדאַרפט וואַרטן אויף אונדז קליינע שיפלעך, און צופירן צו די ברעגן פון לאַנד. אָבער צוליב סיבות, וואָס זענען מיר נישט באַוווּסט ביז היינט צו טאָג, האָבן קיין שום שיפלעך אויף אונדז נישט געוואַרט, נאָך זעקס וואָכן וואַנדערן איבערן ים — אָן וואַסער, אָן פּראָדוקטן, זעענדיק, אַז דער שיפס קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ רושם פון פאַרברעכער און ים רויבער, האָבן באַשלאָסן אונדז צוריק פירן קיין רומעניען, האָבן מיר באַשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד אויף דער שיף. מיר האָבן דעם קאַפּיטאַן און די מאַטראָזן געבונדן מיט שטריק און אַ חבר אונדזערער, וואָס האָט געענדיקט אַ מאַטראָזן שול אין איטאַליען, האָט געפירט די שיף ביז צו די די ברעגן פון תל־אביב, אַנטקעגן די גורדון־גאַס. מיר האָבן צעבראָכן די מאַשינען פון דער שיף. יוגנטלעכע פון תל־אביב האָבן אונדז געהאָלפן אַראָפּגיין מיט דער הילף פון שטריק און קליינע שיפלעך. גאַנץ תל אביב איז געקומען אונדז העלפן, ווייל דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע ווי קיין תל־אביב זענען אָנגעקומען אַכט הונדערט אומלעגאַלע עולים. אַ טייל האָט זיך אויסגעמישט צווישן דער תל־אביבער באַפעלקערונג, אָבער דעם גרעסטן טייל, און איך צווישן זיי, האָבן די ענגלענדער אַוועקגעפירט קיין סאַראַפענד. נאָך צען טאָג זענען מיר באַפרייט געוואָרן און באַלד אויפן ערשטן טאָג נאָך דער באַפרייאונג זענען אָנגעקומען די ידיעות, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן. אַזוי בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון מיין היים, עלטערן, ברודער, שוועסטער, פון אַ פאַר־צווייגטע משפחה. מען האָט מיך געשיקט קיין באר טוביה, אין דרום פון לאַנד, אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע דערפער, וואָס האָבן אָן אויפהער באַשאָסן דעם מושב. דאָרט האָב איך אַדורכגעמאַכט אַ לאַנדשאַפטלעכע הכשרה. בייטאָג געאַרבעט און ביינאַכט אויף שמירה מיט געווער.

אין אייראָפּע האָט געבושעוועט די מלחמה. די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, טשע־כאָסלאָוואַקיע און אַ טייל פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. אין סיריען און לבנון זענען די דייטשע פאַרבינדעטע פון דער ווישי־רעגירונג אין פראַנקרייך. און דאַן באַווייזט זיך אין דער פּרעסע אַן אויפרוף, אונטערגעשריבן פון משה שרת ז״ל אין נאָמען פון „ועד לאומי״, וועלכער רופט די יוגנט פון ארץ־ישראל מאָביליזירן זיך אין די יידישע אָפּטיי־לונגען אין דער בריטישער אַרמיי, אויפצומאָרגנס האָב איך זיך שוין געפונען צווישן די הונדערטער מאָביליזירטע אין סאַראַפענד.

נאָך אַ קורצע צייט פון אינטענסיווע איבונגען ווער איך אַוועקגעשיקט מיט דריי גרופּן קיין מצרים, און פון דאָרט אויף דעם ענגליש־איטאַליענישן פראָנט אין דער מדבר פון ליביען, אין דער געגענט פון מאַרסאַ־מאַטרוך. אונטער אַ האָגל פון באָמבעס און שווערע אַרטילעריע בויען מיר פעס־טונגען און שוץ־גרובן, צוזאַמען מיט אויסטראַלישע גרופּן פון דער בריטישער אַרמיי.

אין אַ געוויסן שבת ביינאַכט סוף 1940, ליגן מיר אין די שוץ גרובן און מיר וואַרטן צו רירן פון אָרט. דער הימל הענגט אַ צעברענטער איבער אונדז. דאָס פייערט אַזוי די ענגלישע שווערע פעלד און שיפס־אַרטעלערי די איטאַליע־נישע פּאָזיציעס. עס מאַכט אַ רושם ווי די ערד וואָלט אויפגע־ריסן אונטער אונדז. דאָס דויערט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן זעצן מיר זיך אַריין אין לאַסט־אויטאָס און פאָרן אָפּ אין דער ריכטונג פון די איטאַ־ליענישע פּאָזיציעס. מיר פאָרן פאַרביי די פּאָזיציעס אָן איין שאָס צענדליקער טויזנטער איטאַליענער גיבן זיך איבער. עס פאַלן די שטעט סידי־באַראַני, סולום, טובראַק, איינע נאָך די אַנדערע, מיר פייערן אַ גרויסן נצחון. ענגלישע טרופּן

מאַרשירן ווייטער און נעמען איין גאַנץ טריפּאָליטאַניען. מיר בלייבן אין טוברוק אַלס באַזעצונג טרופּן. אין חודש מערץ 1941 באַקומען מר אַ באַפעל, פּאַקן זיך און גרייטן צום וועג. מיר רירן פון אָרט, לויט אַלע סימנים אויף אַ נייעם פראָנט. מיר זעצן זיך אַריין אין די אויטאָס און פאָרן צוריק קיין מצרים, אָט זענען מיר אין אלעקסאַנדריע.

ענדלעך גייען מיר ארויף אויף אַ ריזיקער טראַנספּאָרט־שיף, אויף וועלכער עס געפינען זיך שוין טויזנטער בריטישע סאָלדאַטן. אונדזער שיף הויבט דעם אַנקער און שווימט אַרויס אויפן אָפענעם־ים. עס ווערט אונדז אַביסל לייכטער אויפן האַרץ. דער ים איז איבערפילט מיט שיפן פון אַלע מינים און אַלץ שווימט אין איין ריכטונג. אָט גייט אַ ריזיקע קאָלאָנע פון ענגלישע קריגס־שיפן. צעשטערער, טאָרפּעדאָ שיפן, אַ שיף וואָס טראָגט עראָפּלאַנען. עראָפּלאַנען בילדן אַ שירם איבער אונדזערע קעפּ, מיר פילן זיך זיכער. נאָך אַ צוויי טעג שטילע רייזע קומען מיר אָן קיין פּירעאוס־גריכלאַנד, אונדזער אָפּטיילונג באַזעצט זיך אין אַן אַליוון פלאַנצונג, נישט ווייט פון בארימטן היסטאָרישן אַקריפּאָלוס אין אַטען.

וואונדערבאַרע צוויי וואָכן האָבן מיר פאַרבראַכט אין אַטען וואָס איז אַרומגערינגלט מיט גרינע בערג און אין דער זייט דער היסטאָרישער אַקריפּאָלוס, דאָס אויג איז נישט זאַט געוואָרן צו קוקן אויף דער שיינקייט. די מילדע זון פון גריכישן פרילינג האָט געוואַרעמט אַנגענעם. ממש אַ קעגנזאַץ צום אַפריקאַנישן מדבר מיט דער ברענענדיקער זון, וויסטעניש און זאַמד־שטורמען. אָבער נישט לאַנג האָט אַנגעהאַלטן דער גן־עדן.

ערב פּסח אין אָוונט ווערן מיר פאַרבעטן פון דער יידישער קהילה צום סדר וואָס איז געווען פּרעכטיק פאַרגעברייט, עטלעכע וואָכן האָט זיך די קהילה געגרייט צו דעם סדר. פּלוצים זענען אָנגעלאָפן אין שול נאָך פאַרן סדר שליחים פון אונדזער אָפּטיילונג און אונדז גערופן תיכף זיך שטעלן אין די מחנות. מיר פאַרלאָזן אַטען און לאָזן זיך אין טראַנספּאָרטן אויף צפון. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אויף דער גריכיש־יוגאָסלאַווישער גרענעץ, צווישן די הויכע אָלימפּוס בערג שטעלן מיר אויס פּאָזיציעס פאַר אַרטילעריע ארום און ארום איז שטיל און רואיק. אין דעם פאַרשאָלטענעם טאָג, דעם 20סטן אַפּריל, דער געבורטס טאָג פון רוצח היטלער ימח שמו וזכרו. שטייען מיר אין דער פרי צום אַפּעל, און אונדזער אָפיציר לייענט פאָר דעם טאָג־באַפעל, אין דעם אויגנבליק דערשיינען פּלוצים פון צווישן די בערג הונדערטער עראָפּלאַנען, מיר ווערן אַטאַקירט פון מאַשין־געווער און באָמבעס און עס פאַלן די ערשטע קרבנות אויף דער גריכישער ערד. די דייטשן באַהערשן די לופט אָן אויפהער. מיר הערן אין ראַדיאָ, אַז יוגאָסלאַוויען איז געפאַלן. מיר זעען אויף די וועגן טויזנטער אַנטלאָפענע יוגאָסלאַווישע סאָלדאַטן. אויף די אָלימפּוס בערג, וווּ מיר געפינען זיך, שאַפט זיך אַ שטאַרקע פאַרטיידיקונגס ליניע. עס קומען אָן מאַסן אויסטראַלישע אָפּטיילונגען און גראָבן זיך איין צווישן די סקאַלעס. צווישן די בערג שנייט זיך אַ שאָסיי, דער איינציקער שאָסיי פון צפון אויף דרום קיין אַטען. דאָ דאַרף פאָרקומען אַן אַנטשיידענע שלאַכט. אַזוי איז עס טאַקי געווען. די דייטשן רייסן זיך דאָרט מיט הונדערטער טאַנקן און עראָפּלאַנען פון דער גריכיש־יוגאָסלאַווישער גרענעץ, און דערנענטערן זיך צו אונדזערע פּאָזיציעס. די ערשטע טאַנקן באַווייזן זיך אונטן אויפן שאָסיי צענדליקער בלייבן שטעקן אין דעם שמאָלן שאָסיי ברענענדיק פון דעם פייער וואָס אונדזערע פּאָזיציעס דערלאַנגען. דער ערשטער אָנגריף איז אָפּגעשלאָגן. מיט די ערשטע שטראַלן פון דער זון באַווייזן זיך נייע עראָפּלאַנען און שיסן ביז נאַכט. מיר קאָנען נישט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ. ווי ביטער איז אונדז געווען אויפן האַרצן, אַז מיר האָבן קיין איין ענגלישן עראָפּלאַן נישט געזען. עס האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז מען האָט אונדז געלאָזט הפקר. אינצווישן צייט האָבן זיך הונדערטער טאַנקן אַדורכגעריסן צווישן די בערג. מיר באַקומען אַ באַפעל, אַז יעדער איינער זאָל אויף זיין אייגענער האַנט אַנטלויפן און זיך דער שלאָגן קיין אַטען. פאָלג מיך אַ גאַנג, דאָס זענען ארום צווייהונדערט קילאָמעטער. די ערשטע צען קילאָמעטער קומט אויס צו גיין צווישן די בערג, ווייל דער שאָסיי ווימלט פון דייטשן. מיר גייען צווישן בערג און טאָלן. דאָס איינציקע, וואָס מיר טראָגן מיט זיך, איז אַ געלאָדענע ביקס און אַ וואַסער פלאַש פון שאָסיי הערן מיר אַ שטאַרקע שיסעריי. אויסטראַלישע אָפּטיילונגען פירן אַ העלדישן קאַמף, בכדי מעגלעך צו מאַכן אונדזער ריקצוג. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין לאַריסאַ, אַ שטאָט אויף דעם הויפּט שאָסיי אויפן וועג קיין אַטען. דער גאַנצער שאָסיי איז פאַרפילט מימט מיליטער, אַלץ ציט קיין אַטען. דער גאַנצער מאַרש קומט פאָר ביינאַכט, בייטאָג שטאַרבט אַלץ אָפּ. די הימלען פאַרפולט מיט עראָפּלאַנען. מיר קומען אָן קיין אַטען, ווו די שטאָט איז איבערפולט מיט מיליטער. פון אַטען פאָרן מיר מיט דער באַן צו דרום פון לאַנד. אויפן וועג ווערן מיר באָמבאַרדירט. מיר קומען אָן אין אַ פּאָרט־שטאָט ארגוס, און פון ארגוס מיט שיפן, אָבער די שיפן, וואָס האָבן אונדז געדאַרפט אויפנעמען, שטייען אין פלאַמען. מיר פאַרלאָזן ארגוס, פאָרן אַ גאַנצע נאַכט צווישן בערג און טאָלן, און דאַן קומען מיר צו אַ פּאָרט־שטעטל קאַלאַמאַטאַ. באַלד ווערן מיר ווידער באָמבאַרדירט. מיר אַנטלויפן אין די אַרומיקע בערג און באַהאַלטן זיך צווישן די סקאַלעס. ביינאַכט קומען מיר אָן אין פּאָרט. דאָרט געפינען זיך שוין טויזנטער סאָלדאַטן. מען דערציילט אונדז, אַז עס דאַרפן אָנקומען שיפן אונדז אויפצונעמען. אינמיטן נאַכט באַווייזן זיך צוויי שיפן, אויף די שיפן נעמט מען אַרויף נאָר פאַרוווּנדעטע, אַביסל שפּעטער אויך געזונטע. צוויי אַזייגער ביינאַכט, די שיפן זענען אָנגעפּראָפּט מיט מיליטער, פאַרלאָזן זיי דעם פּאָרט. עס הייבט אָן טאָגן, מיר באַקומען אַ באַפעל צו גיין אין די בערג אויף אַ גאַנצן טאָג, און דאַן וועלן ווידער קומען שיפן אונדז

אויפנעמען. אַ גאַנצן טאָג ליגן מיר פארשטעקט צווישן די בערג, מיר קאָנען דעם קאָפּ נישט ארויסשטעקן. דער רויש פון די עראָפּלאַנען הערט נישט אויף.

פארנאכט פאַרלאָזן מיר די בערג און ווילן זיך צוריק־קערן צום פּאָרט, פּלוצים עפענט זיך אויף אונדז אַ פייער פון מאשין־געווער פון די ארומיקע בערג, און אָט זענען די דייטשע־פּאראשוטיסטן וואָס רינגלען אונדז ארום. אונדזערע אָפיצירן אָרגאַניזירן באַלד אַ קעגן אָנגריף. מיר אַטאַקירן און פאַרטרייבן זיי פון די בערג. עס ווערט פינסטער. טויזנטער שטייען ווידער ביים ברעג און וואַרטן אויף שיפן וואָס דאַרפן אונדז אויפנעמען, אָבער קיין שיפן זעט מען נישט אלע אָפיצירן ווערן גערופן צום גענעראל. אונדזער אָפיציר בן־אהרון, אַ חבר פון קיבוץ „גבעת־חיים”, אַ באַוווּסטע פערזענלעכקייט אין לאנד, געוועזענער פארקער־מיניסטער נעמט אויך אנטייל אין דעם צוזאמענטריף און גיט אונדז איבער די טרויעריקע בשורה, דער גענעראל האָט באַשלאָסן דאָס מיר גיבן זיך אונטער. אַ שוידער האָט אונדז ארומגענומען. עס הערן זיך שאָסן פון אלע ווינקלען, דאָס זענען געוועזן זעלבסטמאָרד־שאָסן. מיר האָבן באקומען אַ באַפעל פארניכטן דאָס געווער אין אריינוואַרפן אין ים. אסאך פון אונדז האָבן דאָס געווער מיטגענומען און צוריק־צו־וועגס אין די בערג. אונדזערע אפיצירן און אונטער־אפיציר האָבן אונדז געהייסן אָפּראַזירן זיך, אָפּוואַשן און אוועקשטעלן זיך אין אָרדנונג, נישט געבראָכן, און אויב שוין יאָ גיין אין געפאנגענשאַפט, דאַן אזוי ווי סאָלדאַטן.

דאָס איז געווען די נאַכט פון 29סטן אפריל, עס הייבט אָן טאָגן מיר הערן אַ רויש פון מאָטאָציקלען, עס דערנענטערט זיך דער ערשטער דייטש צו אונדז, ער זיצט אויף אַ מאָטאָציקל, ווענדעט זיך צו אונדז, „גוט מאָרגן, קאַמעראַדן”, נעמט ארוס פון אַ לעדער־טאַש דעם האָקנקרייץ־פאָן לייגט אים אויס אויף דער ערד, באַפעסטיקט אים פון אַלע פיר עקן און פאָדערט אונדז אויס נישט פארשטעלן דעם צייכן בכדי די עראָפּלאַנען זייערע זאָלן אונדז נישט באָמבאַרדירן אויף דעם פּלאַץ.

אין דעם טאָג ווערן אויפגעזאַמלט צען טויזנט בריטישע סאָלדאַטן, צווישן זיי 1500 יידן, ארץ ישראל־סאָלדאַטן, מיר ווערן אַוועקגעפירט מיט דער באַן קיין קארינט, אין דעם ערשטן געפאַנגען־לאגער פון גריכנלאנד. אין דעם לאַגער ווערן מיר שרעקלעך אויסגעהונגערט. אַלע פּאָר טאָג באַקומען מיר אַ פּאָר לעפל רייז מיר פאַלן פון די כוחות. נאָך דריי וואָכן ווערן מיר אוועקגעפירט קיין סאַלאָניקי. צענדליקער קילאָמעטער גייען מיר אונטער דער ברענענדיקער זון, הונגעריק און דאָרשטיק. אין סאלאניקי ווערן אויפגעזאַמלט טויזנטער בריטישע זעלנער.

נאָך עטלעכע וואָכן ווערן מיר אריינגעזעצט אין אַ לאַסט־באַן. יעדער וואַגאָן ווערט אנגעפּאַקט וויפל עס לאָזט זיך און מען פירט אונדז אין דעם פארשאָלטענעם היטלער־לאנד. מיר פאָרן איבער יוגאסלאוויע. פאַר בעלגראַד הערט מען עטלעכע שאָסן. פון עטלעכע וואַגאָנען הויבן געפאנגענע אָן אנטלויפן. אין בעלגראד שטעלט זיך די באַן, פון דעם וואַגאָן, ווו עס פעלט אַ געפאנגענער, ווערן אלע איבריקע ארויסגענומען און מערדערלעך געשלאָגן מיט שטעקנס. די געוואַלדן דערגייען ביז דעם הימל. נישט די ארץ־ישראלדיקע ווערן געשלאָגן, נאָר ענגלענדער און אויסטראליער. דאָס געשלעג הערט דאַן אויף ווען עס זאַמלען זיך צענויף הונדערטער יוגאסלאווער און קוקן זיך צו צו דעם פאר־ברעכן. .עס דערהערט זיך דאָס עפענען פון די וואַגאָנען. אין אונדזער וואַגאָן קומט אריין אַ דייטש און שלעפּט ארויס די ערשטע צוויי געפאנגענע. מיר זענען זיכער געווען, אז דאָ וועט פאָרקומען עפּעס שלעכטס, אָבער נאָך עטלעכע מינוט זענען זיי צוריקגעקומען מיט אַ קאַסטן ווייס ברויט, ווורשט און עפּל, דאָס איז געווען א מתנה פון דעם יוגאָסלאַווישן רויטן־קרייץ. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט דאָס לעבען.

נאָך עטלעכע טעג זענען מיר אָנגעקומען קיין מארבורג, עסטרייך, און ווערן אריינגעפירט אין אַ גרויסן געפאנגען־לאגער, סטאלאג. אין דעם לאגער האָט מען שוין אָנגעטריבן ענגלישע און פראנצויזישע סאָלדאטן. מיר ווערן אָפּגעזונדערט פון די נישט־יידישע געפאנגענע און עס האָבן זיך אָן צרות. אלע נישט יידישע געפאנגענע באקומען פּאַקעטן פון רויטן קרייץ, מיר נישט. די באַציאונג צו אונדז איז אַ שלעכטע. מיר דערוויסן זיך פון אַן עסטרייכישן סאָלדאַט, אַז די קאָמענדע פון לאגער ווייסט נישט וואָס צו מאכן מיט אונדז און וואַרטן אויף אַ באַפעל.

ענדלעך ווערן מיר פונאנדערגעשיקט אין קליינע אר־בעטס לאגערן אין די טיראָלער בערג. איין גרופּע פון 35 געפאנגענע, אין וועלכער איך געפין זיך, האָט מען געשיקט אין דאָרף דורנסבאך. פון דאַרף גייען מיר ארויף עטלעכע שעה גאנג צווישן הויכע בערג. דאָרט איז פאַרהאַן אַן אָפּגעזונדערט הייזל דאָס איז אַ פריי אָרט פאַר די טוריסטן „בערג־שטייגער”. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט ביים פאריכטן די בערג וועגן. טעג גייען פארביי און מיר קריגן נישט קיין שפייז. די 4 וואָך־סאָלדאַטן דערקלערן אַז עס איז שווער צוצופירן עסן, מיר פאלן פון די כוחות. אונדזער מזל איז געווען וואָס נישט ווייט פון אונדזער לאגער האָט זיך געפינען אַ האָטעל, די אייגנטימער פון האָטעל האָבן געוווּסט פון אונדזער לאגע. זיי האָבן געבעטן די וואכמענער אז נאָך דער אַרבעט זאלן מיר קומען צו זיי אין הויף און זיי וועלן אונדז געבן אַביסל עסן. יעדן טאָג נאָך דער ארבעט זענען מיר געקומען אויפן הויף פון האָטעל און די באַלעבאָסטע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסן טאָפּ מיט זופּ און אַ שטיקל ברויט. אַזוי האָט אונדז די פאמיליע געראַטעוועט, פון הונגער־טויט.

נאָך דריי וואָכן האָבן אונדז די וואכמענער אַראָפּ־

געפירט פון באַרג און צוגעפירט צום נאָענטן באַנהויף. אויף דער באַן הויף האָט מען שוין געטראָפן אַנדערע גרופן פון אונדזערע געפאַנגענע און מיר זענען געפאָרן אין אַ סטאַלאַג קיין מארבורג.

אריינקומענדיק אין לאגער האָט מען דערשפירט אַן אַנדערע אטמאָספער, יעדער פון אונדז האָט באקומען אַ האַלב ברויט און ווורשט און די באציאונג צו אונדז איז געוואָרן אַ מילדע. מען האָט אונדז צוזאמענגעזאַמלט אויף איין פלאַץ. עס זענען שוין דאָרט געווען אַסאַך צעווילע מענער און העכערע אָפיצירן דאָס זענען געווען פאָרשטייער פון שווייצארישן רויטן קרייץ. זיי האָבן אונדז דערקלערט, אַז מיר ווערן היינט אַוועקגעשיקט אין אַ גרויסן לאגער קיין ברעסלאו, דאָרט וועלן מיר זיין אונטער שטענדיק אויפזיכט פון אינטערנאציאָנאלן רויטן־קרייץ.

באלד האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און מען האָט אונדז געפירט צום הויפט־ארויסגאנג ביים טויער. דאָ האָט יעדער איינער באקומען אַ גאַנץ ברויט און ווורשט אויף עטלעכע טעג פאר דער רייזע. מיר זענען אָנגעקומען קיין לאמענסדאָרף נעבן ברעסלאו, דאָס איז געווען אַ גרויס געפאנגענלאגער פון פארשידענע פעלקער. דאָ האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל באקומען פאקעטן פון רויטן קרייץ. אַ דאנק די פאקעטן האָבן מיר אויסגעהאלטן די פיר יאָר געפאנגענשאפט.

תשעה באב 1941, דער עלטסטער פון די ארץ ישראל געפאנגענע ווענדעט זיך צום לאגער קאָמענדאנט און קלערט אים אויף די באדייטונג פון היינטיקן טאָג, און בעט, ער זאָל דערלויבן די יידישע געפאנגענע מאַכן אַ געבעט־אפעל. מיר שטעלן זיך אויס אויף דעם הויפט פלאַץ פון לאַגער אין דער פולסטער מיליטערישער אָרדנונג. ארום אונדז שטייען טויזנטער געפאַנגענע ענגלענדער, פראנצויזן, פּאָליאקן און קוקן זיך צו. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַסאַך יידן, וואָס האָבן נישט אויסגעזאָגט זייער אָפשטאַם. יוסף אלמוגי האָט דאַן געהאלטן אַ דערמוטנדיקע רעדע, און נאָך דעם האָבן מיר געזינגען די התקוה מיט שטארקע שטימען.

נאָך אַ קורצער צייט אָרגאניזירט יוסף אלמוגי אַ גרופּע פון 129 געפאנגענע און מיר פאָרן ארויס מיט אַ קליינעם אַרבעטס לאגער נעבן גלייוויץ. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט בא דעם אדאָלף היטלער־קאנאל. אונדזער ארבעט איז באשטאַנען פון שויפלען זאַמד. נעבן אונדז האָט געארבעט אַ גרופּע פּוילישע ארבעטער. דעם ערשטען טאָג האָב איך דערזען איינעם, וואָס איך האָב זיך מיט אים געקאָנט נאָך פון די קינדער יאָרן ער האָט מיך באַלד דערקאָנט, אָבער איך האָב מיך נישט געמאכט וויסן איך האָב געהערט ווי ער זאָגט צו די איבריקע פּאָליאַקן: „ווי איז דאָס מעגלעך? יענקל איז דאָך געפאָרן קיין פאלעסטינע, ווי קומט ער דאָ אהער? זיכער האָב איך אַ טעות. ער איז אוודאי בלויז ענליך צו אים". איך האָב נישט געוואָלט, אז מען זאָל וויסן אינדערהיים, אז איך בין אין דייטשלאַנד און דערצו אין געפאַנגענשאפט.

דאָך האָב איך געוואָלט וויסן וואָס עס הערט זיך אינדערהיים, איינמאָל האָב איך יוזעקן געגעבן אַ ווונק. יוזעק קום אין קלאַזעט, ווייל דאָרט האָט מען געקאָנט רעדן אומגעשטערט זיי איז געווען שטרענג פאַרבאָטן מיט אונדז צו רעדן. ער איז צו מיר צוגעפאַלן ווי אַ ברודער און האָט מיר דערציילט, אַז ער פאָרט יעדן שבת אַהיים, מיין משפחה געפינט זיך אין פיאסקי. אַלע לעבן. איך האָב אים געבעטן גאַרנישט דערציילן, איך וויל זיי נישט מצער זיין. איך האָב אים געגעבן ענגלישע ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד, קאַפע און ער האָט געשוויגן. מיט מיר זענען געווען חברים פון קראָקע, טשענסטאכאָוו און אנדערע שטעט פון פוילן. מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט צו שרייבן 6 מאָל אין חודש.

אין הערבסט 1941 זענען מיר אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ צוקער־פאַבריק, אין סודעטן־געביט. מיינע חברים האָבן געשיקט בריוו קיין קראַקע, טשענסטאכאָוו און האָבן באקומען תשובה. איך האָב באַשלאָסן פארבינדן זיך מיט מיינע עלטערן.

איך האָב געשריבן אַ בריוו אַהיים דערציילט וועגן אלעם, און אין אַ וואָך ארום האָב איך באקומען תשובה. פון דאַמאָלס אַן האָט אָנגעהאַלטן דער בריוו־פארקער צווישן אונדז. מיר האָבן געהאט רעכט יעדן חודש שיקן פופציק מארק. איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן.

סוף יאָר 1942 האָבן מיר געאַרבעט איז אַ פאַבריק פון צעמענט אין סודעטן געביט, און אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר ווערן איבערגעפירט אַרבעטן אין קוילן־גרובן, נישט ווייט פון סאָסנאָוויץ. די באַן דערנעענטערט זיך צו דער געגנט, וווּ איך בין געבוירן, וווּ עס געפינען זיך מיינע עלטערן, ברידער, שוועסטער, משפחה. און מיר קומען אָן קיין שאָפּעניץ, צוויי קילאָמעטער פון סאָסנאָוויץ, 7 קילאָמעטער פון מיין היים, איך שרייב ווייטער אָפיציעלע בריוו אָבער פון מיינע בריוו ווייסט מען נישט אין דער היים ווו איך געפין זיך, איך דערהאַלט ענטפער און צווישן די שורות לייען איך ארויס, אַז אין דער היים איז ביטער, און איך טראַכט ווי אזוי מיט עפעס צו הילף קומען מיינע נאָענטע. מיר האָבן דאַן גאָרנישט געפעלט, צו עסן איז געווען פון אלעם גוטן, אפילו ציגארעטן און שאָקאָלאַד, טיי, קאַווע, אַלץ פון רויטן קרייץ, אפילו וואָלענע וועש.

פון מיינע עלטערן האָב איך אויך באַקומען די אדרעסן פון מיינע ברידער וואָס זענען דאַמאָלס שוין געווען אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד. דער ברודער מאָטל מיט נחמנען זענען געווען אין קשעפּהיץ, יהושע אין לאָזיסקא, שמשון אין פאזשימער.

איך האָב צו אלעמען געשריבן און אויך דערהאלטן תשובה. זיי האָבן מיר געשריבן, אַז מיט זיי געפונען זיך אַ סך זאגלעמביער. מיין ברודער שמשון, וואָס וווינט היינט אין בני־ברק, האָט מיר שפּעטער אַסך זאַכן דערציילט, אַז דאָרט זענען געווען יידן עלטסטע, ולאדעק גאַטפריינד.

שווארצבאָרד, וואידיסלאַווסקי א.א. ווען מען האָט שוין געמאַכט שראַדולע יידן־ריין, איז צו זיי אָנגעקומען אַ גאַנצע משפחה פרוי. זין און טאָכטער. פון זיי האָבן מיר זיך דערוויסט וועגן די לעצטע יידן אין סאָסנאָוויץ און גאַנץ זאגלעמביע. אין יאָר 1942 האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פון מיין קוזין יצחק גוטמאַן. ער איז געווען אַ מוזיקער, געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע אין קאַטאָוויץ און אין קראָקע. ער האָט אויך געהאַט אַ ברודערל הערשעלע, וואָס איז צו זיבן יאָר געווען אַ גוטער פיאַניסט, פּראָפעסאָרן פון מוזיק האָבן אים פּאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט, געווען אַ וואונדערקינד. יצחק האָט מיר געשריבן, אַז אַ דאַנק הערשעלען איז זיי דאָס לעבן פיל לייכטער, ווייל הערשעלע פאַרזיסט דאָס לעבן מיט זיין פיאַנאָ־שפּילן דעם קעניג פון סאָסנאָוויעץ מאָניעק מערין.. אַרבעטענדיק אין יאַוואָזשנע האָב איך געהערט ווי פּאָליאַקן רעדן וועגן יידישן קעניג מערין.

אין 1942 האָב איך געשריבן אַ בריוו צו מיין ברודער שמשון קיין פּאָזשימיער, דעם בריוו האָב איך געשריבן אין אַ מין יידיש־דייטש, אָבער פאַרשטיין האָט מען אים געקאָנט. איך האָב זיי צוגעגעבן מוט. געשריבן אָפענע דבורים, אַז מיר וועלן די שונאים איבערלעבן און נאָך דערלעבן אַ גוטע צוקונפט, און מיר וועלן זיך אַלע צונויפטרעפן אויף אייגענער ערד. מיין ברידער שמשון, קומענדיק קיין ישראל, האָט מיר דערציילט, אַז דער דייטשער לאַגער־פירער, וואָס מען האָט אים גערופן דער קליינער, האָט איבערגעגעבן דעם בריוו דעם יידן עלטסטן וולאַדעק, וועלכער איז אַרומגעלאָפן צווישן די יידן מיט דעם בריוו און געזאָגט, אַז דער קליינער פּלאַצט זיכער פון דעם בריוו וואָס ער מוז אים איבערגעבן, אָבער ער האָט געמוזט דעם בריוו איבערגעבן, ווייל ער איז געשיקט געוואָרן דורך דער ווערמאַכט.

אין דער צייט אַרבעט איך אין קוילן־גרובן. איך אַרבעט מיט נאָך דריי פּאָליאַקן אין איין שפּאַרע. איך מאַך זיך נישט וויסן פאַר זיי, דאָס איך בין אַ פּוילישער און טאַקע פון דער געגענט. איך וויל זעען מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאַן איך מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך פאַרשטיי נישט די פּוילישע שפּראַך. איך רעד מיט זיי מיט די הענט, גיי אָן פאַר אַן ענגלענדער. דערווייל הער איך זיך איין וואָס זיי רעדן צווישן זיך, איינער פון זיי דער הויפּט־גורניק, אַ סימפּאַטישער גוי פון אַ יאָר אַכטאונצוואַנציק, דער ציילט פאַר די איבעריקע די לעצטע נייעס פון ב.ב.ס. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך ברענגען אומלעגאַלע פּוילישע צייטונגען. אין די שעהן פון אָפּרו פלעגט ער אויך דערציילן וועגן יידן און דערביי געשאָלטן די דייטשן מיט די ביטערסטע קללות.

צו יענער צייט זענען שוין אין יאַוואָזשנע קיין יידן נישט געווען. מען האָט זיי אויסגעזידעלט קיין שראַדולע. דערביי האָט ער צוגעגבן דאָס אַנציקווייז פירן די נאַציס אַוועק די יידן קיין אוישוויץ „דא פיעצא”. ביטער איז מיר געוואָרן אויף מיין האַרץ. נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, נאָר געטראַכט, וואָס קאָן איך דאָ העלפן, בכדי עמעצן צו ראַטעווען.

אויך האָט דער גורניק, וואָס מען האָט אים גערופן דראַבקא, דערציילט, אַז מען האָט אַוועקגעפירט אַ יידישע משפחה פון יאַזאָזשנאַ, פאַר וועלכער ער וואָלט אַוועקגעגעבן דאָס לעבן — אָבער די אויסזידלונג איז אזוי פלוצלינג פאָרגעקומען, דאָס מען האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן.

דאָ בין איך געקומען צו דעם פונקט וואָס איך האָב געזוכט, צו די צוויי אנדערע אַרבעטער האָב איך קיין צוטרוי נישט געהאַט. דראָבקא איז געקומען יעדן טאָג אַ פּאָר מינוט פריער צו דער אַרבעט, בכדי אַלץ צוצוגרייטן. דאָס האָב איך טאַקע אויסגענוצט. מיט דער ווינדע האָבן זיך שטענדיק אַראָפּגעלאָזט עטלעכע פּערזאָן. איך בין אַראָפּ פון די ערשטע דאָסמאָל האָב איך באַוויזן צו זיין אונטן פאַר דראבקא. אין דעם אויסברוך, ווו מיר האָבן געאַרבעט, האָט מיין קאַרביד לאָמפּ געוואָרפן אַ שיין אויף דעם ארום. „קטא טאָם?” האָט דראבקא אויסגעשריגן, איך האָב געענטפערט: „סוואָי קאָלעגאָ דראַפּקא”. ער איז געבליבן שטיין דערשטוינט און דערביי צוגעגעבן, איך האָב שטענדיק געטראַכט אַז דו מוזט זיין פון אונזעריקע. ער האָט מיך אַרומגענומען און געדרוקט צו זיך.

כמעט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט ער מיר, אַז אַלע יידן גייען אויס, זיי ווערן פאַרברענט אין אוישוויץ, און אויב די מלחמה וועט זיך שנעל נישט ענדיקען וועלן אויך דאָס זעלבן סוף האָבן די פּאָליאַקן, אָבער זיי וועלן דאָס נישט דערלעבן. אויפן מזרח פראָנט לערנען זיי די סאָוויעטן שכל, די ענגלענדער ווידער מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט אין זייערע שטעט. די ענגלענדער באַצאָלן פאַר אונדזער חרוב־געוואָרנער וואַרשע.

דאַן האָב איך אים געפרעגט, צו די צוויי מיטאַרבעטער מעגן וויסן פון מיר, וויסן קאָנען זיי, האָט ער געזאָגט, אָבער נישט דערציילן זיי פון וואַנען איך בין און פון קיין שום געהיימע זאַך נישט וויסן.

ווען די צוויי זענען געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער זיי געפרעגט, צו זיי האָבן אַ ביסל „סאַמאַגאָנקע”. זיי זענען באַלד געלאָפן און געשאַפן אַ ביסל היימישע משקה. דאָס ערשטע קאַווע־טעפל האָבן זיי מיר אָנגעגאָסן. איך האָב עס נישט געקאָנט נעמען צום מויל. יענעם טאָג האָט די נאָרמע שטאַרק אונטערגעהינקט.

יעדן טאָג עלף אַ זייגער האָבן מיר שוין געהאַט געמאַכט אונדזער נאָרמע. דרייסיק וועגעלעך קוילן און אַוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקל. ביז דעם טאָג האָב איך זיך איינגעהערט און נישט געמאַכט פאַרשטיין.

דער שטייגער, אַן ס.ס.מאַן פון רוהר־געביט איז שטענדיק געווען צופרידן פון אונדז, אפילו ווען ער האָט אונדז באַמערקט זיצענדיק, האָט ער זיך נישט געמאַכט זען. ער

האָט געהאַט זיין נאָרמע, דעריבער איז ער געווען אַזוי צעפרידן פון אונדז. שטענדיק איז ער ארומגעגאַנגען מיטן רעוואָלווער ביי דער זייט און אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלע אַרבעטער. אַסאַך פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן די נאָרמעס נישט אויסגעפירט, האָט מען געפירט קיין אוישוויץ. פון זיין האַנט זענען אויך געפאַלן צוויי ארץ ישראלדיקע גע־פאַנגענע, איינער פון זיי זאַסלער, א זון פון שמש פון דער גרויסער שול אין תל אביב. זאַסלער איז געווען אַ צבר, אַ פריילעכער חברה־מאַן געשפּילט שיין אויף אַ האַרמאָשקע, שטענדיק פריילעך. ער פלעגט זאָגן, אז כל זמן ער וועט זיך געפינען אין דייטשלאַנד, וועלן זיי פון אים קיין נוצן נישט האָבן, ער וועט פאַר די דייטשן נישט אַרבעטן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אונטער דער ערד האָבן מיר געאַרבעט צו דריי, פיר פערזאָן אין אַ גרופּע. יעדע גרופּע האָט געדאַרפט מאַכן איר נאָרמע. זאַסלער, אַנשטאָט אַרבעטן, האָט געשפּילט אויף זיין האַרמאַשקע. איינמאָל איז אים באַפאַלן אַ דייטשער שטייגער מיט געשרייען און זידלערייען. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיט דעם קאַרביט לאָמפּ דעם דייטש געעפנט דעם קאָפּ. דעם נאַצי האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. צומאָרגנס איז געקומען דער שטייגער, וואָס איז געווען צוגעטיילט צו אונדזער גרופּע, זאַסלערן אַוועקגעפירט אַן אַ זייט און דערשאָסן.

דעם טאָג, וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט מיינע מיט־אַרבעטער, און כאַפּענדיק דעם לחיים איז די אַרבעט נישט געגאַנגען. עס איז שוין עלף דער זייגער און מיר האָבן ערשט פּופּצן וועגעלעך, און אָט קומט ער אָן דער שטייגער. „וואָס איז לאוס״? שרייט ער. אליין אַ גרויסער אוהב פון ביטערן טראָפּן. האָט ער באַלד דערשמעקט, אַז מען האָט דאָ געמאַכט אַ כוסה. וואָס פאַר א שמחה ביי אייך, וואָס איר האָט געטרונקען? האָט ער געפרעגט. דראַפּקע דערקלערט אים דאָס ער האָט היינט נאָמענסטאָג, אויב אַזוי גענוג אויף היינט, און אפשר איז נאָך פאַרהאַן ביי אייך אַ טרינק. קאָנט איר עס ענדיקן און דערנאָך רוען. דראַפּקע האָט ארויסגענומען דאָס פלעשל און אויך אים מכבד געווען.

אַזוי זענען די טעג געפלאָסן איך בין נאָך אַרומגעגאַנגען מיט די מחשבות ווי אַזוי קאָן מען העלפן מיין משפּחה. איך האָב צוגעגרייט אַ פּאַקעט מיט אַלעם גוטן: שאָקאָלאַד, טיי, קאַפע, ציגאַרעטן און געבעטן דראַפּקען, ער זאָל מיר דאָס מיטנעמען און איבערגעבן מיינע עלטערן. מיין געוויסן איז דערביי נישט געווען רואיק, מחמת איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס עס דראָט אים פאַר אַזאַ ענין, ווען מען כאַפּט אים אין באַציאונג מיט יידן, און ער דאַרף באמת זיין אַ גרויסער צדיק ער זאָל עס מאַכן.

איך האָב געוואַרט ביז ער וועט זיך ווענדן צו מיר. און טאַקע אין דריי טעג שפּעטער האָט ער מיר אַליין פאָרגעש־לאָגן, אַז אויב איך האָב נישט קיין מורא צו געטרויען אים, זאָל איך צוגרייטן גוטע זאַכן, און היות זונטיק אַרבעט מען נישט, וועט ער צופאָרן צו מיינע עלטערן און דאָס איבער־געבן, און אויך איבערגעבן אַ גרוס פון מיר.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז ביים ערשטן באַזוך, זאָל ער פאָרן אָן פּאַקעטן, נאָר אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט, איך האָב אים געגעבן פינפהונדערט מאַרק, ער זאָל זיי איבערגעבן. אויך אים האָב איך געגעבן אַ ביסל גוטע זאַכן, געלט האָט ער נישט געוואָלט נעמען. דאָס ביסל גוטע זאַכן האָט ער גענומען פאַר זיין פרוי מיט זיינע צוויי קינדער. די צייט איז געווען אַ ביטערע אויך פאַר די פּאָליאַקן.

און אָט האָב איך דערלעבט דעם זונטיק, וואָס דראַפּקע דאַרף פאָרן קיין סאָסנאָוויץ און פון דאָרט קיין פּיאַסקי גיין צו פוס. די נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק איז פאַר מיר געווען אַ וואָך־נאַכט, מיינע אויגן האָבן זיך נישט פאַרמאַכט, און ווי שרעקלעך לאַנג האָט זיך די נאַכט געשלעפּט, און עס וויל נישט טאָגן. דער געשריי „אויפשטיין״, וואָס די דייטשן האָבן גערעוועט, האָט מיך געטראָפן אַ וואַכעדיקן. איך בין נישט אַנטשלאָפן געוואָרן אין דער דאָזיקער נאַכט.

דאָס מאָל בין איך מיט האַרץ־קלאַפּעניש געגאַנגען אין דער ריי, איך האָב נישט געפילט ווי איך שטעל די טריט.

און אָט זיץ איך שוין אין דער ווינדע און לאָז זיך אַראָפּ אין דער שאַכט. איך בין כמעט געלאָפן מיט דעם קאַרביד־לאָמפּ אין די שמאָלע טונעלן אונטער דער ערד, אָנגעשלאָגן מיין קאָפּ יעדעס מאָל אין אַן אַנדערער בעלקע און אָט זע איך שוין דאָס ליכט פון מיין אַרבעטס־לאָך, ווו מיר האָבן געאַרבעט. דראַפּקע איז שוין דאָרט געווען און איך בין אין איין אָטעם געלאָפן צו אים... „וואָס הערט זיך?״ -- האָב איך קוים ארויסגעשעפּטשעט. „אַלץ אין אָרדענונג. דאָ האָסטו אַ בריוו פון דיין טאַטן אַליין״ מיין האַרץ ציטערט, זיי לעבן נאָך! איך האָב געעפנט דעם בריוו און האָב דערקאָנט מיין טאַטנס גרויסע שיפע יידישע אותיות, זיין האַנטשריפט. ער שרייבט מיר, אַז ער האָט דערהאַלטן די פינפהונדערט מאַרק, און דאָס איז פאַר זיי אַ גרויסע זאַך. עס פרייט אים פון מיר צו הערן גוטס... אָבער בעסער וואָלט געווען ווען איך וואָלט געווען אין ירושלים. ער וויל נישט אַסך שרייבן, ווייל מיין פריינט דאַרף וואָס שנעלער פון דאַנען אַוועק. אויך אַ צושריפט פון דער מאַמען און פון אונדזער אייניקל שרהלע, אַ מיידעלע פון צען יאָר.

דראַפּקע האָט מיר דערציילט פון דער היים. מיין פאָטער, וואָס איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ בלעכער, אַרבעט אַלץ בלעכער אין קוילן־גרובן. אַלע ברידער געפינען זיך אין אַרבעטס לאַגערן. די שוועסטער, וועלכע האָט געוווינט אין זשאַרקי האָט געשיקט איר מיידעלע צו אונדז, און זי מיט איר מאַן זענען געבליבן באַהאַלטן ביי אַ פּוילישער משפּחה. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער גוי האָט זיי דערמאָרדעט, און דאָס געלט ביי זיי צוגענומען.

דראַפּקע האָט מיר אויך געזאָגט, אַז עס איז לייכט צו־

צעפאָרן, און אויף דעם נאָענסטן זונטיק, זאָל איך צוגרייטן אַ פּאַקעט, וועט ער עס מיטנעמען. איך האָב צוגעגרייט אַ פיינעם פּאַקעט, פון שאָקאָלאַד, קאַווע, טיי, ציגארעטן און 5000 מאַרק. און ווידער איז זונטיק, און ער פירט אויס בשלימות די שליחות און גייט צופיס קיין פּיאסקי. אזוי האָט עס אָנגעהאַלטן עטלעכע חדשים.

אין דער צייט איז פון אונדזער לאגער אַוועקגעפאָרן אין סטאלאג — לאַמסדארף אַ גרופּע קראַנקע און אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען אַן אַנדערע גרופּע ארץ ישראלדיקע געפאַנגענע. צווישן זיי איינער, וואָס מען האָט אים גערופן לוי פעלדמאַן. געוועזן איז ער פון פּוילן, איז פון אָנפאַנג מלחמה אַוועקגעפלויגן מיט אַ פּוילישן עראָפּלאַן קיין ענגלאַנד אין די לעצטע וואָכן איז ער געוואָרן אַראָפּגעשאָסן אין אַ לופט־שלאַכט איבער פראַנקפורט און איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

אָפיצירן־פליער האָבן די דייטשן נישט געשיקט צו קיין ארבעט, ווייל פון ארבעטס לאַגערן האָט מען געקאָנט לייכט אַנטלויפן דעריבער האָט זיך אונדזער פעלדמאַן (היינט ארבעט ער אין טעלעגראַפן אָפּטיילונג אין תל־אביב) געטוישט מיט די סטאַלאַג נומערן מיט דעם פּאָליאַק.

דער פליער איז געקומען מיט אַ רעקאָמאַנדאַציע פון דער ועדת הבריחה. דאָס איז געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע גרופּע, פון ענגלענדער, פראַנצויזן און אויך ארץ־ישראל חברה האָבן מיט זיי מיטגעארבעט. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים העלפן מאַכן פּליטה. דער סערזשאַנט פרידלענדער האָט מיר איבערגעבן דעם ענין, איך זאָל עס איבערגעבן דראַפּקאַ, וואָס איז אליין געווען אַ מיטגליעד אין דער פּוילישער אונטערגרונט־באַוועגונג.

צומאָרגנס איז פעלדמאַן מיטגעגאַנגען צו דער ארבעט, איך האָב אים באַקאַנט מיט דראַפּקאַ. די צווייטע וואָך פון זיין קומען האָט פעלדמאַן געמאַכט ויברח, און נאָך צוויי חדשים האָט ער ווידער באָמבאַרדירט דייטשע שטעט, און מיר האָבן פון אים דערהאַלטן אָפיציעלע בריוו דורכן רויטן־קרייץ.

אגב, אַנטלויפן איז געווען שווער, מען האָט געדאַרפט צוגרייטן פּאַפּירן, און פאַלשע פּאַפּירן האָט מען נאָר געשאַפן פאַר אויסנאַם געפאַנגענע, באַרימטע פליער אָדער הויכע קאָמענדאַנטן, אָפיצירן. ווען אַנדערע געפאַנגענע האָבן באַשלאָסן אַנטלויפן, האָבן זיי עס געמוזט מאַכן אויף אייגענער אחריות, און דאָס איז קיינמאָל נישט געלונגען, ווייל אויף אַלע וועגן, באַנען, באַן־סטאַציעס און אויטאָבוסן האָבן זיך געפונען פּאָליציי, געהיים־פּאָליציי, סס. מענער, און געסטאַפּאָ און האָבן גוט קאָנטראָלירט, און זעלטן ווען וואָס עס האָט זיך געקאָנט אַדורכרייסן. ווען מען זיי האָבן געכאַפּט האָט דער טויט נישט אויסגעמיטן.

אין יאָר 1943 זענען פון אונדזער לאַגער אַנטלאָפן צוויי געפאַנגענע. מען האָט זיי געכאַפּט און צוריקגעבראַכט אין לאַגער. דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז געווען אַ שרעקלעכער רשע און רוצח. ער האָט גענומען די צוויי אַנטלאָפענע איינער פון זיי האָט געהייסן אייזענבערג און דער צווייטער קראַוזע, ביידע פון לאָדזש, צוזאַמען מיט מיר געקומען אויף איין שיף. אין ארץ ישראל זענען זיי געווען, ביז מאָביליזירן זיך אין מיליטער, אין די פּלוגות בית״ר. דער קאָמענדאַנט האָט זיי ארויסגעפירט מיטגענומען מיט זיך אַן אונטער־אָפיציר, ארויסגעפירט זיי אין פעלד, כלומרשט זיי זאָלן ווייזן ווי אזוי און מיט וועלכן וועג זיי זענען אַנטלאָפן. אייזענבערג און קראַוזע גייען פאָראויס, און די דייטשן הינטער זיי. דער לאַגער קאָמענדאַנט נעמט ארויס דעם רעוואָלווער און גיט דערביי אַ ווונק דעם אָפציר, ער זאָל אים נאָכטאָן. דער לאַגער קאָמענדאַנט האָט אויסגעשאָסן גלייך אין קראַוזעס קאָפּ און אים אויפן אָרט דערשאָסן. דער אונטער־אָפיציר איז געווען אָרענטלעכער און האָט אים געשאָסן אין אָרעם. אייזענבערג איז געגעבן אַ פאַל אויף ער האָט געהערט ווי דער קאָמענדאַנט זאָגט צום אונטער־אָפיציר מען זאָל ברענגען די דאָקטאָרין, וועלכע איז געווען אין דינסט אויף דער שאַכט, דאָס זי זאָל פעסשטעלן דעם טויט פון די צוויי געפאַנגענע.

די דאָקטאָרין איז באַלד געקומען. .זי האָט געעפנט די אויגן פון קרויזע און פעסטגעשטעלט דאָס קרויזע איז טויט. דאַן האָט זי געעפנט די אויגן פון אייזנבערגן און האָט אויסגעשריגן, „דער הונט לעבט נאָך!״ אייזענבערג האָט דאָס אַלץ געהערט. דאַן האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן דעם אונטער־אָפיציר, ער זאָל אים געבן נאָך אַ קויל. דער אונטער־אָפיציר האָט זיך ארויסגעדרייט מיט דער טענה, אַז עס דערנענטערן זיך ציווילע מענטשן און דאָס איז נישט געווונטשן. דאַן האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן, מען זאָל אים נעמען אין שפּיטאָל קיין שיעמיאַנאָוויץ. דער ענגלישער דאָקטאָר אַ געפאַנגענער, האָט אים עטלעכע מאָל באַזוכט אין שפּיטאָל, און האָט אונדז דערציילט, אז אייזענבערג קומט ווידער צו די כוחות און ווערט געזונט.

איינמאָל, ווען דער ענגלישער דאָקטאָר האָט אים באַזוכט, האָט ער אים געטראָפן אין אַ שרעקלעכער לאַגע, ער איז געווען אינגאַנצן געשוואָלן. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז מען האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג מיט אַ פאַרזשאַווער נאָדל. אייזענבערג איז דערפון געשטאָרבן.

נאָך דער באַפרייונג האָט מען גערופן אונדזערס אַ קאָרפּאָראַל בכדי צו דערקענען דעם קאָמענדאַנט דעם רוצח. אין פעלד־געריכט האָט אים דער קאָרפּאָראַל באַלד דערקאָנט און אים געשפּיגן אין פּרצוף, אויסגעריסן די אויגן און אויפגעהאָנגען, אַ נקמה פאַר אייזענבערגס און קרויזעס פאַרגאָסן בלוט. אויך דעם אונטער־אָפיציר האָט מען געפונען, מען האָט אים אָבער באַפרייט.

פרילינג 1943, שוין צוויי מאָנאַט ווי דראַפּקין פאָרט יעדן

זונטיק צו מיינע עלטערן מיט אַ פּאַקעט און מיט געלט. איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז נישט קיין רעטונג. יעדן טאָג קאָן מען זיי אויסזידלען. און מען האָט שוין געוווסט, אַז אויסזידלען הייסט אוישוויץ און דער אויוון. איך האָב אָנגעהויבן זאַמלען דייטשע מארקן. צווישן דער באַפעלקערונג האָבן זיי געהאַט אַ ווערט, און בכדי קאָנען ראַטעווען האָט מען געדאַרפט געלט. מיין איינציקע האָפענונג איז געווען אַז דראפּקא וועט עמיצן אויסבאַהאַלטן, אויב נישט אַלעמען, איז כאָטש וועמען פון זיי.

דאָס איז געווען פסח 1943, דראפּקא קומט מיט אַ פריילעך געזיכט צו דער ארבעט און דערציילט, אַז די יידן אין ווארשעווער געטאָ האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד. דאָס ערשטע מאָל ווי יידן הרגענען דייטשן. איך הער זיך איין ווי די נייעס פארשפרייט זיך צווישן די ארבעטער און זיי רעדן דערפון. איינמאָל, איז אַ מאָנטיק, טרעפענדיק זיך מיט דראפּקענען, און ער דערציילט מיר וועגן דעם זונטיק־באַזוך ביי מיינע עלטערן ווו ער האָט דאָרט געזען צוויי איינינקלעך, שרהלע, אַ מיידל פון אַ יאָר צען פון מיין שוועסטער פייגא און אַ ייִנגעלע, שלמהלע פון אַ יאָר אַכט פון מיין ברודער יחיאל. ער דערקלערט מיר, אַז שלמהלען איז ער גרייט נעמען און אַוועקפירן אין דאָרף צו זיינע עלטערן. זיין פאָטער ארבעט אין אַ טאַרטאַק און זיין דירה איז אָפּגעזונדערט פון אנדערע ארבעטער. שלמה איז בלאָנד און רעדט פויליש ווי אַ פויליש קינד. אָבער שרהלע האָט ער מורא צו נעמען, ווייל זי איז אַ שווארצינקע מיט אַ טיפּיש יידישן אויסזען.

דערהערנדיק דאָס האָב איך קיין וואָרט נישט געקאָנט ארויסרעדן. ער האָט מיר גוטברידעריש געקלאַפּט אין פּלייצע. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב גענוג געלט, אויב ער וועט דערין נויטיקן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דעם נאָענטסטן זונטיק זאָל ער צופאָרן און איבערגעבן דעם פּלאַן, איך האָב מיטגעשריבן אַ בריוו צו מיין ברודער יחיאל, ער זאָל מיטשיקן שלמהלען מיט דראפּקאַן. נאָך זיין צוריקקומען דערציילט מיר דראפּקא, אַז מיינע עלטערן און מיין ברודער קאָנען נישט דעצידירן וואָס צו טאָן. ער גלויבט, זיי וועלן שלמהלען מיטשיקן מיט אים. זיי האָבן אים געבעטן, אַז דעם נאָענטסטן זונטיק ווילן זיי זיך זען מיט אים.

אין דעם טאָג איז דראפּקא נאָך נישט געווען גרייט דערצו. ער האָט זיך געמאַכט קראנק, אַ פּאָר טאָג נישט געאַרבעט און אַוועק צו זיין פאָטער איינאָרדענען דעם ענין. ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער מיר געזאָגט, דאָס עס איז אים נישט אָנגענעם צו זאָגן, אַז מען דאַרף געלט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב צוגעגרייט צען טויזנט מארק. באַרואיקטע האָבן מיר זיך דאַן געשטעלט צו דער ארבעט.

אויף נאָענטסטן זונטיק האָב איך צוגעגרייט אַ פּאַקעט, און ווען איך בין געקומען מאָנטיק צו דער ארבעט מיט דער האָפענונג זיך צובאַגעגענען מיט דראפּקאַן און הערן ווי אַלץ איז אריבער, האָט ער מיר מיין פּאַקעט צוריקגעגעבן, און האָט מיר דערציילט, אז קיין סאָסנאָוויץ איז ער געפאָרן מיט דער באַן און פון סאָסנאָוויץ האָט ער געוואָלט פאָרן מיט דעם טראַם, וואָס פאָרט צו ביז סוף פילסודסקי גאַס און פון דאָרט צופוס קיין פיאַסקי, ווו ער מאַכט דאָס יעדן זונטיק. דאָס מאָל האָט ער נישט געקאָנט פאָרן, ווייל מען האָט געפירט מאַסן יידן איבער די גאַסן פון סאָסנאָוויץ. ער האָט געפרווט פאָרן דורך טשעלאָדז און פון טשעלאַדז אויף פיאַסקי אָבער דער טראַמוויי און די גאַסן זענען געווען פול מיט פּאָליציי און סס..

דראפּקין איז צוגעפאָרן דעם קומענדיקן זונטיק מיט דעם פּלאַן, אַז אין די נאָענסטע צוויי וואָכן נעמט ער שלמהלען. אַזוי האַלטן מיר שוין ביי שבועות 1943. איז יאַוואָזשנער האָבן זיך צו יענער צייט נאָך געפונען צוויי יידישע משפחות, איינער אַ גלעזער, וואָס האָט געאַרבעט אין קוילן־גרוב, און אַ צווייטע משפחה, אַ יונגע פרוי מיט אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן און אַן אלטער פאָטער. די פרוי האָט געהאַט אַ ביר־שענק און אויך אַ קלייטל. זי האָט צוגעשטעלט ביר פאַר די דייטשע אָפיצירן. מיר האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט צו קויפן שווארץ ביר.

איינמאָל בין איך געפאָרן אַהין איבערפירן עטלעכע קאַסטנס ביר. די שענק איז געווען איבערפולט מיט אָפיצירן, וואָס האָבן געטרונקען, און דער אַלטער פאָטער איז געזעסן אין שטוב ביי אַ בלאַט גמרא. דער ייד האָט אונדז געגעבן אַסך ספרי קודש און אויך יידישע חזנות־פּליטן. עטלעכע מאָל איז דאָס ייִנגל געקומען צו אונדז אין לאַגער. אונדזער מחנה האָט געקויפט אַסך ביר. פון דער פרוי האָבן מיר זיך דערוווסט אַז אַ טייל יאַוואָזשנער יידן זענען אין געטאָ שראָדולע, און אַ טייל אין אוישוויץ. דערווייל פאַרטשעפּעט מען זיי נישט, צוליב דעם ביר־האַנדל, אָבער אויך זיי זענען נישט זיכער מיטן מאָרגן.

אַ באַקאַנטער געפאַנגענער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך אמאָל געטראָפן מיט דעם גלעזער ביי דער ארבעט. דער גלעזער האָט אים דערציילט, אַז די דייטשן נויטיקן זיך אין זיין ארבעט און ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט אדורכלעבן די ביטערע צייט.

דאָס האָט מיר אויך געגעבן אַ בלאַסע האָפענונג, אפשר? וועט דאָס נס אויך געשען מיט מיין פאַמיליע צוליב מיין פאָטערס ארבעט, אין די פיאַסקע קוילן־גרובנס.

איך האָב די גאנצע צייט געשיקט בריוו אַ היים, מיט דער אָפיציעלער דייטשער פּאָסט. די פּאָסטקאַרטלעך, וואָס איך האָב דערהאַלטן, זענען נאָך ביי מיר, צענזורירט פון דער דייטשער ווערמאַכט. די אנדערע בריוו וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון מיין טאַטן דורך דראפּקא, האָב איך פאַרניכטעט.

מיינע עלטערן האָבן מיר אויך געשיקט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער גאנצער משפחה, אויך דורך דראפּקא. די פאָטאָ־

גראפיע האָבן מיר נאָך געמאַכט פאַר דער מלחמה, ווו איך געפין זיך אויך אויף איר. מיין פאָטער האָט דאָן צוגעשריבן, אז לויט ווי ער פארשטייט וועט אָט די פאָטאָגראַפיע בלייבן די איינציקע געדעכעניש פון מיין פאמיליע, און זאָל כאָטש די פאָטאָגראַפיע אַמאָל אָנקומען קיין ארץ ישראל. אָבער צו מיין מזל האָבן דריי מיינע ברודער דורכגעלעבט דעם מבול. זיי געפינען זיך אין ישראל, אויפגעשטעלט משפחות, געבוירן קינדער, וואָס טראָגן די נעמען פון מיינע עלטערן און נאָענטע.

און אָט גרייט איך ווידער אַ פּאַקעט דראפּקא גרייט זיך ווידער פאָרן, און דאָס מאָל קאָנקרעט נעמען שלמהלען מיט זיך. און אָט קומט דער מאָנטיק פרי, דראפּקא קומט צו דער ארבעט און גיט מיר איבער די טרויעריקע בשורה.

אלץ איז געענדיקט! מיין היים איז אויסגעזידלט קיין אוישוויץ, אָט איז געקומען דער שווארצער טאָג פון מיין לעבן. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ גענויעם דין וחשבון וואָס מיט זיי האָט פּאסירט, אויך דעם בריוו, וואָס איך האָב געשיקט מיט דער פּאָסט פאר געפאנגענע איז צוריקגעקומען. און אויף אים אַ סטעמפּל „אויסגעזידלט". אויך דער בריוו האָט זיך ביי מיר אויסגעהיטן. פון מיין ברודער יחיאל האָב איך דערהאלטן אַ פּאָסט קאַרטל געשיקט פון בענדין, פון שניידער־שאָפּ. ער האָט מיר געשריבן, אַז טאַטע מאמע און אייניקלעך געפינען זיך שוין ביים זיידן פנחס... דער זיידע פנחס ז"ל איז שוין אויפן עולם האמת פונעם יאָר 1935.

דאָן האָב איך געבעטן מיין חבר דראפּקא, אפשר קאָן ער מיך פארבינדן מיט מיין ברודער יחיאל. ער האָט נאָכגעפרעגט און האָט מיר געבראכט תשובה, אַז קיין בענדין איז אוממעגלעך צו קומען און זען זיך מיט יידן, זיי ווערן שטאַרק באַוואַכט. אין אַ קורצער צייט ארום האָב איך זיך דערוווּסט פון דער פרוי פון דער ביר־שענק, אַז די אָפּיצירן האָבן איר איבערגעגעבן, אַז אויך בענדין איז שוין יידן ריין.

אין יענער צייט האָבן זיך פיר מיינע ברידער מרדכי, יהושע, שמשון און נחמן געפונען אין פארשידענע לאַגערן אין שלעזיען. איך בין אָבער נישט געווען זיכער, צו לעבן זיי און וו זיי געפינען זיך.

סוף זומער 1943 האָב איך שוין נישט געהאַט פאַר וועמען צו זאָרגן. מיינע עלטערן, מיין ברודער יחיאל און אונדזערע אייניקלעך זענען שוין מער נישט געווען. נישט געהאַט מער צו וועמען צו שרייבן, פאר וועמען צו זאָרגן, פארשוווּנדן אלע האָפענונגען צו ראטעווען עמעצן. אַלץ אָוועק מיטן רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אויוונס טאָג און נאַכט. סערז'שאנשט פרידלענדער האָט געוווּסט פון מיין מצב, ווילנדיק מיך ארויסרייסן פון מיין עצבות האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל מיטפאָרן מיט אַ דייטשן זעלנער פון אונדזער וואַך קיין סאָסנאָוויץ, ווייל די דייטשע וואַך האָט געהאַט איר אָפּטיילונג אין סאָסנאָוויץ, און פון סאָסנאָוויץ האָבן זיי געבראכט די נויטיקע פּראָדוקטן. און איך וועל דארפן העלפן ביים איבערפירן. מיט אַ ביטער הארץ האָב איך מסכים געווען, ווילנדיק כאָטש נאָך אַמאָל זעען מיין היים, כאָטש שוין אָן אויסגעליידיקטע. איך האָב מיטגענומען ענגלישע ציגארעטן, שאָקאָלאַד, קאַפע, רעכענדיק אַז מיט די זאַכן וועל איך עפּעס קאָנען אויפטאָן. קומענדיק קיין סאָסנאָוויעץ האָבן מיר געהאַט כמעט אַ גאַנצן טאָג פריי, און דאָס טאָקע האָב איך זיך באַמיט אויסנוצן. די פּראָוויאַנט־אָפּטיילונג האָט זיך געפונען נעבן דער נייע פּאָסט, אנטקעגן דעם ראטוש, אין די הייזער פון די באַן־ארבעטער און אויף דעם הויף שניידט אדורך די באַן פון קאַטאָוויץ קיין בענדין.

געפינענדיק זיך אויפן הויף פון דער באַן־ליניע האָב איך דערזעען ווי עס קומט אָן אַ באַן, זי איז געבליבן שטיין. דאָס זענען געווען לאַסט־וואַגאָנען אָנגעפּראָפּטע מיט יידן, אויף די טרעפּ פון די וואַגאָנען האָבן געוואַכט באוואָפנטע עס־עסלייט. די קליינע פענסטערלעך פארקראַטעוועט מיט שטאכל דראָט, פון צווישן די שפּארעס האָב איך געזען בלאַסע קינדערשע פּנימלעך. אַ ייִנגעלע האָט ארויסגעשטעקט זיין הענטל מיט אַ טעפּל, און האָט מיר געוווּנקען, איך זאָל אים ברענגען אַ ביסעל וואסער פון פּלומפּ, און ער זאָגט מיר אין אַ ענגליש: קוק, מיין בריטישער פריינט. (איך האָב ביטער געשמייכלט, געוואָלט אויסבעסערן אַז איך בין אַ יידישער פריינט). דאָן האָב איך געוואָגט זיך ווענדן צו אים אין ענגליש, סאָלדאַט, לאָז געבן דעם קינד אַ טרונק וואסער, דאָן ענטפערט ער מיר, דאָס איז נישט דערלויבט, אין קורצן קומען זיי אויף אָן אָרט. דאָרט וועלן זיי אלץ באַקומען, איך האָב געוווּסט וואָס דאָס אָרט הייסט... די באַן איז אוועק אין דער ריכטונג פון שאַפּעניץ. דער וואכמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן צייט ביז פארנאכט און איך קען זען די שטאָט. איך האָב באלד איינגעשטימט, אים אוועק־געפירט אָן אַ זייט, געגעבן אַ שטיק שאָקאָלאַד און מיר זענען אוועק אויף דער דריטער מאַי גאַס, עק מאָדזשעוווער. איך האָב זיך איינגעקוקט אין אַפּטייק געשעפט, ווו עס זענען געזעסן פרעמדע יורשים... ער האָט באַמערקט מיין בליק אויף דער מאָדזשעוווער גאַס, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיר קאָנען שפּאַצירן. פון מאָדזשעוווער האָבן מיר פארקערעוועט אויף די דעקערטא, פארבייגעגאַנגען דעם שול־פּלאַץ, געקוקט אויף דעם הויז, ווו עס האָבן אַמאָל געוווינט די צוויי שוועסטער אקסענהענדלער, צפורה און רבקה, איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך בין געווען מיט צפורהן אין יאָר 1935 מיט נאָך עטלעכע בית"ראָוויצעס, צווישן זיי טאַלא לאַזינגער, די שוועסטער פון מרדכי לאַזינגער, וועלכער געפינט זיך איצטער אין תל־אביב, אויף הכשרה אין סלאָמניק. די פארקוילטע שול האָט אויסגעזען ווי אַ מאַגאַזין און עס האָבן זיך דאָרט ארומגעדרייט דייטשע זעלנער, אָט גיי איך פארביי דעם

לאָקאַל פון אונדזער פּאַרטיי, די גאסן כמעט ליידיק, דאָס רוב געשעפטן פאַרהאַקט מיט ברעטער. קיין ייד האָט מען נישט געזען, פון דאָרט זענען מיר ארויס אויף פּילסודסקי און ווידער צו דער דריטער מאי גאַס, דאָרט האָב איך באַמערקט ווי מען פירט אַ גרופּע יידן גוט געקליידעט מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, נישט קיין אלטע, די פרויען האָבן געטראָגן הויזן און אויך רוקזעק אויף זיך. ווען נישט די וואַך פון די פּאָליציסטן, וועלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ גייט אָן אָרגאַניזירטער אויספלוג. ביי יעדן אַ מגן דוד אויף דער ברוסט, געפירט האָט מען זיי צו דער סטאַציע, אַ טרויעריקער אויספלוג קיין אוישוויץ.

דער וואכמאַן האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל זיך אַדורכפאָרן אין טראָם, איך האָב זיך באַלד מיט אים ארייַנגעזעצט אין טראָם און מיר פאָרן קיין אלט־סאָסנאָוויץ, ביז דער מילאָוויצער הוטע און פון דאָרט האָבן מיר אוועקגעשפּאַצירט קיין פּיאסקי, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און דערצויגן צו דעם הויז, פון וועלכן איך בין אַוועק קיין ארץ־ישראל אָנגעטראָפן באקאנטע פּאָליאַקן, זיי האָבן אויף מיר געקוקט, אָבער נישט געכאַפּט זיך וואָס דאָ קומט פאָר. אין פּיאסקי איז אויך געווען אַן אַרבעטס־לאגער פון ענגלענדער, איך האָב באַמערקט אַז זיי קוקן אויף מיר צו שטאַרק. איך האָב געוווסט פון די בריוו, וואָס איך האָב דערהאלטן פון דער היים, אַז די פּאָליאַקן האָבן געוווסט, אַז איך געפין זיך אין דער ענגלישער ארמיי. איך האָב זיך ווי עס איז ארויסגעדרייט, אריינגעזעצט אין אָנקומענדיקן אוי־טאבוס צוריק קיין סאָסנאָוויץ.

אין דער צייט פארלאָזן מיר יאוואזשנע און מיר קומען אָן אין אַ לאַגער נעבן בויטן, אויך דאָ ארבעטן מיר אין קוילן־גרובן און אַנדערע ארבעטן פון אויבן. איך ארבעט אין אַ גרופּע ביים פאָרלייגן אַ קאַבעל. דאַן דערוויסן מיר זיך, אַז איין קילאָמעטער פון אונדז געפינט זיך אַ לאַגער מיט יידן.

דעם ערשטן טאָג פון מיין ארבעט האָב איך באמערקט עטלעכע פערזאָן אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע באָרוועסע, אויסגעדאַרטע, אויסגעפייניקטע, שלעפּן אַ וואָגן, פיר פערזאָן איינגעשפּאַנט ווי פערד און די איבריקע שטופּן נאָך דעם וואגן און אויף יעדן איינעם באהעפט מגן דודס, אויף דער פּלייצע און אויף דעם ארבל, און איינעם אויף דעם געזעס. עטלעכע מאָל אין טאָג איז דאָס געשפּאַן פאַרביי, פון זייער לאַגער קיין בויטן און צוריק. דער וואגן איז געווען צוגעדעקט מיט אַ צעריסענעם פּלאַנטדעק, דער וועג איז נעבן אונדז געגאַנגען בארג ארויף, אזוי אַז דאָס געשפּאַן האָט זיך אויף אַ רגע פארהאלטן איך האָב ביי מיר געהאַט פּלייער ציגארעטן, נאַטירלעך איז דאָס געווען די גאנגבארסטע סחורה, ביי דעם געשפּאַן איז געגאַנגען אַ וואַך פון 2 אלטע דייטשן איינער האָט זיך דערנענטערט צו אונדז, מיט אונדז איז געשטאנען אַ וואַכמאַן פון דער ווערמאכט, ער איז שוין געוועזן אויף

אונדזער זייט צוליב דער מתנת־יד, וואָס ער האָט באַקומען. איך האָב דאַן דערלאנגט ביידע דייטשן יעדן אַ שעכטל ציגארעטן און געפרעגט ווער עס זענען די לייט? דאָס זענען יידן זייער ארבעט באשטייט אין דעם וואָס זיי פירן צו קבורה זייערע פארשטאָרבענע קאָמעראדן, און פון וואנען זענען זיי? דער ענטפער קומט: פון בענדין—סאָסנאָוויעץ, קאטאָוויץ און סביבה, אלע יוגנטלעכע.

איך פרוו זיך דערנענטערן צו זיי, אָבער די יידן רוקן זיך אָפּ פון מיר, זייער וואכמאַן בעט מיך אומקוקענדיק זיך אין אלע זייטן, אַז איך זאַל זיך צו זיי נישט דערנענטערן. איך האָב ביי מיר געהאט מיין פרישטיק און מיטאָג איך האָב עס ארויסגענומען און געווינקן דעם וואכמאַן, אַז איך וויל זיי דאָס געבן, ער אָט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטן און מסכים געווען. איך האָב דאָס דערלאנגט דעם ערשטן אין דער ריי, און דאָ איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ ביטערער געראנגל איבער דעם ביסל עסן. מיין הארץ האָט געבלוטיקט צוקוקענדיק דאָס בילד. באלד האָבן אלע געפאנגענע נאָכגעטאָן מיין ביישפּיל. פערציק מאן האָבן אוועקגעגעבן וואָס זיי האָבן נאָר געהאט צום עסן. דערלאנגט עס דעם אלטן וואכמאן, ער זאָל עס צעטיילן אין ארדנונג, אז יעדער זאָל דערפון באקומען.

היות ווי דאָס איז געווען אויף אַ פריי פעלד איז דאָס געווען מעגלעך. איך האָב זיי געפרעגט אפשר געפינט זיך צווישן זיי אויך אַ שיוועק, זיי האָבן מיר דערויף נישט געענטפערט.

אויף מיר האָבן זיי געמאַכט אַ רושם, אז די חושים זענען ביי זיי אָפּגעטעמפּט. דער איינציקער סימן פון אינטע־רעס האָבן זיי ארויסגעוויזן ביים געראנגל ארום דעם ביסל עסן, מענטשן—חורבות.

ווען מיר זענען צוריק אין לאגער האָבן מיר דאָס איבערגעגעבן פרידלענדערן. באַלד איז געוואָרן אָרגאַניזירט הילף, יעדער איינער האָט אַראָפּגענומען פון זיין שפּייז פּאקעט. אַנדערע — וועש, זאָקן. מיר האָבן זיך פארבונדן מיט דער וואך פון יידישן לאגער, אונטערגעקויפט, און אַזוי זענען מיר צוהילף געקומען אונדזערע אומגליקלעכע ברידער.

אין אַ צייט ארום האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער לאגער איז געוואָרן ליקווידירט און מען האָט זיי אוועק־געשיקט...

נאָך אַ פּאַסירונג ארום דעם יידן לאַגער. ארבעטנדיק ביי דעם אויבנדערמאנטן קאבל, האָב איך אמאָל פונדער־אונטער א וואַך. איך מיט נאָך אַ געפאנגענעם, אַ תימנער, וויטענס באמערקט ווי עס גייט אויפן שאָסיי אַ גרופּע יידן האָבן זיך אוועקגעשטעלט נעבן דעם וועג, געהאלטן אין די הענט פעקלעך מיט עסן הינטער זיך און געוואַרט ביז די גרופּע וועט זיך דערנענטערן וועלן מיר זיי דערלאנגען דאָס עסן. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָבן אלע זיך געשטופּט אין אונדזער זייט כאפּן דאָס ביסל שפּייז, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראנגעל צווישן זי. פאר זיי איז

געגאַנגען אַ ציווילער דייטש. דער דייטש האָט דאַן באַפוילן די גרופּע שטיין בלייבן און צערעוועט זיך אויף אַ ווילדן אופן: „איר פאַרפלוכטע יידן, שווינען, שמוציקע ראַסע". דאָס בלוט קאָכט אין מיר, דער תימנער האָט מיך געפרעגט דעם באַדייט פון די ווערטער. איך האָב אים איבערגעזעצט. גור אריה דער תימנער האָט זיך אָנגעצונדן געכאַפּט אַ קילאָף, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט און דערלאַנגט דעם דייטש איבערן קאָפּ, דער דייטש האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט, אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד, און מיט אַן אָפענעם קאָפּ האָט מען אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

עס איז אַנטשטאַנען אַ געדרודער, מיר אַלע און אויך די וואַך האָבן באַשלאָסן צו זאָגן, אַז דער דייטש האָט זיך אויסגעדריקט אויף אונדז ענגלענדער באַליידיקנדיק און דעריבער האָט גור אריה אַזוי רעאַגירט. עס איז פאָרגעקומען אַן אויספאָרשונג און עס איז פאַראָרדנעט געוואָרן, אַז קיין שום ציווילע מענטשן זאָלן נישט קומען מיט אונדז אין באַרירונג.

אין יענער צייט האָב איך אַמאָל געהערט, ווי עמעץ פון אַזאַ גרופּע יידן האָט גערופן: „יענקל, יענקל". ליידער האָב איך קיינעם נישט דערקענט. אַזוי האָט מיך געקאָנט רופן נאָר זעער אַ נאָענטער און היימישער. ערשט נאָכן קריג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען ישראליק האָניגמאַן, דער זון פון הערשל קצב פון אַלט סאָסנאָוויץ, אַ ברודער פון בעקער דוד האָניגמאַן.

אויך מיין ברידער שמשון האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז געפאָרן איבער פּאַריז אין יאָר 1950 קיין ישראל, האָט ער זיך געטראָפן מיט דעם זעלבן ישראליק האָניגמאַן און ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט מיך געזען אין ענגלישן אוניפאָרם.

אין יאָר 1944, ווען מיר געפינען זיך נעבן בויטן, אין דערוואַרטונג אויף ענדע קריג, האָט מען צוגעטראָגן אַ נייעס פון ראַדיאָ אַז, די סאָוויעטן גייען פאָראויס און אַז די ענגלענדער, אַמעריקאַנער און פראַנצויזן האָבן דעראָבערט פראַנקרייך און נאָך לענדער דייטשע שטעט זענען באָמבאַרדירט געוואָרן און מיר האָבן דערהערט פון דער נאָענט דאָס שיסעריי פון דער אַרטילעריע. דעם 31 יאַנואַר האָבן מיר דערזען ווי מען פירט געפאַנגענע פון מזרח צו מערב.

אין אַ פאַרנאַכט האָט מען אונדז געהייסן פאָרן. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט. די וועגן פאַרלייגט מיט שניי, די קעלט שניידט אין די ביינער ממש, אַסך פון אונדז האָבן זיך צוגעגרייט שליטעלעך און אַזוי האָבן מיר גרופּענווייז געפירט דאָס געפּעק, און נאַטירלעך די פּאַקעטן פון רויטן קרייץ. מיר זענען געווען אַ גרופּע פון אַ150 ארץ ישראלדיקע געפאַנגענע און אין דער שפּיץ אונדזער קאַרפּאָראַל לוי. קראַנקע זענען געבליבן אין לאַגער, זיי זענען נאָך עטלעכע וואָכן באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוויעטן. מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון גליוויץ. מען האָט ביי זיך נישט געקאָנט באַשליסן, אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך אָדער מאַרשירן ווייטער? מיר האָבן צופיל נישט געטראַכט, הונדערטער טויזנטער זענען געגאַנגען און מיר מיט זיי.

מיר דערנענטערן זיך צו גליוויץ. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר געמיינט, אַז מען וועט אונדז דאָ לאָזן. דייטש מיליטער און פּאָליציי האָבן נישט געלאָזט גיין ווייטער. אין גליוויץ איז פאָרגעקומען אַ פאַרביסענע שלאַכט מיט דער רויטער אַרמיי, דער הימל איז געווען איינגעהילט אין פלאַמען, אַ שטאַרק שיסעריי פון אַרום און מיר אין דער מיט פּלוצים האָט מען אונדז אָנגעהויבן אונטערטרייבן. ביינאַכט זענען מיר צוגעקומען צו דער אָדער, מיט שטורעם האָט מען אונדז דורכגעיאָגט דורך דער בריק, געלאָפן זענען ציווילע און ווערמאַכט. דאָס איז געווען די צווייטע נאַכט פון באַרימטן 1000־קילאָמעטערדיקן מאַרש. אַרום האַלבע נאַכט האָב איך געהערט עפּעס אַ געשושקעריי, מיין חבר יחזקאל ראָזנבלום, אַ חבר פון דער שיף „פּאַטריע", וואָס מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן צוזאַמען, זאָגט מיר אויפן אויער אַז צוויי יידן האָבן זיך אַריינגעדרייט אין אונדזערע רייען. מיר האָבן געהאַלטן דעם גאַנצן באַגאַזש צוזאַמען מען האָט די צוויי יידן מלביש ערומים געווען אין ענגלישע אוניפאָרמען און אַזוי זענען זיי שוין דערגאַנגען ביז צו דער באַפרייאונג.

די צוויי יידן האָבן דערציילט, אַז זיי זענען געווען אין אוישוויץ, מען האָט זיי געפירט אין אָפענע וואַגאָנען, די באַן איז אַ סך מאָל אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און צוזאַמענס זענען שוין געווען אַסך טויטע, פאַרהונגערטע און פאַרפרוירענע, זיי זענען אַראָפּ געשפּרונגען און אַריין אין אַ זייטיק וועלדל, אַרויס אויף אַ שאָסיי, וואָס איז געווען איבערפילט מיט אַנטלויפנדיקע דייטשן, מיליטער און ציווילע, מיט צענדליקער טויזנטער געפאַנגענע סאָוויעטישע זעלנער. זיי האָבן דערזען אַ גרופּע, וואָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי יוגאָסלאַוון, האָבן זיי זיך אַריינגעדרייט אין די רייען און גענומען מיטגיין, ווי דערשטוינט זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערהערט ווי מיר רעדן עברית. איינער פון זיי איז געווען פון וואָלינער געגנט, ער האָט גערעדט עברית דער צווייטער פון קעלצער געגנט.

נאָך צוויי טאָג און צוויי נעכט מאַרשירן האָבן מיר געמאַכט אַ גרעסערן אָפּרו. דאַן האָבן מיר, איך און מיין חבר יחזקאל, באַשלאָסן מאַכן אַ ויברח.

מיר האָבן זיך איינגעוויקעלט אין אונדזערע קאָלדרעס. דער פראָסט האָט געברענט, די ליפּן האָבן זיך געקלאַפּט און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אונדזערע שליטענס. מיר זענען געווען וואַרעם אָנגעטאָן, די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט צום שלאָף. געוווּסט האָבן מיר אַז שלאָפן טאָר מען נישט, ווייל מיר קאָנען איינשלאָפן אויף אייביק.

נאָך דעם קורצן אָפּרו מאַרשירן מיר ווייטער. אינמיטן נאַכט האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ דאָרפיש הייזל

איבערנעכטיקן, די באַלעבאַטים האָבן אונדז גוט אויפגענומען, האָבן פאַר אונדז אויסגעבעט געלעגערס מיט שטרוי. אָבער אויפצומאָרגנס האָבן אונדז די נאַציס אויפגעוועקט צום ווייטערדיקן מאַרש. צו מיין אומגליק האָב איך נישט געקאָנט באַוועגן מיט די פיס, פון אַסך גיין זענען די פיס ביי מיר ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, מיין חבר יחזקאל האָט מיך גענומען שלעפן און פאַמעלעך האָבן מיינע פיס אָנגעהויבן פאָלגן. אַזוי איז מען אָפּגעגאַנגען 1000 קילאָמעטער.

איך דערמאָן גאַנץ אָפט יחזקאל ראָזענבלום, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין מיין לעבן. איך האָב אים דערקאָנט אין וואַרשע צוויי טאָג פאַר אונדזער אוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. מיט אונדז איז געווען נאָך א חבר שמואל ביאַלקע פון בענדין, ער איז געפאַלן אין העלדישן קאַמף פאַר דער אנשטייאונג פון אַ יידישער מדינה.

מיר געפינען זיך שוין אין מאַרש דעם דריטן טאָג. נאָכדעם ווי מיר זענען אריבער דעם טייך אָדער הייבן מיר אָן באַמערקן פאַרברעכענס, וואָס די געשיכטע האָט נישט זייערס גלייכן. צו יעדער גרופּע סאָוויעטישע מיליטער לייט זענען געווען צוגעטיילט די אַזוי גערופענע שיסער. ווען עמיצער איז געפאַלן האָבן זיי אויגעשריגן: „אויפשטיין" אויב ער האָט זיך נישט זאָפאָרט אויפגעשטעלט האָט ער אים אריינגעשאָסן אין פּנים און איז גלייך אוועק צו אַ צווייטן קרבן. אויף די וועגן זענען פון ביידע זייטן געלעגן צענער טויזנטער געפאַנגענע סאָוויעטישע זעלנער אַלע מיט אַ קויל אין פּנים. שרעקלעך איז צו דערמאָנען דאָס בילד. זעלנער, וואָס האָבן געקעמפט אויף די פראָנטן, האָבן זיך געלאָזט שיסן אין פּנים אריין, ווען מיט די בלויזע הענט האָבן זיי געקאָנט אנטוואָפענען די דייטשן און זיך פונאַנדערלויפן...

מיט גייען שוין עטלעכע טעג. יעדן טאָג 15־20 קילאָמעטער, עסן באַקומען מיר נישט, די פּאַקעטן האָבן זיך אויסגעלאָזט, אויסגעהונגערט הויבן מיר אָן פאַלן פון די כוחות נאָך אַ טאָג גיין פירט מען אונדז אין אַ סטאַדאָלע איבערנעכטיקן. ביטערע קעלטן, פאַרשנייטע וועגן, ערגעץ ווי אין פעלד כאַפּט מען אַ געפרוירענע ריב אָדער מען שלעפּט צו אַ פּאָר קאַרטאָפעל, אַ רויער קאַטאָפעל ווערט אַ לוקסוס.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר איבערגעלעבט אַ גרויסן יום טוב. דאָס פערד, וואָס האָט געשלעפּט דעם וואָגן מיט ידער דייטשער וואך, האָט זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס, עס האָט זיך נישט געקענט מער אויפשטעלן, בכדי פּטור ווערן פון פערד האָבן זיי איינגעשטימט, אַז מיר זאָלן דאָס פערד אוועקשעכטן און אָפּקאָכן. אַזוי האָט יעדער פון אונדז באַקומען אַ שטיקל פערד פלייש ממש דערהאַלטן דאָס לעבן.

אַזוי האָבן מיר זיך דערשלעפּט אַמאָל צו אַ דאָרף אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע זענען מיר אוועקגעפאַלן אויף דעם שטרוי אין סטאָדאָלע, רעזיגנירט, מיינענדיק, אַז דאָ בלייבן מיר שוין און גייען אויס פון הונגער אָבער שטענדיק איז געשען עפּעס אַ נס, און מיר האָבן עפּעס געפונען צום עסן, אַזוי האָבן מיר אַמאָל אויף אַ בוידעם געפונען זעק מיט מאָן, יעדער איינער פון אונדז האָט זיך אָנגעפּאַקט די טאַשן מיט דעם מאָן, און געראַטעוועט זיך פון הונגער־טויט. אַן אַנדער מאָל פאַלנדיק אויפן שטרוי צו אַ נאַכט אָפּרו, ווען מיר האָבן געפילט אַז ווייטער גיין וועלן מיר נישט קאָנען, איז ווידער געשען אַ נס און עס האָט זיך באַוויזן אַן אויטאָ מיט שפּייז פון אונטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ און מיר זענען ווידער געראַטעוועט געוואָרן.

ערב פּסח זענען מיר אָנגעקומען אין קליינעם לאַגער נישט ווייט פון נירענבערג. אין דעם לאַגער זענען מיר געבליבן אַ פּאָר טעג. איינמאָל האָט מען אונדז ארויסגעפירט פון לאַגער צו דער אַרבעט ביי באַן־ליניעס. צו דעם אַרבעטס פּלאַץ זענען מיר צוגעפאָרן מיט פּאַסאַזשירן־צוג וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט דייטשן. ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען צום באַנהאָף באַמבערג איז דער צוג געוואָרן באָמבאַרדירט דורך די אַמעריקאַנער. ממש אין דער לעצטער מינוט איז אונדז געלונגען אַראָפּצושפּרונגען פון דער באַן און באַהאַלטן זיך אין אַ שוצאָט. ווען מיר זענען אַרויס, האָבן מיר נישט דערקאָנט דאָס אָרט, אַלץ איז געווען אין פלאַמען צענדליקער וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון איבערגעקערט און די באָמבעס האָבן אויפגעריסן וואַסער רערן און פאַרפלייצט דעם שטח אַרום. די דייטשן האָבן איבערגעשראָקענע פאַרלאָזט די באַהעלטענישן, און מיר האָבן אָנגעהויבן נישטערן אין די חורבות און זוכן שפּייז.

מיר האָבן טאַקע געפונען פון אַלעם גוטן ברויט, וווּרשט, פלייש און פאַרשידענע געטראַנקען. ווידער האָבן מיר זיך דערהאַלטן דאָס לעבן.

פרילינג, אַפּריל, מיר מאַרשירן צו מערב זייט, מיר האָבן געדאַרפט רוען ביז האַלבער נאַכט און נאָכדעם איבער די בריק איבערן דונאַו, בייטאָג האָבן די אַמעריקאַנער באַשאָסן דעם דורכגאַנג, אַזוי ווי מיר זענען אַריין אין דאָרף און מיר האָבן קוים באַוויזן זיך אַוועקלייגן אויף שטרוי האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך גערויש פון הונדערטער עראָפּלאַנען און עס האָבן זיך דערהערט אויפרייסן. דאָס האָבן די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירט די אַרומיקע געגנט.

אין האַלבער נאַכט האָבן מיר אָנגעהויבן מאַרשירן אין דער ריכטונג פון דער בריק, אַלץ אַרום האָט געברענט. די דייטשן זענען געלאָפן ווי פאַרסאַמטע מייז איבער די בריק איבערן דונאַו איז געווען צעשמעטערט. מען האָט אונדז דערפאַר אַריינגעזעצט אין לאָדקעס און איבערגעפירט אויף יענער זייט דונאַו. אָוונט צייט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף און אַריין אין סטאָדאָלעס. ווייטער זענען מיר שוין נישט געגאַנגען.

דאָס איז געווען די נאַכט פון 28טן און 29טן אַפּריל

1944. דער קאָמענדאנט פון אונדזער וואך האָט גערופן דעם קאָרפאראל לוי צו זיך. אַ שפאנונג האָט אונדז אלעמען באַהערשט. ווען קאָרפאראל לוי איז צוריקגעקומען האָט שוין געטאָגט און ער האָט אונדז איבערגעגעבן די נייעס, די דייטשע וואך־פאסטנס פארלאָזן אונדז. זיי ווערן גערופן צו די קאמפס־ליניעס און זיי געבן אונדז איבער דעם אלטן וואך־מאַן ער זאָל אונדז איבערגעבן צו די אמעריקאַנער. מיר האָבן געזעען ווי די וואכפאסטענס פארלאָזן אונדז, אָבער גאנץ פרי האָט זיך באוויזן נעבן אונדז אַ גרופע יונגע ס.ס.־לייט אין פולער באוואָפענונג, מיט פאנצערס און לופט אפוועך. זיי האָבן געפרעגט דעם אלטן וואכמאן וואָס ער מאכט דאָ. דער וואכמאן האָט זיי געוויזן דעם באפעל און דערקלערט, אַז מיר זענען בריטישע געפאנגענע און ער מוז אונדז איבערגעבן די אמעריקאנער. זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן. דאָך איז די סכנה פאר אונדזער לעבן, דווקא אין די לעצטע מינוטן פאר אונדזער פרייהייט געווען גרויס.

אַ זייגער 9 פרי האָט זיך דערטראָגן צו אונדז אַ שטאַרקע שיסעריי פון אלע מינים וואָפן. אַ פּאָר הונדערט מעטער פון אונדז האָט זיך געצויגן אַ וועלדל, מיר האָבן דערהערט אַ גערויש פון די טאַנקן, וועלכע ברעכן זיך דורכן וועלדל, צענדליקער טאַנקען האָבן זיך ארויסגעשארט און זיך געלאָזט אין פארשידענע ריכטונגען. צוויי ריזן טאַנקן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז, אונדז האָט זיך אַ רגע אויסגעדאכט, אַז דאָס זענען דייטשן. באַלד האָבן מיר דערבליקט אויף זיי דעם אמעריקאנער ווייסן שטערן, ווי אין חלום האָבן מיר געגאַפט און אנטקעגנגעלאָפן די טאַנקען, פלוצים דערזעען מיר פון אַ טאַנק אַרויסשטעקן אַ פּנים, פארבלוטיקט און נישט ראזירט און פרעגט אונדז ווער מיר זעננן. ווען ער האָט דערהערט, אז מיר זענען ברטישע געפאנגענע פון ארץ ישראל, האָט ער זיך אָנגערופן צו אונדז אין אַן אמעריקאנער יידיש: „איר זענט יידן?”

די שמחה פון דער באגעגעניש לאָזט זיך נישט באשרייבן. דעם 29טן אפריל 1941 זענען מיר געפאנגען געוואָרן אין גריכענלאנד, דעם 29 אפריל 1945 ווערן מיר באפרייט.

דער יידישער טאַנקיסט בעט אונדז תיכף ארייגגיין אין שייער נישט ארומדרייען זיך, די געפאר איז נאָך גרויס, די דייטשן שטעלן נאָך אַ ווידערשטאַנד.

נאָך עטלעכע מינוט קומט ער צוריק אין א דזשיפּ מיט פארשידענע קאָנסערוון און שאָקאָלאד און גיט אונדז דאָס איבער. באלד איז דאָס גאַנצע דאָרף אָנגעפילט געוואָרן מיט אמעריקאנער סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשטראָמט פון אלע זייטן, מיר האָבן זיך געלאָזט איבער די דייטשע וווינונגען געפונען אייער, ווורשט, ברויט, אין די קעלערס האָבן מיר געפונען פארשידענע געטראנקען, קאָנפיטורן פון קערשן און פלוימען, מאגעלין, וואָס מען האָט שוין לאנג נישט געפילט דעם טעם. מיר האָבן נישט געוויסט ווי געפערלעך עס איז די פרעסעריי און ווי דאָס באלאסטעט אונדזערע

הונגעריקע אויסגעדארטע מאָגנס, חברה זענען טאקע קראנק געוואָרן אויף דיזענטעריע. די אמעריקאנער האָבן געבראכט דאָקטוירים וועלכע האָבן אונדז געוואָרנט, מיר זאָלן זיך נישט כאפן צום עסן מיטאמאָל, ווייל דאָס קאָן אונדז אומברענגען.

דעם זעלבן טאָג האָבן זיי אונדז געפירט קיין רעגנסבורג, דאָרט זענען געוואָרן קאָנצענטרירט אלע קריגסגעפאנגענע די גאסן פון רעגנסבורג האָבן געווימלט פון מיליטער לייט און געפאנגענע אויך קאצעטניקעס זענען אָנגעקומען אין זייערע אויסטערלישע געשטרייפטע פידזשאמעס. קיין דייטש האָט זיך נישט געוויזן אין גאס.

די געשעפטן זענען געוואָרן אויפגעריסן און די קאצעט־ניקעס האָבן זיך באקליידעט. די דייטשן זענען שטומע געלעגן פארהאמערט אין זייערע וווינונגען. מען האָט גרופּירט די געפאנגענע אין גרופּעס, צו דרייסיק מאן און איבערגעפירט אין אַ גרויסן לאגער נעבן לופט פלאץ, די לעצטע סטאציע פון נאצי־לאנד.

דעם 8טן מאי זענען מיר געפלויגן קיין ריימס פראנקרייך און פון דאָרט, איבערן לאמאנטש, קיין ענגלאנד. אָנקומענ־דיק קיין ענגלאנד אויפן פּלי פלאץ האָט מען אונדז אויפגענומען מיט או ארקעסטער, אָפּגעפירט אין אן אָפּרו־לאגער נישט ווייט פון „דערבי”. אין אונדזער אָפּרו־לאגער איז אונדז געקומען באזוכן אַ פירער פון ארץ ישראל יישוב, דוד רמז ז״ל. ער האָט אונדז אויפגעקלערט די לאגע פון יישוב. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דער מצב איז אַ שווערער דער יישוב ראנגעלט זיך פאר עליה. הגנה, אצ״ל, לח״י שטייען אין אַ ביטערן קאמף מיט דער מאנדאט־מאכט. נאָך עטלעכע חדשים זענען מיר אין אַ גרויסער טראנספּאָרט־שיף אָפּגעפאָרן קיין מצרים און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל. סוף סוף ווערן מיר באפרייט פון דער בריטישער ארמיי.

עס קוט דאָס יאָר 1946, דער יישוב שטייט אין קאמף קעגן די ענגלענדער, עס רוקן זיך אָן די טעראָר־אקטן פון די אראבער. עס דערציילט מיר א חבר פון דער ארמיי, אַז עס אָרגאניזירט זיך אָפּטיילונגען פון באפרייטע פון דער ענגלישע ארמיי, אין עטליכע טעג שפּעטער בין איך שוין געווען אויף דער ערשטער פארזאַמלונג אין דער גימנאזיע „הרצליה”. איך גיי שוין ווידער אין חדר. דער מדריך שושני דערקלערט מיר ווי אומצוגיין מיט אַ האַנט־גראנאט....

ווידער בין איך טעטיק, צוזאמען מיט הונדערטער חיילים משוחררים, אין די פלוגות חי״ש און חי״ם א.א. כ׳באקום די מעלדונג, בייגאַכט פון 29טן נאָעמבער, צו שטעלן זיך אויף דער גרענעץ תל־אביב—יפו.

ענדע 1947 געפין איך זיך אויף פראָנט־אפשניטן, צווישן שכונת התקוה און סלמה, אבו־כביר, מנשיה.

דעם 1טן אפריל 1948 ווער איך מיט איבער הונדערט געוועזענע זעלנער פון דער בריטישער ארמיי אָוועקגעשיקט קיין חולדה, דאָ אנטוויקלט זיך דער גרויסער קאמף פאר באַפרייען דעם וועג קיין ירושלים.

אין די זומער חדשים 1948 ווער איך געשיקט פון איין פראָנט אויף דעם צווייטן.

גאנצע וואָכן געפין איך זיך אין די משלטים אין אל קבב, מודיעין און אנדערע.

דערלעבט דעם וואָפענשטילשטאַנד, און באפרייטן אויס־געקעמפטן היימלאנד, אין דער פרייער מדינת ישראל.

מחנה שבויים של חיילים ארצישראליים ע״י בויטן



בשבי הגרמנים — אך כלוחמים זקופי קומה

יידישע סאָלדאטען פון ארץ ישראל
אין א דייטשען געפאנגען־לאגער ביי בויטען
אין געפאנגענשאפט ביי די דייטשען אָבער — אלס קעמפער
מיט אויסגעגלייכטע רוקנס.

משה ירקוני

בסערת החורבן והתקומה

באחד בספטמבר 1939 התקיפה גרמניה את פולין ביבשה ובאוויר, גייסותיה הסתערו על פולין בכוחות עצומים ופרצו אליה בנחשולים אדירים. המכונה הצבאית הגרמנית רבת העצמה הופעלה ע״י היטלר וללא מעצור מצד גורם בינ־לאומי כלשהו. מלחמת העולם השני פרצה.

כשבוע לפני פרוץ המלחמה גוייסו רבים מתושבי סוסנו־ביץ בחלקם יהודים, ל„גדוד ההגנה הלאומית בסוסנוביץ" חיילי הגדוד נשלחו לגבולות שלזיה העילית ומהרגע ה־ראשון נלחמו בגבורה ובחירוף נפש נגד הפולש הגרמני. בקרבות העקובים מדם נפלו רבים מהיהודים, וביניהם ה־ביתרים דדק גלברד, שמעון גסטפריינד, יהודה יאסני, ברנרד פישל, מנלה אופטובסקי ועוד. רק מעטים מהגדוד שרדו וחזרו לאחר מכן לסוסנוביץ, ביניהם משה ז׳לונקה ו־משה פלדבוים.

עם כיבושה של העיר סוסנוביץ החל הצבא הגרמני בהשתוללותו וביצע מעשי הרג רצחניים ביהודיה. מאות ואלפים הוכנסו למכלאות ועונו קשות, ורק לאחר שהגרמנים הוכיחו את יכולתם התחילו לשחרר את היהודים הכלואים, אך השאירום תחת פיקוחם החמור.

כבר בימי המלחמה הראשונים עמדה הנהגת בית״ר בסוסנוביץ על חומרת המצב החדש, ובהתחשב בעובדה שבי־ת״ר היתה ידועה כפעילה העיקרית במסע החרם נגד גרמניה וסחורותיה מאז עלות היטלר לשלטון, הכרחי היה להשמיד את כל המסמכים המסוכנים, לכן התכנסו כמה ביתרים ובראשם מפקד הקן, משה פלדבוים, אחיו אליעזר, פנחס פוטוק, משה טשרנוכה, הם חדרו בחשאי למועדון בית״ר ברחוב מלכובסקה, אספו את כל התעודות, רשימות ומסמכים ושרפום בו במקום. את דגל הקן, שכה רבה היתה גאוותם עליו, שמו בקופסת פח, סגרו הרמטית והטמינוה באדמה במרתף ביתו של צימרמן ברחוב סנקביצ׳ה.

מאז פסקה בית״ר להתקיים רשמית, אך המשיכה את קיומה במחתרת. באוקטובר 1939, החודש השני למלחמה, הוכנסו החיים בעיר למסלולם הרגיל כביכול, לא עוד אפיינו רציחות ויריות ללא אבחנה וכליאת יהודים והשפלתם את שלטונם של הגרמנים במקום, אלה הוחלפו בצווים ופ־קודות שהועברו לאוכלוסיה היהודית ע״י היודנראט שבראשו העומד מוניק מרין.

אולם בלב הנוער היתה חרדה עמוקה לקראת הבאות, ובפרט בקרב חברי בית״ר שרבים מהם עמדו על סף העליה לארץ ישראל. חלק מהם, קבוצה בת 12 איש, אף הוחזרו מהדרך משניאטין שעל יד הגבול הרומני, ימים ספורים לפני פרוץ המלחמה.

בחיפושי דרכים

לאחר שחזרו רבים מהביתרים שנדדו בדרכים וגם המעטים ששרדו מהצבא, התכנסו ביתרים מבוגרים להת־ייעצות והחליטו, לאחר דיון נוקב וממצה, להתארגן בקבוצות קטנות ולנוע מזרחה לעבר שטח הכיבוש הסובייטי ומשם להמשיך בחיפוש דרכים בכדי להגיע לארץ ישראל, ואילו על הביתרים שמסיבות שונות לא יכלו להצטרף, הוטל להמשיך בפעילות מחתרתית במקום בהתאם לתנאים שיווצרו.

היוצאים התפלגו לקבוצות והחלו להתקדם בדרכים שונות לעבר הגבול. הם קבעו את מקום המפגש בלבוב הנמצאת בשלטון הרוסים ומשם לגבול הרומני שעדיין לא נשמר בקפדנות, אולם הקשיים והכשלונות לא איחרו לבוא ושמו לאל את התכניות.

חוליה אחת עם משה פלדבוים בראשה נתפסה על הגבול ע״י הסובייטים ואנשיה הושמו במאסר. יתר החברים, שעשו מאמצים למצוא אותם ולשחררם, לא הצליחו ובינתיים עוכבה התקדמותם והגבול לרומניה נחסם הרמטית ואי אפשר היה כבר להגיע אליו. הביתרים נאלצו, איפוא, לחפש דרכים חדשות. קבוצה אחת עם אליעזר פלדבוים וברומר כיוונו צעדיהם לעבר ווילנה. אחדים הצליחו אחדים נתפסו ונאסרו. קבוצה שניה עם ז׳לונקה, מיגוס ויצחק פדרמן התמקמה בעיירה בולכוב שעל יד הגבול ההונגרי כדי למצוא דרך להונגריה; קבוצה אחרת עם לויט ושטרנפלד נשארה בלבוב, יתר החברים התפזרו במקומות שונים בציפיה להזדמנות.

באביב 1940 נפוצה שמועה כי בסוסנוביץ נוצרה אפ־שרות לעליה לארץ ישראל. שמועה זאת חדרה והגיעה לכל מקום בו נמצאו ביתרים סוסנוביצאים, ולמרות הקשיים שה־דרך חזרה היתה כרוכה בהם, לא היססו רבים וחזרו לגי־הינום הנאצי. מאידך, הביתרים שנשארו תחת השלטון הסוביטי — רובם נעצרו ע״י השלטונות והוגלו לעבודות כפיה בערבות סיביר.

פעילות מחודשת

עם שובם של הבית"רים מהשטח הסובייטי עמדו שוב כנגד המציאות המרה של חוסר מוצא מן המצב, כי השמועות על אפשרות לעליה נתבדו בינתיים, אך הם לא נפלו ברוחם; הם החליטו להגביר את פעולותיהם הארגוניות והתר־בותיות במתכונתן המחתרתית. לסוסנוביץ הגיע גם מספר ניכר של בית"רים משלזיה שטוהרה מיהודיה ואלה השתלבו בתוך הקבוצות המאורגנות. הפעילות בקן חודשה כשבראשו מפקדה מורכבת מהביתרים משה ז'לונקה, אליעזר פלדבוים, שרגא ברומר, יונה אקשטיין וזלמן לויט. ובהשתתפותו ה־פעילה של הבית"רי צבי פדרמן (המכונה קוצ'יק) שבמיוחד התמסר לטיפול ועידוד הצעירים.

למרות הגזירות והנגישות של הגרמנים נמשכו חיי היהודים בסוסנוביץ תוך הסתגלות מוזרה והבעת תקוות־שווא על קיצה הקרוב של המלחמה האיומה.

היודנראט עשה מאמצים להעניק ליהודים הרגשה „טובה" וכדי להקל על המחסור במצרכים השיג רשות מהשלטונות לעבד שטח קרקע נרחב לצרכים חקלאיים. את השטח הזה הילקו לחלקות ואלה נמסרו למשפחות שהביעו את רצונן לעבדן. בית"ר, ככל יתר ארגוני הנוער הציוניים ניצלה את חלקות חבריה לפעולותיה החברותיות והתרבותיות באווירה הולמת את השקפותיה.

הלם נגרם לבית"רים עם הגיע הידיעה המרה על הסתלקותו של ראש בית"ר, זאב ז'בוטינסקי. ידיעה זו היכה בתדהמה את כל הציבור היהודי, אוהדים ומתנגדים גם יחד הרגישו באבידה העצומה לעם כולו ורבים ראו בכך סימן מבשר רעות. כי הרי באזני רבים מהם הדהדה אזהרתו — „חסלו את הגולה — אחרת הגולה תחסל אתכם".

הביתרים קיימו מסדרי אבל לזכרו של ז'בוטינסקי ביחי־דות יותר גדולות מהרגיל, גם בבתי התפילה המרובים בעיר נערכו תפילות אזכרה לעילוי נשמתו של המנוח הדגול.

על אף הרגשת היתמות שאפפה את המשפחה הז'בוטינ־סקית החליטה בית"ר להגביר את פעילותה הארגונית־תרבו־תית שהיוותה בזמנים הקשים ההם סם־מרפא לחיסון הרוח והגוף מצרות הזמן והמקום, וגם את פעילותה בשטח העזרה ההדדית שהיתה באותם הימים הכרחית ומחוייבת המציאות.

מצב זה נמשך קרוב לשנה. בתמוז 1941 התכנסו כל חברי בית"ר מסוסנוביץ ובנדין לעצרת זכרון ליום השנה לפטירתו של ראש בית"ר, זאב ז'בוטינסקי וליום השנה של מייסד התנועה הציונית, ד"ר הרצל ושל המשורר ח.נ. ביאליק. מאות רבות של בית"רים ואנשי התנועה זרמו אל החווה החקלאית בבנדין, בה עמדה להתקיים העצרת (נסיונותיו של המורשה מטעם היודנראט על החווה בבנדין לאסור על קיום העצרת נכשלו לאחר שהוזהר בחומרה והוא נסוג). בשקט רב־רושם נאמו מר דיאמנט, יו"ר בית הצה"ר בבנדין ואליעזר פלדבוים מסוסנוביץ. בדברי ההספד וההערכה ש־הוקדשו למנהיגים הדגולים הורגשה גם החרדה לימים הבאים, נוכח הגזירות הקשות שנסתמנו באופק. בהדגשה יתירה נקבע הצורך לשמור על נאמנות לצרכי כלל היהודים ועל טוהר המצפון והמעשה בכל התנאים.

המפנה לרעה — קרבנות הראשונים

ואמנם המפנה לרעה לא איחר לבוא. מיד לאחר פרוץ המלחמה בין גרמניה לרוסיה ביוני 1941 חלה הרעה בולטת במצבם של יהודי סוסנוביץ והאיזור כולו. הדבר החל ב־דרישת הגרמנים להעמיד לרשותם עובדים יהודיים למחנות עבודה בגרמניה. היודנראט של מרין קיבל על עצמו בכוחותיו הוא לספק את המכסות הדרושות. תחילה ניסו לגייס את המועמדים ע"י התנדבות וכאשר ההיענות היתה חלשה יחסית, ציוה בתוקף סמכויותיהם להתייצב לפי החוק, וכשהנד־רשים לא הופיעו לא היססו שליחי היודנראט לקחת במקומם בני־ערובה מהמשפחה. דבר זה הביא לשימוש בפרוטקציה, סחיטה העדפה ומסחר בחיי אדם. הוא נוצל גם ע"י שליטי היודנראט כדי לבסס את שלטונם הבזוי. להטיל את מרותם ולשלוט בתקיפות יתר.

אחד התכסיסים הערמומיים של מרין והיודנראט שהיו מכוונים להקל על שליטתם היתה יצירת מחלקה מיוחדת של תנועות הנוער הציוניות. הפיתוי קסם לכמה מעסקני התנועות שתפסו עמדות חשובות במחלקה ומהוצאה לה — דבר שאפשר להם לזכות ביתרונות שונים לעצמם ולחבריהם, ובעיקר הובטחה להם החסינות מפני השילוח למחנות ב־גרמניה.

חברי הנהגת בית"ר הביעו חששות כבדים לשיתוף פעולה כלשהו עם היודנראט, ולאור הדרישה להצטרף ל־מסגרת נתכנסו לישיבה כדי לדון בעניין זה. ההכרעה אמנם לא היתה קלה, אולם לאחר דיון ושיקול דעת רציני ותוך התייעצות עם חברי בית"ר מבנדין החליטו לסרב ולא להיכנס למסגרת תנועת נוער זו שהיתה בחסותו של היודנראט, היות ולאור המציאות של אז נתגלה היודנראט כמכשיר עיוור בידי הנוגש הגרמני. יחד עם זאת הוחלט לא לנתק את הקשר עם ארגוני הנוער במקרה הצורך בשטחים אחרים, ותפקיד המקשר הוטל על חבר ההנהגה אליעזר פלדבוים.

עמדה זאת נתקבלה גם אצל חברי בית"ר בבנדין ולפיה גם נהגו, יתירה מזו, קבוצת חברי בית"ר שנאותו בהתחלה להשתתף ב„שורות הסדר היהודי", בחשבם שתפ־קידם העיקרי יהיה לעזור לאחיהם היהודים בצר להם, התפטרו מתפקידיהם וזרקו את סמליהם וכובעיהם לרגלי היודנראט. גם הביתרי הוותיק מסוסנוביץ, משה גלידמן, ש־שימש מפקד המשטרה בבנדין, התפטר מתפקידו כאשר ראשי היודנראט דרשו ממנו לבצע בכח את המשלוחים למחנות העבודה.

רק פעם אחת הסכימה הנהגת בית"ר לבוא לישיבה מיוחדת באולמי היודנראט, כשנתקבלה הזמנה ע"י המקשר א. פלדבוים משליח מיוחד שבא מוינה בשם אריה מנצנר שבא, כפי שנמסר, לדון בענין ארגון יציאה משטחי הכיבוש הגרמניים ועליה לארץ. משנכנס ראש היודנראט מרין,

וניסה להשתתף במהלך הדיונים, העירו נציגי בית״ר לשליח כי הנושא קדוש הוא ומשרדי היודנראט אינם מקום מתאים לדיון בנושא זה, לכן ביקשו לקבוע פגישות נוספות במקום אחר, כל זה לא יצא לפועל, ומכל השליחות לא יצא דבר (כידוע ביקרו לאחר מכן גם שליחים מורשה באיזור, כ־מרדכי אנילביץ ואליעזר גלר, אך משום מה גם הם כוונו אל שליטי היודנראט), רק איבת מרין כלפי הביתרים גברה עוד יותר והמשלוחים למחנות מבין הביתרים גדלו, בינתיים החלו להגיע ידיעות מחרידות על חיי העבדות וה־עינויים במחנות בגרמניה, וגם הידיעה המעציבה על מותו הטראגי של הקרבן הראשון ממחנה סקראו הביתרי אנשל זמישלני עשתה רושם מדכא.

האחראים לבית״ר ראו את המצב לאשורו והחליטו להתכונן לבאות ולתכנן פעולות מרד והתגוננות. ברור היה לביתרים כי בכוחותיהם הדלים בלבד לא יוכלו לעשות רבות ויש למצוא בעלי־ברית מחוץ לגבולות הגיטו, המסו־גלים לספק נשק והדרכה ולהכין מקומות מקלט לזמן הצורך. בית״רים בודדים הורידו את הטלאי הצהוב, שכל יהודי חייב היה לשאת לפי החוק, והסתננו לאיזורים האריים שבשלזיה, על מנת לחפש קשרים עם המחתרת הפולנית שלדעתם בוודאי היתה קיימת, אך עוד טרם הספיקו הבית״רים ליצור קשרים של ממש, נחלו כשלון טראגי שהיה גורלי לכל תכניתם. ליאון וולנר מחוז׳וב שהיו לו מהלכים בקרב החוגים הפולנים עוד מלפני המלחמה, פנה למכריו הפולניים בבקשת עזרה וקשרים עם המחתרת, אך אלה טמנו לו מלכודת והסגירוהו לגסטפו, וולנר עמד בכל העינויים האיו־מים בעוז רוח ובגבורה בלתי רגילים ולא גילה דבר לבסוף נידון למוות יחד עם קבוצת אנשי מחתרת פולניים.

בחורף, בשלהי שנת 1941, הופיעו מודעות גדולות מטעם הגסטפו על קירות הבתים בסוסנוביץ ובקאטוביץ על הוצאה להורג פומבית של 20 „פושעים״ (כך נקראו מורדים על ידי הגרמנים) פולניים, וביניהם בהדגשה „**דער יודע ליאון ולנר — פערברעכער**״ (היהודי הפושע ליאון וולנר). בעמדו מול כיתת היורים הכריז וולנר בקול: „הדם היהודי סוער! עם ישראל חי! ונפל חלל מכדורי המרצחים הגרמניים.

וולנר היה, איפוא, הלוחם והמורד הראשון באיזור שהומת ע״י הגרמנים. לאחר מקרה וולנר נאלצו הביתרים וההנהגה להגביר עוד יותר את זהירותם ולרדת עוד יותר למחתרת, הקשר לא נותק. אולם דבר זה לא עזר להם כלפי שליטי היודנראט. אלה ראו בבית״רים אלמנט מסוכן בגלל התנגדותם לדרכי מרין והיודנראט ומשום כך רדפום וחטפום לשם משלוח למחנות. במיוחד נרדפו ונחטפו מספר פעמים חברי מפקדת בית״ר, ז׳לונקה, אקשטיין, סרומור ואחרים, אך הצליחו תוך תחבולות שונות להתחמק מידיהם ולהשאר במקום, ברוב המקרים — בשל היותם בעלי מקצוע מבוקשים וחיוניים במפעלים המקומיים.

גירושים ומרי

והנה נתרגשה על יהודי המקום צרה חדשה „אומזידלונג״ — גירוש. תחילה הוסבר שזאת היא העברה רגילה של חלק מהאוכלוסיה למקומות אחרים ועל כן הטיפו שליטי היודנראט לביצוע מסודר אך סוגי האנשים שנקבעו למשלו־חים הראשונים לאומזידלונג, כגון זקנים, חולים, נכים וחשוכי מרפא, הכניסו מבוכה בין התושבים וגרמו לבהלה.

ראש היודנראט, מרין, זימן לאסיפה כמה עסקנים מכל החוגים על מנת להסביר להם את עמדתו ולהצדיק את מעשיו. חבר התנועה ויו״ר החוג הדתי „אחדות ישראל״, שבתאי יונגסטר, שנכח באסיפה, יצא בנאום חריף ובאומץ הוקיע את שליטי היודנראט כמשתפי פעולה עם האויב הגרמני ובהפקרת ההמונים היהודיים. שבתאי יונגסטר נתן ביטוי הולם לעמדת הבית״רים, באומרו כי אם אמנם נגזר על גירוש יהודים, אם לחיים או למוות, חייבים ראשי הציבור להיות הראשונים ובראש המחנה, ולא ההמונים. מרין נפגע קשות מהעזות פנים זו, ובשחצנותו האופיינית הודיע כי יבצע את פעולות האומזידלונג בהתאם לקווים שהתוו ובכך פיזר את האסיפה.

גורלו של שבתאי יונגסטר נחרץ לאחר מכן בבית־הקברות היהודי, שם הסתתר, ובגלל הלשנת השומר הפולני השיגוהו הגרמנים ורצחוהו נפש.

מרין ושליחיו מהיודנראט עמדו בדיבורם. פעולת המש־לוחים לגירוש ולמחנות התנהלה כסדרה ולפי רצונם של הגרמנים: קרבנותיהם העיקריים והראשונים היו דלת־העם והחוגים הבלתי רצויים אליהם השתייכו גם חברי בית״ר. עדיין רבים הסומכים על חסינותם ומשלים את עצמם, כי בהם לא תגע הרעה, אך אכזבתם באה באיחור טראגי.

מחזות אימים ומעשי זוועה התרחשו בעת ביצוע הפעולה. המרצחים הגרמנים מגלים ע״י טיפולם האכזרי בזקנים, חולים וילדים את טיב ה„העברה״. באחת הפעולות בבית החולים גילתה אחות אחת, הבית״רית הלינקה זיגעל, התנגדות לחיות הטרף הגרמנים ושילמה בשל כך בחייה.

לאחר כל משלוח באה ארגעה מצד שליטי היודנראט, כי לא יהיו עוד גירושים, אך חולפים מספר ימים והפעולות מתחדשות. כך חיה האוכלוסיה היהודית בצל הפחד והמוות. כל בית ומשפחה שרויים באבל וביגון מתמיד.

לאחר תקופה קצרה של שקט יחסי הופיעו בתחילת אוגוסט 1942 מודעות גדולות מטעם היודנראט, שעל כל היהודים להתאסף באחד המגרשים בעיר ב־12 לאוגוסט 1942 כדי להחתים את תעודותיהם. מרין והיודנראט גייסו כל מיני עסקנים וקראו לאסיפות המוניות כדי לשכנע את היהודים שיתיצבו מרצונם הטוב, בהבטחה ששום רע לא יאונה להם.

להנהגת בית״ר היה ברור שריכוז היהודים בנקודה אחת פירושו הפעם צעד נוסף לחיסולם, והחליטו לנקוט צעדים ולהקשות על היודנראט את ביצוע הפשע. בימים האחרונים שלפני תאריך הכנס הופיע כרוז כתוב באותיות גדולות שקרא תגר על הגרמנים והיודנראט וגרוריהם, והזהיר את היהודים שלא להתייצב לריכוז כי טומנים להם מלכודת, ובעיקר שלא יתייצבו הזקנים היהודים, הכרוז שרישומו היה

עצום נכתב במרפדיה של אקשטיין ברחוב טרגובה 4, והודבק בשערי כמה בתים ע״י בית״רים, שרגא ברומר וזלמן לוויט. כרוז זה היה הראשון מסוגו — בפומביותו ובתוכנו.

על אף העובדה שהכרוז הורד במהרה ע״י שליחי היודנ־ראט, היה תוכנו לשיחה בפי כל. אולם מעטים נשמעו לאזהרתם. האוכלוסיה היהודית נטתה הפעם להאמין לדברי היודנראט לאחר נסיון תרמית של הגרמנים באחת העיירות בה התייצבו היהודים לנקודה אחת ושוחררו לאחר שהוחתמו תעודותיהם, אולם בסוסנוביץ וכן גם בבנדין היו תוצאות הריכוז עגומות למדי. למעלה משליש האוכלוסיה, כ־25 אלף יהודים מהאיזור נשלחו למחנות ריכוז והשמדה.

לאור המצב החליטו שוב האחראים לבית״ר לחדש את מאמציהם על מנת למצוא קשר עם החוץ, ומאחר שנגוזה כל תקווה למצוא קשר עם מחתרת פולנית בסביבה, הפנו הפעם מבטיהם לעבר חבריהם במקומות אחרים. לבית״רים נודע על המצב בגיטו וורשה ועל הארגון הצבאי היהודי הקיים שם, שבתוכו פעילים ד״ר וודובינסקי, מי שהיה מפקד גליל בית״ר בשלזיה ופרדק יאסני, אחד ממפקדי בית״ר סוסנוביץ שהיה בוורשה עוד לפני המלחמה סטודנט באוניברסיטה; כן גם נודע על פעילותו וקשריו עם המחתרת בוורשה של יולק ברנד, מי שהיה מפקד המחוז האחרון בבית״ר שלזיה וזגלמביה.

על כן נוצלה ההזדמנות שניתנה רשות לשלוח חבילות מזון לוורשה ונשלחו שלש פעמים חבילות מזון על שם ד״ר וודובינסקי בצירוף מכתבי סתר עם רמזים על המצב ובהם בקשה נמרצת ליצור קשר דחוף. ואמנם נתקבלה תשובה מד״ר וודובינסקי שאישרה את קבלת החבילות בתו־ספת דברי עידוד. הוחלט אז לשלוח שליח. השליחות הוטלה על הבית״ריה מינה שרף, מסביבת בילסקו, שחזותה היתה ארית מובהקת והשפה הגרמנית שגורה בפיה. מינה שרף לא יכלה להגיע לגיטו וורשה, אך הצליחה להגיע להרובישוב, שם נמצא יולק ברנד שעסק בסידורם של מאות בית״רים מוורשה בכפרי הסביבה, כפרים אלה שימשו גם בסיס לאימונים והכנות למרד. יולק ברנד ראה בחומרת המצב והבטיח לבוא לעזרה בקשרים עם המחתרת ובנשק, אולם כשעברו ימים ושבועות וכל עזרה בוששה לבוא, נשלחה שנית מינה שרף להרובישוב וחזרה כשבשורת איוב בפיה כי יולק ברנד נפל בפעולה נגד הגרמנים.

גם לאחר מכן לא הצליחה להגיע עזרה ממשית מוורשה. ד״ר וודובינסקי מצא את עצמו לאחר דיכוי המרד במחנות ריכוז, ופעל רבות כרופא בהצלתם ובעידודם של היהודים שהיו עמו (הוא נשאר בחיים ומשמש כיום פרופסור־מרצה באוניברסיטה בארה״ב), ואילו פרדק יאסני, הבית״רי מסוס־נוביץ, זכה עוד להיפגש עם חבריו הסוסנוביצאים באושוויץ לשם הובא לאחר שנתפס עם אחדים מחבריו ממורדי גיטו וורשה, לאחר תום הקרבות שבהם השתתף ונלחם בגבורה. הוא הוצא להורג באושוויץ.

בינתיים הלכו ונתדלדלו שורות בית״ר, ולמרות הב־טחותיהם של הגרמנים ועוזריהם מהיודנראט נמשכו המש־לוחים גם לאחר מכן. אולם בקרב האוכלוסיה היהודית פג האימון ליודנראט ורעיון ההתנגדות והמרי התחילו לחדור לכל השכבות והחוגים באוכלוסיה היהודית, קרה ובתוך מגפיים שיוצרו בשופ של גורצקי והיו מיועדים לחיילים גרמנים בחזית, נתגלו כרוזים בהם סיסמאות נגד המלחמה. עם הגילוי נעצרו 20 איש מעובדי השופ ולפי השמועות עמדו להיות מוצאים להורג, מרין ניצל את העובדה כדי לכנס אסיפות המוניות בהן הוכיח כי מסכנים את קיומם של כל היהודים ע״י מעשים בלתי אחראים כאלה. הוא הצליח לשחרר את 20 העצורים וע״י כך הופיע שוב כמציל וגואל לכלל היהודים וחיזק מחדש את מעמדו. הוא חיפש שעיר לעזאזל, ובחשדו, בגלל אופיו השמאלי של הכרוז, בשני חברי השומר הצעיר, דונסקי ומינץ, עצרם וכלאם, למרות שבמקרה לא היה להם כל קשר עם הכרוז. דונסקי ומינץ עמדו בגבורה בעינויים והצהירו בגלוי על התנגדותם לפעולות הבוגדניות של היודנראט כמשתפי פעולה עם המרצחים הגרמנים. הם הוסגרו לגסטפו והוצאו להורג. עמידתם הגאה ומותם בגבורה עוררו רגשי כבוד גם בין הבית״רים שעמדו דום לזכרם, ותיזקו עוד יותר את ההכרה בצורך להתלכד לתנועת התנגדות מאוחדת. מפקדת בית״ר הסמיכה, איפוא, את המקשר א. פלדבוים, לבוא בדברים עם עסקני התנועות האחרות, כדי ליצור ארגון משותף להתנגדות ולפעול בצוותא. תפקיד דומה קיבל על עצמו גם מפקד בית״ר בבנדין, דב זלמנוביץ׳ (שעמד בקשר עם המפקדה בסוסנוביץ הודות לכיסוי וההסוואה כשוטר יהודי), אך הסתבר שקיימת תסיסה בכל החוגים ורובם התפכחו מה־אשליות, היו רבים עסוקים בחיפוש דרכי הצלה לעצמם ולחבריהם ע״י סידור ניירות אריים וניירות אזרחי חו״ל (מעטים אמנם נצלו ע״י כך). הבית״רים מסוסנוביץ ובנדין, שדאגתם היתה לא רק הצלת יחידים ע״י הפקרת הכלל היהודי, התערו בתוך המוני העם והפיחו בהם את רעיון המרי וההתנגדות בכל התנאים. כתוצאה מפעילות זו נתפס בבנדין אחד מראשי בית״ר דוד שטיין. הוא הוסגר לגסטפו ועונה עד מוות, כן גם נאסרו ע״י הגסטפו הבית״רים חיים ברייטברד ואהרן מרין. הם הובלו למסלוביץ ומשם לאושוויץ והוצאו להורג כנאשמים בהשתייכות למחתרת, ואילו דב זלמנוביץ נפל מאוחר יותר בפיצוץ הקרמטוריון במרד המחנה אושוויץ.

בינתיים הלך והחמיר מצב היהודים באיזור והמשלוחים למחנות ולהשמדה נמשכו. תעודות העבודה, במפעלים רבים איבדו את ערכן, וזה איפשר לשליטי היודנראט לערוך ציד על הבית״רים הפעילים ששולחו למחנות ריכוז, ביניהם משה ז׳לונקה, שחדרו ברח׳ קובאלסקא 8 שבבית לזינגר שימש „כמרכז העצבים״ של המחתרת הבית״רית. היהודים שנותרו אולצו לעבור לגיטו בשרודולה, וגם שם לא פסקו האקציות, למרות הבטחותיהם של הגרמנים והיודנראט. ראשי היודנראט ומרין בראש, נתפסו, לאחר שסידרו לעצמם ניירות לחוץ לארץ והתכוננו להימלט. הם נשלחו לאושוויץ וחוסלו.

היהודים בגיטו ראו בעליל את הסכנה המתקרבת. רעיון ההתנגדות וההתחפרות בבונקרים נהפך, לא מעט בהשפעת קומץ הבית״רים לנחלת הכלל. כל מי שיכול השיג נשק או מכשיר כלשהו להתגוננות, ומשהגיעו ימי החיסול הסופי של הגיטו נמצאו כמעט כל היהודים בבונקרים הם לא נכנעו בנקל. רבים מצאו את מותם בתוך הבונקרים שהגרמנים פוצצו בפצצות או הציפו במים. רבים נפלו תוך כדי בריחה ומאבק עם הגרמנים. היו גם שהתנגדו בכח לגרמנים ואף גרמו להם אבידות, אולם רובם נאספו והובלו במשלוחים לאושוויץ.

הבית״רים המעטים שנותרו בגיטו נטלו חלק פעיל בסבל ובמאבק של אחרוני היהודים מסוסנוביץ ועודדום למעשים; רבים קפצו מקרונות, תוך נסיעת ברכבת לאושויץ. אחדים נורו או מצאו את מותם תחת גלגלי הרכבת, כפי שזה קרה לבית״רים שני האחים טופיול. אחדים הצליחו, ביניהם הבית״רים יונה אקשטיין ונתן לזינגר, אך לאחר מכן שוב נפלו בידיהם של חיות הס״ס הגרמנים והובלו עם שאר היהודים בטרנספורטים האחרונים למחנות הריכוז.

וכך נגדע ענף בית״רי זה בסוסנוביץ אשר ינק את חיוניותו, אמונתו ותקוותו מהאילן השרשי ורב־הענפים של בית״ר הפולנית, אשר גם הוא נעקר מן השורש ע״י סערת הדמים האיומה שעברה על יהדות מזרח אירופה.

במחנות הריכוז וההשמדה

לאחר חיסולו הסופי של הגיטו בסוסנוביץ מצאו עצמם רוב חברי בית״ר מפוזרים במחנות ריכוז והשמדה שונים בגרמניה ובשטחי שלזיה העילית והתחתית. אך גם שם, מאחורי גדרי תיל מחושמלים, בבור היסורים שבו נרמס יום־יום באכזריות כל יצור אנוש ע״י חיות טרף הגרמנים ועוזריהם באמצעות משטר האימים, בשיטות הביזוי וה־השפלה, בעבודת־פרך ורעב ועינויים על־אנושיים, נתגלה אופיים המחושל של הבית״רים הסוסנוביצאים. הם ידעו לעמוד במבחן הכבוד היהודי וההדר הבית״רי. גם במחנות ידעו לשמור על צלם אלוהים. על אף זממם הנפשע של הגרמנים לנצל את חולשת האדם בעת מצוקה ע״י הבטחת הקלה, הם לא נתפתו למלא תפקידים שעלולים היו להיות לרעת אחיהם היהודים. גם שם העדיפו את טוהר המצפון על תועלתיות זמנית ובטחון מדומה, ופעלו ככל יכולתם למען עזרה הדדית לעידוד והגשת סעד לחבריהם. כל זה בא לידי ביטוי בצורות שונות, כדוגמת הפעילות שגילה הבית״רי משה טשרנוכה במחנה קלטנדורף, שידע בזריזותו לרכוש בגניבה מצרכי מזון ולהתחלק בהם עם חבריו במחנה (אף שפעם נתפס והולקה בפומבי), או הבית״רי שלמה פרומר במחנה בוכנוולד ששימש מקור סעד ועזרה לכל חבר ויהודי מסוסנוביץ. צלחת מרק שהגישה הבית״רית רבקה ז׳לונקה לאשה רעבה והמומה באושוויץ אף היא כעוגן הצלה דמתה בתנאי התופת שם, ושירי התהילה שחיברו אסירות יהודיות במחנה הנשים לבית״רית חיה פרשקר על טוב ליבה ויחסה האמהי לחברתן לגורל, אף הם מעידים על ערך פעילותה.

פעילותם הבידורית של אופטובסקי ודטנר במחנה בונצלאו אף היא תרמה להעלאת המוראל ולחיזוק הרוח. והיו מאות ואלפים של מעשים כאלה, שלכאורה היו פחותי־ערך, אך בתנאי החיים הקשים במחנות — חשיבותם היתה רבה בטיפות כושר ההתנגדות הנפשית של האסירים היהודים.

על אף היותם מהראשונים במלתעות החיה הנאצית, הם לא נשברו ברוחם ולא התמוטטו והיו ערים ככל יכולתם לעומד להתרחש. הם הטיפו לעירנות ודריכות, ובהתאם לת־נאים האוביקטיביים שבכל מקום הם היו מבין יוזמי התאים המחתרתיים ופעיליהם. הם היו הפעילים במרידות שפרצו ובבריחות שאורגנו, ורבים מצאו את מותם כתוצאה מפעילות זו.

ראוי לציין את בריחתו הנועזת של הבית״רי נתן לזינגר, ממחנה הריכוז בלכהמר וממחנות אחרים שלאחר מכן הצליח להסתתר במקומות סתר וביערות, עד שלבסוף זכה להצטרף לצבא הלוחמים ולשחרור סוסנוביץ. כתוצאה מבריחתו נחשד הבית״רי אליעזר פלדבוים בשיתוף פעולה ובתכנון הבריחה, וכתוצאה מכך סבל ונרדף על צוואר ולבסוף נורה ע״י הגרמנים בצדי הדרך בזמן האבקואציה.

והבריחות של יונה אקשטיין ואריה לידה, שהודות להן נשארו בחיים, ונסיונות הבריחה של משה מנדלבוים ומשה ז׳לונקה ועוד בחורים מסוסנוביץ שעמדו בגלל זה להיות מוצאים להורג ביריה ובנס ניצלו, אך ששה צעירים מצאו את מותם במקרה זה. הבית״רי שרגא ברומר, מצא את מותו בפעולה מסתורית במעמקי האדמה שבמכרות הפחם, לייבקה פרשקר מסוסנוביץ. השתתף יחד עם משה ז׳לונקה בפריצה ובמרידה בקרון המוות בדרך למחנה מאוטהאוזן. גילה התנגדות וכשנתפס ממש נלחם בשיניו, אך לבסוף הוצא להורג ביריה עם עוד קבוצת יהודים. ורבים אחרים במקרים דומים שמותם ומעללי גבורתם לא נודעו כתוצאה מההשמדה הטוטלית.

השחרור והמאבק לחרות

אכן, רבות הן פרשיות הסבל וגילויי הגבורה של חברי בית״ר מסוסנוביץ, ואך מעטים מהם זכו לאחר ששתו מכוס התרעלה עד תומה, לראות במפלתו של הצורר הגרמני וליום השחרור.

הראשונים מהשרידים המועטים מבית״ר סוסנוביץ וה־סביבה שהיו בידי האויב הגרמני בעברם את כל דרך היסורים הנוראה על פני גיטאות ומחנות ריכוז והשמדה ויצאו שלמים ברוחם ובאמונתם, חזרו מהמחנות לסוסנוביץ ומצאו את ביתם ועירם חרבים ושוממים, אין קרוב ואין גואל. לאחר שחזרו גם בודדים מחבריהם מהשטח הסובייטי ומגלות סיביר, נתגלתה לעיניהם האמת בכל מערומיה על חשבון הדמים האיום והנורא ועל העולם האדיש המתנכר לרצח בני עמם, התעורר שוב הניצוץ הבית״רי בליבות „המוזולמנים" למחצה ולחלוטין מאתמול. פעם נוספת הוכיחה להם המציאות המרה את אמיתות תורתם, כי אין גאולה

לישראל אלא בשחרור מולדתם ובהקמת מדינתם בארץ ישראל, והחליטו להתמסר בכל נפשם ומאודם להגשמת רעיונם החברים, שרידי בית״ר סוסנוביץ שהיו מפוזרים בכמה ארצות באירופה, היו בין הפעילים ביותר בארגון ובהדרכת ניצולי השואה למטרת העלאתם ארצה והצטרפותם ללוחמי החופש למען העם והמולדת.

אחד מהראשונים שזכה לחזור לסוסנוביץ מיד לאחר שחרורה, היה חברנו ישראל שווייצר, ועל אף המלחמה שהיתה עוד בעיצומה והקרבות הקשים שהתחוללו עדיין להד־ברת החיה הנאצית, התמסר שווייצר, בכל מרצו ובכל להט נפשו, לטובת שארית הפליטה מיהודי סוסנוביץ ומה־איזור כולו. הוא עשה רבות באיסוף השרידים הפזורים, ושימש אח ורע לניצולים המעטים שחזרו מהגיהינום. הוא פעל רבות לארגונם ולסידורם הזמני, ובכח שכנועו הרב הורה להם את הדרך לחיים חדשים בעתיד, למדינה עצמאית בארץ ישראל. לאחר שדאג להכשרתם ולסידור ענייניהם, הועברו השרידים קדימה בנתיב הגאולה להגשמת מטרתם.

ראוי להזכיר את נתן לזינגר כאחד מהראשונים שעסק בהברחת ניצולים לאיטליה מרומניה ואת פעילותם בשטח זה של החברים משה פלדבוים, אליקים פדרמן ושמעון ברלינסקי, בשטחי אוסטריה, את פעילותו הענפה והברוכה של שמואל אורבך בשטחי הכיבוש של גרמניה, ואת פעילותם רבת ההיקף של יונה ואליעזר אקשטיין באיטליה, את זו של פנחס פוטוק באיזור הבריטי בגרמניה, ופעילותם של האחים דטנר, אריה לידה וברוך צ׳רנוכה ורבים אחרים שפעלו בשטח הארגון וההסברה, הבריחה וההעפלה, בכל מקום הימצאם.

וכך התערבו שרידי בית״ר סוסנוביץ בתוך תנועת הנדידה האדירה של העקורים היהודים מכל קצות אירופה, שפסעו בנתיב היסורים החדש, פרצו גבולות ועברו מדינות בחתרם לעבר המולדת, לארץ ישראל. על אף הקשיים והמכשולים שהערימו עליהם שליחי השלטון הזר בארץ, חתרו הם בספינות המעפילים הרעועות ופרצו את שערי הארץ הנעולים ע״י המשעבד הבריטי בהגיעם למולדת, ובראותם את המציאות שהשליט הכובש הבריטי הזר בארץ חלומותיהם, המפעיל את כל כוחו הצבאי לדיכוי השאיפה לחיי חופש של העם המעונה בארצו, התעוררו שוב הבית״רים מסוסנוביץ והוכיחו את נאמנותם לרעיון. על אף התלאות והצרות שעברו עליהם, למרות פצעי הגוף והנפש שעדיין לא הגלידו, חיפשו את דרכם ומצאו את מקומם בשורות הלוחמים במחתרת לשחרור העם והמולדת מעול השעבוד הזר ומאימת הגלות הערבית הצפויה. רבים מחבריהם ובני עירם שזכו ועלו ארצה לפני המלחמה עמדו בקו החזית הראשון במלחמה למען עצמאותנו זמן רב לפני זה, מהם כאלה שעקב מלחמתם העיקשת למען הקמת מדינת ישראל סבלו ונמקו בבתי כלא בארץ ובגלות אפריקה, כבנימין זרעוני (קרנר), שהיה מראשוני המייסדים והמפקדים הבכירים של הארגון הצבאי הלאומי, דוד גליקסמן (סטארי), חיים זמישלני (בן־יעקב), יוסף ווויטלזון, ואלתר גסטפריינד הי״ד, שמצא את מותו בהיותו במחנה המעצר הבריטי בלטרון. חבריהם האחרים תרמו את חלקם הפעיל בכל מערכות האומה מתוך התנדבות, אם בפלוגות הגיוס של בית״ר, או בשורות המחתרת הלוחמת של האצ״ל, או בשירות הצבא הבריטי והבריגדה, כחיים טריגר, אליהו ברלינסקי ורעיתו טובה, אברהם רוטבלום (אדמוני), ישראל זונאבנד, יאדזיה דפנר, שמואל פוכר, צבי איזראלביץ, ישראל מלינסקי (בן זאב), יעקב שיווק שטיינפלד, יצחק פישל, יוסף קצקה, יצחק לנצנר, דוד מנדלבוים, דוד שחורי וישראל גינזבורג שהיה אחד מהפעילים הבולטים בשטח ההעפלה בארץ, ואלימלך שחורי שהיה מהמתנדבים הראשונים ליחידות העבריות בצבא הבריטי שהתגייסו ל־מלחמה בגרמנים.

אחד הראשונים מן האודים המוצלים מיוצאי בית״ר סוסנוביץ שהגיע לארץ היה משה ז׳לונקה (ירקוני) באחד מימי אוגוסט 1945. הפליג בספינת דייגים קטנה מאיטליה, כשעל סיפונה 35 מעפילים. כגנבים בלילה עלו על החוף, כי שערי הארץ היו נעולים ומסוגרים בפני השרידים. העלבון הצורב ואש המחאה בוערת בלבו ועד מהרה מוצא הוא את דרכו ומשתלב בשורות המחתרת הלוחמת. לאחר שכ־תוצאה מפעולות המחתרת ומאבק היישוב כולו קועקעו יסודות השלטון הזר בארץ ולאחר ההכרזה על הקמת המדינה ופירוק האצ״ל, מתגייס הוא לצה״ל ומסיים את שירותו במחצית 1950.

ווען מיר זענען שוין פאַרבליבן אַ גאָר קליינע צאָל איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט אונגאַרישע יידן און פון אַלע צוזאמען זענען געווען אַרום 4000 צום מארש, אַזוי האָבן מיר מאַרשירט אַרום 120 קילאָמעטער, ווער עס האָט זיך נאָר אָפּגעשטעלט איז גלייך געשאָסן געוואָרן. מיר האָבן שרעקלעך געליטן פון דורשט. ווען די פויערים האָבן אונדז געוואָלט דערלאַנגען אַ פּאָר עמערס וואַסער, האָבן זיי די ס.ס.לייט געשלאָגן און דאָס וואַסער אויסגעגאָסן. איינמאָל זענען מיר געבליבן שטיין ביי אַ טייך, האָבן די ס.ס.לייט אַוועקגעשטעלט מאַשין־געווער פון ביידע זייטן, אָבער דער דורשט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז הונדערטער האָבן זיך נישט באַהערשט אין אָנבליק פון וואַסער און געלאָפן לעשן זייער דורשט. די דייטשע רוצחים האָבן דאַן גענומען שיסן מיט מאַשין־געווער און דאָס וואַסער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייך יידיש בלוט.

דער לאַגער עלסטער האָט דאַן מיט אַ טייוולאָנישן שמייכל דערקלערט, אַז דאָס האָט ער געטאָן פון רחמנות, ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזער לעבן און מיר וואָלטן זיך זאַך געקאָנט אין וואַסער דערטרינקען... ערשט ווען מיר זענען ביינאַכט אָנגעקומען אין אַן אָרט, וואָס איז געווען אַפּלאַכלאַנד די ערד איז געווען אַזוי פייכט, אַז עס איז גענוג געווען אַראָצובייגן דעם קאָפּ, גראָבן אַביסל מיט די הענט און עס האָט זיך באַוויזן וואַסער און מיר האָבן געשטעלט דעם דורשט.

נאָך דעם טרויעריקן מארש האָט מען אונדז פאַרלאָדן ניינציק מענטשן אין איין וואַגאָן. דער דורשט האָט ווידער אָנגעהויבן פייניקן. ערשט אין דרעזדן האָט מען אונדז געבראַכט וואַסער. אָבער אין דער שרעקלעכער שטופּעניש איז דאָס וואַסער געוואָרן כמעט פולשטענדיק אויסגעגאָסן.

אָנקומענדיק קיין דאַכאַו האָט מען אונדז דריי וואָכן צייט געגעבן עסן און טרינקען, עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנגג, אַז דאָס האָבן צוגעשיקט גייסטלעכע, פון דאָרט זענען מיר אוועק אויף ארבעט אין וואַלד לאַגער. דאָרט האָט מען געבויט אונטער דער ערד אַ פלי פלאַץ. די מענטשן וואָס זענען געווען 4—5 יאָר צייט אין קאַצעט, האָבן די שווערע ארבעט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זענען געפאַלן ווי די פליגן.

אין וואַלד־לאַגער האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויפן קלויזנבורגער רבין, איצט אין קרית סאנדז ביי נתניה. היות ווי אין דעם לאַגער איז מיר אויסגעקומען ארבעטן ביי מיין פאַך רימעריי, האָב איך גענאָסן פון געוויסע פּריווילעגיעס און אויך דאָס עסן איז געווען בעסער. ערב ראש השנה האָט דער רבי געבעטן ביי מיר, אפשר קאָן איך אים פאַרשאַפן אַן עפּל אויף אַ „שהחיינו”. איך האָב אים געבראַכט אַן עפּעל, דער רבי האָט אָבער דעם עפּל נישט געגעסן, נאָר אים אַוועקגעשיקט פאַר די קראַנקע אין שפּיטאָל. איך האָב זיך אַסאַך מאָל איינגעהערט אין זיינע רייד און באַוואונדערט זיין אמונה, דעם פיזישן און גייסטיקן אויסדויער פון זיין פאַרפּייניקטן גוף, ער האָט נישט געגעסן פון אַלגעמיינעם קעסל און ריזיקירענדיק מיטן לעבן, האָט ער ימים נוראים צוזאַמענגעשטעלט אַ מנין אין לאַגער, דורך פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס האָבן מיר אים געהאָלפן.


צוויי חדשים פאַר דער באַפרייונג האָט מען מיך אוועקגעפירט אויף אַ הויף אין אַ פּריוואַטע ווירטשאַפט. דאָרט איז געווען אַ סטאַציע פאַר פערד, וואָס זענען געקומען פון פראָנט אויף קוראַציע. עס האָט זיך דאָרט געפינען אַ שמידער, אַן אונגאַרישער ייד, מיט שרעקלעך געשוואָלענע פיס, אַ קראַנקער מאַן און מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט.

צוויי טעג פאַר דער באַפרייונג האָב איך זיך צונויפגערעט מיט אַ פּאָליאַק פון אונטער לאָדזש, גערופן האָט מען אים סטעפּעק און ער האָט מיך צוגערעט צו אַנטלויפן. ווען איך האָב געזוכט דעם עפּל פאַרן רבין און אים באַקומען פון אַ דייטשער פרוי האָב איך דערנאָך אויסגענוצט די באַקאַנטשאַפט. כ'האָב געוווּסט אַז אין שייער ביי איר האַלט זיך אויף אַ ייד. און אויב איך האָב האָב זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן צוויי טעג. אָבער די דייטשקע האָט נישט געוווּסט אַז מיר געפינען זיך אין שייער. זי האָט זיך דערפון ערשט דערוווּסט ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי איז אַריין און באַפרייט דעם לאַגער.

אַרום איינס אַ זייגער מיטאָגצייט האָב איך אַרויסגעקוקט פון אַ שפּאַרונקע און דערזען דעם ערשטן אַמעריקאַנער טאַנק, איך בין אַרויס אַנטקעגן דעם טאַנק און טאַקע מיט אים צוגעפאָרן צום לאַגער וואָס איז שוין געווען עוואַקואירט. געבליבן זענען צענדליקע קראַנקע. אין משך פון צוויי שעה צייט האָבן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן מאָביליזירט דאָס גאַנצע דאָרף, איינגעאָרדנט אַ שפּיטאָל פאַר קראַנקע און אַ דאַנק דער שנעלער הילף זענען אַלע געבליבן לעבן.

איצטער בין איך אַ תל־אביבער איינוווינער, האָב אַ פרוי און צוויי געראָטענע זין. איינער איז שוין אַ זעלנער אין צה״ל ווידער אַרבעט איך אין אַן אייזערנעם ווערקשטאָט.

אָבער אַפילו אין די פריילעכסטע יום טוב טעג דערמאָנען זיך די אַלע נאָענטע און כאָטש מען מוז גיין ווייטער, גייט מען שטענדיק צו „יענע טעג". דערמאָן איך זיך איצטער די ווערטער פון מיין טאַטן ביי דער אויסזידלונג אין סאָסנאָוויץ, ווי ער ווענדעט זיך צו מיר צום יונגסטן זון זיינעם, ווען מיינע ברודער און שוועסטער זענען ערגעץ ווער ווייס ווו, מיין טאַטע קוקט אויף מיר מיט זיין וואַרעמען און טרויעריקן בליק און זאָגט צו מיר: „מיין קינד, מיר, אַלטע לייט, וועלן דאָס גיהנום נישט איבערלעבן. אָט האָסטו דעם שליסל פון דער שטוב, נאָר געדענק, אויב וועסט בלייבן לעבן נעם נקמה".



הגדר סביב אושביץ

משה פייוואלאָוויטש — פאגאן—אשדוד

אין טאל פון פון ייסורים און פיין

דאָס איז געווען אין יאָר 1939 אָנהויב מלחמה, ווי אלץ איז שוין געווען געשפּאַנט אין מען האָט פארגעפילט אַז עפּעס שרעקלעכעס ריקט זיך אָן. דאָס האָט זיך שוין ארויסגעזען פון די פּליטים וואָס זענען בעירום ובחוסר כל געקומען פון דייטשלאַנד און אסך פון זיי האָבן געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ אין יידישע היימען.

און די דערציילונגען וואָס זיי האָבן דערציילט וועגן די וואנדאלן, די נאצישע חיות האָבן געמאכט אויפציטערן די הערצער, נאָך איידער מען האָט זיי פארטריבן פון די ווילדע ערטער.

אויך די פּאָליאקן האָבן שוין געווארט אויף דעם, ווען וואָס זיי וועלען מאַכן מיט אונדז אַ חשבון, האָבנדיק אַזאַ מוסטער פאר זייערע אויגן.

ווען דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך געווען 15 יאָר אלט. נישט געווען קיין שטוב ווי אַ זין אָדער פאָטער זאָל נישט ווערן מאבילעזירט אין אָט האָבן זיי זיך די דייטשן ארייגעריסן ווי אַ הוראגאן. אין אויך מיין פאָטער האָט מען ארייגעצויגן אין דער פּוילישער ארמיי. דאָס איז געווען אין חודש סעפּטעמבער 1939. מיר האָבן וועגן זיין גורל גאָרנישט געוווסט, איך בין געבליבן מיט מיינע פיר שוועסטערן און מיט דער מאמען. פון דער ערשטער מינוט האָבן זיי אָנגעהויבן זייען טויט צווישן דער יידישער באפעלקערונג, בכדי צו האַלטן אונדז אין שטענדיקער שרעק, פארכאפּענדיק די שענסטע יידן אלס ערובניקעס, און געפאָדערט הויכע קאָנטריבוציעס. עס האָבן זיך א שיט געטאָן פארשידענע גזירות. אויך האָבן זיי אָנגעהויבן פונאנדערשיידן צווישן יידן און דער איבעריקער באפעלקערונג און צווינגען ־ראָגן דעם מגן דוד אויף דעם אָרעם. אַ סך פון די גוים האָבן זיך צוגעאיילט אויפצייכענען אויף זייערע הייזער סימנים אז דאָ וואוינען ריינע אריער. געווען גאסן וואָס יידן האָבן נישט געטאָרט דאָרט שטעלן אַ פוס. ווי אויף די טראָטוארן נאָר גיין אינמיטן גאס.

איך בין שטענדיק שוין אין די נאכט שעהן פון דריי אַ זייגער אן געשטאנען אין די רייען נאָך ברויט. הגם אין דער שעה איז שוין די ריי געווען גענוג גרויס, און אַ סך מאָל אַ פארשלאָפענער און געפרוירענער איידער מען ..יז צוגעקומען צום פענסטערל איז שוין קיין ברויט נישט געווען. אָדער עס זענען געווען פאלן ווען די פּאָליאקן האָבן דערקאנט ווען מען אַלץ ייד האָבן זיי אויפמערקזאם געמאכט די דייטשע פּאָליציי, אָדער גאָר אליין ארויסגעוואָרפן פון ־ר ריי, און אַזוי זענען די גוים געוואָרן אונדזערע שפּייזער, דערלאנגענדיק אונדז אַ שטיקל ברויט פאר גוטע געלט.

דאן זענען די דייטשן צוגעטרעטן ארויסצושטויסן יעדן יידן וואָס האָט נאָר פארנומען אַ שטיקל ווירטשאפטלעכע פּאָזיציע. יעדעס מאָל איז צוגעפאָרן א לאסט אויטאָ צו די יידישע קראָמען און אויסגעפּלינדערט יידיש האָב און גוטס.

נאָך עטלעכע וואָכן האָט אונדזער פאָטער צוריקגעקערט זיך אַהיים. נאָך דעם צוזאמענברוך פון דער פּוילישער ארמיי. דאן ווערט אויפגעשטעלט דער בארימטער יודנראט און מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי האָט מען אָנגעהויבן פארפּאָלגן די יידן וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן. עס איז ארויס אַ באַפעל אַז יעדער ייד פון אַ חודש צייט אַוועקגעבן פאר שטאטישע ארבעט, קערן, רייניקן שניי, א.א.וו. אין אַנהויב האָבן די יידן זיך אויסגעלייזט מיט געלט און געשיקט אַנדערע אויף זייער פּלאץ און עס האָבן זיך געפונען גענוג יידן וואָס האָבן געדארפט דעם זלאָטי.

מיר האָבן באשלאָסן אז דער פאָטער וועט אַוועקפאָרן צו אַ קרוב אין אַ דאָרף אין דעם מיעכאָווער קרייז אין גלוס. דאָרט האָט געוווינט די באָבעס אַ שוואָגער וואָס האָט באַרבעט זיינע אייגענע פעלדער, און זאָל ער דאָרט בלייבן ביז דער שטורם וועט אריבער. יאָ דאַמאָלט האָט מען נאָך געגלויבט אַז דאָס גיהנום־פייער וועט זיך איינשטילן. נאָך די ערשטע תליות און כל מיני הריגות, פארשיקונגען און סתם פייניקונגען האָט דער פחד איינגעגעסן זיך גוט אין די ביינער. איך געדענק נישט גענוי, אָבער אלענפאלס איז דאָס געווען אַ יום טוב, דאכט זיך גאָר סוכות, האָבן זיי פארברענט אונדזער שול אין פאגאָן. די אלטע לייט האָבן אונדז געטרייסט קינדערלעך איצטער וועלן די חיות האָבן אַ שווארצן סוף, אויב זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צופארטשעפּען זיך מיט די הימלען.

אָבער די טעג זענען אוועק אנדערש, דער דלות און נויט, פיין אין יסורים, האָבן זיך פארצויגן וואָס אַמאָל ענגער איבער אונדזער העלדזער, און איך אלעס יונגער יינגל האָב אָנגעהויבן טראָגן דעם עול אלס דער איינציקער מאנפערשוין אין שטוב, פארן ביטערן אויסקום, מפרנס זיין אַ שטוב.

היות ווי דער זיידע אברהם פּלינארסקי און דער פעטער

אַברהם אוסטראָווסקי הי״ד, זענען געווען צושטעלער פון מילך אין דער גאנצער געגנט, זיי האָבן געליפערט מילך און מילכיקס אין די שטעטלעך, בתי יתומים א.ג.א. צו זיי האָט מען צוגעשטעלט מילך פון פאַרשידענע געגענטן און אויך האָט מילך געפלעגט אָנקומען אין קאַנען מיט דער באַן. נאָך דער היטלער אינוואַזיע האָט מען די ליפערונגען איבערגעגעבן אין גוייִשע הענט, און ייִדן האָבן זיך נישט געטאָרט מער באַשעפטיקן מיט פאַרקויפן מילך, און מען האָט בכלל פאַרבאָטן אַז אַ ייִד זאָל זיך דאָרט געפינען.

און היות ווי איך בין געווען יונג און דער אויסזען מײַנער נישט אַזוי אויפפאַלנד ייִדיש, האָט איך געפּרוווט קומען אין קאָנטאַקט מיט די נײַ־געבוירענע סוחרים וואָס האָבן געירשנט אונדזער פּרנסה. דאָס זענען געווען באַקאַנטע ־ריסטן דאָס זענען געווען נאָענטע מענטשן וואָס האָבן פריער אויך באַקומען דורך אונדז מילך פאַר זייערע קונים.

איך האָב זיך באַמיט איצטער דורך זיי, וואָס זענען געוואָרן די הויפּט פאַרטרעטער צו באַקומען אַ חלק מילך פאַר אונדז, דאָס הייסט פאַר די ייִדן, און איך האָב עס אויס־געפירט. און אַ טייל פון דער מילך צוגעשטעלט צום ייִדן וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע.

דער ייִדיש ווערט קראַנק אויף אַ לינגען אָנצינדונג אין זער אַ שווערן מצב. דאָס איז געווען אין מערץ 1940, און אַזוי גיי איך מיר ווי שטענדיק צו דער סטאַציע און נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען עטלעכע קאַנען מילך און האַלט שוין ביים פאַרלאָזן דעם פּלאַץ האָבן מיך פּלוצלינג פאַרהאַלטן צוויי מאַן אין ציווילע קליידונג און זיי ווענדן זיך צו מיר אין דער דײַטשער שפּראַך, און אָנגעהויבן ..רומשמעקן צו איך בין אַ ייִד, זיי האָבן מיט אַ לעמפּל ארײַנגעלויכטן אין מײַנע אויגן אַ פאַרבלענדעריש ליכט ־חמת עס איז נאָך געווען פינסטער אין דרויסן, אין הייבן מיר אָן זידלען ווי וואַג איך דאָ נעמען מילך, און אַז איך ־ין אַ ייִד. איך מאַך דעם אָנשטעל אַז איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט און אַזוי ווי קיין אויסווייז אין מײַן עלטער האָט מען נאָך אין יענער צײַט נישט געדאַרפט, האָבן זיי מיך נישט געקאָנט אויסלעגיטימירן. אײַגנטלעך האָב איך אין האַרצן געטראַכט דאָס זיי וועלן אַנווענדן אַנדערע געמיינע באַליידיקענדיקע־מיטלען, בכדי צו איבערצײַגן זיך אויף זיכער אַז מײַן פאַרברעכערישקייט מיט דעם וואָס איך בין אַ ייִד און נעם דאָ מילך וואָס דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. איך בין געבליבן ביי מײַנעם ביז איינער האָט אָנגעהויבן מיט מיר רעדן פּויליש. און ער זאָגט מיט זײַן גאַנצער גיפטיקייט דאָס אויב מען וועט אַנטדעקן דאָס די ביזט אַ ייִד וועסטו פאַרשווונדן פון וואַנען מען קומט שוין מער נישט צוריק.

אַזוי האָבן זיי מיר צוגעפירט צו דער פּאָליציי אויף פּילסודסקי גאַס, אומגעפער אַ האַלבן קילאָמעטער פון דער באַן אויף דעם וועג האָבן זיי מיך געוואָרנט, „בעסער גיב אויס ווער די ביסט. און ביי מיר אַ פעסטער ווילן בײַצושטיין דעם נסיון ביז צום סוף. אין דער טיר פון קאָמיסאַריאַט שטייט אַ דײַטשער פּאָליציסט אויף דער וואַך, און זיי גיבן אים איבער אַז זיי האָבן געכאַפּט אויף דער באַן־סטאַציע אַ ייִד וואָס האַנדלט מיט אַ פאַרבאָטענעם מסחר פאַר ייִדן און דערצו נאָך אָן אַ מגן דוד אויף זײַן אָרעם, פאַר דעם אַליין האָט שוין געדראָט נישט קיין קליינע שטראָף. ווי אַחיה האָט דער פּאָליציסט אָנגעכאַפּט מיר פאַרן אויער, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז מײַן אויער געפינט זיך שוין אַ אָפּגעריסענער אין זײַן טומענע לאַפּע און הויבט אָן שרײַען אויף מיר, דאָס איך זאָל זאָגן דעם אמת צו איך בין אַ ייִד און אויב איך וועל נישט מודה זײַן וועלן זיי מיך פּשוט ליקווידירן. און איך זאָג קלאָר און דײַטלעך דאָס איך בין אַ קריסט, און דאַן פרעגט דער פּאָליציסט פון דעם ציוויל געקליידעטן, ווי רופט מען אים, זײַן נאָמען? איך האָב מײַן משפּחה אין דער מינוט איבערגעביטן אויף מאַריאַן און דאַן הער איך דעם ויכוח צווישן דעם פּאָליציסט און דעם ציוויל. אַז דאָס איז דאָך איין ריין „פּאָלנישער נאָמען" און אַזוי בין איך אַרויס ממש על פּי נס פון זייערע רוצחישע הענט.

אין האַרצן האָב איך גאָט געדאַנקט פאַר דעם חסד, וואָס מיר איז געטון געוואָרן און איך האָב צוריק אַהיים געשפּאַנט מיט מײַנע פופצן יאָר. ווען איך בין אַהיים געקומען און האָב דערציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט און ווי אַזוי איך בין ניצל געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, האָבן די נאָענטע ביטער געלאַכט, איצטער האָסטו שוין אַ באַווייקונג פון דער מאַכט צו האַנדלען. אָבער איך בין געוואָרנט געוואָרן פון מײַנע באַקאַנטע פּאָליאַקן וואָס זענען געווען אונדזערע פרײַנט אַז סוף סוף וועט מיך עמיצער פאַרמאַסערן און דאַן וועט זײַן צו שפּעט. בעסער דאָס שפּיל מיט מײַן יונגן לעבן אויפהערן באַצײַטנס, איידער מען כאַפּט מיך אַ צווייט מאָל.

אינטערעסאַנט, אַ פּאָליאַק וואָס האָט אויך געהאַט גרויסע מילך געשעפטן האָט פון מײַן פעטער אַברהם אוסטראָווסקי באַקומען טויזנטער לערע קאַנען און צוגעזאָגט פאַר דעם צו שטעלן מילך פאַר דער משפּחה, ער האָט דאָס מקיים געווען אין דער ערשטער צײַט און דערנאָך איז דאָס אים געווען צו לעסטיק. מיר דערמאָנט זיך זײַן נאָמען, געהייסן האָט ער „לודזיק" און געהאַנדלט דווקא אַזוי אוממענטשלעך.

אין צווישן האָט זיך דער טאַטע צוריקגעקערט אַהיים, די נאַציס האָבן זיך פאַרפעסטיקט, טויזנטער לויפן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און היות ווי מען האָט געמוזט אויסווייזן אַז מען אַרבעט און אויב מען איז שוין צוגעטיילט אויף אַרבעט אין אַ שאָפּ. אויך איך האָב באַקומען אַזאַ באַש־טעטיקונג און דאָך איז מען נישט זיכער געווען אויב מען וועט אונדז נישט צוכאַפּן. ווײַל טאָג איין טאָג אויס האָט מען צוגעכאַפּט סתם אַזוי ייִדן אין גאַס, אין אַקציעס.

אין דער צײַט האָב איך באַקומען אַ באַפעל צושטעלן זיך. איך האָב שוין געוווסט אַז דאָס וועט גורם זײַן צו גענוג צרות, אויב איך וועל זיך נישט צושטעלן, איך בין דאַן אַוועק צו דער משפּחה זיך געזעגענען. קיינמאָל וועל

איך נישט פֿאַרגעסן די בליקן פון טאַטע מאמע, שוועסטער און משפחה וואָס האָבן מיך באַגלייט מיט זייער פאַרטרערטע אויגן. נאָך היינט זע איך זייער בליקן, דעם בליק פון דער מאמען ביי דער אָפענער טיר. זי האָט געקוקט ווי פון אַן אַנדער וועלט.

דאָס גאַנצע צושטעלן און די ליסטעס וואָס דער יודענראט האָט צוזאמענגעשטעלט, איז נישט מער געווען ווי אַ טריק איינצושטילן דעם עולם דעם צעשראָקענעם, בכדי פאַנגען אים אין דער נעץ, און אַזוי זייענדיק אויף דעמבלינסקי אויף דעם זאמעלפלאץ אין דער שולע, און דורכגייענדיק די קאָמיסיע זענען מיר אריבער אין דולאק אויף דער סקלאדאָווא, און פון דאָרט אויף דער באַן־סטאַציע. גייענדיק אונטער אַ שווערע וואך פון יידישע פּאָליציי ווי אויך באוואפענטע דייטשן, האָב איך באמערקט מיינע אומפארגעסלעכע עלטערן ווי זיי באַגלייטן מיך. איך האָב זיי דאַן דאָס לעצטע מאָל געזען און אזוי זענען זיי אויף אייביק פארשוונדן פון מיינע אויגן.

אין דעם לאגער מעכטאל ביי בויטן — אויבערשלעזיען זענען מיר אָנגעקומען אַ פּאָר הונדערט יונגעלייט א סאך קאָן מען נאָך זאָגן יינגלעך. דאָרט זענען מיר אזוי צו זאָגן אָנגעקומען אָלס קנעכט צו די נאבעלע ראסע, דאָס איז געווען אַן עלעקטריציטעט ווערק. דאָרט האָב איך נאָך באקומען בריוו פון דער היים. אין איינעם אַ בריוו האָב איך זיך דערוווסט אז מיין ליבע מוטער איז פאַרשוונדן פון דער שטוב און מען ווייס נישט וווּ אהין מען האָט זי פארנומען, און נאָכדעם האָט מען אויך פארשיקט מיין פאָטער. פון מיינע פיער שוועסטערן זענען געבליבן בלויז איין שוועסטער בראָניא וואָס וווינט היינט אין ניו־יאָרק מיט צוויי טעכטערלעך. די איברקע זענען ווי אוננוצבארע וועזענס אוועקגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ ווייזט אויס.

מען האָט אונדז צוגעטיילט צו אַ קאַטאָרזשנער ארבעט. צו אונדזער גליק זענען מיר געווען אַ גרופּע פון 25 יונגע חברה, וואָס זייער עלטער איז געווען צווישן 15 און 20 יאָר. אונדזער ארבעט איז באַשטאַנען פון אויסלאָדן מאטעריאלן פון די וואגאָנעס וואָס זענען אָנגעקומען טאָג אויף טאָג אין דעם בוי פלאץ וואָס מען האָט דאָרט געבויט אַ קראפטסטאַציע פאר עלעקטרישן שטראָם, יעדן טאָג האָט מען אויסגעלאָדנט אַ 4—5 וואגאָנעס צעמענט, פון יעדן וואגאַן אַ 400 זעק, אָדער געמאָלענע שטיינער, אָדער ציגל און עס האָט נישט געטאָרט בלייבן אויף צומאָרגענס קיין שום זאַך. אַלעס האָט געמוזט ווערן אויסגעפארטיגט, אפילו ווען מען זאָל דאַרפן בלייבן ביז טיף אין דער נאַכט אנדערע האָבן געארבעט ביי גראָבן יסודות אין אַ שווערן ליימיקן באָדן. אינטערעסאנט אַ סך מאָל האָבן זיי זיך אין די גריבער איינגעגעסן מיט זייערע לאמעס און נישט געקאָנט ארויסשלעפן, האָבן זיי זיך אָנגעשפאַרט אויף די וואגאָנעסקעס ווייל זיי זענען געווען צו שוואך. דאָס האָבן די דייטשן פיינט געהאט און אויב אַ וואַגאָנעטקע איז נישט פול געוואָרן

אין דער פאָרגעשריבענער צייט האָט זיך איבער זייערע ריקנס באלט צעשווישטשעט די אייזערנע ריטער, אָבער וואָס עס איז נאָר אונטערגעקומען אונטער די הענט פון די ווילדע נוגשים.

פיר אַ זייגער פארטאָגס האָט מען אונדז ארויסגעשלעפט פון די בעטן. מען האָט אונדז צוגעטיילט 200 גראם ברויט שווארצע קאפע און דאָס האָט געדארפט קלעקן ביז מיר זענען צוריק געקומען. אָוונטצייט האָבן מיר באקומען אַביסל זופּ, ממש מוטנע וואסער, מען קאָן זיך פאָרשטעלן אונדזער הונגער.

אין לאַגער מערטאָל ביים אויסלאָדען זעק מיט צעמענט, האָבן זיך צווישן אונדז געפינען עלטערע יידן ווי למשל שקלארצ׳יק פון סאָסנאָוויץ, און זיי האָבן זיך געבראָכן אונטער דער לאסט פון דער ארבעט, היות ווי מען האָט געמוזט פיל מאָל טראָגן דעם צעמענט זער ווייט ביז די מאגאזינען פיפציק אָדער הונדערט מעטער אויף די פלייצעס זענען מיר גאנץ אָפט געפאַלן. און די שלעק זענען באַגלייט געוואָרן מיט מוסר זאָגן און זידלערייען אַז מיר מאַכן סאַבאָטאַזש. מיר האָבן געאָטעמט ממש מיט שטויב און די חושים זענען פאר צרות אָפגעטעמפּט געוואָרן. אונדזערע קערפּערס זענען ממש געוואָרן איין בארג צעמענט, און ביים אויסלאָדן רויטע ציגל, זענען די ציגל נאָך רויטער געוואָרן פון אונדזערע צעבליטעקטע הענט.

זייענדיק דעם פינפטן חודש אין לאגער בין איך פארוונדעט געוואָרן דורך דער באן און אַזוי בין איך געבליבן אַ מאָנאַט צייט אין דער „קראנקן שטובע” נישט גייענדיק צו דער ארבעט, און נאָך דעם חודש, הגם איך בין נאָך געווען ווייט פון זיין געזונט, האָב איך זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער ארבעט האָבענדיק מורא טאָמער וועט מען מיך אריינשטעלן אין דער רשימה מיט נאָך קראנקע און פארשיקן פון וואנען עס איז זיכער קיין צוריק נישטאָ, אין אַן אייביקן העהלונגס לאַגער. אין מיין באזיץ איז נאָך געווען מיין זייגער איך האָב אים אַוועקגעגעבן דעם אויפזעער, כדי ער זאָל אביסל אַוועקקוקן פון מיין ארבעט ביז איך וועל קומען צו זיך.

אין דער צייט דאָס איז געווען ארום אָקטאָבער 1942, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין דעם קאָנצענטראציאנס לאגער מארקשטאט. ווען נישט דאָס איבערבייטן דאָס פלאץ וואָלט איך מער נישט אויסגעהאַלטן אפילו אַ קורצע צייט. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן זענען טאַקע די נייע אָנגעקומענע קיין מעכטאל אזוי אָפגעשוואכט געוואָרן אַז זיי זענען געפאַלן ווי פליגן. די אָפגעשוואַכטע האָט מען אויפגעזאמעלט און בכדי נישט מאכן קיין רעש און קיין פאניק האָט מען זיי געזאָגט אַז מען פירט זיי אין אַ ערהאלונגס לאַגער... (מיר האָבן דאָס אָנגערופן „מנוחת עולמים”).

אין מארקשטאט איז שוין געווען אַ גרעסער לאַגער בערך א צוויי ביז דריי טויזנט נפשות. מיר האָבן דאן געהערט פון מענטשן וואָס זענען געקומעז פון סאָסנאָוויץ און

אומגעגענט, וואָס האָבן דערציילט שוידערלעכע זאַכן. וועגן וועגן פולשטענדיקע ליקווידירונג פון סאָסנאָוויצער יידנטום, אונדז האָט באַהערשט אַ פולשטענדיקע אַפּאַטיע. שווער געווען אַ מענטש זאָל קאָנען זאָגן אַז ווער פון אונדז וועט בלייבןביים לעבן. זאָל דאָ מיט עקל דערמאָנט ווערן דער לאַגער „קאַפּאָ" משה מעכטינגער, ער האָט נישט ארויס־געלאָזט די נאגייקע אויס זיינע הענט. און די ספּעציעלע באַהאַנדלונג וואָס ער האָט אונדז געגעבן. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן ישראל ר. פון בענדין אַ אויסטערל־שע חיה אין מענטשלעכן געשטאַלט, וואָס נישט איינמאָל האָבן די דייטשן אים געשענקט אויסצייכנונגען פאַר די איבער־געגעבענע באַהאַנדלונג צו די קרבנות. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט פון קאָפּען אין בויך פונקט אין אַ פוטבאָל, ביז דער קרבן האָט אויסגעהויכט די נשמה.

מיר דערמאָנט זיך אַ פאַקט נאָך אַ אפּעל פון קאַפּאָ ישראל ר. און מעכטינגער אין אַ באַשטימטע נאכט ווען מיר האָבן זיך געלייגט אויף אונדזערע נאָרעס זיי איז נישט ווילגעפעלן די זויבערקייט פון דעם דיל, מיר האָבן דעם דיל געוואשן יעדן אָוונט, און דער דיל האָט נישט באוויזן אויסצוטרוקענען עס איז געווען ווינטער. דאָס האָט געהייסן אַז מיר האָבן אים נישט גענוג געשייערט און באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן מיט דער „עבודת הקודש" זייערער, מיט מכות רצח אלע וואָס האָבן זיך נאָר געפונען אין באראק וואָס איז באַשטאַנען פון פערציק מאַן. מיר זענען אַנטלאָפן כמעט נאקעטע אין דרויסן אויף דעם פראָסט ווי דער שניי האָט געבריט אין די באָרוועסע פיס.

די צוויי פאראנטוואָרטלעכע וואָס זייער גורל איז אויסגע־פאַלן דעם אָוונט צו מאכן זויבער דעם באראק האָבן נישט געקאָנט פלאַץ האַלטן נאָך דעם טיפּול וואָס זיי האָבן באַקומען, דאָס איז נישט געווען פאַר מענטשלעכע כוחות אויסצוהאַלטן.

צווישן אונדז האָט זיך אויך געפונען זער אַ פרומער ייד. פון פאַך אַ זייגערמאכער וואָס האָט מיט זיך מיטגע־בראכט זיין ווערקצייג (דאכט זיך היינט אין ניו־יאָרק) דער דייטשער מייסטער האָט פאַר אים אויסגעטיילט אַ פלאַץ, אין דאָרט האָט ער פאראַכטן זייגערס.

הגם די אכזריותן האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט, אָבער לעמל האָט גענאָסן פון א רואיק לעבן, געווען מיט דעם מייסטער זער באפריינדעט, ער האָט אים צוגע־טיילט מער ברויט, ביי דער ארבעט פלעגט אָט דער לעמל איבערחזרן אַ פרק משניות, אין אמאָל אַ דף גמרא, איינמאָל האָט דער דייטשער מייסטער, ווי מען פלעגט אין דער שטיל דערציילן, אַ רמז געוועזן אַז דער ניגון איז אים נישט פרעמד אין געפלעגט אַ זאָג טאָן, אז ער קאָן זיך אויס אויף די זאכן. עד היום ווייס איך נישט אויב ער האָט זיך מתוודה געוועזן פאַר לעמלען וועגן זיין אָפּשטאַם.

נאָך דער קריג האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז די וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפן האָט ער געזאָגט אַז ער איז אַ דייטשער ייד, און ער האָט זיך באַמיט אַז יידן זאָלן אויסמיידן קלעפּ, דעריבער האָט ער געמוט, זידלען, שרייען, שילטן, בכדי פארדעקן זיינע כוונות, קאָן זיין אַז לעמל ווייס וועגן אים מער.

מיר זענען געוועזן פארטיילט אין פארשידענע גרופּן, עס דערמאָנט זיך מיר איינער פון אונדזער גרופּע וואָס האָט זיין הונגער נישט געקענט באַהערשן. אין אַ באשטימטן פלאַץ, איז געוועזן אָנגעוואָרפן אַסך שמוץ. דאַכט זיך אַז דאָרט איז געוועזן אַ חזרים שטאל, ער האָט זיך דאָרט אַהין שטענדיק פארקליבן, בכדי עפּעס ארויסגראבלען פון מיסט צום עסן. דערפאַר פלעגט ער באַקומען מכות רצח, טייכן בלוט האָבן זיך געגאָסן פון אים, פון דער נאָז, פון מויל, און ער ביים זייניקן, נישט געקאָנט זיך צוריקהאלטן און דאָס גראבלען אין מיסט האָט אים אינגאנצן פאַרכאַפּט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויסנוצן יעדע מעגליכקייט אָוועקכאַפּן זיך פון ארבעטס פלאַץ, בכדי גראבלען אין מיסט און געפינען עפּעס צו שטילן זיין שרעקליכן הונגער.

א באַזונדער ראָל האָבן געשפּילט די שלעגערס, פאראַן געווען ביי אונדז אן אויבער־קאַפּאָ אַ דייטשער ייד, גערופן האָט מען אים פארשטאט, אויך איינער פיק און דער בארימ־טער רבי ווי מען האָט גערופן ישראל ר. געוועזן פויפסטלעכער ווי דער פויפּסט און טריי אויסגעפירט די מלאכה, צו דער צופרידענהייט פון זיינע נאַציסטישע הערשער.

אין גרויסע פרעסט ווען עס איז אונמעגלעך געוועזן ארבעטן ביים בעטאָן האָט מען אונדז אַוועקגעשטעלט אין באַפוילן ציען נעגל פון ברעטער, אויסרייניקן זיי, פלעגט טרעפן אז איך האָב נישט געפילט אז איך האַלט עפּעס אין דער האַנט, אלץ איז געוועזן איין שטיק אייז, די הענט, די פיס, ד'י אויערן, איינמאָל האָט מען מיר געטראָפן ביי אַ שרעקלעכער עבירה דער מייסטער ברייליע (גערופן האָבן מיר אים קאפּעלושניק) אַז איך ווארם זיך די הענט, ער האָט דאָס באמערקט פון דערווייטנס, ער האָט מיך ווילד געשלאָגן אין אויף צולייג אויסגעהאקט עטלעכע ציינער, אין דערביי ווילד געהאָוועט: איר פארפליוכטע יודן אונדזערע ברודער פארגיסן זייער בלוט אויף דעם פראָנט און איר וועט דאָ האָבן אַ לייכט לעבן?... אזוי אַרום האָט ער געוואָלט נקמה נעמען לויט זיינע נאַצישע באַגריפן אין זיינע פענסיאָנערן. שלאָגן פלעגט ער מיט אַ לאָפּאטע, אַדער קרייצהאַק, וואָס ער האָט נאָר געהאַט אין דעם מאָמענט אונטער דער האַנט.

איך האָב דעם פינסטערן פארשוין געטראָפן נאָך דער קריג אין מערב דייטשלאַנד, ליידער איז נישט געווען צו ווענדן זיך צו ווענדן, נישט געוועזן ווער עס זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען, כאָטש נעם אין שטעל אויף די קרבנות, זיי זאָלן עדות זאָגן, אין ווי וויי טוט דאָס וואָס אַסאַך פון זיי דרייען זיך אַרום פראנק און פריי, אומבאשטראָפט ביז היינט צו טאָג. אין די משפטים אנטקעגן זייערע זינד מאַכן אַ רושם פון אַ גלעט איבער זייערע פינסטערע רציחות.

איינצעלנע זענען געווען ביי אונדז וואָס האָבן אונדז דערמוטיקט און פלעגן זאָגן אַז דאָס איז אַ ענין פון אַ קורצן צייט אָפּשניט און אויף אונדז ליגט דער חוב פון **מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, זיין שטאַנדהאַפט און אויסצוהאַלטן,** אַנדערע האָבן ווידער געזאָגט אַז די גדולי הדור אין פאַר־שידענע תקופות האָבן געבעטן אַז זיי זאָלן צו אַזאַ מצב חלילה נישט קומען.

מיר דערמאָנט זיך אַ בעקער מיט דעם נאָמען פרישמאַן, אַנטקעגן אים האָב איך אויסגעזען ווי דוד קעגן גוליתן. **קינדערלעך ווער עס הייבט אָן מיט יידן וועלן האָבן אַ** שווארצן סוף, און אין אונדזער דור איז ליידער פּאַרקערט, דערשלאָגן און מיט אַ צעבראָכן הארץ איז דער ייד אורמ־געגאַנגען. איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל אין יאָר 1944 ווען מיר זענען איבערגעפירט געוואָרן אין קאָנצענ־טראַציע לאַגער פאָלבריק אין דער אויבנדערמאַנטער פרישׂ־מאַן איז געווען אַזוי געשוואָלן אז ער האָט זיך קוים באַוויגן, **נישט געקאָנט רירן מיט די פוס און נישט מיט די הענט פון** הונגער און שוואַכקייט און וואַסער טרינקען אָנשטאָט עסן. דאָס איז שוין געווען אַ קלאָרער סימן פון סוף, און טאַקע נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אים צוגעטיילט צו דער גרופּע... פון זיין מין.

פון צייט צו צייט איז ערשינען דער הינקענדיקער סוחר, אַ אומווערדיקע בריאה וואָס אַזוי צו זאָגן אָפּגעקויפט **אַלע קראַנקע ווי אַלטע שמאַטעס... און געשיקט זיי צו ערהאַלונג.**

אין לאַגער פאָלברוק האָב איך זיך באַגעגנט מיט חברים **וואָס זענען געבליבן ביים לעבן און געקומען צו אונדז איינ־**צעלנע פון דעם לאַגער גרעליץ וואָס דאָרט האָט געהערשט אַ טיפוס עפּידעמיע, די קרענק האָט פאַרשלינגען אַסאַך קרבנות. **ליידן און פיין וואָס עס איז זיי שווער אַרויפצובריינגען אויף** דעם פּאַפּיר, דעם צער און פּיין פון די קראַנקע אין די פּלעגע פון די קאַפּאָס.

דאָ האָט מיך אויך דערגרייכט די בשורה וועגן מיין פאָטערס אומקום הי״ד אויך ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ קאַפּאָס האַנט. מיר איז באַוווּסט אַז דער קאַפּאָ רוצח איז געווען פון טשעלאַדז און ער האָט זיך געוואָלט **אויספיינען פאַר די נאַציִם מיט זיין אכזריותדיקייט.**

פון אַזוי פיל צער און ביטערע איבערלעבונגען בין איך ממש געווען אויף דעם ראַנד פון צוזאַמענברוך. מיינע חברים האָבן מיך געטרייסט און אפשר טאַקע צוליב דעם אַלעם מוזט מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען און איבערלעבן די נאַצישע בעסטיע.

אין דער מחנה זענען געווען קראַנקע וואָס זענען נישט און מיר איז געלונגען צו באַקומען פון אַרבעטספּלאַץ צוערשט „טאַבאַרעס״ און נאָכדעם אין אַ שלאָסעריי. דאָס איז געווען דער לעצטער קאָנצענטראַציע לאַגער ביי מיר, „לאַנגענבילאַו״ היינט ביעלאַוואַ דאָרט האָבן זיך געפאָדערט שלאָסערס, איך האָב געזאָגט אַז איך בין פון דעם פאַך. איך בין אריין אין די „צירין ווערקע״ און געוואָרן אַ העלפער פון אַ פאַכמאַן

אַן אַלטער דייטש. אונדזער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אַ 50 מענטשן, דאָס איז געווען **אַ גרויסע שלאָסעריי. אונדזער** מצב האָט זיך פאַרבעסערט ווייזט אויס **דאָס זיי די דייטשן** האָבן שוין **אַרויסגעפילט אַז דער סוף דערנענטערט זיך,** אין געהיים האָבן מיר באַקומען צוגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט פון די דייטשישע בירגער וואָס האָבן אויך אין דעם ווערק געאַרבעט.

אין דער מחנה זענען געווען קראַנקע וואָס זענען נישט אַרויס צו דער אַרבעט, די קראַנקע האָט מען אויפגעהערט שיקן צו דערהאַלונג, ווייזט אויס אַז דער פאַקט וואָס די אַמעריקאַנער אַרמיי און די סאָוויעטישע האָבן אויף זייער קאָפּ געשמעטערט אויפרייס מאַטעריאַלן האָט אַביסל טאַר־מאַזירט זייער פאַרטיליקונגס אַרבעט זעענדיק זיך באַזיגט.

נאָכדעם ווי איך האָב באַזוכט די קראַנקן שטובע האָב איך מיר אַדאַפּטירט איין קראַנקן, ליידער **געדענק איך** נישט זיין נאָמען. איך ווייס אויך נישט אויב ער איז פאַר־בליבן ביים לעבן. אין איין טאָג בין איך אַריין אין די קראַנקן שטובע און האָב זיך געטיילט מיט אים מיט מיין זופּ וואָס איך האָב באַקומען צו אָוונט ברויט. איך האָב אים דערמו־טיקט אַז אָט אָט דאַרף מען האָפן אַז די גאולה קומט בקרוב, דערמאָנט זיך די שטוב פון יענע ביטערע טעג ווי מיין פאָטער ז״ל האָט געטיילט זיין ביסן מיט זיין חבר, וואָס האָט מיט אים געאַרבעט און נישט אליין אַראָפּגעשלינגען, און דאָך האָט מיך אַרומגענומען אַ געפיל טראָץ דעם אַלעם בייזן **וואָס איך האָב געזען, אַז בכדי ממשיך צו זיין טאָר מען זיך** פון קיין גוטע מעשים נישט אָפּזאָגן ווייזט אויס אַז דאָס איז דער קיום פון מענטש, און זיין תכלית און דאָס שלעכטס וועט סוף כל סוף פאַרשווינדן.

איידער איך שליס טייל פון מיינע דערציילונגען וואָס מען קאָן זיי סיי ווי סיי נישט אויסשעפּן, וויל איך נאָך דערמאָנען איבערלעבונגען וואָס וועלן קיינמאָל נישט פאַר־ווישט ווערן אין מיין זכרון. דאָס איז געווען אין מאַרקשטאָט **ווי איך האָב זיך באַמיט צו באַקומען אַ שטיקל פּאַכמעניש**ע **אַרבעט הערנדיק אַז מען באַדאַרף** סטאָלאַרעס האָב איך זיך **געמאָלדן. אין דעם לאַגער האָבן** אויך געאַרבעט מענטשן פון דרויסן, דאָס הייסט פון דער פריי, פּאָליאַקן, טשעכן א.א. פאַר זיי נאַטירלעך איז געווען אַן אַנדערע באַשפּייזונג ווי **פאַר אונדז. ס׳איז געווען אַ מאַגאַזין אין קעלער מיט קאַר־טאָפּל, קרויט, בוראַקעס און נאָך אַזעלכע** דעליקאַטעסן וואָס די נשמה איז אויסגעגאַנגען צו זיי.

איך האָב זיך צוגעפּאַסט אַ שליסל און אין דער מיטאָג־צייט געפּלעגט זיך אַריינכאַפּן אין דער שאַצקאַמער... און עפּעס אַרויסבאַקומען פון די געשמאַקע שפּייזן — אַ קאַרטאָפל, אַ בוראַק, אַמאָל האָט זיך געמאַכט אויך אַ מער, אָדער גאָר אַ ציבעלע. אַ צייט לאַנג איז דאָס מיר געלונגען, ביז מיינע פאַך קאָלעגן האָבן דאָס דערגאַנגען. דערזעענדיק מיך ביים אַרויסגאַנג פון קעלער מיט מיין רויב, זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר און אַנגעהויבן שלעפּן וואָס עס האָט

זיך נאָר געלאָזט װעלענדיק טועם זײן אַ גוטן ביסן, דערבײ רעזיקירענדיק מיט דעם לעבן.

מען האָט דאַן אַלאַרמירט אַן אַפּעל ספּעציעל פאַר די יידן אין לאַגער, אָבער מען האָט נישט אויסגעפינען קיינעם און צום גליק האָט איינער דעם צווייטן נישט אויסגעגעבן.

נאָכדעם האָב איך געמוזט אַ צייט פאַרגעסן אין די גוטע צייטן און דריי חדשים צייט איז מיר, נישט איינגעפאַלן פּרוּוון מיין מזל אין קעלער. אין אַ באַשטימטן טאָג מיינענדיק אַז די דייטשן האָבן שוין פאַרגעסן, ווידער אין דער מיטאָג שעה און דאָ בין איך אריינגעפאַלן גלייך אין דער נעץ, ווייל זיי די דייטשן האָבן געלאָקערט. מען האָט מיך געכאַפּט און איבערגעגעבן צו מיין קאַפּאָ און היות ווי ער האָט נישט איינמאָל געהאַט אַ חלק און אָפּגעלעקט אַ ביינדל פון מיין רויב, האָט ער מיר בעת מעשה דערלאַנגט עטלעכע געזונטע פּעטש אָפּאַר קאַפּעס מיט די פיס און אויף צולייג צוגעזאָגט איבערפירן מיך ווו מען דאַרף און ערשט דאַן וועט קומען די אמתע שטראָף. צו דעם אָבער איז עס נישט געקומען. דער קאַפּאָ אליין איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אַז דער ענין זאָל ווערן צופיל אויפגעבלאָזן.

היות ווי איך האָב געארבעט מיט אַנדערע פאַכלייט אין דרויסן בין איך געקומען אין קאָנטאַקט מיט זיי און ווער עס האָט געהאַט אַביסל געלט האָט ביי זיי געקאָנט קויפן דאָס טייערסטע, אַפילו אַ ברויט.

איינמאָל אזוי גייענדיק מיט אַ ברויט פאַרשטעקט אונטער דעם העמד אויף דעם בויך האָט מיך דער וואכ־פאסטן רעווידירט און געפונען דעם ברויט, פאַרשריבן מיין נאָמען און טאקע דעם זעלביקן אָוונט האָב איך זיך איינגע־הערט און גוט געפילט און פיל עס נאָך עד היום די מוזיק פון שמיץ וואָס זענען געפאַלן אויף מיר. באַשטימט איז מיר געוואָרן הונדערט שמיץ. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין יונגן לעבן, ווי וועל איך דאָס אויסהאַלטן, די ערשטע צוואַנציק שמיץ האָב איך נאָך געפילט, דאַן האָט מען מיר באַגאָסן מיט עמערס קאַלט וואַסער וואָס האָט פון מיר אַראָפּגעריינען צוזאַמען מיט בלוט. דאָס האָט געהייסן אַז זיי מונטערן מיך.

נאָך היינט דערמאָנט זיך מיר דאָס היסטאָרישע בענקל פאַרבונדן די הענט און פיס הינטער אים, און פאַר די אויגן שטייט מיר דער קאַפּאָ מעכטינגער וואָס האָט זער ערנסט געציילט די שמיץ וואָס זענען געפאַלן.

און נאָך די אלע איבערלעבענישן וואָס האָב איבערגעטראָגן לעב איך היינט אין דער נייער פּאָרט שטאָט אשדוד ווי איך בין בעאַמטער, פיר אָן מיט אַרבעט, זע די אנטוויקלונג פון דעם וויכטיקן פּאָרט, האָב דאָ געבויט אַ פאַמיליען לעבן, האָב צוויי גערעטענע זין. אָט לעב איך איצטער דאָס לעבן וואָס עס האָט אויסגעזען אין די ביטערע טעג ווי אַ אונגלויבלעכן חלום.

פאַר מיינע אויגן גייט אויף דאָס זעלבשטענדיקע יידישע לעבן דער כח פון יידישן מענטש. ווי דער ערד באַקומט אַ נייע הויט. ווי אויך די וואַסערן ווערן געצווימט. און דער ים



הגדר החשמלי סביב אושוויץ

עלעקטרישע דראָטן צוימען ארום אושוויץ

לאמטערנס ווינקן אין די ווייטקייטן. טרעפט אויך אַמאָל ווען אַ דייטשע שיף שווימט אָן און אין הארצן גיט עפּעס אַ ציק און עס דערמאָנט זיך דער אמאָליקער פינסטערער פּאָרט.

אויך מיין לעבן באהעפט זיך צו דער גרויסער באנייאונג וואָס גייט דאָ אויף פאר מיינע אויגן. און אונדזער דור וואָס איז זאַט פון יסורים אין פיבערט אויס די טעג וואָס ווערן געבוירן אויף אונדזער צוריקגאנג פון דעם אַמאָל, צום בראשית פון פאָלק, לאַנד און מענטש, ווי מען דאַרף נישט באהאַלטן אונדזער יידישקייט, פאר גיפטיקע בליקן פון אונדזערע שונאים, אין טעג פון שבת און יום טוב פאלט אמאָל אַ טרער, אין דער בליק צעצינדט זיך און קוקט אויף היימען חרובע, און עס שווימען ארויס די ליכטיקע געשטאלטן, וואָס זענען מיט רויך אַוועק און אין דמיון באַלעב איך זיי, ווי איך וואָלט זייער הייסן אָטעם פון ליבשאַפט צו מיר דערפילט.

שושנה ארליך—זיו, תל־אביב

קנעכטשאפט און פיין

באלד אויף צעמאָרגנס נאָכן אָנקומען פון די דייטשן, בין איך אראָפּ אין גאַס עפּעס קויפן, און אָנגעטראָפן זיך אויף ס.ס. לייט, וואָס זענען געשטאַנען אין אַלע עקן, און האָבן יעדן דורכגעשפּיזט מיט זייערע בלוטדורשטיקע ווילדע בליקן.

אויף דער גאס איז שוין געווען יידיש בלוט פארגאָסן. איך בין צוריק, נישט געקאָנט גיין ווייטער, און האָב זיך צוריקגעקערט אין שטוב.

אָוונט־צייט האָבן זיי אָנגעהויבן אריינדרינגען אין די הייזער און אויך צו אונדז זענען זיי געקומען און געפרעגט אויף די מענער, און באלד טאַקע צוגענומען דעם טאַטן, מיין ברודער און פעטער.

מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין שעני'ס פאַבריק און דאָרט האָט מען זיי שרעקלעך געפייניקט. דער טאטע איז צוריקגעקומען אויף צעמאָרגנס, מיר האָבן אים קוים דערקאָנט, די באַרד ארומגעגאָלט, דאָס מויל פון שרעק אויסגעקרומט, דעם פעטער האָט מען פארהאלטן אַלס אַן ערובניק. דער טאַטע האָט געזען ווי מ'האלט אים מיט נאָך אַנדערע יידן אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט. מיין ברודער האַט מען אוועקגעפירט אין תפיסה אויף דער סאוואראווע גאס, 14 טאָג איז ער דאָרט געזעסן צווישן טויט און לעבן. נאָך פערצן טאָג האָט מען 14 יונגע בחורים אַוועקגעפירט אונטער דער שטאָט און געהייסן זיי אויסשטעלן ביי אויסגעגרובענע גרובער, אויסלייגן זיך מיטן פנים אראָפּ, און ס'האָט זיך דערהערט אַ זאלפּ.

צווישן די געפאלענע איז אויך געווען מאיר גאָלדבערג, שווער געווען צו רעדן מיט מיין ברודער נאָך זיינע איבערלעבענישן. ביינאַכט פלעגט ער שרייען פונעם שלאָף און איבערגעלעבט די שרעק פון ס'ניי.

אויך מיך האָט מען אמאָל פאַרהאַלטן און געהאַלטן ביים אוועקשיקן קיין דייטשלאנד, איך האָב ארויסגעשריבן צעטלעך אהיים אַז איך וועל שפּרינגען פון דער באַן. מיין משפחה האָט איינגעלייגט וועלטן מיך ארויסצונעמען. געלונגען ארויסצונעמען מיך איז צוליב מיין ברודער וואָס האָט צו יענער צייט געארבעט אין דער פאַבריק ביי „לאנצן”, און צוליב זיין מייסטער האָב איך זיך אריינבאַקומען אין דעם זעלבן ווארשטאַט.

ווען ס'איז דערשינען דער באַפעל אין געטאָ שראַדולע אַז יידן דארפן זיך שטעלן אויף דעם זאמלפונקט, האָט דער טאטע געזאָגט, איך וועל גיין ווי אלע יידן וועלן גיין. איך האָב זיך גֶעבעטן ביי אים אַז דאָרט אהין האָט מען צייט צו גיין, און אַז ער זאָל זיך נישט שטעלן צום זאמלפונקט.

אונדזער משפחה איז אַראָפּ אין בונקער. אין בונקער איז געבוירן געוואָרן אַ קינד און מיין מאַמע איז געווען די הייוון. איבעריק צו דערציילן דעם גורל פון אַזאַ שעפעלע וואָס איז אין אַזאַ פינסטערע צייט אויף דער וועלט געפאַלן און דער טויט האָט שוין געלויערט אויף אים, נאָר וואָס אָנגעכאפּט דער מאַמעס ברוסט אין מויל און זיך צום לעבן באַהעפטן.

פלוצים איז זי אָנגעקומען, די אויסזידלונג, מען פילט דער סוף קומט, מען רייסט אויף די קעמערלעך ווו די מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן, מענטשן אנטלויפן ווי געיאָגטע חיות, באַהאַלטן זיך אין קיך אונטער די טרעפּ, ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט, ווו ס'האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט אז מען קאָן באַקומען אַביסל שוץ. ליידער האָט דאָס זייער ווייניק געהאָלפן און זיי האָבן אַלע ווינקעלעך אויסגעפלינדערט.

ביז היינט דערמאָנט זיך מיר ווי אַזוי איך האָב געוואָלט שיצן מיין לעבן, איך האָב זיך אנידערגעזעצט אונטער די טרעפּ און פאַרדעקט מיין קאָפּ מיט אַ בויגן פאַפּיר, און ביז היינט פאַרשטיי איך נישט ווי אַזוי מ'האָט מיך נישט מיטגענומען מיט דעם גאנצן טראַנספּאָרט.

בלייבענדיק אזוי אליין האָב איך זיך אָנגעהויבן ארומקוקן וואָס עס טוט זיך. נאָך דער דאָזיקער אַקציע האָט מען

מיך געוואָרנט איך זאָל אַראָפּ אין קעלער ווייל די ס.ס. לייט האָבן זיך עס זעלבן אָוונט ווידער אָנגעהויבן ווילדעווען.

מיר דערמאָנט זיך ווי לוסעק קראַמאַלאָווסקי האָט מיר געזאָגט איך זאָל זיך זוכן אַ באַהעלטעניש. איך בין מיט מיין שוועסטער אסתר אַראָפּ אין קעלער זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן און ביי דער אויסזידלונג אין אַ צווייטן הויף.

נאָך דעם דאָזיקן שרעקליכן אָוונט זענען מיר געווען זער באַטריבט, האָב איך זיך געווענדעט צו לוטיקן ער זאָל אונדז מיטנעמען צו דער ארבעט אויף דער קאַמיאַנקע. ער האָט אונדז מיטגענומען און דאָרט זענען מיר געבליבן זיצן אויף דער קאַמיאַנקאַ און נישט צוריק מער קיין שראַדולע.

אזוי האָבן מיר אַ גרופּע בחורים און מיידלעך געאַרבעט ביי דער ליקווידאַציע. מיר האָבן געדאַרפט סאָרטירן יידיש האָב און גוטס פאַר די דייטשישע יורשים, און הגם דאָס זענען געווען רעשטן פון יידיש פאַרמעגן מיט שווערער מי אויפגעזאַמלטע האָט דאָס הארץ געריסן ווען מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שבתדיקע מלבושים פון מענער און פרויען, פעלצן, גאַרדינען און אין טאַשן ווו ס'זענען פאַרבייט געווען — פּערל, גאָלד, בריליאַנטן און אויך געלט און פאַרשידענע ווערט זאַכן. אויסגעהיטענע ווירפּראַוועס, געשטיקטע בעטצייג און וווּנדער שיינע טישטעכער, לייכטער, קאַנדעלאַברעס, חנוכה לייכטערס. מען דאַרף נעמען אין אַכט אַז דאָס זענען שוין געווען די רעשטן, ווייל נישט אַמאָל האָט דער יודנראַט אליין אויפגעזאַמלט. און וואָס איינצעלנע דייטשן און זייערע מיטהעלפער האָבן געראַבעוועט, פון דעם האָט מען געקאָנט דרינגען ווי פאַרמעגלעך סאָסנאָוויץ און איר סביבה זענען געווען.

איינמאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף מלבושים פון דער משפחה ראָזענבערג אַ שוועסטער־קינד מיינע געפינענדיק אַ בילד צווישן די קליידער. אָט האָסטו דיר אַ משפּחה באַגעגעניש האָב איך מיר געטראַכט.

אין דעם לאַגער זיינען מיר אויך געשלאָפן. איך און מיין שוועסטער זיינען געשלאָפן צו זאַמען. אין שלאָף האָב איך אַ מאָל דערפילט אַ בלענצענדיק ליכט פאַר מיינע אויגן דאָס איז געווען אַ געסטאַפּאָוויעץ וואָס פלעגט נישט איינמאָל מיך צווינגען גלייך קוקן אין די אויגן און ער האָט אויסגעקרומט זיין פּרצוף און אַוועק.

מיר דערמאָנט זיך אַ סילוועסטער־אָוונט מ'שטיינסגעזאָגט וואָס זיי די באַצווינגער און רוצחים האָבן אָרגאַניזירט, זיי האָבן דאָך געדאַרפט אַ ביסל פאַרווייַלונג, מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל פריילעך צו זיין, אזוי האָט זיך זיי געוואָלט. זיי האָבן אונדז אויפגעזאַמלט, מיר מיט אונדזערע צעבראָכענע הערצער, שפּענדלעך פון גרויסע ליכטיקע משפחות וואָס זענען שוין לאַנג געווען אין אוישוויץ. ווי טרויעריק איז מיר געוואָרן אויף מיין הארצן ווען דער ראש פון דער געסטאַפּאָ האָט זיך צו מיר געוואָנדן — הער מאָל דו — זינג אונדז וואָס. איך האָב אים דערקלערט אז זינגען קאָן איך נישט, דאַן זאָגט ער — דעקלאַמיר — זאָל זיין אין פּויליש. איך האָב געמישט אין מיין מוח און מיר האָט זיך דערמאָנט אַ טרויריקע סטראָפע פון אדאם־אַנעק'ס אַ ליד. ער איז אַרויס אַ צעפרידענער. מיין דעקלאַמירן האָט אים ווייזט אויס געפעלט צו זיין פולער סילוועסטער שמחה.

ווי פרעמד האָבן מיר זיך דאַמאָלס דערפילט, דערשלאָגענע לעצטע רעשטלעך אויף זאַגלעמביער באָדן וואָס מיר זענען אויף איר אויסגעוואַקסן. מיר האָבן געפרעגט פאַרוואָס קומט אונדז די דערנידערונג ווייניק אונדזער בלוט. אויך אונדזער זמר ווילט זיך זיי, די נאַצישע חיות.

אויך צווישן די רשעים איז אנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ צווישן דעם הויפּטמאַן און אַ געוויסן לאַרענץ, אַ צעווילן פאָלקס־דייטש און איינמאָל ווען איך בין געשטאַנען ביי די וואַליזן ווו מען האָט אויפגעזאַמלט די ווערטפולע זאַכן, איז אַריין דער הויפּטמאַן און הייסט זיך ווייזן די וואַליזן. איך האָב געציטערט ווען ער האָט געשריגן ווו זענען די גוטע זאַכן געוויס גיט איר דאָס אַלעס אַוועק דעם לאַרענץ... און אויף וויפל רשע ער איז געווען האָט ער זיך כלומערשט צולאַכט, פאַרקרומענדיק זיין פּרצוף ווען איך האָב אים אין מיין תמימות דערקלערט, הער הויפּטמאַן נעמען זי אין אַכט אַז דאָ איז שוין דער סוף...

ער איז אַוועק און האָט באַפוילן באַפרייען מיך פון שטיין ביי די בעסערע זאַכן. עס זענען אויך פון צייט צו צייט אין דער קליינער צאָל פאַרבליבענע געמאַכט געוואָרן סעלעקציעס.

אין אַ באַשטימטן פרימאָרגן האָט דער זעלבער הויפּטמאַן אַרויסגערופן לוטעקן אין דערשאָסן אויך לוטעקס פרוי און די צוויי טעכטער זייערע זענען אומגעקומען.

מיר האָבן דערפילט אַז עס וועט פאַרקומען די אַלגעמיינע אויסזידלונג, מיר זענען שוין געווען די לעצטע, געווען אפילו קלאָגן וואָס האָבן אונדז געוואָרנט דאָס ווער עס קאָן זאָל אַנטלויפן.

מיר דערמאָנט זיך אַ פאַל פון קאַמיאַנקע איך האָב געוואָגט בעטן ביי אַ אָפיצער ער זאָל מיר דערלויבן גיין קיין סאָסנאָוויץ, ער האָט מיר געגעבן באַגלייטונג. איך בין געפאָרן מיטן טראַם און ער האָט מיך לויט מיין ביטע צוגעפירט צו אונדזער „טרויהענדלער", ער האָט זיך דאַן געפונען אין געשעפט ביי איגרא אויף טאַרגאָווע גאַס. איך בין צו אים אריין דורך אַ אונטער־טיר און באַלד באַקומען חרטה ער האָט מיר פאַרגעשלאָגן אַזאַ פאַנטאַסטישע סומע פאַר אויסבאַהאַלטן מיך און מיין שוועסטער אַז איך האָב אפילו נישט געקאָנט וועגן דעם טראַכטן. איך בין אַוועק פון אים מיט גרויס עגמת נפש און גאַרנישט אויסגעריכט.

דאַן האָב איך זיך געווענדעט צו אַ געוויסע מאַריאַ פיינער איר מאַן און קינדער זענען שוין נישט געווען אינדערהיים. זי האָט מיר געזאָגט אַז זי באַהאַלט עמעצן אויס,

זי האָט נישט געשטעלט קיין שום פאָדערונגען אָבער זי האָט מיר אויפריכטיק געזאָגט אַז די שכנים קוקן מיט פארדאכט און ביי איר איז די טיר שטענדיק געווען אָפן. אויך פון דאַנען בין איך אַוועק מיט גאָרנישט.

ארויסגייענדיק פון דאָרט כאָטש איך בין געגעאַנגען אין באַגלייטונג פון אַ דייטשן סאָלדאַט האָבן די שקצים נאָכגעשריגן „זשידאווא". צוריק גייענדיק אין לאגער האָב איך רעזיגנירט פון ווייטערע פרוון ארויסצוקומען פון לאַגער. אויך מיין שוועסטער האָט געקאָנט ראטעווען ביי אַ קריסטן אָבער זי האָט נישט געוואָלט ראטעווען איר לעבען אליין.

אין יאַנואר 1944 זענען מיר אלע ארויסגעשיקט געוואָרן, נאָכן אפעל ווען מיר זענען אריינגעשטופט געוואָרן אין די פּראכט־וואַגאָנען האָב איך דאָרט געטראָפן אסאך באקאנטע, צווישן זיי אויך ד״ר ליבערמאַן. איך האָב געוואָלט שפּרינגען. ד״ר ליבערמאַן האָט מיר געטרייסט זאָגענדיק — ביזט נאָך יונג — יונגע מענטשן וועלן דורכהאלטן. ד״ר ליבערמאַן איז געווען אויסערגעווענטלעך דערשלאָגן, אויף זיין און אונדזער פּנים האָט זיך געשפּיגלט דער צער. סאָסנאָוויץ איז געווען יידן ריין...

אַנקומענדיק קיין אוישוויץ האָט מען גלייך אָנגעהויבן מיט דער סעלעקציע. איך בין געשטאַנען מיט מיין שוועסטער, בראַנקא עסטרייכער און שלענעצקא. מיך האָט מען באַלד געפרעגט ווי אלט איך בין נאַטירלעך האָב איך צוגעלייגט אַ פּאָר יאָר אזוי בין איך געבליבן אין דער גרופּע פון די ארבעטס פעאיקע. אין דעם מאָמענט האָב איך באַמערקט אַ געוויסע פרוי טשארנעס זי איז געווען זער אַ שיינע מיט אַ דריי יאָריק קינד אויף דער האנט זי איז שוין געווען אין דעם אויטאָ פון וועלכן מען קומט נישט צוריק, און איינער פון דער זאנדער קאָמאנדע האָט זי ארויסגעשטופּט אָבער שוין אָן קינד. זי לעבט ביז היינט צו טאָג.

אונדזער גרופּע האָט מען אַוועקגעפירט, צוגענומען די קליידונג לויט דער באשטימטער פּראָצעדור אָבער איך האָב דאָך באוויזן באַהאַלטן ביי מיר אַ ביסל זאַכן. אַ צייט לאַנג האָב איך אויסבאהאלטן אַ גרויסן זייגער. דעם זייגער האָב איך געוואָלט מיט אלע מעגלעכקייטן אויסהיטן, איך האָב אים באהאלטן אין דעם פּיצל ברויט וואָס מען האָט אונדז דערלאנגט, עס איז אָבער געווען צוקליין צו פארהוילן דעם זייגער, און ער, דער זייגער, האָט ארויסגעשפּאַרט פון ברויט אָרויס, צוקומענדיק צו דער טיר וווּ מען האָט געדאַרפט אדורכמאכן אַ נייע פּראָצעדור האָט די דייטשע לאגער האַלטערן וועלכע קאָנטראָלירט צו מען האַט נישט עפּעס אויסבאהאלטן דערזען דעם זייגער. זי האָט ממש אָנגעהויבן רצווען ווי אַ חיה. „דו אַ זעלכע און א זעלכע" מיט אלע פּיינע קללות, ווי ה'אגסטו אריינברענגען אַ זייגער דו ביסט געפערליך און מען דארף דיך באַלד שיקן ווו מען האָט אַנדערע געשיקט. זי האָט מיר מיט דער גאנצער קראפט מיט איר שווערער פויסט דערלאנגט אין פּנים, איך האָב ממש פארלוירן דאָס באוואוסטזיין, דערנעבן איז געשטאנען אַ יידישע שטובאָווע וואָס האָט אַ מאַך געגעבן צו איר מיט דער האַנט, ווייזט אויס זיי האָבן זיך געקאָנט און אדאנק יענערס אריינמישונג האָט זי מיך געלאָזט ביים לעבן. דאנקנדיק גאָט האָב איך געפּטערט דעם זייגער.

ווען מ'איז מיך געגאַנגען אָפּשערן האָב איך דערלאנגט אַ מיידל אַ פּאַר דאַלאָר וואָס איך האָב נאָך באוויזן אויסבאהאלטן זיי זענען געווען פארוויקלט אין אַ שטיקל שטאָף, אָבער ווען איך בין צוריקגעקומען האָב איך געזען דאָס שטיקל שטאָף אויף דער ערד און די דאלארן זענען שוין געווען ביי די געסטאפּאָווצעס. צו מיר איז דאן צוגעקומען העס און מיך געפרעגט ווי אלט איך בין ווען איך האָב אים גזעאָגט ניינצן יאָר האָט ער אויסגעדרייט דעם פּרצוף מיט פאַרוואונדערונג און אַ שמייכל געטאָן.

שווער איבערצוגעבן וואָס מען האָט איבערגעלעבט שוין אויף דער שוועל פון דעם שוידערליכן גיהנום.

יעדן טאָג זענען ארויסגענומען געוואָרן פרויען צום אומברענגען די געשרייען האָבן געלעכערט דעם מוח. איין מאָל דערמאָנט זיך מיר אונדזער בלאָקאָווע וואָס איז געווען אַ יונגע און זער א שיינע מען האָט געזאָגט אַז זי איז אַ רב'ס אַ טאָכטער איז אריין אין איר צימער און זיך יאָמערליך צעוויינט און געזאָגט „איך קאָן נישט מער" די העלפערס אירע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט זי איז אַ פארלוירענע, געבעטן זי שווייגן, און ביי דאָס איריקע „איך האָב גענוג".

אַ געוויסע פרוי דאפנער קומענדיק אין לאגער האָט זי דאָרט געטראָפן אַ טאָכטער פון איר זי האָט זיך מיט דער טאָכטער נישט לאַנג געפרייט מען האָט זי פארשריבן צום טראַנספּאָרט, זי האָט ספּאזמירט און געשריגן, געריסן פון זיך די קליידער, דאָס העמד פון דער ברוסט און געשריגן — קוקט איך בין געזונט, קרעפטיק, ארבעטספעאיק — און דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, זי איז אוועק מיט דעם וועג ווי אסאך אַנדערע...

אויך דאָס דערמאָנט זיך מיר ווען מען האָט מיך אויסטאטואירט דעם נומער אויף דער האַנט, נומער 74333, מיין שוועסטערס נומער איז געווען 74332. די וואָס האָט אויסטאטואירט האָט געהאט א פּנימל פון זער אַן איידל קינד זי האָט געשטאמט פון לאָדזש. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן ווען זי האָט מיך געפרעגט אויב ס'טוט מיר ווי... ווייזט אויס נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אין דעם גיהנום ביי איר דאָס געפיל פון רחמנות...

שרעקלעך האָט געווירקט דאָס עסן, מען האָט מער געבראָכן ווי געגעסן, און דאָס האָט געהייסן אַ טויט אורטייל אויך די ארומיקע האָבן געמיינט אָט אָט פירט מען מיך אַוועק...

מיין שוועסטער האָט נאָך אויסבעהאלטן אין דער קאיע

צוויי ברילאנטענע רינגלעך, און ארויסגייענדיק צום אפעל זענען זיי דאָרט פארבליבן, איינע וואָס האָט זיך אויסבאַהאלטן איז דאָרט פארבליבן מיר האָבן געהאט אויף איר אַ חשד. ווי עס זאָל נישט זיין, מיט אַזויפיל טויט־שרעק אויסגעהיטן עפעס פאר אַ שווערע נויט און געבליבן ביי גאָרנישט. אונצווישן האָט מען אונדז אוועק געפירט אין אַן אַנדערן בלאָק.

און אָט בין איך אָנגעקומען אין ארבעטס לאַגער. די וואָס זענען שוין ביי דער ארבעט געווען האָבן אונדז באַדויערט. אין ערשטן טאָג פון דער ארבעט זענען אָנגעקומען קאפּאָס, דאָס זענען געווען פארברעכערס, אינטערוועלט־מענטשן, רוצחים, וואָס מען האָט זיי צוליב דעם צוועק באפרייט פון די תפיסות און געגעבן פירענדע שטעלעס, זיי די הערשער פון אונדזער בידנע לעבן.

איך האָב געוואוסט אַז עס געפינט זיך אַן אונטערגרונט באוועגונג אין לאַגער צו איר האָבן געהערט די מיידלעך וואָס האָבן געארבעט ביי אויפרייס מאַטעריאל, און זיי האָבן ארויסגעפירט צו ביסלעך אויף פארשידענע אופאנים דעם פולווער און איבערגעגעבן אין דעם מענער לאַגער, וואָס האָט געדארפט העלפן מינירן די גאַז קאַמערן.

די מיידלעך זענען געכאַפּט געוואָרן צווישן זיי אויך קינדער פון זאגלעמביע. נאָך שווערע פיינען און אויסהינגערן האָט מען זיי אויפגעהאָנגען. צו דער עקזעקוציע זענען זיי שוין געגאנגען ווי נישט לעבעדיקע. מען האָט אונדז אַלעמען צענויפגעפירט אויף דעם עקזעקוציע־פּלאַץ, הער האָט געהאלטן אַ גרויסע רעדע, מען זאָל זיך אראָפּנעמען אַ מוסר השכל, וואָס עס קומט פאַר אַזעלכע מעשים.

איך האָב פאַרמאַכט מיינע אויגן נישט געקאָנט קוקן, איינע פון זיי דאכט זיך רוז'קא האָט מען זי גערופן האָט געשריגן צו אונדז מיט די לעצטע כוחות, איר וועט נאָך דערלעבן זייער מפּלה און וועט נקמה נעמען.

מיר דערמאָנט זיך אַ העלדן, ווען מען האָט זי געפירט צום גאַז אויוון אַלץ שטראַף פאר איר פּרוּוו צו אנטלויפן פונעם לאַגער, מאלע האָט מען זי גערופן. געכאַפּט האָט מען זי שוין ווייט פון אוישוויץ אין ביעלסקא, זי האָט געדארפט קומען אין קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, און מאכן וויסן וואָס דאָס הייסט אוישוויץ און אנדערע לאַגערן

ווען מ'האָט זי געפירט איבערן לאַגער צום טויט האָט זי זיך געווענדעט צו אונדז, האַלט אייך, זייט שטארק. וויינט נישט, ווייל קיינער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאלטן און פארהאלטן די טרערן.

געפאלן איז זי ווי אַ העלדן. דעם לאַגער עלסטער האָט זי פריער געגעבן פעטש און געשפיגן אין פּרצוף, דאָס איז געווען אַן אייזערנע געשטאלט, פון אַ זעלטענע העלדן נאַטור וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ארויסגעגעבן. זי איז צום שייטערהויפן נישט דערגאנגען. זיי האָבן געוואָלט דעם קרבן לעבעדיק פארברענען. זי האָט זיךביים שייטערהויפן אויפגעשניטן די אָדערן זיי האָבן זי נישט געטויט.

דאָס שרעקלעכע בילד וועל איך אייביק געדענקען און איך וועל אייביק דערמאָנען איר ליכטיקן אנדענק דעם אנדענק פון אַ שטאָלצע יידישע טאָכטער.

פון צייט צו צייט איז פאָרגעקומען בלאָק שפּערע אין אַזעלכע טעג האָט ממש דער הימל געברענט פון די אוישוויצער קרעמאטאָריע קוימענס האָט געקנוילט שווארצער רויך און באַגלייט האָבן זיי פייער־צונגען.

איך הער נאָך דאָס געשריי פון די לעבעדיקע פארברענטע קליינע עופעלעך. יידישע שאָנקענידקע קינדערלעך, און דאָס דייטשע קולטור פאָלק אין 20־טן יאָר הונדערט האָט פאר זיי אפילו גאַז געזשאלעוועט, און פארברענט זיי אין פשוטע גרובער לעבעדיקערהייט.

דאַמאָלט האָב איך געטראכט אין מיין ערלעכער יידישער אמונה, אז איצטער וועלן זיך עפענען די הימלען און אפשר גאָר האָט זיך מיר אויסגעדאכט, בין איך שוין גאָרנישט אויף דער וועלט, נאָר ממש דאָרט אויף יענער וועלט...

ווי ווייט זייער אכזריות איז דערגאנגען קאָן אילוסטרירן דער עפּיזאָר, מיינע אָפּגעגאָלטע האַר האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן ווידע אויפשפּראָצן. אין אַ געוויסן טאָג ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט צו דער ארבעט ביי דער מאשין איז אַן אַ פארוואָס צוגעגאנגען די קאַפּאָ און האָט מיך אַ הויב געטאָן ביי די פיצלעך האָר און אזוי מיך געהוידעט ארויף און אראָפּ ווי אַ באַלעם, איך האָב שטארק געוויינט. געוויינט האָב איך מער פון דערנידערונג און אומבאהאלפנקייט ווי פון ווייטאָק, הגם די יסורים זענען געווען שרעקלעכע.

און ווידער אמאָל האָט אַ געסטאפּאָוויעץ אָנגערייצט זיין הונט אויף מיר. בכדי מיך אָנצושרעקן. דאָס האָט פאסירט ווען איך בין געגאנגען צו דער ארבעט. דער הונט האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס קעגן מיר. איך בין געבליבן שטיין אַ שטומע פארשטיינערט פאַר שרעק, און פאַר דעם דייטש איז דאָס געווען אַ פאַרוויילונג אַזאַ...

איך און מיין שוועסטער האָבן נישט געארבעט אין דער זעלבער שיכט, איינמאָל בין איך געקומען אַביסל פריער און האָב נאָך געטראָפן מיין שוועסטער וואָס האָט געארבעט ביי אַן אַנדער טיש, איך האָב זיך מיט די אויגן מיט איר אדורכגערעדט. דאָס האָט די אויפזעערן נישט געפאלן, און איך האָב געכאַפּט שטאַרקע פעטש און זי האָט מיך געשלאָגן אַ צייט מיט אירע פויסטן אין מיין פנים.

עסן האָט מען געטיילט אין דרויסן. ביז צום עסן האָט מען געדארפט קניען. ווען מען איז געלאָפן כאפן דאָס עסן האָבן זיי ווידער געשלאָגן.

פעלענדיק א מאָל מענטשן צום טראַנספּאָרט האָט מען געכאַפּט ווען ס'האָט זיך געלאָזט.

געטראָפן אַמאָל אויך אַ ווונדער, מען האָט געפירט אויף אַ קאָנצערט — „אַ קאָנצערט אין אוישוויץ”. די דיריגענטן

איז געווען אַ פראנצויזן, איר דיריגירן האָט געמאַכט אַ רושם, אז זי איז לויטער נשמה. איר שפּילן האָט פאַרטראָגן אונדז אין אַנדערע וועלטן. ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט אַז דאָס איז אַ חלום. אויף האָבן מיר געמיינט אַז דער קאָנצערט איז נאָר אַן אָנשטעל און באַלד נאָכדעם מאַכט מען מיט אונדז אַ סוף.

דער רושם פון קאָנצערט, דאָס סאלא שפּילן אויף אַ פידל פון די דיריגענטן האָט אונדז פארכאַפּט און גלייכצייטיק באאונרואיקט, טראכטענדיק, אפשר זענען דאָס די לעצטע קלאנגען וואָס מיר הערן.

קיינמאָל האָבן זיי אונדז נישט געזאָגט אַז זיי פירן אונדז, בעת זיי האָבן אונדז אמאָל געפירט זען אַ קינאָ בילד, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף דעם בלאָק פון פרויען וואָס מען מאַכט איבער זיי עקספּערימענטן. זיי זענען געלעגן און געקוקט אויף אונדז מיט שטאַרקע בליקן, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. .דאָס זענען געווען בליקן שוין פון אַ טויטע וועלט, ווי אלע גליסטונגען צום לעבן זענען אָפּגעטויט.

אויך צו די קרעמאטאָריעס האָט מען אונדז אמאָל געפירט, מיר האָבן דערזען דאָס גיהנום אויף דער ערד. מיר האָבן באמערקט ווי מען האָט דאמאָלט פארבייגעפירט צו דער פארניכטונג אַ גרופּע אונגארישע יידן.

און נאָך די אלע איבערלעבענישן האָב איך דאָך דערלעבעט צו דעם מארש פון אוישוויץ ווען די דייטשן האָבן שוין געזען זייער מפּלה.

אסאך איז שוין אוודאי געשריבן געוואָרן וועגן דעם. געזאָגט האָט מען אַז די רוסן זענען שוין נאָנט, אַז זיי זענען אין סאָסנאָוויץ. געגאַנגען בין איך מיט מיין שוועסטער צוזאמען. די פיצלעך זוילן צוגעבינדן מיט אַ שטריקל, דער פראסט ברענט, יאנואר 1945.

איך טראכט וועגן מיר און מיין שוועסטער. מיר זענען ביידע נאָך אַזוי יונג, און לעבן איבער אזא גיהנום'דיקע וועלט.

אַ געוויסע צייט האָט מען אונדז געפירט אין אָפענע קוילן וואגאָנען, נאָר וואָס האָט מען געפירט קוילן אין זיי, און מיר האָבן זיך אויסגעריסט אינגאַנצען נישט צו דערקענען. אַ ס.ס. אָפיצער האָט אריינגעקוקט און שפּאטיש געפרעגט — איך לעבט נאָך ?...

יאנואר 1945 ווען די מפּלה איז זיי שוין געהאָנגען איבער די קעפּ, זענען מיר זיי געווען נאָך איבעריק.

פון נישט עסן זענען מענטשן געפאלן ווי די פליגן. די שוואכע וואָס זענען אָפּגעשטאנען זענען אין דעם טויטן מארש געשאָסן געוואָרן.

און ביי אַלע צרות האָב איך און מיין שוועסטער געטראכט אַז מיר וועלן זיך דערשלעפּן ביז צום סוף, ביז דער באפרייאונג וואָס איז שוין געווען אַזוי נאָענט.

פון דערווייטנס האָט זיך שוין ארויסגעוויזן די שאפּע אין וועלכע מיר האָבן געדארפט נעכטיקן און באקומען א קאַרטאָפל, פּלוצים פיל איך ווי מיין שוועסטער לאָזט ארויס איר האנט פון מיינע און פאלט. אירע אָפענע אויגן קוקן צום הימל. איך בויג זיך אַראָפּ צו איר, וויל זי אויפהויבן, רעד צו איר — און זי שווייגט, זי שעפּטשעט ארויס קוים באַוועגענדיק די ליפּן — דאכט זיך איך בין דורכגעשאָסן — און איז פאַרשוויגן געוואָרן אויף אייביק. זי איז פארבליבן אויף פרעמדע אומטרייע פעלדער. א פאריתומ'טע און איינזאמע בין איך געבליבן אויף גאָטס וועלט.

דער ס.ס. מאן וואָס האָט אונדז געפירט האָט צוגעלייגט די לופע צו מיין אקסל און זאָגט צו מיר ווילסט אויך דאָס זעלבע, דאן שיס איך דיך אויך, דאַן בלייבט איר צוזאמען.

אמעריקאנער עראָפּלאנען זענען געפלויגן איבער אונדז, מיר האָבן פאלענדיק גערופן הילף, און אזוי גייענדיק, זענען פּלוצים די רוצחים פארשוווּנדן ווערלענדיק אויסהיטן זייער פעל.

פּלוצים זעען מיר ווייסע פענער און אַזוי זענען מיר צוגעקומען צו אַ וואַסער ווו די בריק איז געווען אויפגעריסן. דאָרט האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף ברעטער און הענגענדיקע לייטערס און אזוי זענען מיר אַדורך.

מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף ענגלישע זעלנער וואָס האָבן אונדז דערלאנגט אַ האַנט און געהאָלפן אריבערגיין איבערן וואַסער. זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט אין אַ לערע שולע, און באקומען עסן צו זעט, אָבער דאָס אָפעסן זיך האָט נישט איינעם געקאָסט דאָס לעבן.

צוויי טעג זענען מיר געווען מיט די ענגלענדער און דערנאָך זענען אָנגעקומען אמעריקאנער. געקומען אויך אַ ראבינער פון דער אמעריקאנער ארמיי, און צווישן אכצן מיידלעך אויך מיך אריינגענומען און אוועקגעפירט קיין בוכענוואלד. דאָרט האָט אונדז איבערגענומען דער ראבינער שעכטער פון אמעריקע און האָט אונדז גענומען אונטער זיין שוץ.

און אָט פאָרט מען אין אַ באַן מיט מענטשן גלייך, מען פירט אונדז אין דער שווייץ, דאָס איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט. פּלוצים, צוזאמען מיט די זונפארגאנג שטעלט זיך אָפּ די באַן.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך באוויזן אַ בילד וואָס זעט מיר היינט אויס צו זיין אַ חלום פון ווייטע יאָרן. אַ גרופּע מענער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מקבל שבת זיין געשטאנען זענען זיי אויף אַ בערגל אין פעלד, און אַט דערהערט זיך דער אלט באַקאַנטער ניגון, דאכט זיך אויס, מיין טאטנס ניגון פון סאָכעטשאווער שטיבל. ס'האַט זיך אויסגעדאַכט אז די הימלען עפענען זיך מיט רחמים, הגם דאָס הארץ באשווערט. פאר מיינע אויגן גייט אויף מיין משפחה, ווו איז מיין ליבער ברודער משה וואָס איז אריבער די סאָוויעטישע גרענעץ, גלויבענדיק אז דאָרט וועט מען זיך באַציען מיט רחמים צו געפלאָגטע.

אבער אויך ער איז נאָך שווערע תפיסה יאָרן און קאָ־טארגע ארבעט אויסגעגאנגען אין דאָרטיקן שפיטאָל.

איך טראכט שטענדיק פון מיין שוועסטער, דבורה.

איך טראכט שטענדיק פון מיין שוועסטער אסתר, וואָס איז געפאלן אויפן וועג שוין אזוי נאָנט צו דער אויסלייזונג, מיין שוועסטער דאָבע וואָס איז לויט עדות דערציילן, אויך אין וועג געפאלן, די שוועסטער דבורה און ברידער מענדל וואָס איז צוזאמען מיט עלטערן אַוועק קיין אוישוויץ. מיין ברידער דער בן־זקונים נאָך גאָר אַ קינד, דער שפיגל פון אונדזער היים.

צוויי יאָר בין איך געוועזן אין דער שווייץ, אין דער שווייץ בין איך אַ ביסל געקומען צו די כוחות, געהאט אפילו די מעגלעכקייט דאָרט צו בלייבן. אבער מיין גאנצער באַגער איז געוועזן ארץ־ישראל, און מיין חלום איז סוף כל סוף מקוים געוואָרן.

אויף דער שיף מיט וועלכער איך בין געפאָרן האָבן זיך געפונען צוויי הונדערט אומלעגאלע עולים, איך בין געוועזן צווישן די וואָס איך האָב געהאט אַ סערטיפיקאט, איך האָב זיך געפרייט וואָס אויך די וואָס האָבן דאמאָלס געהייסן אומלעגאלע, זיינען בשלום אָנגעקומען אין לאנד.

געקומען בין איך מיט אַ פארמעגן פון צוויי ענגלישע פונטן אין טאַש, דאָ האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף דער ווינדערבאָרער פרוי ד״ר שיבה שרה וואָס האָט מיר פיל געהאָלפן.

היינט צו טאָג וווין איך אין תל־אביב מיט מיין מאַן טאָכטער און זין, לעב ב״ה אַ גליקלעך משפחה לעבן, מיינע ליבע קינדער טראָגן די נעמען פון מיינע ליבע עלטערן.



עוברים לגיטו
מען פיהרט זיך איבער אין געטאָ

יוסף וויינבערג

די זאגלעמביער טראנספארטן

געוועזן איז דאָס אין די ערשטע אויגויסט טעג פון יאָר 1943.

גרויסע טראנספּאָרטן פון יידישע מענטשן האָט מען דעמאָלט געבראַכט קיין בירקענוי. פאר פיל פון זיי איז עס געוועזן דער לעצטער וועג — למות, צום טויט. די אנדערע האָבן באקומען נומערן אויף זייערע אָרעמס, פון נומער הונדערט צוויי און דרייסיק טויזנט ביז קנאַפּע הונדערט פינף און דרייסיק טויזנט. דאָס זענען געוועזן די טראנספּאָרטן יידן פון זאגלעמביע: בענדין, סאָסנאָוויץ, דאָמבראָוואָ, טשעלאדז, און אויך פון קאַטאָוויץ, וואַדאָוויץ, טשעבין מיט די ארומיקע שטעטלעך.

די נומערירטע מענער האָט מען פארשפּארט אין א נייעם לאגער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „קאראנטין".

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונדז, די עטלעכע טויזנט יידן, פונאנדערגעטיילט אין 16 בלאָקן. צוזאמען מיט די הילצערנע באראקן, האָבן אונז די נאצישע רוצחים באַשאָנקען מיט בלאָק־עלטסטע. יעדער גרופּע פון פינף־זעקס הונדערט מענער האָט פאר דעם טויער פון בלאָק געטראָפן איר בלאָק־עלטעסטן, וועלכער האָט געהאלטן פאר זיין חוב צו האלטן פאר זיי אַ דרשה וועגן פינצטערן סוף, וואָס דערווארט אונז גאָר אין קורצן און דאָס איז דער טויט.

דערביי האָבן כמעט אַלע בלאָק־עלטעסטע געהאלטן פאר זייער חוב טאקע בידים צוצוהעלפן דעם גורל אין אָט דער דאָזיקער אומפארמיידלעכקייט. מיט זיי האָט אָנגעפירט דער טרויעריק־בארימטער מערדער, דער לאגער־עלטסטער טין. זיי האָבן זיך באַלד אויסגעזוכט צווישן די ניי אָנגעקומענע די שטובעדינסטן, וואָס זאָלן האַלטן די אָרדענונג אין די בלאָקן און גלייכצייטיק העלפן די בלאָק־עלטעסטע אין אויספירן זייער מיסיע...

אין אָט די באדינגונגען פון אויסבאהאַלטן די קראנקע און שוואַכע האָבן מיר זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. עס איז נישט גענוג געווזן אויסצובאהאלטן די מענטשן אַ געוויסע ארבעט לויט די דייטשע נאַרמען האָט דאַך געמוזט אַדורכגעפירט ווערן. יעדער ארבעטער האָט געהאט אַ פעסטגעשטעלטע נאָרמע. און ארבעטער האָט געמוזט טעגלעך אַזויפיל און אַזויפיל קוביק מעטער אויסגראַבן. אַזאַ צאָל ציגל האָט דורך דעם ארבעטער געמוזט טעגלעך איינגעבויט ווערן...

די מינדעסטע ארבעט האָט געהאט איר חשבון. בכדי דער לאגער זאָל קאָנען פארענדיקט ווערן אלס שווער־ארבעט, איז נויטיק געוועזן אַז אין אלגעמיין זאָלן לויט דער צאָל פון מענטשן אין לאגער אויסגעפירט ווערן ווייניקסטנס 75 פּראָצענט פון די נאָרמען.

דאָס פארעכענען דעם לאגער צו שווער־ארבעט איז געוועזן פון גאָר גרויסער באדייטונג, ווייל פאר שווער־ארבעט איז צוגעטיילט געוואָרן אַ רייכער עסן פון העכערע קאלאַריעס.

יעדע וואָך איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גענויע ליסטע פון די אויסגעפירטע דורך דעם צווייטן קאָמאנדאָ־ארבעטן. די דאָזיקע ליסטע איז דורך דעם דייטש באַגוט באַשטעטיקט געוואָרן און אַוועקגעגאנגען קיין אוישוויץ.

עס איז לייכט צו פארשטיין, אַז די גאנצע אויפשטעלונג איז געוועזן פאלש, איך בין נישט מגזם אויב איך זאָג, אַז דאָס צווייטע קאָמאַנדאָ, ווו עס זענען געוועזן אויסבאהאלטן אַזויפיל קראנקע און שוואכע מענטשן, האָט נישט אויסגעפירט קיין פערט־חלק פון די ארבעטן, וואָס זענען אויפגעוויזן געוואָרן יעדע וואָך אין דער אויפשטעלונג.

דער דייטש האָט קלאָר געקאָנט די סיטואציע און דאָך האָט ער די אויפשטעלונג באשטעטיקט. עס האָט זיך אָבער באַלד ארויסגעוויזן, אַז אויך דאָס ערשטע קאָמאנדאָ מוז פעלשן זיינע ארבעטס־אויפשטעלונגען. דאָרט איז די סיטואציע נישט געוועזן אַזוי דראסטיש, ווייל די צאָל פון ארבעטס פעאיקע מענטשן איז געוועזן אַ סך אַ גרעסערע. דאָך איז די פאַקטיש אויסגעפירטע ארבעט געוועזן מיט 75 פּראָצענט. עס האָט געדראָט, אַז דער לאַגער זאָל באַקומען צוגעטיילט עסן אין אַ קלענערער צאָל און נישט פאַר שווער־ארבעטער און מיר האָבן אויך מורא געהאט, אַז אויב דער חשבון פון דער אויסגעפירטער ארבעט וועט זיין צו אַ נידעריקער, קאָנען די דייטשן זיך באַרעכענען, אַז דער גאַנצער לאַגער איז גאָר נישט לעבנס־באַרעכטיקט און דאַן האָט געדראָט אַ סעלעקציע. .

אויף דעם ערשטן קאָמאַנדאָ האָט די דאָזיקע אויסשטעלונג געמאַכט צבי דאנציגער. איך האָב אים אויסגעלערנט ווי אזוי מען מאַכט דאָס. אָבער ווען ער האָט דאָס ערשטן מאָל געברענגט דעם פאַלשן ארבעטס־חשבון, האָט ער ארייַנגעכאַפּט גאנץ בכבודיקע פּעטש פון „עס־עס" לאגער פירער.

די פּעטש האָט ער אַריינגעכאַפּט נישט פאַר דעם, וואָס ער האָט געפּלשט די אויפשטעלונג, נאָר ווייל ער האָט די פעלשונג געמאַכט אויף אַ אומגעלומפּערטן אופן. די פּעטש האָבן גאָר נישט געשטערט דאַנציגערן, ער זאָל די אַנדערע וואָך ווידער פעלשן די אויפשטעלונג. נאָר דאָס מאָל שוין מיט אַ פאַרבעסערטער טעכניק, און אַזוי חדשים לאַנג.

אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע פון לאַגער זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פעלשונג. דער דייטש באַגוט און אויך דער פון ערשטן קאָמאַנדאָ, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ גוטן ווילן, דער „עס־עס" לאַגער פירער, ווייל מיר זענען געווען אין יאָר 1944 און עס האָט געדראָט אַז אויך דער אמת וועגן דער גאָר נישטיקער צאָל פון דער אויסגעפירטער אַרבעט זאָל אויפגעדעקט ווערן, דאַן וועלן די העכערע עס־עס באַפעלן אויפלייזן דעם לאַגער.

און זיי די „עס־עס"־אויפזעער פון לאַגער, שיקן אויף דעם רוסישן פראָנט זיך לאָזן הרגענען. דאָס הייסט אַז דער „עס־עס"־פירער, האָט יעדע וואָך אַוועקגעשיקט קיין אויש־וויץ, אין דער צענטראַלע די פאַלשע אויפשטעלונג, האָט קלאָר געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אויב ער האָט צבי דאַנציגערן געגעבן פּעטש, האָט ער געוואָלט דעמאָלט אים צווינגען, ער זאָל די פעלשונג קלאָרער מאַכן.

דער נייער לאַגער־עלטסטער ווערנער האָט מיט די ענינים פון אַרבעט גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס, דאָך איז אונז זיין הילף געווען אַ טייערע, ווייל ער האָט פאַרגעש־לאָגן די נאָמינאַציע פון די קאַפּאָס, פאַר אַרבעטער און אויך אויף אַלע אַנדערע געביטן אין לאַגער גופא. עס איז וויכטיק געווען, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן אונז העלפן און נישט שטערן. אַלטער בריקנער איז געווען דער קרוב למלכות פון לאַגער־עלטסטן און מיט זיין הילף אויפגעטאָן אַ סך וווּנדערבאַרע זאַכן.

דאָס בילד וועגן דער חברשאַפט פון די מענטשן און דעם גייסט, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט און אַנטוויקלט זייער טעטיקייט, פאַרלאַנגט איך זאָל שרייבן וועגן צוויי מענטשן דער שוין דערמאָנטער משה קובאָוויצקי און יחיאל פיינער פון סאָסנאָוויץ...

משה קובאָוויצקי איז געקומען צו אונז אין לאַגער פון אַן אַנדער וועלט. ער איז נישט געווען מיט אונז אין בירקענוי. געקומען איז ער אויך פון אַ לאַנד ווי בעלגיע פון וואַנען די מענטשן האָבן געהאַט אַ קלענערע ווידער־שטאַנד און לעבנס קאַמפּס־קראַפט, ווי די פּוילישע יידן.

ער איז געקומען אינמיטן יאָר, ווען מיר זענען שוין געווען אין סאַמע מיטן פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ער איז געקומען אַלס אינזשיניער. פון דער ערשטער רגע האָט אונזער חברה אים געשאַפן אַן אויפריכטיקע פריינטשאַפט. געניי ווי פאַסטל איז ער געווען אויסגעקאָכט אין אַלע אונזערע אַקציעס. ער האָט קיין סך נישט גערעדט. דאָס ליגט נישט אין זיין כאַראַקטער. ער איז געווען נעבן אונז; זיין אַנוועזנהייט האָט זיך אויסגעדריקט מיט אַן אויפ־ריכטיקער אַפּראָבאַציע פון דעם, וואָס מיר האָבן געטאָן און אויב עס איז נויטיק געווען אויך מיט פּאַקטישער באַטייליקונג.

משה קובאָוויצקי האָט אייביק געטראָגן דעם קאָפּ הויך. אַליין אַ קליינער האָט ער דעם מענטש תמיד געקוקט גלייך אין די אויגן אריין; דעם מענטש מיין איך צו זאָגן, יידן און אויך די „עס־עס" ער איז געווען רואיק אַלץ געטאָן אָן בהלה, אָן געלויף, די דאָזיקע, רואיקייט האָט געווירקט אויף אונז אַלעמען, וואָס זענען אייביק געווען אין אַ פיבערדיקן געלויף און געיעג. ער האָט געווירקט אויף אונז ווי אַ לייכטער באַלזאַם. זיין אָמט האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו וווינען מיט נאָך צוויי אַנדערע אין אַ באַזונדער שטיבל. דאָס שטיבל איז געווען פאַר אונז אַן אָרט פון גייסטיקער אָפּרו. דער לאַגער האָט גאָרנישט אונטערגעגראָבן די וועלט אָנשויאונגען און די וועלט־פילאָזאָפיע פון קובאָוויצקין; פאַר־קערט, ער האָט זיך נאָכמער געשטאַרקט אין זיינע עטישע אָנשויאונגען, זיין שטיבל איז אַ סך מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר אונז אין אַ בית ועד לחכמים אין פולסטן זין פון וואָרט.

איצט איז נויטיק געווען צו געפינען די געהעריקע מענטשן אַלס קאַפּאָס און פאָרארבעטער. עס האָט געדראָט, אַז די דייטשע באַרופס־פאַרברעכער, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער, זאָלן דורך די „עס־עס" נאָמינירט ווערן אַלס קאַפּאָס און פאָרארבעטער. מיט דער הילף פון לאַגער־עלטסטן ווערל, האָט זיך אונז איינגעגעבן זיי שנעל צו פאַרוואַנדלען אין שטראָפס־העפטלינגען.

דאָס איז נישט געווען קיין שווערע אויפגאַבע, ווייל די אַלע מענטשן זענען געווען באַרופס־פאַרברעכער; גניבה און רציחה איז געלעגן אין זייער בלוט עס איז גענוג געווען אים געשיקט אונטערצורוקן אַ גנבה און ער איז געווען אַ בעלן דערויף. דאָ האָט מען אויפגעדעקט די גנבה. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ מעלדונג און דער געוועזענער קאַפּאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטראָף־העפטלינג. מיר האָבן געברענגט דערצו, אַז אַלע דייטשן זענען געוואָרן שטראָף־העפטלינגס און געאַרבעט אויף דעם צווייטן קאָמאַנד, אונטער דער אויפזיכט פון אונזערס אַ יינגל.

עס איז נישט געווען גענוג צו עלימינירן די רשעים. מיר האָבן געמוזט געפינען טיכטיקע יידישע קאַפּאָס און פאַר־אַרבעטער; מענטשן מיט אָנפירערשאַפט־פעאיקייטן און מיט אַ גוטן ווילן. די דאָזיקע מענטשן, דאָס הייסט דריי קאַפּאָס אין אַ צען פאָרארבעטער, האָבן מיר געקאָנט געפינען אין גרעסטן טייל צווישן דער זאַגלעמביער חברה, וואָס נישט אַלע האָבן פריער אין קאַראַנטין־לאַגער אויסגעפירט זייערע פונקציעס מיט גרויס כבוד.

פאַר אונז איז דאָס געווען אַ מאָראַלישער פאַרמעסט מיט דער דייטשער רשעות; אונזער לעצטער גייסטיקער געוואָלט־אויסדרוק קעגן דעם פון זיי פעסטגעשטעלטן סדר העולם. זיי האָבן מיט דעם דאָזיקן סדר העולם נישט נאָר

געהרגעט מענטשן, נאָר עס איז זיי אויך געלונגען פון די לעבעדיקע אוועק צונעמען זייער דמות אלוהים, דאָס געטלעכע פרצוף, די מענטשלעכקייט, די איידלקייט. אויסווילן די מענטשן, וואָס זענען שוין אַמאָל טיילווייז געוועזן די קרבנות פון היטלערס מאָראַלישער פארשקלאַפונג איז פאַר אונז געוועזן דער גרעסטער זיג, וואָס מיר האָבן געקאָנט אָפּהאַלטן. איבער דער דייטשער בעסטיע.

אין דער שטוב פון אלתר בריקנער זענען מיר געזעסן עטלעכע אינטימע חברים. די חברים האָבן מיר געגעבן דעם צוטרוי אָנצופירן מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע. זאב לאָנדנער האָט געבראַנגט איינעם נאָך דעם צווייטן די געוועזענע שטוב־דינסטן, פאָרארבעטער און קאַפּאָס פון קאראַנטין לאַגער און מיר האָבן זיי געזאָגט, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון זיי.

דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרלאַנגט פון זיי איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. זיי האָבן געזאָלט נאָמינירט ווערן קאַפּאָס און פאָרארבעטער מיט דער אויפגאַבע צו העלפן די מענטשן לעבן. די קראַנקע, וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט געבן אין קראַנקבוי, האָבן געזאָלט האָבן די מעגלעכקייט בשעת דער גאַנצער צייט פון דער ארבעט צו שלאָפן און די שוואַכע זיך אויסצורוען; איבערהויפּט האָבן מיר פון זיי פאַרלאַנגט זיי זאָלן מיט מסירות נפש אונטערשטעלן זייער רוקן, אויב עס איז נויטיק באַזאָרגן, אַז די מענטשן זאָלן נישט ארבעטן אין דער גראַבע, נאָר זיך אויסרוען.

דאָס איז געווען מעגלעך, ווייל די „עס־עס"־וואַכע האָט נישט געהאַט דאָס רעכט ארויפצופאָרן מיט דעם מענטשן אין דער גרובע; זיי זענען געבליבן וואַכןביים אויסגאַנג פון דעם גרובן־אויפצוג: אין דער טיפעניש פון דער ערד איז קיין „עס־עס"־וואַך נישט געווען.

מיר האָבן אויך צווישן אונז פארטיילט פארשידענע אויפגאַבן. אַזוי האָבן ביים אויסריקן פון יעדער שיכט זיך געפונען עטלעכע פון אונז, אויך אין מיטן דער נאַכט, בכדי צו זאָרגן, אַז אַלץ זאָל פאָרקומען לויט דעם סדר און לויט אונז׳ערע פּלענער.

דאָס אַלץ, גענוי ווי אונזער גאַנצע טעטיקייט, האָט גע־מוזט געטאָן ווערן בסוד סודות. אומבאַמערקטערהייט. דער גרעסטער טייל פון די מענטשן האָבן זיך דערפון נישט אָפּ־געגעבן קיין דין וחשבון. אַ סך האָבן דעם דאָזיק סדר גע־נומען אַלס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

עס איז מיר געגעבן געוואָרן אַיבערצולעבן דאָס שרעק־לעכע גיהנום פון דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אויס־זידלונגען און אויך קרעמאַטאָריום. מיליאָנען זענען אומגע־קומען, אין רגעים פון חשבון הנפש זיך איך דעם אורשפּרונג דעם אינהאַלט פון מיין זכות. די טעג פון א מענטש זענען געציילט. איך גלויב, אַז איך האָב אַ חוב צו דערפילן, אָפּ־צוגעבן אַן עדות־שאַפט.

די ייִנגלעך, וואָס מיר האָבן באַשאָנקען מיט אונזער צוטרוי און איבערגעגעבן דעם גורל פון מענטשלעך לעבן, נישט אומגעקומען, קיין איינציקער נישט געשטאָרבן; די שוואַכע זענען שטאַרק געוואָרן און די קראַנקע — געזונט.

אין דעם גיגאַנטישן געפעכט צווישן דודן, יידישע בחורים פון די זאַגלעמביער שטעטלעך און דעם רוצחישן נאַצישן גלית וועגן דער נשמה, דעם דמות אלהים, דער איידלקייט פונם מענטש, האָבן דעם זיג אָפּגעהאַלטן די יידישע קינדער.

די לעצטע

די בענדינער און סאָסנאָוויצער יידן זענען געוועזן פון די לעצטע וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ. זיי האָבן שוין גענוי געוווסט אַז זיי ווערן געפירט צום טויט. באַלד ביי דער באַן־סטאַציע אין אוישוויץ, האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און נישט געוואָלט גיין קיין בירקענאַו צו די קרעמאַטאָריעס. די ס.ס. האָבן ארומגערינגלט די יידן און מיט מאַשין געווער זיי אלע ביי דער באַן דערשאָסן.

ירחמיאל שולקלפר

מיין עליה לרגל צו דער אנטיהילונג פונעם דענקמאל אין אושוויץ

אין טאָג פון 21־טן יאָרטאָג פון באַפרייען דעם אויש־וויצער לאַגער, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע אַנטהילונג פון מאָנומענט אין אוישוויץ־מאנאוויץ צום אָנדענק פון די מאַסן שקלאַפן, וואָס זענען אומגעבראכט געוואָרן אין דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס פון דייטשן קאָנצענטראציע לאַגער.

מאַנאָוויץ איז געווען דער לאַגער פון „אי. ג. פארבן אינדוסטרי”, די בארימטע דייטשע פאַבריק פון כעמיקאַלן וואָס האָט עקספּלואַטירט אומברחנותדיק מאַסן שקלאַפן, צווישן זיי די גרעסטער טייל יידן פון גאַנץ אייראָפּע

דער דענקמאָל איז געשטעלט געוואָרן פון אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, אַן אָפּטיילונג פון וועלכן עס איז אויך געווען אין פראַנקרייך.

צו דער אַנטהילונג איז געפאָרן אַ גרעסערע פראנצויזישע דעלעגאַציע פון געוועזענע דעפּאָרטירטע אין מאַנאָוויץ. בראָש פון דער דעלעגאַציע איז געשטאַנען פּראָפעסאָר ווייץ פון שטראַסבורג.

די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן מיטן געהעריקן כבוד דורך די פוילישע אויטאָריטעטן, וואָס האַבן צוגעש־טעלט אַלע מעגלעכע קאָמוניקאַציע מיטלען כדי צו דער־מעגלעכן די געסט צו באַזוכן אַזוי גוט וואַרשע, פּראגע און די לאַגערן אין אוישוויץ.

פאַר דער אַנטהילונג פון דענקמאָל האָבן גענומען אַ וואָרט: דער פאָרזיצער פון אוישוויץ־קאָמיטעט קראווטשיק, פאָרשטייער פון וואיעוואדישן ראט כשאַנאָווסקי, אַ דעלעגאַט פון דער סאָוויעטישער אַרמיי וואָס האָט באַפרייט אוישוויץ, און דער פירער פון דער פראנצויזישער דעלעגאציע פּראָפע־סאָר ראָבערט ווייץ פון שטראַסבוג.

אין די רעדעס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער שקלאַפן אַרבעט אין די פאַבריקן פון „אי. ג. פאַרבן” ווו צענדליקער טויזנטער אינטערנירטע זענען געפאַלן אויסגעשטאָרבן און פאַרפייניקט געוואָרן.

דער געשטעלטער דענקמאָל דאַרף אויף אייביק דערמאָנען דעם דאָזיקן פיין פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און דינען אַלס וואָרענונג פאַר דער מענטשהייט אָז זי זאָל ניש טדערלאָזן צו איבערחזרן ענלעכע פאַרברעכנס.

עס איז פאַר מיר פערזענלעך, דעם געוועזענעם קאַצעט־לער אין אוישוויץ־מאנאָוויץ, געווען אַ באַזונדערס שווערע איבערלעבונג צו געפינען זיך אין דאָזיקן אָרט פון מיין אוממענטשלעכן פיין, 21 יאָר שפּעטער. צוזאמען מיט דער



הכנס של ניצולי המחנות והפרטיזנים. נואם: י. שולקלפר.

פרייד צו האָבן די זכיה און דערלעבן די מפּלה פון אונזערע הענקער און קומען צום דאָזיקן טרויעריקן אָרט, ווו עס זענען לײדער געבליבן מיינע בעסטע חברים און פריינט, האָב איך געטרוימט און געזאָגט אַ שטילן קדיש פאַר זייער אָנדענק.

עס איז אַ חוב פון אַלע יידישע דעפּאָרטירטע וואָס האָבן דערלעבט די באַפרייאונג, צו באַזוכן דעם דאָזיקן מקום קדוש. זיכער וואָלט אַלע יידישע געוועזענע אינטערנירטע און שקלאַפן גערן געזען אַ מער יידישן כאַראַקטער פון דענקמאָל. עס האָט לײדער געפעלט אַ קדיש בציבור און עס האָבן געפעלט בולטע צייכנס אַז דאָ זענען בעיקר אומגעקומען יידן, וועלכע היטלער ימח שמו האָט פון דער ערשטער ריי געוואָלט אויסראָטן.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק די אַלע וואָס האָבן אָרגאַניזירט די רייזע און דעם באַזוך פאַר זייער זאָרג צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע נסיעה אין אַן אמתע עליה לרגל צו א מקום קדוש.

זייענדיק אין פּוילן האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט באַשטיין מיין שטאַרקן ווילן צו באַזוכן מיין היים־שטאָט סאָסנאָוויעץ. לײדער קען איך נישט אָפּגעבן מיינע לאַנדסלייט קיין צו גוטע גרוסן. לײדער האָב איך נישט געטראָפן קיין סך סאָסנאָווצער, און פון אַמאָליקן לעבן אין דער שטאָט איז, פאַרשטייט זיך נישטאָ קיין זכר.

יידן־מערדער פון זאגלמביער ראיאן באקומט זיין פארדינטע שטראף

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דאָס קרייזגעריכט אין סאָסנאָוויץ באַטראַכט דעם פּראָצעס פון אַ געוויסן קולטשינ־סקי, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן פיל טויזנטער יידישע לעבנס.

קולטשינסקי ווערט באשולדיקט, דאָס בעת דער אקר־פּאַציע האָט ער זיך פּערזענליך באַטייליגט ביים אדורכפירן סעלעקציעס און כאַפּונגען („לאַפּאַנקעס״), אויספּרעסן געלד און מאָרדן די יידישע באַפעלקערונג אין דאָמבראָווער זאגלעמביער ראיאָן.

אין יאָר 1941 איז דער באַשולדיגטער — אַ געוועזענער גימנאַזיע־פּראָפעסאָר — אַראָפּגעפאָרן קיין סאָסנאָווצע, ווו ער האָט איבערגענומען די ליטונג פון דער יידישער אָפּ־טיילונג ביים ארבעט־פּאַרזאָרגונגס־אמט. לויט זיין פאַראָרד־נונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ רעגיסטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין זאגלעמביער ראיאָן, און די וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט פעאיק צו דער אַרבעט — זיינען געוואָרן פאַררעכנט אלס קאַנדידאַטן קיין אשוויענטשים.

דעם באַשולדיקטן ווערט אויך פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט אַרויסגעפּרעסט געלט ביי זיינע קרבנות, וועלכע האָבן זיך געוויטיגט אין באַשטעטיגונגען צו בלייבן ארבעטן אויפן אָרט און נישט אָפּגעשיקט צו ווערן אין די קרעמאַטאָריומס.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז קולטשינסקי פּרוווט נישט נאָר לייקענען זיין שולד, נאָר באַמיט זיך אפילו פאַרצושטעלן ווי אַ...באַשיצער און פאַרטיידיקער פון די יידן, צוליב וועלכע ער איז כלומרשט געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער געשטאַפּאָ...

פאַרן געריכט טרעטן אַרויס קרוב פערציק עדות. דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע וואָס זיינען על פי נס ניצול געוואָרן פונעם היטלעריסטישן גיהנום און זיינען גוט באַקאַנט מיט די „מעשים טובים״ פון באַשולדיגטן.

דער 12טער אויגוסט 1942 וועט בלייבן לזכרון אין דער מאַרטיראָלאָגיע־געשיכטע פון דער יידישער באַפעלקע־רונג אין זאגלמביע. אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט אויף די גרעסטע ספּאָרט־פּלעצער אין סאָס־נאָוויץ, בענדין און דאָמבראָווע העכער הונדערט טויזנט יידן, בכדי אדורכצופירן זייער טייוולאַנישן אויסראָטונגספּלאַן. זיי האָבן זיך דערביי באַנוצט מיט פאַרשידענע מיטלען, כדי אָפּצונאַרן די יידן. אַזוי האָבן זיי לכתחילה דערקלערט, אַז זיי זיינען נאָר אויסן דורכצופירן אַ קאָנטראָל און נאָכן איבערשטעמפּלען די דאָקומענטן וועלן אַלע אָפּגעלאָזט ווערן אַהיים...

גאַנצע צוויי מעת־לעת זיינען טויזנטער יידן — מענער, פרויען און קינדער, זקנים און זקנות — געשטאַנען אונטער אַ שלאַקס־רעגן און ביי אַן אומדערטרעגלעכער היץ, אָן אַ שטיקל ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער — געשטאַנען און געוואַרט, ביז עס וועט קומען קולטשינסקי מיט זיינע געשטאַ־פּאָ־אַגענטן, כדי אדורכצופירן די אַזוי גערופענע „סעלעקציע״.

דער באשולדיגטער האָט יעדן אָפּגעמאָסטן מיט זיינע ציינישע בליקן און אויפן אָרט געפּסקנט: „מי לחיים ומי למות", צום טויט אָדער דערווייל צום לעבן. זקנים, פרויען און קינדער זיינען באַלד צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע, וועלכע איז געווען באשטימט אָפּגעשיקט צו ווערן אין איינער פון די קרעמאטאָריעס... יונגע און געזונטע האָט מען דערווייל באשטימט צו בלייבן אויפן אָרט אַרבעטן ביז... עס וועט קומען זייער ריי אין אויוון אריין... קולטשינסקי האָט אויך געשאַפן אַ דריטע גרופּע, פון וועלכער ער האָט גערעכט אַרויסצופּרעסן געלט און ווערטזאכן און דערווייל צו שענקן דאָס לעבן...

די עדות שילדערן פאַרן געריכט די פּיינלעכע סצענעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפן דאָזיקן פּלאַץ, ווען פיל יידן האָבן געפּרופט איבערלויפן פון איין גרופּע אין דער צווייטער, כדי אזוי אַרום צו ראַטעווען דאָס לעבן. די דייטשן האָבן דאן געעפנט אַ שיסעריי און אויפן אָרט אומגעבראכט הונדערטער יידן. די יינגערע און געזונטע האָט מען צוגעטיילט צו ארבעט און די איבעריקע — דער גרעסטער טייל — זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף זייער לעצטן וועג קיין אשוויענטשים...

דער עדות פרוי ראָזנבערג גיט איבער וועגן אַ שוידערלעכן פאל וועלכן זי האָט געהאט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן אויפן דאָזיקן פּלאַץ: נישט ווייט פון איר איז געשטאַנען אַ פרוי מיט אַ קינד פון ניין חדשים, וועלכעס האָט שטארק געוויינט. קולטשינסקי איז דאן צוגעגאנגען צו דער מוטער און זי אויפגעפאָדערט, אז זי זאָל בארויקן איר קינד. און ווען דאָס קינד האָט דאָך נישט אויפגעהערט צו וויינען — האָט דער אָנגעקלאָגטער דערשאָסן דאָס קינד צוזאמען מיט דער מוטער.

דער עדות פעליקס שילדערט פארן געריכט, ווי ער האָט זיך געפונען אין געטאָ אין שטעטל סוכא ביי זשיוויעץ צוזאמען מיט נאָך 400 יידן. .קולטשינסקי איז דאָרט אראָפּגעקומען, כדי אדורכצופירן די סעלעקציע. דער עדות מיט זיין פרוי האָבן זיך צוגעשטעלט צו דער סעלעקציע. אָבער זייער קראנק קינד האָבן זיי איבערגעלאָזט אינדערהיים (מען מוז דערביי באמערקן, אַז די וועלכע האָבן געהאַט קליינע קינדער — זיינען צוזאמען מיט זיי באשימט געוואָרן צום טויט). נאָך דער סעלעקציע האָט דער אָנגעקלאָגטער באפוילן צו קאָנטראָלירן די אנוועזנדיגע לויט דער רשימה. און ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס קינד פון עדות געפינט זיך נישט אויפן פלאץ — האָט ער תיכף באפוילן עס צו ברענגען. פארן דאַזיקן „פארברעך" איז דער עדות פרוי און קינד געשלאָגן געוואָרן ביז בלויט מיט א נאגייקע און גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אשוויענטשים.

געווען אויך עדות, וועלכע האָבן דעם אָנגעקלאָגטן פארטיידיגט, אַז די דאָזיקע „עדות" זיינען געבראכט געוואָרן אין געריכט פון תפיסה, ווו זיי געפינען זיך און וואַרטן אויף אַן אורטייל פאר אייגענע „מעשים טובים"...

אויף דער פראגע פונעם פראקוראר, פאַר וועלכע חטאים זיי געפינען זיך אין דער תפיסה, דערוויסן מיר זיך, אַז איינע — יענצעל — האָט אַלס שעף פון דער געשטאַפּאָ אין בענדין באפוילן אונטערצוציינדן די יידישע שול צוזאמען מיטן יידישן קווארטאל, ווו עס זיינען דאן לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן פיל יידן.

דער צווייטער עדות גורעצקי — האָט זיך פארנומען מיט רויבן יידיש האָב און גוטס.

רעד פראקוראר קאקאָשקא, האָט אין זיין באשולדיקונגסרעדע געשילדערט די מארטעריאלאָגיע פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן בעת דער אקופּאַציע און אַנגעוויזן, אַז עס עקזיסטירט גאָרנישט אַזאַ שטראָף, וועלכע זאָל קאָנען פארגיטיקן פאר די דאָזיקע שוידערלעכע פארברעכנס.

קולטשינסקי איז דורכן געריכט פארמשפט געוואָרן צום טויט.

„דאָס נייע לעבן" ווארשע 12 אָקטאָבער 1948.

ראובן וינטרויב

והיה לך לאות על ידך

והיה לך לאות על ידך
חרות בבשרך בדם לבך
אות דמים, אות קלון
על שמד רצח. ואבדון
למען תספר ותזכור
את ליל האופל והשחור
עת כעפר, כדומן נדמית
כשלב בלהות חזית נראית
ראשך קרחה, רגליך צבות
עיניך עמוק בחורים שקועות
בקרך תהו, בלי תקוה ותוחלת
ערבך בהו בנשיה צוללת
רעבת ללחם, לפת חררים
חטטת באשפות, בתים חצרים
כסותך סחבות בלות סחבות
אבדו עשתונות מרוב מכאובות
מצעך חרש, רוחב אמה
אתרע מזלך מרבצך אדמה
כף ומזלג, כוס וצלחת
לא לך המה, יורד השחת
יומך יסורים, לילך מכאובות
אפסה התקוה, נגוזו חלומות
השמש לא לך היא זורחה
גם החטה לא לך היא צומחה
שכח לא תוכל ולא לזכור
ולנצח בלבך לנטור ולשמור
כי עבד היית בארץ גרמן
ובנס נצלת מבכורי השטן.

מ. ש. גשורי

ביבליאגראפיע פון יידישע ביכער און ארטיקלען וועגן חורבן און גבורה אין זאגלעמביע

1. פינקס בנדין. רעדאקטאר: א.ש. שטיין, מיטרעדאקטארן: דוד ליוועך און מרדכי האמפעל, תל־אביב, ארגון יוצאי בנדין בישראל, 1959. 432 עמודים.

2. ספר זכרון ק״ק זבירצה והסביבה, העורך: ש. ספיבק, תל־אביב, ארגון יוצאי זבירצה והסביבה, תשי״ח (1958), 570 עמודים.

3. קהילת ז׳ארקי, עיירה בחייה ובכליונה, רעדאקטאר: יצחק לדור, תל־אביב, ארגון יוצאי ז׳ארקי בישראל, תשי״ט (1959), 324 עמודים.

4. ספר כזשאנאוו, לעבן און אומקום פון אַ יידיש שטעטל, רעדאקטאר: מרדכי באכנער, אריינפיר־וואָרט: יצחק ש־ווארצבארט, מינכן־רעגענסבורג, תש״ח—תש״ט, 1949, 375 עמודים. פרטים וועגן צענטראל־יידנראט אין סאָסנאָווצע.

5. וולברום עירנו (אונזער שטאָט וואלבראם), ספר־יזכור, העורך: מאיר שמעון גשורי (ברוקנר), בהוצאת ארגון יוצאי וולברום בישראל, תל־אביב, אלול תשכ״ב. 950 עמודים.

5א. ספר קהילת יהודי דומברובה גורניצ׳ה וחורבנה, בהוצאת ארגון יוצאי דומברובה גורניצ׳ה בישראל, תל־אביב תשל״א, 696 עמודים.

6. פרוספקט ספר־הזכרון לקהילת סוסנוביץ והסביבה, ה־מו״ל: הועדה להוצאת „ספר זכרון סוסנוביץ והסביבה״ ע״י ארגון יוצאי סוסנוביץ בישראל, 8 עמודים עם מצבת זכרון לקדושי זגלמביה בבית הקברות נחלת־יצחק.

7. „פנקס זאגלעמביע״, מעלבאָרן, אויסטראליע, 1960, ארויס געגעבן דורך דער זאגלעמביער לאנדסמאנשאַפט אין מעלבאָרן, מיט בילדער (יידיש און ענגליש), 12 גרויסע זייטן.

8. ספר זכרון שטשעקאטשין, העורך ישראל שווייצר.

9. קינדער־מארטיראלאגיע, נוח גריס, בוענאס־איירעס (דאָס פוילישע יודנטום נו. 61).
אקציעס: אסתרקע, דעם 12טן אויגוסט 1942 אין בענדין.

10. פוילישער איד. רעד. אב. גאלדבערג, נויורק, נומער 18, אויגוסט־סעפט. 1943 ז. 14,
די הריגה אין סאָסנאָוויץ — ז. 3.

11. פוילישער איד, נומער 20, פעברואר 1944, ז. 18:
יינגע ציוניסטישע פירער געפאַלן אין שלאַכט קעגן נאציס אין בענדין זז. 4—5.

12. פוילישער איד, נומער 23, מאי־יוני 1944:
דער בעוואָפנעטער ווידערשטאַנד אין בענדין—סאָסנאָוויץ (ענגליש) זז. 5—6.

13. רזשעשעווסקי בינעם: פּילץ אין די יאָרן פון חורבן, ניו־יאָרק, 1952, זז. 31:
אויך וועגן דער יידישער פּאָליציי אין סאָסנאָווצע.

14. ייוואָ־בלעטער, חודש־שריפט פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע, ב׳ 19, נומער 2, מארץ—אפריל 1942:
שפיזמאן ל.: יידן אין זאגלעמביע בעת דער יעצטיקע מלחמה, זז. 221—231.

15. ייוואָ־בלעטער, חודש־שריפט, באנד 30, נומער 2, 1947:
פעלדמאן אבנר: אין געטאָ און אין לאגער, זז. 223—248.

16. טורקעלטאוב מ.ל.: אין קאמף פארן לעבן (זאגלעמביע 1943—139), מינכען 1948.

17. אוטו קראוס — אריך קולקא: בית־חרושת למוות אושוויץ, יד־ושם, ירושלים, תשכ״א:
יהודי שלזיה העילית: סוסנוביץ ובנדין עמ. 172.

18. איך „חיים״ יהודים בסוסנוביץ? מה מצב יהודי פולין בשעה זו? מפי אלה שעזבו את פולין.
„הארץ״ גל. 7135 י אדר א׳ תש״ג 15.2.43 עמ. 6.

19. על יהדות פולין שגורשה, מפי עדי ראיה,
„הבוקר״ גל. 2224 (כנ״ל) עמ. 4.

20. מה בגיטו סוסנוביץ, מפי אלה שהגיעו לארץ,
„דבר״ גל. 5358 (כנ״ל) עמ. 1.

21. איך נטבחו יהודי סוסנוביץ,
„הצופה״, גל. 1492 יז כסלו תש״ג 26.11.42 עמ. 1.

22. גביית עדות על הזוועות,
„המשקיף״ גל. 1106 כב טבת תש״ג 30.12.42 עמ. ב.

23. עתונאי נאצי על עוני היהדות הפולנית: אמצעים אדמי־ניסטרטיביים נגד היהודים בסוסנוביץ,
„הארץ״ גל. 6234 כח שבט ת״ש 7.2.40 עמ. 5.

24. קליינר רבקה, סיפורה של ילדה בת 8 פליטה מפולין

על רציחות בסוסנוביץ —
ביולטין הועד למען יהודי אירופה הכבושה, אוקטובר 1944, עמ. 15—17.

25. אותו דבר ב„הבוקר" גל. 2740 כב חשון תש"ה 8.11.44 עמ. 2.

26. איך ניצלו הגרמנים בפולין את עבודת הילדים היהודים בסוסנוביץ —
ביולטין ועדת ההצלה, יולי ב' 1945 עמ. 15—17.

27. אבי רות: יריות מתוך המערה; השמדת יהודי זגלמביה ע"י הנאצים והתגוננותם הנואשת
הצופה גל. 1799 י כסלו תש"ד 7.12.43 עמ. 2—3.

28. המחתרת היהודית בסוסנוביץ ובזגלמביה והתגוננותה (מפי חברי הנוער הציוני שנמלטו משם)
ביולטין הועד למען יהודי אירופה הכבושה, יוני 1944, עמ. 15—16.

29. קטע זכרונות של חברת המחתרת היהודית (הציונית) בזגלמביה,
ביוליטין ל.י.א. הכבושה, נובמבר 1944, עמ. 10—12.

30. קלינגר חייקה, שני ביקורים (קטעי יומן),
„משמר", גל. 1130, כח ניסן תש"ז, 18.4.47 עמ. 3.

31. שנה להתקוממות בזגלמביה (מתוך הביולטין של הועד למען יהודי אירופה הכבושה),
„העובד הציוני" שנה ז גל. כב—כג, כז אלול תש"ד 15.9.44, עמ. 4.

32. אנשי מחתרת בגיטו סוסנוביץ,
ידיעות בית לוחמי הגיטאות — חשון תשט"ו, נובמבר 1954 עמ. 26.

33. פרידה מזיא: מפי ניצולים,
„בהסתדרות", אייר תש"ד, אפריל 1944, מ. 7—9.

34. מזיא (אוכסנהנדלר—קוז'וך) ועוד. „פרקי סוסנוביץ" „ידיעות בית לוחמי הגיטאות גל. 21, כז ניסן תשי"ט, מאי 1959, עמ. 42, 58.

35. דגן חיים: החלטנו לעבור אל הפרטיזנים — פליט מהנוער הציוני מספר על מלחמות הנוער היהודי באיזור סוסנוביץ,
„הבוקר" גל. 2429, כ' תשרי תש"ד — 19.10.43 עמ. 1.

36. הודעה מטעם הגסטפו על הריגת תא התנגדותי יהודי בבנדין,
„ידיעות יד ושם", גל. 8—9 ניסן תשט"ז, מרץ 1956 עמ. 9.

37. השמדת יהודי צ'נסטכוב; הקוויזלינגים המקומיים והתגוננות היהודים בבנדין ובסוסנוביץ. מפי א.א. חבר המחתרת של הנוער הציוני בבנדין ובסוסנוביץ.
ביולטין ועד ההצלה, פברואר 1945 עמ. 7—14.

38. ואלנשטיין אריה: מלחמת הגבורה של הנוער היהודי בבנדין,
„הארץ" גל. 7449 י"ב אדר תש"ד, 7.3.44 עמ. 3.

39. חברי תורה־ועבודה קדושי ההתגוננות בבנדין, פעילי תורה־ועבודה משה אופנהיים, משה לוין, צבי קורץ, יצחק מאיר שנקר שניספו שם.
„הצופה" גל. 1784 י"א חשון תש"ד, 9.11.43 עמ. 1.

40. חורבן והתגוננות בבנדין וסוסנוביץ,
„העובד הציוני" שנה ז' גל. 2 (94), ט חשון תש"ד. 7.11.43 עמ. 3.

41. עזאי פנחס: הקיימת עוד יהדות פולין? לא, תיאור הרציחות והשילוחים והמרידה בבנדין,
„הארץ" גל. 7459, כד אדר תש"ד, 19.3.44 עמ. 1, 3.

42. ל(נצ'נר) חייקה, פרשת בנדין (גורל היהודים ופעולות החלוץ בימי השואה שם),
מבפנים, סיון תש"ד, יוני 1944. עמ. 123—134.

43. קדושי ההתגוננות בבנדין
„הצופה" גל. 1785, יב חשון תש"ד, 10.11.43 עמ. 2.

44. קלינגר חיה: לנקום ולחיות (קטעים מתוך יומן בגיטו).
משמר, גליון 327, יג אלול תש"ד, 1.9.44 עמ. 2.

45. קלינגר חיה: הרעיון שהסעיר את רוחנו (על המחתרת החלוצית בזגלמביה, וביחוד בבנדין וקשריה עם פעילי המרד בגיטו ורשה).
משמר, גל. 518, ז' אייר תש"ה, 20.4.45 עמ. 3.

46. קלינגר חיה, בראנדס אהרן: אלה דברי העדות מניצולי בנדין, חברי השומר־הצעיר.
משמר, גל. 186, כב אדר תש"ד, 17.3.44, עמ. 2.

47. רוזנברג יעקב ועוד: פרקי בנדין,
ידיעות בית לוחמי הגיטאות, גל. 22, כז ניסן תש"ך, אפריל 1960, עמ. 124—130

48. רוזנברג יעקב, גוטמן אלכסנדר: שדדנו נשק מגרמני (המחתרת של הנוער הציוני בבנדין סוסנוביץ).
ידיעות יד ושם, גל. 19—20, ניסן תשי"ט, מאי 1959 עמ' 12—13.

49. מלחמת הגבורה של היהודים בגיטו ורשה ועל המרידות בגיטאות בנדין, צ'נסטכוב,
מולדתי — שנה עשירית, תש"ה עמ. 128—133.

50. ייזכרו שמות גבורים (מכתב למערכת), על חברי המחתרת החלוצית בזגלמביה מרכוס פוהורילה והארי בלומנ־פרוכט.
ידיעות יד ושם, גל. 23—24, אייר תש"ך, מאי 1960, עמ. 21.

51. בראנדס צבי, חבר המפקדה של הארגון הלוחם היהודי בבנדין, מדריך בשימוש בכל דרכי ההגנה, עוזר בהשגת נשק, נרצח 7 אוגוסט 1943,
משמר, גל. 825, יח ניסן תש"ו, 19.4.46 עמ. 5.

52. פלוטניצקה פרומקה, מראשי המחתרת והמאבק בבנדין, נפלה 3 אוגוסט 1943 בבונקר,
משמר, גל. 825, יח ניסן תש"ו, 19.4.46 עמ. 6.

53. פרומקה וחנצ'ה, לזכרן, מכתבה האחרון של פרומקה,
„דבר הפועלת", שנה ט, גל. 12, ג' טבת תש"ד, 30.12.43, עמ. 170—172.

54. קבוצת פרומקה (לזכרה של פרומקה פלוטניצקה),
„דבר הפועלת", שנה י"א, גל. 8—9, ט חשון תש"ו. 16.10.45. עמ. 121—122.

55. כן. השקפתך ניצחה (גלויה מאחות פרומקה מארגנטינה),
„דבר", גל. 6215. כד טבת תש"ו, 28.12.45 עמ. 2.
56. אינגסטר שבע, יעקב צימרמן (מפעילי המחתרת בבנדין),
העובד הציוני, ש"ז, גל. כב־כג, כז אלול תש"ד, 15.9.44
עמ. 5.
57. ארליך ישראל: סוסנוביץ, דברי אזכרה
הצופה, יז אדר א תש"ג, 22.2.43 עמ. 2.
58. ויס שבתי: קהילת סוסנוביץ,
„גזית", חשון—כסליו תש"ו, אוקט.—נוב. 1945, עמ. 1—2.
59. פרידה קוז'וך: איך נפלו גבורים: יוסף קוז'וך ממורדי
גיטו סוסנוביץ,
העובד הציוני ש"ז גל. כב—כג, אלול תש"ד, 15.9.44, עמ' 5.
60. באושבינצים העיר ובסוסנוביץ (מפי עד ראיה),
ביולטין ועדת ההצלה, דצמבר (ב) 1945, עמ. 6—10.
61. בנדין — סוסנוביץ.
ביולטין הועד למען יהודי אירופה הכבושה, אוקטובר—
נוב. 1943, עמ. 10—11.
62. עוד לפרשת בנדין וסוסנוביץ,
ביולטין הועד למען יהודי אירופה הכבושה, נואר 1944,
עמ. 8—10.
63. פלינקר דוד: מוניק מערין (ראש היודנראט בזגלמביה
ששיתף פעולה עם הגרמנים)
הבוקר, גל. 3494, ה אייר תש"ז, 25.4.47, עמ. 3.
64. ההתגוננות בחבל זגלמביה (בנדין, סוסנוביץ)
„מפרשת השואה": תעודות על סבלות היהודים תחת
שלטון הנאצים. א. חזית יהודית באירופה, בעריכת ד"ר
ישראל קלונזר, בהוצאת ראובן מס, ירושלים.
65. שואת ילדי היהודים באירופה; פרק ח: ילדים שנמלטו
מרשתות המות — סיפור שתי אחיות ממשפחת קלינר
שהיו בגיטו סוסנוביץ ונוצלו,
„מפרשת השואה", ג—ד, כנ"ל. עמ. 55—58, 61—63.
66. עדות מ.ל. מבנדין,
„מפרשת השואה", ג—ד: מחנות ההשמדה בפולין, עמ'
58—60.
67. צום 3־טן יאָרצייט פון דער יידישער זאגלעמביע — י,
גאסטפריינט,
„אונזער האָפנונג" עשועגע נומער 10, 9.8.46.
68. צום אנדענק פון סטשאקאווער יידן, דב רב,
„דאָס וואָרט" מינכן נו. 60, 7.6.48.
ביולטין ז'יד. אינסטיטוס היסטאריצ'ני, וורשה, גל. 33—44,
ליפיץ—גרודזין 1962.
69. תעודות על השמדת יהודי זגלמביה במשך הכיבוש ה־
נאצי, פולנית).
70. שוד רכוש יהודי בידי היטלראים בקאטוביץ — י. יארוס
(פולנית).
ביולטין ז'יד, אינסטיטוט הסט. נו. 38, 1961, עמ.
105—117.
71. דאָס גייסטרייכע אמאָליקע יידישע זאַגלעמביע (צום
13־טן יאָרטאָג נאָכן אומקום) צום אנדענק פון פּאַרטי־
ליקטע קהילות־מרדכי האמפעל.
„היינטיגע נייעס", תל־אביב, 17 יולי 1956.
72. הרב ר. אריה צבי פרומר — קוזיגלוב — תולדותיו:
„אלה אזכרה" אוסף תולדות קדושי תש—תשה, כרך
ראשון, ניו־יורק, תשט"ז, עמ. 117—123.
73. הרב ר' יהושע השיל הורביץ־שטרנפלד האדמו"ר מ־
חנצ'ין־אולקוש, תולדותיו:
„אלה אזכרה" אוסף תולדות קדושי תש—תשה, כרך
שלישי, ניו־יורק, תשי"ט, עמ. 928—301.
74. בנדין, אושוויצים, זאבירצה, סוסנוביץ — פרטיכל מפי
עדים.
„ספר הזוועות" על שואת היהודים במלחמת העולם
השניה, כרך א', בעריכת בנימין מינץ וד"ר ישראל
קלונזר, י"ל ע"י ועד ההצלה המאוחד ליד הסוכנות
היהודית לא"י, תש"ה, בהוצאת ראובן מס, ירושלים,
עמודים 122—127.
75. קאטוביץ, שלזיה — גירושים,
„ספר הזוועות" וכו' כנ"ל, עמ. 152, 154.
76. עדויות מפי מגורשי אושבינצים לסוסנוביץ,
„ספר הזוועות" וכו' כנ"ל, עמ. 179—180.
77. חבלה (סבוטז') במחנה־הסגר במיסלוביץ (פולנית),
„תנועה תת־קרקעית בגיטו ובמחנות" בעיבוד בטי אייזנ־
שטיין, וורשה, 1946, עמ. 170—173.
78. סאָסנאָוויץ, בענדין, קאַטאָוויץ
„איבער שטיין און שטאָק", מ. צאנין תל־אביב, 1952,
עמ. 275—279.
79. הירש ברנבלאט נידון לחמש שנים מאסר,
הצופה, כג שבט תשכ"ד, 6.2.64.
80. מרידות בזגלמביה (מתוך הספר „חלוצים במחתרת וב־
קרב" של לייב שפיזמן), הוצאת „קרית ספר" בע"מ,
ירושלים, תשכ"ד 1964:
א. ממכתביה של פרומקה פלוטניצקה, עמודים 277—278,
ב. דרישת־שלום מארץ־ישראל — דוד ליוור, עמ. 279.
ג. מכתב אחרון, חתום בידי פרומקה, הרשל, צבי, קוז'וך
ושלמה ל., עמ. 280—281.
ד. המחתרת בבנדין והסביבה, דוד ליוור, עמ. 281—288.
ה. המרד בסוסנוביץ, נ.א. שטרנפינקל, עמ. 288—280.
81. „ידיעות בנדין" בהוצאת ועד ארגון יוצאי בנדין ב־
ישראל, עלון מס. 1, חנוכה תשכ"ה — דצמבר 1964.
המערכת: מרדכי המפל, אריה בן־טוב, 16 עמודים.
82. לדמותו של הגאון הצדיק רבי חנוך צבי הכהן לוין
מבנדין (האוהב־ישראל — הרב מבנדין) מאת אהרן
סורסקי,
„בית יעקב" ירחון לעניני חינוך, ספרות ומחשבה,
אדר תשכ"א, גל. 22.
83. הרב הגאון ר' אריה פרומר (הרב מקוזיגלוב) הי"ד,
„ספר זכרון זבירצה" והסביבה, תשי"ח, העורך: ש. ספיבק
תל־אביב, עמ' 477—478.

84. הרב ר׳ שלמה חנוך רבינוביץ — אדמו״ר מרדומסק — סוסנוביץ, רבי וחסיד,
„אלה אזכרה״, כרך שני, ניו־יורק תשי״ז, עמ. 236—245.

85. הרב ר׳ מנחם מנדל הכהן לוין מבנדין,
„אלה אזכרה״ כרך רביעי, ניו־יורק, תשכ״א, עמ. 270—274.

86. הרב ר׳ נתן נחום הכהן רבינוביץ — האדמו״ר מקרימולוב
„אלה אזכרה״ כרך חמישי, ניו־יורק, תשכ״ג, מ. 96—101.

87. זוכוביצקי שמואל: פרידה מיהודי פולין, גורל יהודי קטוביץ, צנסטכוב, בנדין וסוסנוביץ בימי השואה ושארית הפליטה בפולין,
„הבוקר״, גל. 3939 — ה׳ תשרי תש״ט 8.10.48 עמ. 3—4.

88. הועד הלאומי היהודי בפולין (מכתב שנתקבל מפולין על השמדת שרידי היהודים בגיטאות בנדין וצנסטכוב),
„דבר״ גל. 5726 כ״ב איר תש״ד 15.5.44 עמ. 1.

89. ברגעיהם האחרונים של יהודי פולין (מתוך מכתב על בנדין וצ׳נסטכוב),
„מלחמתנו״ שנה ב׳ חוברת ט (כא) אלול תש״ד, ספטמבר 1944, עמ. 15—18.

90. אידיש לעבן אין די נייע פוילישע געביטן, אמנון אייזנשטאַדט.
„פינקס סאָנדאמירש״.

91. „און די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט״: צעלינא קזשעמינסקא, אמנון אייזנשטאַדט,
„פינקס סאָנדאמירש״.

92. הסופר ק. צטניק: חייתי על כוכב־לכת אחר ששמו: אושוויץ, זוועותיו של הנורא והגדול במחנות המוות נגולו לפני בית־הדין,
„דבר״ ניסן תשכ״א.

93. עדויות: פרידה מזיא,
„השואה והמשפט״ פרשת משפט אייכמאן ותקופת השואה, הוצאת „אנציקלופדיה של גליות״, ירושלים תשכ״ב 1961, עמודים 143—145, חלק א.

94. עדות יחיאל דינור המכונה „קצטניק״
„השואה והמשפט״ כנ״ל, חלק ב׳, עמודים 70—71.

95. מחנות־המוות באושוויץ תואר בעדויות ק. צטניק ועדים אחרים,
„דבר, סיון תשכ״א.

96. יומן ומשפט, מאת משה תבור (על התעלפות צטניק),
„דבר״, סיון תשכ״א.

97. מזכיר הגסטפו אמר: „אינני נאצי״ והציל מנהיגת מח־תרת יהודית מהשמדה באושוויץ, מאת יצחק נימצוביץ.
„ידיעות אחרונות״ מוסף לשביעי של פסח, כ׳ ניסן תש״ך.

98. פרשת יהודי זגלמביה בכיבוש הנאצים,
„ספר הפרטיזנים היהודים״ כרך ב, הוצאת „ספרית פועלים״ עמודים 111—133.

99. יידן אין זאגלעמביע בעת דער איצטיקער מלחמה, פון ל. שפיזמאן,
„ייוואָ־בלעטער״, שריפט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט, 1942, עמ. 221—231.

100. ילדים במחתרת (מתוך המדור „בגיטו ובבונקר״)
„ילדים מוצלים״ של ברכה חבס, הוצאת „עם עובד״, ת״א, תש״ח, עמודים 125—150.

101. „פרקי סוסנוביץ״ — זכרונות של ניצולים שונים,
„ידיעות״ בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון למורשת השואה והמרד, כז ניסן תשי״ט, מאי 1959, עמודים 42—58.

102. בית ילדים שומרים, מאת נסיה אורלוב־רוזניק,
„ספר השומר הצעיר״, כרך ב׳, הוצאת „ספרית פועלים״, עמודים 311—316.

103. שימעק לובעלסקי פון ניווקע — ע. רינגלבלום
„בלעטער פאַר געשיכטע״, צייטשריפט פון ייד. היסט אינסט. אין פוילין, 1959, באנד 12.

104. עדויות מפי חברי „הנוער הציוני״ מבנדין וסוסנוביץ שנמלטו לקושטא —
„מפרשת השואה״ יו״ל ע״י הועד למען יהודי אירופה הכבושה (ועד ההצלה ליד הסוה״י).

105. ארבעה חדשים במיסלוביץ (מתוך „הנסיעה שלא הצ־ליחה״).
רוניה קוקילקו: בנדודיה ובמחתרת.

106. התסביך המשיחי של תקיף בגיטו הנאצי משה מרין מסוסנוביץ — הד״ר פיליפ פרידמן —
„בצרון״ ירחון, ניו־יורק, ניסן—אייר תשי״ג, חוברת ה׳ (161).

107. אנו עוברים את גבול ה„רייך״,
„התועים בדרכי המות״, נתן עק, „יד ושם״ ירושלם, תש״ך, עמ. 134—145.

108. קהילת סוסנוביץ (קהילות ישראל בתפוצות הגולה) — שבתי ויס.
„גזית״ ירחון ליצירה אמנותית־ספרותית, חשון—כסליו תש״ו, כרך שמיני, גל. פו—פז, תל־אביב, עמודים 1—2.

109. כיבוש זגלמביה, עמודים: 166, 168, 169, 171; דינדובקה — 184, 189,
„מגילת פולין״ חלק חמישי, החורבן, כרך ה׳, אנציק־לופדיה של יהדות פולין, יו״ל ע״י התאגדות יהודים חרדים יוצאי פולין, ירושלים—ניו־יורק, העורך י.ל. לוין.

110. דער ראַדאָמסקער רבי און זיין איידעם
„חורבן אייראָפע״ געזאַמעלטע מאמרים, פון ד״ר יצחק לעווין, ניו־יאָרק, תש״ח.

111. מרדכי (מוטיק) שטורכיין, יליד דומברובה, מת בישראל, מאת אלישבע,
„קהילת ז׳ארקי״ עיירה בחייה ובכליונה, העורך יצחק לדור, תש״ח, — 1050 עמ. 196—197.

112. סאָסנאָוויצער יידן זענען נישט געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה, פון משה ירקוני
„יידישע צייטונג״, תל־אביב, ח׳ אב תשכ״ה.

113. כנס בית״רי זגלמביה שבפולין:

א) זכרונותיו של מפקד גליל — דוד יוטן, „חרות״ 4.6.1965.

ב) על בית״ר סוסנוביץ שאיננה עוד — חיים טריגר, „חרות״ 4.6.1964.

ג) בפרוץ הסער — משה ירקוני (ז׳ילונקה), — „חרות״ 4.6.1964.

114. אין יענע טראגישע טעג — איירי הירשמאן
„בשער״, פאַריז, 4 מארץ 1947.

115. דער ערשטער ראש־השנה אונטער היטלערס ממשלה,
„דאָס נייע לעבן״, ווארשע, 23 סעפטעמבער 1949.

116. די ניצול געוואָרענע דערציילן,
„אונזער שטימע״, פריז, 26, ינואר 1946.

117. תשעה באב — יוחנן (גאָלדקראנץ),
„אונזער מאָמענט״, רעגנסבורג, 5 אויגוסט 1947.

118. דער לעצטער פעריאָד פון חורבן בענדין, יוחנן ג(אָלד־קראַנץ),
„יידישע צייטונג, לאַנדסבערג, 15 אויגוסט 1947.

119. יידישע זאַגלעמביע אַמאָל און היינט, י. גורטמאַן,
„אונזער וואָרט״, לאָדזש—ווארשע, יוני 28, 1947.

120. די יידישע שטאָט בענדין — הענעך פאַזמאַנטיר (צום דריטן יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע).
„לאַנדסבערגער לאַגער־צייטונג״, 9 אויגוסט 1946.

121. די לעצטע אקציע אין בענדינער געטאָ — הערשל פויגל,
„אונזער מאָמענט״, רעגנסבורג, 22 אפריל 1947.

122. חורבן בענדין — רעניא,
„איבערגאַנג״, מינכען, 10 אויגוסט 1947.

123. די ליקווידאַציע פון זאַגלעמביער געטאָס, י. בן־איש,
„יידישע צייטונג״, לאַנדסבערג, 17 אויגוסט 1948.

124. זאַגלעמביע אונטער די נאציס, י. גאָלדקראַנץ,
„אַרבעטער וואָרט״, פאַריז, 3 נאָוועמבער 1945.

125. צום 3טן יאָרצייט פון יידיש זאגלעמביע, ל. גאַסט־פריינט,
„אונדזער האָפנונג״, עשוועגע, 9 אויגוסט 1946.

126. די ליקווידאַציע פון זאַגלעמביער געטאָ(ס), פ. ווידערמאַן,
„דאָס פרייע וואָרט״, פעלדאפינג, 2 אויגוסט 1946.

127. אַ שרעקלעכער טאָג אין געטאָ, ז. מונטשיק,
„בדרך״, איטאליע, 12 אָקטאָבער 1945, עמ. 28—30.

128. די ליקווידאַציע פון די זאַגלעמביער געטאָס, יהודה פעפער,
„לאַנדסבערגער־לאַגער־צייטונג״, 2 אויגוסט 1946.

129. דער אָנהויב און סוף פון די יידן אין זאַגלעמביע, ש.פ.
„איבערגאַנג״, מינכן, 10 אויגוסט 1947.

130. צוויי יאָרצייטן (מ. טענענבוים און פ. פלאָטניצקי),
„דרור״, לאָדזש, אויגוסט־סעפטעמבער 1947, עמ. 5—7.

131. דער העלדישער חלוץ פון בענדין (ב. גאָפטעק), יוחנן גאָלדקראנץ
„אונדזער מאָמענט״, רעגנסבורג, 30 נאָוועמבער 1947.

132. די געטאָ־קעמפערינס פרומקע און חנהטשע פלאָטניצקי — א. פלאָטניצקי, אליעזר, י. פערליד
„אילוסטרירטע פאָלקס בלעטער״. פאַריז, מאַרץ—אפריל 1945, עמ. 17—24.

133. מרדכי אנילעוויטש, זיין לעבן און קאַמפּסוועג — יוסף שמיר,
השומר הצעיר, מינכן, אפריל 1946; משמר, וואַרשע—לאָדזש, מאַי 1947; 5, אויפגאַנג, וואַרשע (נומ. 1 ,1947): 3—4.

134. פון עמק הבכא,
„ידיעות״, ארץ־ישראל, נומער 5, יוני 2 1942 (יד ושם).

135. פון עמק הבכא,
„ידיעות״ ארץ־ישראל, נומער 6, 9 יוני 1942, זז. 3—4 (יד ושם).

136. פון עמק הבכא,
„ידיעות״, ארץ־ישראל, נומער 11, 18 יולי 1942, זז. 2—4 (יד ושם).

137. ליידן, פיין און חורבן,
„אויפברויז״, נומער 3(18), 22 יוני 1942, זז. 7—8 (ייווא).

138. ליידן, גלויבן און קאַמף — מוישע פייבושקעוויטש,
„אונזער שטימע״, פאַריז, 13 יולי 1946.

139. דאָס רויטע זאַגלעמביע אונטער דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, מי
„ביולעטין״, בונד, נומער 2(12), יאנואר 1941, זז. 6—7 (יד ושם).

140. כראָניק,
יוגנט שטימע, נומער 4(7), אפריל 1941, זז. 8—9.

141. ליידן, פיין און חורבן,
„אויפברויז״, נומער 3(18), יוני 22, 1942, זז. 7—8.

142. אונזערע קינדער דערציילן,
„אונזער וועג״, פאַריז, 30 אפריל; 15 מאי 1947; 23 מאי 1947; 3 יולי 1947.

143. געשענדעטע יידישע קברים אין פוילן — יצחק באַרנ־שטיין,
„ציוניסטישע שטימע״, מינכן, 12 נאוו. 1948.

144. אויסלענדישע יידן פון דייטשע לאַגערן וואָס זענען גע־קומען צו קבורה אין סאָסנאָוויץ,
„דאָס נייע לעבן״, לאָדזש, 14 אויגוסט, 1947.

145. מאַניעק מערין — פ. ווידערמאַן,
„איבערגאַנג״, מינכן, 6 אויגוסט, 1948.

146. אין די יאָרן פון יידישן חורבן, די שטים פון אונטער־ערדישן בונד.
„אונזער צייט״, ניו־יאָרק, 1948.

147. די הריגה אין סאָסנאָוויץ,
„פוילישער איד״, רעדאקטאר אב. גאָלדבערג, ניו־יאָרק, נומער 18, 1943, אויג. סעפט. ז. 3.

148. יונגע ציוניסטישע פירער געפאַלן אין שלאַכט קעגן נאַציס אין בענדין,

„פוילישער איד״, כנ״ל, ניו־יורק, נומער 20, פעבר. 1944, זז. 4—5.

149. דהי ארמעד רעזיסטאַנס אין בענדזין־סאָסנאָוויץ (ענגליש)
„פוילישער איד״ כנ״ל, נומער 23, זז׳ 5—6.

150. פרטים וועגן צענטראַלן יודנראַט אין סאָסנאָווצע,
„ספר כזשאנאוו״, מרדכי בוכנער, מינכן—רעגנסבורג, 1949.

151. אין געטאָ און אין לאַגער, אבנר פעלדמאַן,
„ייווא־בלעטער״, באַנד 30, זז. 259—279 ניו־יאָרק.

152. באריכטן, בריוו, כראָניקעס, צוואות, אויפשריפטן וכו׳,
„קידוש השם״, אַ זאַמלונג, רעדאגירט פון ש. ניגער, ניו־יאָרק, 1948.

153. יידן אין זאגלעמביע בעת דער איצטיקער מלחמה, לייב שפייזמאַן,
„ייווא־בלעטער״, באַנד 19, ניו־יאָרק זז׳ 221—231.

154. דער לעצטער מארש אין קאַצעט לאַגער יאווארזשנע אין יאנואר 1945, אברהם ראָזנצווייג,
„באפרייונג אין לעבענאו״ (באותיות לטיניות), לאופען, באווריא, 1947.

155. אַ רייזע איבער הונדערט חרוב־געוואָרענע קהילות אין פוילן, סאָסנאָוויץ, בענדין,
„איבער שטיין און שטאָק״ — מ. צאַנין, תל־אביב, 1952.

156. לידער פון די געטאָס און לאַגערן,
ש. קאטשערגינסקי.

157. השומרים בבנדין על משמר עמם, חיה רוזנברג (קלינגר),
„העוגן״, 1958.

158. מיומנה של חיה קלינגר, קטעים שנכתבו במחצית השניה של שנת 1943,
דפי יומן, „העוגן״.

159. איך נפלו לוחמי הגיטאות (על ההתנגדות בגיטו בנדין)
„מסיבות״, למועדים, לימי תנועה וזכרון, שושנה צנ־סטוכובסקה, 1945.

160. הודעה מטעם הגיסטפו על הריגת תא־התנגדות של יהודים בבנדין (פקסימיל),
ידיעות יד־ושם, רשות הזכרון לשואה ולגבורה, מס׳ 8—9.

161. ימינו האחרונים... (מכתב מבנדין מיום 17 ביולי 1943)
„חורבן ומרד של יהודי ורשה״, עמ. עא—עב.

162. נפילתו של בונקר הלוחמים בבנדין — רניה,
מתוך „בנדודים ובמחתרת״ עמ. קטז.

163. על קיבוץ הכשרה של תנועת „דרור״ בבנדין בימי הנאצים,
מתוך „בנדודים ובמחתרת״.

164. על גורלם של יהודי זגלמביה בכלל ומאבק תנועת „השומר הצעיר״ בגיטו בנדין,
מיומן בגיטו, חייקה קלינגר, מרחביה, 1959.

165. קורות התנועה החלוצית במערב פולין,
קץ היהודים במערב פולין, אהרן בראנדס, מרחביה, 1945.

166. יומנו של חייל עברי בשבי הנאצים, 1940—1945.
„בבכלי השבי״, שלמה פלודש, תל־אביב 1946.

167. על פגישות עם שארית הפליטה,
אגרת, משה איינהורן, ניו־יורק ליוצאי וולקוביסק, 1956.

168. חיי נשים במחנות המוות,
נשים בלשכת הגיהנום, רעיה כגן, מרחביה, 1947.

169. יהדות פולניה בצפרני הנאצים,
יון המצולה החדש, תל־אביב, מסדה, 1941.

170. דאָס גייסטרייכע אמאָליקע זאַגלעמביע — מרדכי המפל
היינטיקע נייעס, תל־אביב, 17 יולי 1956.

171. „פנקס זאַגלעמביע״ קאָמוניקאַט פון אויסטראַליע,
„נייע ישראל צייטונג״, תל־אביב, 17 אפריל 1962.

172. „אין גרעאַנגעל פארן לעבן״ (פערזענליכע איבערלע־בונגען פון דער שוידערלעכער תקופה 1939—45 — חורבן סאָסנאָוויץ — הדפס בוים־פריוועס, המשכים מרר־בים „נייע ישראל צייטונג״, תל־אביב, 27 אפריל 1962.

173. מזרח אויבערשלעזיע, עמודים 189—190.
אלגעמיינע ענציקלאָפעדיע: יידן 1, דובאנאָוו־פאָנד, ניו־יאָרק, 1963.

174. זאגלעמביע (סאָסנאָוויץ און בענדין), עמ. 237—238.
אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע כנ״ל.

175. דער יידישער ווידערשטאַנד, עמ. 225—226.
אַלגעמיינע ענציקלאָפדיע כנ״ל.

176. די געטאָ־דיקטאַטאָרן, עמ, 33—34,
אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע כנ״ל.

177. דער פארנעם פון יידישן ווידערשטאנד, סאָסנאָוויץ עמ. 45.
אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע כנ״ל.

178. די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, עמ׳ 139,
אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע כנ״ל.

179. די יידישע געטאָ־אדמיניסטראציע: די יידנראַטן, סאָס־נאָוויץ, עמ. 193,
אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע כנ״ל.

180. ווידערשטאַנד (אין בענדין און סאָסנאָוויץ), ז׳ 345,
„קידוש השם״ געזאַמלט און רעדאַקטירט פון ש. ניגר, ציקאַ־ביכער פארלאג, ניו־יאָרק תש״ז.

181. יזכור (בענדין), חנהטשע און פרומקע פלאטניצקי, ז׳ 345—349,
„קידוש השם״ כנ״ל.

182. יצחק פסחזאָן, ז׳ 349—350.
„קידוש השם״ כנ״ל.

183. „שמע ישראל, ז׳ 636—638.
„קידוש השם״ כנ״ל.

184. די לעצטע „בונקערס״, ז׳ 638—640.
„קידוש השם״ כנ״ל.

185. די בשורה פון אויפשטאנד, ז׳ 640—641,
„קידוש השם״ כנ״ל.

186. מרד ה„גוססים״ בקרון המות — משה ירקוני,
„חירות״ ת״א, עמוד 3, 26 דצמבר 1965.

187. הדסה פריוועס: אין רויך פון בזשעזשינקי, פארלאג י.ל. פרץ, 1966, 262 עמודים, הפרקים: וכך התחיל הדבר, גיטו שרודולה, אושויץ, בזשעזשינקי אוישוויץ, שחרור.
188. חנה וירניק—שלזינגר: עדות אחת עמוד 73, 6 עמודים על זגלמביה,
„ילקוט מורשת" כתב־עת לתיעוד ועיון, שנה א חוברת א, כסליו תשכ"ד, נוב. דצמב. 1963.
189. קאפיטלען פון גבורה:
א) די מומע האגאנעסקא גרייט צו א שיינעם אוונט (על בנדין וסוסנוביץ),
ב) די געשיכטע פון יידישער זעלבסטשוץ אין בענדין, „פוילישער איד", ירחון, הפדרציה האמריקאית ליהודי פולין, ניו־יורק, גל. 25, ספטמבר אוקטובר 1944, עמודים 4—6, 23.
190. בחבל המרד היהודי (הכורים היהודים בזגלמביה) — יואל מסטבוים,
„דבר", גל. 5725 (כא אייר תש"ד — 14.5.44) עמ. 2.
191. יריות מתוך המערה (השמדת יהודי זגלמביה ע"י הנאצים והתגוננותם) — אבי־רות,
הצופה, גל. 1799 (י' כסלו תש"ד — 7.12.43) עמ. 2—3.
192. המחתרת היהודית בסוסנוביץ בזגלמביה והתגוננותה (מפי חברי „הנוער הציוני" שנמלטו משם).
ביולטין הועד למען יהודי אירופה הכבושה, נובמבר 1944,
193. קטעי זכרונות של חברי המחתרת היהודית (הציונית) בזגלמביה,
ביולטין הועד למען יהודי אירופה הכבושה,
(נובמבר 1944), עמ' 10—12.
194. שני ביקורים (קטעי יומן) — חייקה קלינגר,
משמר, גל. 113 (כח ניסן תש"ז — 18.4.47) עמ. 3.
195. שנה להתקוממות בזגלמביה
ביום הראשון לאחר הצהרים, בשעה שתים, ישב הארי אצל ידידו דניאל וורמונט ושתה תה עם המסובים לשולחן. פתאום נכנסה במרוצה הנערה המשרתת וסיפרה בעינים נבהלות ובקול מאנפף, כי בחוץ מתרחש דבר־מה חדש. ניגשו אל החלון וראו המון עם רץ בבהלה. לא היתה שעה קלה והרחוב נתרוקן כולו, השערים הוגפו, ומקצה הרחוב השני כבר נראה צבא־החלוץ הגרמני הראשון שמישמש ועבר סמוך לכותלי הבתים, ולאחר רגעים אחדים התחילה יריה פרועה, השתוללות של אש ומות. טנקים נכנסו אל רחובות פתוחים ושקטים שלא היה בהם אף חייל פולני אחד ושלא נורתה משם אף יריה אחת אל הגבורים הגרמנים, וניסרו וניקבו בתים שקטים ומעונות שרויים בשלוה אידילית. רוכבי אופנוע מזוינים במכונות־יריה הריקו אש אל חלונות של בתי אזרחים. אנשים שנתאחרו בדרכם ולא הספיקו להסתתר היו מוטלים על המדרכות ובתוך הביבים, כציפרים הרוגות ביריה תוך כדי טיסה.

היריה ברחוב לא פסקה. האליל „וודאן" הוה מרקד את ריקודיו ברחובות והיתה הילולא של מות ואש, שניתכו על אזרחים חסרי־מגן שכנים רצו ונקבצו יחד ועוללים על ידיהם. בדירה הסמוכה הרס רימון חלק מן החדר והרג אנשים אחדים שעמדו אצל החלון. הכל ירדו אל המרתף שבחצר. אף הארי נטפל אליהם ורץ עמהם לשם. בתוך המרתף ישבו ושכבו על הקרקע אנשים ונשים וטף, יושבי הבית וזרים. הכל עצרו את נשימתם. האימה היתה מרחפת כמו בכנפים על ראשיהם ועל חייהם. עיני כולם היו מופנות אל דלת המרתף, בצפות אל המות האורב להם.

השעות הלכו ונמשכו, והדממה שבמרתף היתה מנענעת את בני האדם, כדרך שהרוח מנענעת את התלוי על עץ, ולחשה על אזנו של כל אחד ואחד:

„הדבר התחיל. הדבר התחיל..."

ירד הלילה והיריה פסקה. הארי עמד אצל דלת המרתף ולחץ את ראשו אל הקיר כדי לחוש מכאוב, כדי לצער את גופו. הוא היה מוכן לפרוץ את דלת המרתף ולרוץ הביתה, אף־על־פי שהיה בזה משום מעשה־שגעון. בחוץ ארב המות וחטף את בני־האדם כתרנגולת רעבה החוטפת את הגרגרים המושלכים לפניה. הארי הטיח את ראשו באבני קיר־היסוד. מה לעשות?...

עבר הלילה, והיום נכנס ובא בלאט אל המרתף כאורח־חורש רע. נכנס כמתחפש, הציץ בחצי־עין בעד החורים והסדקים הצצה של תם, כאילו לא ידע כלום, כאילו לא אירע כלום.

הארי יצא מן המרתף ופנה אל הרחוב דרך השער. חלל־העולם היה מלא זוהר־שמש למן הארץ ועד השמים ואולם אור היום היה זר לו הפעם, דבר שאינו שלו ואין לו שום נגיעה אליו. הרחוב היה דמום וריק, כחדר גדול וריק שיושביו פינוהו ועזבוהו. ובת־קול עלובה מושפלת מחרפה היתה מנהמת נכאים מתוך כל פינה ומתוך כל בליטה של חור. על המדרכות ובתוך ביבי־השופכין היו מתגוללים פגרים פגרי אדם, וידיהם ורגליהם פשוטות כשל צפרדעים בשעת שחיה.

הארי עמד רגע אצל השער כמהסס. האם כדאי לו עכשיו ללכת יחידי בתוך הרחובות הריקים והדמומים? ואולם לבו היה מושכו דווקא אל הסכנה. ומוזר הדבר: הפגרים לא הלהיבו אותו, כאילו נעשה לבו גס במות. רק אחת שאלה נפשו בשעה זו: לראות את סאניה, למהר אליה ולראותה.

הוא מצא את סאניה שוכבת על הדרגש בנעליה ובמעילה, מנמנמת נמנום כבד ופניה כבושות בידיה הוא עמד מרחוק והביט אליה, והמחשבות הסתובבו במוחו כאבק ברוח־סערה. הוא צנח בכבדות על כסאו שעמד ממולה, וראשו נתמלא מעט מעט עשן, כבית שתנורו שבור והוא מעשן בלי הרף, והחלונות סגורים.

ב. היהודי השלישי

אותו היום, לאחר שעות אחדות, קמה מהומה ורעש עם קולות דופקים על השערים ועל הדלתות:

— כל הגברים החוצה.

חיילים גרמנים, לבושי קובעים, ותת־מקלעים בידיהם, צרו על הרחובות ועל הבתים:

— כל הגברים חייבים לבוא אל בית המועצה!

בחצרות התאספו חבורות של גברים נבהלים. הגרמנים עמדו מסביבם עם תת־מקלעים מכוונים כנגדם, והאנשים הגביהו ידיהם למעלה בלי שנצטוו על כך.

— לרוץ! לררררץ!!

הגרמנים אף לא צרחו כבני־אדם. לא היתה זאת צריחה, אלא מין חריקה ונהמה, כנהמת חיות רעות כשהן נרגזות ביותר. את דבריהם אי־אפשר היה לשמוע כלל. נהמתם פרצה ובקעה כאילו מתוך כריסם או לועם. ולא עוד, אלא שאוזן מנוסה יכולה היתה להבחין, שגעייה זו אינה אלא דבר של לימוד, של אימון, על פי שיטה קבועה.

— כל גבר שיימצא בבית יירה ככלב!

הארי הפנה את ראשו, לחץ את ידה של סאניה בין הכף והמרפק, ומתוך לחיצה זו, שארכה רק שנייה אחת, ירד ורץ אל הרחוב.

סאניה רצה אחריו עד הדלת ביד פשוטה, ובידה השניה חסמה את פיה הפעור לצעקה.

— לרוץ! לררררוץ!!!

הארי רץ וידיו מוגבהות למעלה, כמנפנף בקצות אצבעותיו המורמות את דגל כבוד האדם המחולל, המבוזה והמובס, אחריו רץ גרמני אחד וחבט על כתפו בקת־הרובה:

— לררררוץ! שקי טינופת!...

הארי לא חש שום מכאוב, ורק חרפה אכלה את לבו ללא רחם. דעתו היתה צלולה. והמוזר ביותר הוא, כי ברגע זה של שיפלות אנושית עמוקה היה חושש רק לדבר אחד: שמא מביטה אחריו סאניה ורואה את המראה, כיצד חובטים אותו בקת־הרובה על כתפו וכיצד הוא רץ כמוג־לב נבזה וידיו הנבהלות מוגבהות למעלה.

על הרחבה הגדולה של בית־המועצה העירונית כבר הוזעקו אלפי אנשים. הללו התרוצצו ודחקו זה את זה כבני־צאן מבוהלים. כל אחד דוחף את חברו בצד ובכתף ומבקש לו מקום באמצע ההמון, כדי להרחיק מן הסכנה, אותם שנמצאו בשורות הראשונות היו מוטלים על הארץ מוכים ופצועים וזבי־דם. בני־אדם יללו והתפלשו בעפר מתוך היסורים ומתוך האימה, ככלבים מוצלפים, כחזירים ששפכו עליהם רותחים.

ההמון נע ונד מצד אל צד והתדבק באמצעיתו כגוש של בצק. אלה המחזיקים מעמד דרכו ורמסו ברגליהם את הכושלים ונופלים. כשנתאסף המון־עם גדול ביותר, התחילו הגרמנים להריץ את גוש־הבצק האנושי אל הרחבה של מוסכי בית־

החרושת של האחים גוטשטיין, ששם נמצא לפנים הקסרקטין.

הרחבה של בית־החרושת היתה מוקפת תיל דוקרני. שם רבצו המוני בני־האדם על הקרקע ונשמו לרווחה. בהפסקות של שעות אחדות היו מוסיפים לבוא מחנות חדשים מן הרחבה של מועצת העיר ונקלטו כאן בתוך ההמון.

לפנות ערב הגיע אל הרחבה קצין, ומתוך המכונית שלו הכריז:

— כל הפולנים יצאו!

הפולנים יצאו והתיצבו לצד אחד. הקצין הגרמני עבר עליהם, כמו בשעת מיפקד ואחר הודיע להם:

— רשאים אתם ללכת הביתה. אתם חופשים!

הפולנים הביטו אל הגרמני בפנים מחייכות חיוך של חנופה ובעינים מביעות תודה. כמה מהם הניפו את ידיהם כאילו לאות ברכת־השלום ההיטלרית וקראו:

— דאנקע!!.. דאנקע!!...

הם קדו והשתחוו, הסירו את כובעיהם מעל ראשיהם והשתחוו שוב ועזבו את המקום מתוך שמחה.

כל הלילה היה ההמון רובץ על הארץ, ואיש לא הרגיש רעב והסיח דעתו מיסורי הגוף.

בבוקר שוב באו הגרמנים. אחד מהם עמד והכריז:

— כל הגלבים יצאו הנה! עד שתים עשרה בצהרים יהיו שערות־ראשיהם וזקניהם של כל היהודים גזוזים!

המשמר מסביב לרחבה של בית־החרושת נתחזק. מעל גגות הבתים שמארבעת צדדיה הביטו קני מכונות־יריה אל בני־האדם, כעיני חיות־קדומים. הגרמנים עמדו וכלי נשק ממורטים בידיהם. האויר הלך ונעשה דחוס, והמצב היה בלתי ברור ובלתי מובן.

בשתים עשרה הגיעו אבטומובילים אחדים מלאים גרמנים. הללו קפצו מן המכוניות והתיצבו בשורה אחת. ידיהם צמודות לצידיהם ועיניהם מביטות אל ההמון הבטה של חיה טורפת, הבטוחה שטרפה לא יימלט ממנה.

— שקט!!!

אימה נפלה על כל הנאספים, לפתה את איבריהם, ונשי־מתם נעצרה באפם. השתררה דממות־מות

— כל הגזוז יסור הצדה!

עדיין נשאר המון רב של יהודים בעלי זקן, ששערם לא נגזז את כולם הריצו עתה אל תוך מוסך גדול של בית־החרושת.

— הכל יכרעו ברך!... אבל חיש!... מהר!...

ההמון כרע על ברכיו, כפקודת הגרמני. הפחד פרץ מעיניהם, כהבל מתוך סיר רותח. כולם הרגישו ברעה המרחפת על ראשיהם. זו היתה חרדה מפני סכנה קרובה, אך נעלמה. ליד הקיר, סמוך למבוא, התייצבו הגרמנים שורות שורות, עומדים חמורים ופניהם פני־פלדה. דומים היו כמצפים ציפיה רבת־תעלומות למין טקס, למין מעשה פולחן של אוכלי־אדם, בשעה שקרבנותיהם כבר מוטלים עקודים על גביהם.

אצל הדלת עמד שולחן קטן. שם ישבו גרמנים אחדים, שהיו משמשים מעין בית־דין חשאי. הראש שבהם נתן אות, ואכילת־אדם לפי חוקי הטקס התחילה. פתחו וקראו ליהודי הראשון:

— קרב הנה! עדיין אינך כאן?!

מתוך ההמון יצא יהודי כבן חמישים, בעל הדרת פנים ובעל זקן נאה, שזורקה בו שיבה במקצת. רגליו היו כושלות תחתיו. כל ימיו רגיל היה, שידברו אליו בדרך־ארץ. ואילו כאן הריהו עומד לפני דבר, שאבותיו ואבות־אבותיו לא שעירוהו. הרי הללו אינם דומים לגזלנים רגילים, המתנפלים עליך ביער ומבקשים את כספך. הללו מבקשים דבר אחר לגמרי... היהודי התחיל רואה עצמו כזבוב זה, שנלכד ברשת של קורי־עכביש, ועכביש שמן וכרסני מגיח ובא כנגדו, מסבב וכורך אותו ומהדק מסביבו את רשתו, ואחר כך הוא מתנפל עליו, נועץ את עוקצו בגופו מכרסם מוצץ.

ומשהבין היהודי את המצב שהוא נתון בו, לבש פתאום צורה של עוף, מין עוף משונה ארוך זקן, ומה תימא, שהגר־מנים געו בצחוק למראה העוף הנבהל בעל הזקן. לא היה סוף לצהלת־הצחוק שלהם.

— קרב הנה!...

והנה זז ופנה אליו אחד הגרמנים מן המסובים לשולחן, אדם בעל ידים שמנות, עב־כרס, שראשו רווי־דם וערפו תלוי מעל לצווארונו.

— מי הוא זה היטלר?!

הגרמנים, שעמדו מסביב, שוב נתנו את קולם בצחוק. זקנו של היהודי היה מתנענע נענוע משונה, כאילו הוצא מבית־גנזים תיאטרוני ישן והודבק ברפיון אל פניו של שחקן.

— התאמר?!... התאמר?!...

הגרמני הכרסני קם ועמד על רגליו. עיניו נתמלאו תשוקת־דמים אכזרית. הוא תפס מקל של תיל־פלדה והתחיל חובט את היהודי על ראשו ועל כתפיו. העוף פרח ממקום למקום, ניפנף בידיו כמו בכנפיים, וזקנו גדל וארך במידה משונה. והגרמני מוסיף להניף עליו את מקל־הפלדה ולדוש אותו, דש ומנהם:

— התאמר?!... התאמר?!

היהודי פעה כתינוק שנולד, היוצא לאויר העולם מתוך בכי צרחני. אכן משונה הדבר, שאדם בא בשנים יהא בוכה כתינוק שנולד.

—כן... הנני אומר... הנני אומר...

הגרמני הוריד את שבט־הפלדה ונשם כקטר.

— היטלר... איש הגון הוא...

— מה?! הכל געו בצחוק. — יהודי אומר, כי היטלר איש הגון הוא!...

ומיד התנפלו על היהודי מלאכי־חבלה מכל העברים. אחד מהם גזר בכידון רובהו את זקנו עם חתיכות בשר. וכך היו פושטים את עורו, כדרך שפושטים את עורה של בהמה בבית־הטמבחיים.

כשהיהודי היה מוטל על הקרקע „גמור", יצקו עליו דליים של מים, וכשלא הועילו בתקנה זו והיהודי לא התעורר, תפסו ברגלו האחת וסחבו את הפגר החוצה.

ההמון כרע בפיק־ברכיים, והמות פרש את כנפיו מעל לראשיהם, מנענע ומנדנד אותם. הבכי נחנק בגרונם. רבים הירהרו שהגיעה שעתם לומר וידוי, והרגישו בנפשם את קירב הרגע הגדול והנורא של קידוש־השם.

— השני !...

גרמני אחד הוציא וסחב מתוך ההמון עול־ימים, ששער־ראשו השחור מסולסל. הצעיר הלך כאילו היה כפול — אחד שהוא שניים. הוא מהלך, והמוות מהלך עמו. הגרמנים התבוננו בקרבנם החדש, כנהנים הנאה מוקדמת מן החתיכה הנאה שעלתה בחלקם. אחד מהם שאל:

— מי הוא זה היטלר?

הצעיר הירהר רגע, ואח"כ השיב תשובה פסקנית:

— צורר היהודים!

על עלבון כזה הרבו הגרמנים להכותו בקתות־רוביהם ולרמסו ברגליהם, עד שהוטל לארץ מחוסר־הכרה. אז יצקו עליו דליים של מים, וכשההרוג נתעורר ורוחו שבה אליו, שוב אכלו הגרמנים את שארית חיותו ומצצו את חייו מקרבו.

שלוש פעמים הרגו הגרמנים את האיש הצעיר שלוש פעמים עוררו את קרבנם לחיים, ושלוש פעמים נטלו את נשמתו.

בפעם השלישית, כשיצקו הגרמנים את דליי־המים על הפגר, אירע מאורע מופלא. אחד מן ההמון עמד וצווח:

— אני אומר לכם מה טיבו של היטלר!

הוא דחק ורץ בתוך ההמון, הפיל אנשים בדרך ריצתו, ואי אפשר היה לראות היטב את פניו. הוא קרב ובא אל השולחן, שהגרמנים היו מסובים שם, וצרח בפניהם:

— היטלר רוצח הוא!... רוצח!... ר...

יריה הפסיקה את צריחתו.

בשעת המעשה ביהודי השלישי לא צחקו הגרמנים וגם לא עינוהו.

והנה התיצבו הגרמנים אצל פתח בשתי שורות, חמשה עשר מטר אורך השורה, וקתות־רובים ומגלבים בידיהם.

— הכל יצאו.

ההמון החיל להדחק ולדחוף זה את זה אצל הקירות כעדר כבשים. גרמנים אחדים קפצו אל ההמון והתחילו מכים בקתות־הרובים על ראשי האנשים ולירות בתוך הקהל. ומיד התחיל ההמון לרוץ דרך השורות, ומשני העברים הומטרו על הרצים מהלומות ומכות־רצח. וכשפצו ויצאו החוצה היו ראשיהם הלומים ופצועים, עיניהם ממוסמסות צלעותיהם שבורות.

שבעי דם־אדם עלו התלינים על האבטומובילים ויצאו מן המקום ברינה וצהלה, כגיבורים מנצחים.

מה שנעשה עכשיו בחוץ, בקרב ה„ניצלים", אין לו שם ואין לו דמיון. היוצאים לא סחו כלום, אלא היו מפשפשים בידיהם ומגלגלים את עיניהם כחסרי־דעה. רגליהם נתקלו באנשים הרסוקים, בפגרים ובגוססים רבים הספיקו לגרור רגליהם אל אחת הפינות ושם פלטו את נשמותיהם בקללה שותתת־דם מפיהם.

יהודים הביטו זה אל זה ולא הכירו איש את אחיו. הבנים ראו את חרפת אבותיהם, והאבות היו מבכים את מיתתם המשונה של בניהם. זאת היתה יללה אילמת שאינה נשמעת לאוזן, עם ניגון מיוחד, ניגון של „איכה" — קינה על חורבנו של עולם שנתחלל ונתנבל.

ג.

באמצע הרחבה הבעירו הגרמנים מדורה, שם הועלו על המוקד הכובעים של היהודים הפולנים יראי־השמים, טליתות קטנות מצויצות, קפוטות ארוכות, פיאות וזקנים שנתלשו יחד עם הבשר.

זקן הגרמנים העיף על קבוצת היהודים שעמדו על רגליהם מבט רוצחני. הוא תחב את בוהן ידו לתוך אזורו והפליט מבין שיניו: מי מכם זרק בקבוק שבור על הכביש, כדי שיתפקעו צמיגי האבטומובילים שלנו?....

— הכל יכרעו ברך.

ההמון כרע על ברכיו.

ביום השלישי באו אבטומובילים אחדים וחבורה של גרמנים יצאה מהם.

האימה שמה מחנק לגרון. האנשים נתקטנה קומתם. כל אחד ביקש להתכנס לתוך עצמו ולהסתתר שם, להימוג ולהיות כלא היה. גופו של אדם נעשה לעצמו משא של צער ויסורים, כאילו היה זה תינוק שלו שאין להיפטר ממנו בשעת סכנה. דממת מות. רגעים הולכים ונמשכים. אבל הכל מרגישים, שעוד מעט והדממה תתפוצץ. עוד רגע ויתרחש דבר שיבקע את הדממה כמו במאכלת חדה, וכל העצור בתוכה יפול ויתפוצץ בקול רעש גדול.

וכך היה.

הגרמני ניגש אל ההמון וחטף מתוכו עשרים וחמשה יהודים כחוטף קטניות, והעמידם לצד אחד. לעשרה מהם ניתנו מעדרים בידיהם, ומיד הורגשה ברחבה קרבת המות. הכל הרגישו בחוש, שמלאך־המות בא לכאן לעשות מלאכתו, והבל־פיו ונשימתו היו מנשבים בפניו מלל כל אחד ואחד.

אנשי הקבוצה הנבחרה צועדים אל קצה הרחבה. בעלי המעדרים חופרים בור. הם חופרים וזורקים את רגבי העפר כעושה מלאכה מועילה. קרי־רוח הם ומאובנים, כאילו הרגישו וידעו זאת מכבר, כאילו צפו וראו אחרית דבר מראשיתו.

חמשה עשר בחורים כאלונים, ברורים ומובחרים, העמדו על שפת הבור שנחפר. מכונת־ירידה כרתה חמשה־עשר חיים צעירים ועננים, גידעה והפילה אל תוך הבור חמשה עשר גזעים.

המון העם עמד אחוז זוועה, וגורל המתגלגלים ונופלים אל תוך בור־המות נשתלב בתוך גורל חייהם.

ד.

הדבר היה במוצאי שבת.

משפחת שאפראן באה לבקר את משפחת פרילשניק. היו יושבים ומסיחים בענינים שונים ואולם הרצינות לא

נסתלקה מהארי. לא די שהחיוך הכמוס לא נראה עוד על שפתיו; אלא שפסק לדבר בכלל והיה שותק שתיקה גמורה.

סאניה שמחה לביקורם של השאפראנים. וביחוד זחה דעתה, כשראתה בחברתם את ה„בחור״. נראה, ששושנה נתכוונה הפעם להצהיל קצת את הלבבות העצובים בבית הפרילשניקים ולקחה עמה את ה„בחור״, שהיה קודם לכן מן האורחים הקבועים במסיבות יום הרביעי בבית שפרן.

ה„בחור״ — הנרי באום שמו — היה מותזק כאחד מציירי־הנוף גדול־הכשרון שבפולניה. צעיר גבה־קומה, תמיר ומסולסל־שיער. לסתותיו הבולטות וסנטרו הרחב שיוו לראשו מראה מרובע. ובראש זה היו קבועות שתי עינים קטנות, פקחיות ולציניות המחייכות תמיד. ואמנם השם „בחור״ היה נאה לו ולדמותו הגמישה והארוכה; וביחוד לטבעו הליצני. הנרי באום היה מפורסם לא לבד בציורי הנוף הנהדרים שלו, אלא גם בנטיתו לליצנות. לא היה דבר קשה ומצב חמור שלא ראה בו את הצד המגוחך המבדח את הדעת. ומביני דבר פישפשו ומצאו גם בציוריו גרעין היתולי, משהו מן הראיה הגרוטסקית.

כשנכנס ה„בחור״ אל בית פרילשניק ובירך בשלום את הארי, נתעכב אצלו קצת, הציץ בו בעיניו המחייכות ואמר:

— רואה אני, כי פניך אינם כתמול־שלשום. וכי מה הדבר? אין דעתך נוחה מן הבריונים? גלגל הוא החוזר בעולם: עד עכשיו היו הללו מרקדים לפני הנגינה שלך. עכשיו אתה מרקד על פי הנגינה שלהם. אבל סופם שישובו לרקד על פי הנגינה שלך. האמנות, ידידי, ידה תהיה תמיד על העליונה...

הארי העלה על שפתיו חיוך חיור, כאילו על־כרחו. אבל קימעא קימעא נתבהרו פניו, ואף הוא נמשך לתוך שיחת המסובים אל השולחן. סחו בעסקי המסחר והספסרות ברחובות, נענה ה„בחור״ ואמר:

— היום באו גם אצלי סרסורים אחדים. שמועה שמעו, כי יש לי סחורה למכירה. מתחילה סירבתי להראות להם את סחורותי. מה התיפזון? זו אינה תובעת ממני מזונות. אמרו לי: „ואף־על־פי־כן, מי יודע, מה ילד יום מחר?״ אמרתי להם: „שמא אראה לכם את הסחורה הטירולית שלי?״ אמרו לי: „אדרבה, קונים אנו הכל״. עמדתי והצאתי להם את „הקבוצה הטירולית״ שלי. הציצו בה ועיקמו את חוטמיהם: „לא, פאני. אילו היה זה בד נקי, היינו קונים אותו במקח השוה. אבל בד מלוכלך בצבעים — מי ירצה לקחת אותו בידיו?״...

כל המסובים ענו בצחוק רם להלצתו של ה„בחור״. אף הארי יצא הפעם מגדרו וצחק בכל פה. ופתאוס:

— טראאאך.

הבית נזדעזע. זגוגיות נתנפצו. התמונות נפלו מעל הקירות. הדלתות והחלונות נפתחו בכוח, ואפילו דלתות־הארונות נרעשו ונפתחו בסערה, כאילו אחד נעלם פרץ אותן מבפנים והכריז מתוך איום:

„בני־אדם, היזהרו. סכנה מתרגשת ובאה...״

ובני־האדם ישבו תחתיהם בלי־נוע, כהמומים רק ה„בחור״ לבדו התאושש ראשון.

— פא, פא. — נענע בידו, כמי שמציץ מתוך חלון רכבת ונפרד מקרוביו. — פא... אני נוסע אל עולם־האמת... —טראאאך.

ותיכף ומיד עוד פעם קול נפץ.

היו שלוש התפוצציות כאלה. עם השלישית כבה מאור החשמל. נדמה שהאדמה חלה ורועדת.

— שריפה...

בחלון מנגד הודלקו השמים. המדורה התלקחה. תמרות עשן שחור ולהבות־אש פרצו למרום. בעד החלון נראתה בבהירות השתוללות של אש, תפושה במסגרת־לילה שחורה.

— בית־הכנסת בוער. הלא בית־הכנסת הוא, הסינאגוגה.

ק. צטניק

לייזר שיקמן בחייו ובמותו

הארי פרילשניק היה מתעתד יום־יום לבקר את אליעזר שיקמן. במשך כל הזמן שהוא שוהה הפעם במטרופולי (סוס־נוביץ) עדיין לא הצליח לעלות אל דירתו אף לרגע אחד, כאילו גזירת המזל היא.

אליעזר שיקמן היה משורר מיוחד במינו. אף כתב את שיריו בדרך מיוחדה במינה — באחזו את העפרון בפיו, משום שידיו יבשו. כמעט כל איבריו יבשו — הוא היה משותק.

הוא היה דר בקומה העליונה של בית, שעמד בקצה רחוב מונדזיוב, רוחב־החנויות של היהודים. ואת העולם היה רואה עד למעקה הגזוזטרה שלו. וכדי לצאת אל המעקה היה מתגלגל על הקרקע, כצרור עצמות, שרות־חיים מפעמת אותו.

ואף־על־פי שעולמו היה דל וצר כל־כך, התייחד לו למשורר אליעזר שיקמן, שהיה בן עשרים ושתים, ראיה חדה, חכמת חיים והשקפה רחבה. כולו היה חידה משונה, יצור־פליאה של הטבע.

היו לו שתי עינים בוערות באש שחורה, שני כוכבי־לכת. וזה הכל — יותר מזה לא היה בו כלום. אף דיבורו היה לקוי, דיבור שכולו גימגום. היה מטה את ראשו, אם

לצד כתפו, או לאחוריו, אל ערפו, ומתוך פיו היו בוקעות ומבעבעות מלים מפותלות, כמו מתוך מיגאפון. הדמיון למיגאפון בא מתוך כך, שבשעת דיבורו לא היה הפה נראה, אלא צואר בלבד, צואר פשוט ומובלט כאילו לשחיטה. ואותו הצואר הוא שהיה מדבר אליך, אלא שהקול היה בוקע ועולה ממקום אחר, ששם נתעלם הפה מעין השומע.

פרילשניק הוקיר מאד את שיקמן וראה בו את רוח האדם העולה למעלה אפילו מתוך חומר פגום. הוא נתן ערך רב לשיריו, בייחוד ל„בלדות־הלילה" שלו. וכל־אימת שהיה בא למטרופולי, לא החמיץ אף פעם את ההזדמנות לבקר את המשורר המשותק. אליעזר היה יודע את העתים, אימתי פרילשניק בא, והיה מצפה לו בכליון־עינים. וכשידידו היה עולה אליו, היה צוהל לקראתו ומגמגם מתוך גרונו:

— פרי—לש—ניק. זהו עולמי. — ובעינים מבריקות רמז על קצה הרחוב, במקום שעמדו שלוש אילנות, והוסיף ואמר:

— ואלה — עונג יום־טוב שלי...

אליעזר היה חי את חייהם של שלושת האילנות, כאילו השאירו אותם במקומם רק כדי להשיב את נפשו הצמאה לחיות, שאלמלא כן אין להבין, מה מקומם של שלושת האי־לנות ברחוב החנויות מונדזיוב? באביב ראה אליעזר את פריחתם, בסתיו — את גסיסתם, ובחורף — את הענפים הלבנים והערומים, הדומים לעצמותיה של צפור מתה. היה מצפה בלב כלה לשוב האביב, עת יחדשו שלושת האילנות כוח ויוולדו עוד פעם.

ממרום, מן הגזוזטרה, היה משקיף על בני־האדם, שהיו נראים לעיניו קטנים, כראשי־פרגים. האנשים הקטנים רצים שם מלמטה, אצים אל החנויות עם נשים וילדים וצרורות, נכנסים ויוצאים, מתערבים בין סוסים וקרונות טעונים סחורה, נדחקים בצווחות וקטטות. אף זוגות נאהבים מטיילים שם, ואיש מהם אינו יודע, שלמעלה משקיפות עליהם עינים בוערות בתאות־נפש ורואות אותם במיעוט דמותם עד כדי פליאה, עד כדי גיחוך

אליעזר אינו מר־נפש. על כל פנים אין להכיר בו זאת. כשפרילשניק יושב אצלו הוא מחייך אליו כל אותה השעה בעויה המיוחדת לו. הוא אוהב את פרילשניק אהבת־נפש — אותו ואת שמורות־עיניו המורדות ואת נגינתו בכינור. ביחוד את נגינתו הממלאה חיות נפלאה את איבריו ה־משותקים.

הפעם התכונן הארי בכל יום ללכת אל שיקמן, אלא שהדבר נדחה מיום ליום. אין לבו פנוי לכך, ואין הוא יוצא אל הרחוב בכלל. לבסוף החליט החלטה נמרצה, כי מחר מחויב הוא לראות את שיקמן, ויהי מה.

ביום המחרת, כשאמר הארי לבקר את אליעזר שיקמן, הוציא מן הארון את הבגד שהטלאי הצהוב כבר היה תפור אליו, לבש אותו במהירות ויצא מן הבית בחשאי, כגנב.

כשיצא החוצה ללכת אל שיקמן, נודע לו ברחוב דבר הפורענות הגדולה שהתרגשה שוב על האוכלוסיה היהודית. הגסטאפו דורשת שימציאו לה ששת אלפים יהודים להגלותם מן העיר. כבר הוציאו את כל החולים מבית־החולים, את כל המשוגעים, הקבצנים והאוכלים בבית־התמחוי של הקהילה, ועדיין המנין חסר.

הארי שומע את דבר הפורענות הגדולה הזאת, ודומה שדעתו מבולבלת עליו ביותר, משום שדבר פשוט וברור כזה אינו מתישב במוחו בשום פנים. רגליו מוליכות אותו, והוא מהלך. לאן? כן... הלא נתכוון ללכת אל אליעזר. ראשו כאילו המום. הוא נפנה ונכנס לרחוב מונדזיאוב. כשהוא מתקרב אל הבית שאליעזר דר שם, הריהו רואה מרכבה של הגמינה ושני בעלי הכובעים כחולים־לבנים עומדים ליד השער — תופסים שם בני־אדם, אין לצאת ואין לבוא. ובו ברגע נושאים סדרנים דרך השער ומטילים אל תוך המרכבה — את אליעזר שיקמן.

הארי רץ ומתקרב אליו כדי פסיעות אחדות. אליעזר רואה אותו ומתחיל לחייך בעוית־פניו. הוא מבעבע מתוך גרונו מיני הברות, מבריק בעיניו ומרמז במבטו כלפי שלושת האילנות.

המרכבה זזה ונסעה, ואליעזר עדיין היה מגרגר ומבעבע דרך ה„מיגאפון" שלו, אלא שאי־אפשר היה לשמוע מה המשורר מבקש לאמר בדרך־מסעו האחרונה.

הארי הביט אחריו, ושמורות עיניו העמיקו לדעת.

יצחק פּוזמאַנטיר

אין טאָל פון מאַטער און פּיין

מיר איז אויסגעקומען צו זען פון דער נאָענט אַסך גרויזאַמע זאַכן, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אין דער טרויריקער תקופה אין אונדזער שטאָט סאָסנאָוויץ.

אַגאַר באַזונדער קאַפּיטל זענען די ענינים וואָס האָבן זיך אָפּגעטוען אין „יודנראַט" אונטער דער הערשאַפט פון מאָניעק מערין א.א.וו. היות ווי איך בין געווען אַן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי אויף טאַרגאָווע 8 און איך האָב געאַרבעט פאַר דעם יודנראַט, אַזוי אַרום האָב איך שטענדיק

געוווסט פריער וואָס פאַר אַ גזירות עס רוקן זיך אָן, אַסך שנעלער ווי אַנדערע, און פינסטערע גזירות האָבן נישט געפעלט.

איינער פון מיינע נאָענטע באַקאַנטע איז געווען מאיר בזשעסקאַ, הגם ער איז געווען מיטגליד פון יודנראַט, אָבער קיין שלום בית האָט נישט געהערשט צווישן אים און אַנדערע מיטגלידער און באַזונדער צווישן אים און מאַניעק מערין און די בעקאַנטע טשאַרנע, אַ פינסטערע געשטאַלט, וואָס האָט אויסגעמעקט פון זיך יעדן פונק פון מענטשלעכן געפיל, געווען די געטרייעסטע דינערין פון אשמדאי אליין, זי איז געווען אינטים מיט דעם געסטאַפּאָ־אָפיציר דרייער.

אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט אַ פאַל וואָס איך געדענק אים שטענדיק. אין אַ געוויסן אָוונט האָט מען געשיקט נאָך מיר, עס איז פאַראַן אָפּצודרוקן אַ פלאַקאַט וועגן אַ נייע גזירה. ווען איך בין געקומען אין יודנראַט, איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען מאיר בזשעסקי, אַ צעטראָגענער מער ווי שטענדיק, און ער האָט זיך געווענדעט צו מיר: „הער זיך איין, דער אויפרוף זאָגט נישט אָן קיין גוטס. דער אויפרוף פאָדערט אויף די יידן, זיי זאָלן צושטעלן יונגע מיידלעך פון פופצן יאָר אָן". בזשעסקי האָט דערביי געציטערט פון כעס: „איך וועל זיך די הענט אין דעם אומשולדיקן בלוט נישט שמירן, און איך בעט דיך, אויב וועסט באַקומען אַ באַפעל דרוקן דעם פלאַקאַט, זאָלסטו אים נישט דרוקן".

פון צווייטן צימער, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג און מען האָט געגרייט די ליסטע פון די מיידעלעך ־רבנות, האָט זיך פלוצים דערהערט אַ געשריי און אַ קלאַפעריי מיט די פויסטן אין טיש, בענקלעך זענען געפלויגן, טשאַרנע האָט זיך צעשריגן ווי אַ חיה און געשריגן צו מאיר בזשעסקי, ער זאָל נישט שטערן דעם לויף פון דער נאָרמאַלער אַרבעט... דעם דאָזיקן אָוונט האָט בזשעסקי פאַרוווּנדעט מערין אין שטערן.

אין דאָזיקן טומל האָבן זיך באַוויזן יידישע פאָליציאַנטן, וואָס האָבן קודם כל מיך באַזייטיקט פון יודנראַט, מיט דעם האָט זיך פאַר מיר דער אָוונט נישט געענדיקט. ליידער האָב איך געמוזט דעם זעלבן אָוונט דרוקן דעם שענדליכן פלאַקאַט, וואָס האָט גערופן צושטעלן דעם טראַנספּאָרט פון אונדזערע אומשולדיקע שוועסטער, און אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט אויסגעפירט די גזירה, האָט מען אויך אוועקגעפירט מאיר בזשעסקי קיין בענדין אין שאָפּ (אגב מאיר בזשעסקי האָט אַסאַך געטון פאַר דער אונטערגרונט־באַוועגונג, ארויסטראָגענדיק מלבושים א.א.וו.), פון דאָרט האָט מען אים איבערגעפירט קיין אושוויץ.

מיינער אַ חבר הענעך ראַטענשטיין, וואָס וווינט היינט אין בעלגיען, האָט מיר דערציילט (טרעפנדיק זיך מיט אים אויף אַן אזכרה, אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק) וועגן בזשעסקען אין אושוויץ. דער איידעלער מאַן האָט אויך דאָרט געטראָגן הילף ווו ער האָט נאָר געקאָנט, אַן אַלטער מאַן האָט געפירט אַ שווערן וואָגן — ער האָט דעם אַלטן מאַן אַוועקגעשטופּט און איינגעשפּאַנט זיך אין וואָגן. דאָס האָט די נאַציס נישט געפאַלן, זיי האָבן אים אַוועקגעשלייפט, ער האָט דאַן אָנגעהויבן שרייען, אָטעמענדיק זיין ברוסט: „שיסט, שיסט אין מיר".

די נאַציס האָבן זיך נישט געאיילט אַנטקעגנצוקומען זיין ווונטש, זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, געפּייניקט מיט אַלע זייערע ראַפינירטע מיטלען, און דאַן ערשט אויסגעשאָסן די קויל אין אים.

אין מיין זכרון וועט אייביק בלייבן דאָס געדעכעניש פון דעם מענטש, וואָס האָט מיט אַ בענקל אין קאָפּ געצייכנט דעם שטערן פון מאַניעק מערין...

עס שווימען אויף אין מיין זכרון די טרויעריקע העלדן וואָס זענען מיטגעשווימען מיט דעם שמוציגן נאַצי־שטראָם און מיטגעהאָלפן די נאַציס רויבן און מאָרדן.

אַ טרויעריק־באַרימטער טיפּ איז געווען אַ געוויסער דאָקטאָר פלאַקס, ווי מען האָט אים גערופן, געפרעסט געלט, ווו עס האָט זיך געלאָזט, און לסוף אויסגעליפערט די קרבנות צו די רוצחים, צו דעם באַקאַנטן „איינסל" אין מיסלאָוויץ, וואָס פון דאָרט איז מען שוין מער נישט אַרויס.

אויך „טאַדעק" האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער פינסטערער אַרבעט, איך האָב זוכה געווען צו זען דעם וויסטן סוף פון ד"ר פלאַקס, גייענדיק צופעליג אויף דער ערשטער מאַי גאַס אַנטקעגן שיינס פאַבריק, ביי דער אַפּטייק, מיט מיינעם אַ חבר משה וואַגנאַנסקי (וואָס איז געפאַלן אין אַן אויפשטאַנד אין אושוויץ ביי די קרעמאַטאָריעס). געגאַנגען איז דאַמאָלט ד"ר פלאַקס אין אַ גרופּע פון געסטאַפּאָוצעס וואָס האָבן וויזט אויס געהאַט אַ באַפעל פון אים פטור צו ווערן, זיי האָבן אים צוגעשיקט צו אַ קלייט עפּעס קויפן און אויסגעשאָסן עטלעכע קוילן אין זיין רוקן. געפאַלן איז זיין פגר אינ'מיטן גאַס. דערמיט האָט זיך זיין פינסטערע קאַריערע געענדיקט.

אויך דער צווייטער פאַרברעכער טאַדעק האָט געהאַט אַן ענלעכן סוף.

אין דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב צוגעזען ד"ר פלאַקס סוף האָב איך איבערגעלעבט אַ זאַך, וואָס קיין שום געשעעניש איז נישט בכוח געווען דאָס אויסמעקן פון מיין זכרון. אין שטאָט איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז מען האָט געבראַכט אַ טראַנספּאָרט טשעכישע יידן יונגע שיינע מענטשן מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען. זיי זענען אַלע געהאַלטן געוואָרן אין שיינס פלאַץ און געפירט געוואָרן יעדן טאָג צו געוויסע אַרבעטן, דאַכט זיך אין קוצינסקיס אייזן־גיסעריי, פאַר יעדן אַרויסגאַנג צו דער אַרבעט האָט מען זיי מערדערלעך געשלאָגן. אין דעם זעלבן טאָג האָט מיך משה וויגנאַנסקי, געפירט צו דער סטאָלערי אין שיינס פלאַץ. דער פייניקונגס לאָגער איז פונקט אויסגעפאַלן אויף יענער זייט וואַנט פון



בתים יהודיים בחורבנם...
חרובע היימען...

דער ווארשטאַט. ער האָט אויסגעבויערט אַ לאָך אין וואַנט, און צוגעזען וואָס דאָרט טוט זיך. אַ האַלבע שעה האָב איך דאָרט פאַרבראַכט און אויסגעדאכט האָט זיך מיר, אַז דאָס דויערט אַן אייביקייט. עס האָבן זיך ארומגעדרייט געסטאַפּאָ־ווצעס, און בראש דרייער אליין, וועלכער האָט געגעבן סאדיסטישע באַפעלן, ווי אזוי צו פייניקן די קרבנות.

ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך אויף זיך געבעטן דעם טויט, אַז איך זאָל שוין נישט דאַרפן אַזעלכע זאַכן צוזען.

איך האָב נאָך דאמאָלס געהאַט אַ פרוי און קינד ביי זיך. געוווסט, אַז מען לויערט שוין אויף קינדער, זיי ווערן פאַררעכנט אַלס אומפּראָדוקטיווער עלעמענט און מען דאַרף פון זיי פּטור ווערן. איך האָב געטראַכט ווי פירט מען אריין מיין יינגל צו אַן ארבעט, אין שיינס פּלאַץ איז געווען אַ פאַבריק פון עלעקטרישע מכשירים, און דערביי האָבן גע־ארבעט יידישע קינדער. אויך מיין זון האָט אַ דאַנק דעם אויבנדערמאַנטן משה וויגנאַנסקי באַקומען אַ פּלאַץ ביי דעם דייטשן פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק. אַמאָל האָט מיר דער דייטש דערציילט, אַז ער האָט אַ פאַבריק אין בולצנלאו— דייטשלאַנד און אויב עס וועט אים געלונגען, וועט ער אַסך קינדער און אויך מיין זון נעמען צו זיך קיין בולצלאו, ליידער האָט אַנדערש פּאַסירט, מיט דער לעצטער אויסזידלונג איז מיין פרוי און זון אַוועק קיין אוישוויץ, פון וואַנען זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען. געבליבן אין מיין האַרצן זענען די נעמען, וואָס איך חזר זיי איבער טאָג און נאַכט, ווי איך וואָלט זיי גערופן: קלאַרא און מארוש.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער אלעמען באַקאַנטער משר־גענער יעקב. וו. באַקאַנט האָט ער ליב געהאַט קויפן די בעסטע פּערפומען, דאָס איז געווען איינס פון זיינע משוגעתן. יעדן פרייטיק פלעגט ער קומען צו מיר אזייגער צוועלף און באַקומען ביי מיר אַ פלעשל פּארפום. איינמאָל פרייטיק, צוויי טעג איידער די דייטשן זענען אריין אין סאָסנאָוויץ, איז ער צו מיר געקומען זיבן אַ זייגער פרי. נעבן מיין דרוקעריי האָט געוווינט דער שניידער שמעלקע ווייסזאַלץ, און ער האָט מיר דערציילט, אַז יעקב דרייט זיך ארום מיין דרוקעריי פון זעקס אזייגער פרי, שוין עטלעכע מאָל דאָ געווען. ער איז אומרואיק און דאָס איז אַ שלעכטער סימן, ווען איך בין אָנגעקומען האָט פון פּארפום מער נישט גערעדט. ער האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט זיין גאַנצער משוגענער אויפריכטיקייט, דאָס פּנים איז געווען בא אים באוואַקסן, אַ צעשויבעטער קאָפּ האָר אַ גרויסע באָרד, און זאָגט צו מיר: „ווייסט מען מוז טראַכטן צו אנטלויפן פון די דייטשן". ווען איך האָב אים געגעבן דאָס וואָכענטלעכע פלעשל פּאַרפום, ווי ער איז געווען געוווינט דערצו, האָט ער מיר האַרציק געדאַנקט און טרויעריק אַזאָג געטאָן, „ווער ווייס אויב מען וועט עס נאָך באַדאַרפן?" זיין נבואה איז מקויים געוואָרן אין אַ פּאָר טאָג ארום. ער איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות.

ווען מען מיך גענומען אין באַוווסטן דולאַק, ווי מען האָט אונדז, באַגלייטענדיק מיט קלעפּ, פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען, האָבן די דייטשן געשריגן: „דאָס זינד פאַר אייך די טראַנספּאָרט מיטל איינשטייגן שנעל, יעצט זענט איר

אונטער אונדזער באפעל". דער פוילישער המון, וואָס איז געשטאַנען אויפן פעראָן, האָט אפּלאָדירט און געשריגן: „אשאַד וואָס היטלער איז נישט געקומען מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, וואָלטן זיך די לייז נישט געווען געמערט אזוי אין פוילן".

מען האָט נישט געוווסט וווהין מען פירט אונדז. אין מוח האָט געעגבערט דער געדאַנק: טאַקי אוישוויץ? אַבער קענענדיק גוט אויבערשלעזיען האָב איך פּלוצים דערזען דורך דעם קליינעם פענסטערל אַן אויפשריפט „טאַרנאָווסקיע גורי", דעמאָלט האָב איך זיך געווענדעט צו אַ געוויסן פישל, אַ קאַרטאָפל הענדלער, בוו צוקערמאַנען אין הויז האָט ער געהאַט זיין לאַגער: „מיר פאָרן נישט קיין אוישוויץ" — האָב איך מיט זיכערקייט באַטאַנט.

אַזוי האָבן מיר זיך דערשלעפּט נאָך אַ נאַכט צו אַ שטעטל גאַגאַלין, ווו מיר האָבן געהערט דאָס באַקאַנטע געשריי „אַלעס הערױס". פון דער סטאַציע האָט מען אונדז געיאָגט ביז אַ שאָסיי, און דאָ האָב איך דערזען אַ ריזיקן מאַן אין אַ לעדער מאַנטל און אויף זיין רוקן ארויפגענייט אַ געלער „מגן דוד". די געסטאַפּאָ האָט אונדז איבערגעגעבן דעם אויסטערלישן מאַן מיט דעם געלן מגן דוד. גלייך האָט זיך דערהערט זיין דונערנדיקע שטים: א—כ—ט—ו—נ—ג! איר זייט צו מיין באַפעל צוגעטיילט. איר קומט אין לאַגער „סאַקראַו"!" נישט מער ווי זעקס זעלנער האָבן אונדז געפירט, און דער מיטן מגן דוד בראש. אַזוי זענען מיר אַנגעקומען אין אַ וואַלד און עס האָט אָנגעהויבן גרויען דער טאָג. פישל, מיין שכן, זאָגט צו מיר, אז מיר וואָלטן איצטער געקאָנט לייכט אלע דערשטיקן און אנטלויפן, אָבער וווהין זאָלן מיר לויפן? אז אומעטום לויערט דער טויט.

אזוי האָט מען אונדז געבראכט אין לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַלד. אַרום פופציק מעטער פון מיר האָב איך באמערקט אַ פאַרצוימטן פּלאַץ און אינערווייניק דרייען זיך אַרום עלעגאַנטע און רייך געקליידעטע מענער און פרויען. ווי שאָטנס האָבן זיי אויסגעזען מיט שטאַרע אויגן. אַ נידעריקער עלטערער סאָלדאַט פון דער ווערמאַכט האָט מיר איבערגעגעבן אַז דאָס זענען האָלענדישע יידן, אינטע־לעקטועלע, צווישן זיי באַרימטע פּראָפעסאָרן געלערנטע מיט וועלטס־נאָמען, זיי האָט מען פשוט פאַרפייניקט מיט הונגער. ווי דער סאָלדאַט האָט מיר דערציילט גייען זיי אזוי אויס מאַסנווייז, זיי פאַלן פשוט, ווי פליגן, פאַרהונגערטע און פאַרשמאַכטע אזוי שוייגענדיק מיט פאַמעלעכע טריט, שטי־לינקע, זענען זיי אנטקעגן געגעאַנגען דעם טויט.

ווידער דערהערט זיך דאָס קול פון דעם ריז מיטן מגן דוד אויפן רוקן: „אכ—טו—נג דאָס גאַנצע געלט און גאָלד אָדער צירינג הערױס פון די טאַשן". געווען איז דאָס אַ וואָך פאַר פורים. דער שניי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלאָטע, די טריבקייט און קעלט פון פרימאָרגן האָט זיך געקלעפּט צו די ביינער. יעדער האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט און וואָס ער האָט נאָר געהאַט ביי זיך, ביי זיינע פוס. נעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן פון טשעלאַדז. ווען דער מיטן מגן דוד, וואָס איז געווען אַ האָלענדישער ייד מיטן נאָמען לוי, האָט אים געפרעגט: האָסט נישט מער? און באַטאַפּט אים דעם מאַנטל, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס וואָס איז, ווייזט אויס, געווען פאַרנייט אינעם מלבוש. דער יונגערמאַן האָט געמוזט מיט זיינע הענט אויפשניידן און עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע גאָלדשטיקלעך. פאַר דעם יונגעלטסטן איז דאָס געווען גענוג, און ער האָט אים געהייסן אויך דעם מאַנטל אראָפּנעמען פון זיך און לאָזן אים דאָ. נאָך שרעקלעכע קלעפּ האָט מען אים געלאָזט ליגן אין דער קעלט.

פון לאַגער האָט מען אונדז געפירט אַ דריי הונדערט מאַן קיין מאַרקשטאָט, פאַרלאָדן אין וואַגאָנען פאַר בהמות, און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער מאַרקשטאַט. דאָרט האָט אונדז איבערגענומען אַ יידן־עלטסטער מיטן נאָמען ברוך מייסטער (ריכטיק איז זיין נאָמען געווען זלינגר אַן אָפּשטאַמיקער פון שצאַקאָווע). ער האָט אונדז אריינגעוואָרפן אין בלאָקן און צומאָרגנס האָט ער אונדז געפירט צו דער ארבעט, דאָרט האָב איך זיך אנגעשטויסן אויפן טרויעריק באַרימטן משהל מאַסטינגער, אַ בענדינער. ער איז געווען דער קאַפּאָ, איך האָב אים געפרעגט: „משהל, דאָס ביזטו?" ער האָט מיך שטרענג געפרעגט פון וואַנען איך קען אים און באַלד מיר דערלאַנגט פּעטש און דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן גיסן פון מיין מויל: „אויב וועסטו נאָכאַמאָל דערמאַנען מיין נאָמען, וועסטו קיין ליכט פאַר דיינע אויגן מער נישט זען".

זייענדיק ביי דער ארבעט האָב איך באַמערקט ווי אַ פראַנצויז האָט אַוועקגעלייגט אַ רוקזאַק מיט שפּייז. איך האָב אים צוגענומען און פאַרשטופּט אין אַ רער, איבערן גאַנצן וועג האָט מען אויסגערופן, ווער עס האָט צוגענומען דעם רוקזאַק מיט שפּייז ביים פראַנצויז. גייענדיק צוריק פון דער ארבעט האָט מיך דער פאָרארבעטער געפרעגט, וואָס כ'האָב ביי זיך. איך האָב אים נישט געענטפערט. דאַן האָט ער מיר געזאָגט איך וועל דאָס מעלדן אין לאַגער.

ווען מיר זענען געקומען אויפן פּלאַץ. האָט ער וואָרט געהאַלטן און באַלד האָט זיך דערהערט די באַקאַנטע שטים פון ברוך מייסטער: „פוזמאַנטיר, אויסטרעטן". ער האָט מיר באַפוילן אַוועקשטעלן זיך ביי דער שרייבשטובע. אַ האַלבע שעה צייט בין איך אַזוי געשטאַנען. דאַן האָט ער צוגערופן מעכטינגערן באַפוילן: „גיב אים פינף און צוואַנציק שמיץ". איך האָב זיך ביי אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן: „משה'ל, האָב רחמנות, ביזט דאָך אַ ייד". האָט ער ברוטאַל געענטפערט: „אויב וועסט זיך נישט אַוועקלייגן, וועט ערגער זיין פאַר דיר".

ער האָט גערופן באַראַקן אַ באַקאַנטן אכזריותדיקער שמייעסר און באַפוילן אים נעמען מיין קאָפּ צווישן זיינע פיס און מיך האָט ער געהייסן ציילן די שמיץ, איך האָב נישט

געציילט פינאונצוואנציק, האָב איך באקומען, ווייזט אויס, מער ווי טאָפּעלט.

די זעלבע נאַכט, ווען איך בין געקומען אין בלאָק צעקלאַפּטערהייט, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן די וואָס האָבן מיך געראטעוועט. איינער פון זיי פישל פון סאָסנאָוויץ, לעבט נישט מער, קלמן כענצינסקי, צו לאנגע יאָרן, לעבט אין חולון. גייענדיק גלייך אויפצומאַרגנס צו דער ארבעט איז נעבן מיר געשטאַנען איגרא פון מאדזשעיוו. דער דייטשער אויפזעער האָט אַראָפּגעשריגן אין גרוב אריין, ווו מיר האָבן געאַרבעט: וואָס איז מיט אים? פאַרוואָס ארבעט ער נישט? איגרא ענטפערט אים: „ער האָט באַקומען איינצייליקע שמיץ און זיין לייב הענגט אויף אין פאָסן געריסן". „ווער האָט דאָס געמאַכט?" פרעגט ער. איגרא ענטפערט: „דער קאפּאָ מעכטיגער". דאַן איז דער דייטש אַראָפּ אין גרוב. און ווי דאָס זאָל נישט קלינגען פאראדאָקסאל האָט ער געזאָגט: „יאָ, אין גאָטס ווילן ווי קאָן דאָס איין ברודער דעם אנדערן מאכן?" ער האָט גערופן דעם פאכארבייטער פאלעק, אַן אונגארישער ייד און באַפוילן, ער זאָל מיך האַלטן אין דעם לאַגער ווי מען האָט די ארבעטס מכשירים און ווי די אָנפירער מיט דער ארבעט האָבן זיך אויפגעהאלטן. דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק אין רעוויר צום סאַניטאר בערגמאן, אַ דאַנק אים לעב איך אַוודאי. ער וווינט אין רמת־גן, אַן אייגענטימער פון אַ קאַנדיטעריי, אַ בענדינער ייד, ער האָט מיך געבראכט צום ד"ר גוטענטאָג, וואָס האָט מיך ארויסגעוויזן אַסך האַרץ, דער ד"ר גוטענטאָג געפינט זיך איצטער דאַכט זיך אין פוילן. נישט באַוויזן איינגאַנצען אויסהיילן זיך האָט מען ווידער אָנגעהויבן אַ נייעם מארש און מען האָט אונדז געפירט קיין פינף טייכן. דאָ האָט מען אונדז משנה צורה געווען, אָפּגעשוירן קורץ און אינמיטן קאָפּ אויסראזירט אַ פּאַס, אָנגעטועט אין קאצעטישע מלבושים, ווייס־בלויע פּאסן־קליידער, און ווידער מארשירן מיר פינף אין דער ברייט, טאָג איין טאָג־אויס.

ארבעטענדיק אין אַ בוי שטעלע, וואָס מען האָט גערופן „אוניאן בוי" דאָס איז געוועזן אין יאָר 1943, אַ שלאָגס רעגן האָט געגאָסן, אָבער די ארבעט האָט געמוזט אנגיין און אויספירן די פאַרגעשריבענע נאָרמעס. אין יענער צייט בין איך שוין געוועזן זייער שוואַך, מיטאמאָל האָב איך געהערט די שטים פון פאכארבייטער פאלאק, ווי ער ווענדעט זיך צום בוי־אונטערנעמער: „דיזער מאן האָט איין שענע שטימע". דאָס האָט געווירקט, אַז מען זאָל מיך און נאָך איינעם, אַ געוויסן אבראמטשיק פון סאָסנאָוויץ, צוטיילן צו שטאפּעלן ציגל. אין אַ געוויסן טאָג ווען דער אונטערנעמער און די אויפזעער זענען אוועק עסן און מיר האָבן זיך הונגעריקע אַוועקגעזעצט אויף אַ שטויס רערן, וואָס זענען דאָרט געלעגן, האָב איך אויפמערקזאם געמאַכט מיין פריינד אבראמציק, אַז עפּעס רודערט זיך אין דער רער, מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט איינע אין דער זייט און דער צווייטער אין דער צווייטער זייט און אַזוי האָט מען באַמערקט אַ פּאַר באַהאַלטענע חיה, אַ האָז.

מיר האָבן פארשטאָפּט מיט צעמענט איין עפענונג פון דער רער און אריינבאַקומען דעם האָז אין זאַק אריין, דאַן האָט אבראמטשיק גענומען אַ ציגל און דערהארגעט דעם האָז. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען דער אויפזעער אונדזער און געפרעגט, פון וואַנען עס נעמט זיך דאָ בלוט. מיר זענען פארגליווערט געוואָרן פון שרעק. דער אויפזעער האָט דעם זאַק געעפנט, אים איבערגעדרייט און דער געטייטער האָז איז אויגעפאַלן. דאַן האָט דער „נאבעלער" דייטש, אין זיין גרויס רחמנות־געפיל צום האָז, געשריגן צו אונז: „איר זאוררהונדע, וואָס האָט איר דאָ געמאַכט? ווייסט איר דען נישט פון דעם געזעץ דאָס זאָ יונגע העזע דארפן נישט געטעטעט ווערדן", אבראמטשיק האָט באַקומען איבער קאָפּ אַ זעץ און איז געפאלן איבערן האָז, דאָס מענטשן בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פונעם העזל.

איך האָב דאַן באַקומען טויט־קלעפּ, צעשפּאָלטן מיר די נאָז און בלינד געמאַכט מיך אויפן לינקן אויג, געבליבן ביז היינט אַן אינוואליד און די שרעקלעכע מעשה מיט דעם האָז רויבט מיר נאָך היינט טאָג אין נאַכט די רו. אין אַ סאַך נעכט לעב איך איבער קאשמארן. דאָס שרעקלעכע בילד פון האָז און מיין את לצרה אבראמטשיק און זיין פאַרגאָסען בלוט שטייט פאר מיינע אויגן און באַגלייט מיך אויף טריט און שריט.

קורץ נאָך דער פאסירונג, האָט שוין אָנגעהויבן ברענען די ערד אונטער די דייטשן, האָבן אָנגעהויבן זאַמלען אַלע קאצעטניקעס צום גרויסן מאַרט אין גראסראזן, דריי וואָכן לאַנג האָט דער טויטן מארש געדויערט. עס זענען געפאַלן מאַסן מענטשן און צווישן זיי דער לעצטער בענדינער חזן (איך געדענק נישט זיין נאָמען). ער האָט פון צייט צו צייט געלאָזט זיך הערן מיט זיין שטימע און געטרייסט מיט זיינע תפילות אויף דער גרענעץ פון טויט. אין אַ געוויסן טאָג ווען מיר זענען צוגעקומען צו אַ דאָרף, צווישן ברעסלאו און אַפּעלן. יונג און אלט זענען געשטאַנען אין דרויסן, מיר האָבן ביי די דייטשן געבעטן אַ ביסל וואסער צו באַנעצן אונדזערע פארברענטע ליפּן. דאַן האָבן זיך ארויסגערוקט אלטע דייטשקעס דווקא מיט עמערס וואסער אין די הענט געשריגן: „וואסער ווילט איר האָבן?" און זיי האָבן די עמערס וואסער געגאָסן אויף אונדז, עס האָט זיך אויסגעדאכט, אַז מיר זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אין אַ נעץ פון מכשפות. אָט האָסטו דיר אַ קולטור־פאָלק אונטער די הימלען. צום קאלטן טוש, וואָס זיי האָבן אונדז מכבד געווען אויף דער פראָסט, האָבן זיי אונדז נאָכגעשריגן: „וואָס נוצט אייך דען וואסער? איר קומט זאָ אונד זאָ צום טאָדט". היינט זאָגן די זעלבע דייטשן, אז זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס מען טוט מיט אונדז.

אָנקומענדיק קיין גראָסראָזן האָב איך באַמערקט אַ גרופּע שאָטנס אויף אַן ארומגעצוימטן פּלאַץ. איך האָב אַ רוף געטאָן: „פאַראַן דאָ סאָסנאָוויצער?" דאַן האָט זיך אָפּגערופן כוינע, דער איידעם פון ר' יוסף קורצטאָג דעם מוהל, דער שוואָגער פון גרייצערן פון אייזן האנדל.

אין גראַסראָזן האָט דער הונגער מלאך המוותדיק שפּאַצירט. שווער געווען צו דערשלאָגן זיך אפילו צו אַ קאַרטאָפּלשאָלעכטס. איך בין אַמאָל אַריין אין קיך, געזען ליגן אביסל ריבן און אַ כאַפּ געטון אַ ריב, כ׳האָב נישט געקענט מער אריבערטראָגן דעם הונגער. און ריזיקירט מיטן לעבן.

ווי איך לויף אַזוי מיט מיין רויב צוריק אין בלאָק, גייט מיר אַנטקעגן דער שאַרפירער און באַגלייטונג מיט זיין ריזיקן דרעסירטן הונט, איך האָב זיך אויסגעגלייכט און די הענט אַראָפּגעלאָזט ביי מיינע זייטן, ווי עס האָט זיך געפאָדערט אין לאַגער, דער ריב האָט זיך אַקייקל געטאָן איבער דער ערד, און איך בין געבליבן פאַרשטיינערט, נישט וויסנדיק וואָס מיט מיר טוט זיך, פשוט פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק, דער שאַרפירער האָט נאָר אַ פייף געגעבן, און דער הונט האָט זיך אויף מיר געוואָרפן און אָט ליג איך שוין אויף דער ערד און דער הונט האָט אָנגעהויבן רייסן פון מיר די קליידער. דאָס איז געווען אַ פאַרווײַלונג פאַר די הערן פון דער גערמאַנישער ראַסע. אָט דערפיל איך דעם הונטס שאַרפע נעגל אויף דעם געשלעכטס אָרגאַן. פלוצים איז מיין בליק געפאַלן אויף דעם הינטישן הער, ווו ער איז רואיק געשטאַנען מיט אַ סאַדיסטישן שמייכל אויף זיינע ליפּן און מיט הנאה צוגעקוקט זיך צום ספּעקטאַקל. אין מיר האָט זיך דערוועקט אַן אויסטערלישער כח, נישט צו פאַרשטיין פון וואַנען ער האָט זיך פאַרקליבן אין מיין אויסגעמאַטערטן גוף. הגם דער הינט האָט מיך כמעט באַזיגט און איך בין פון מינוט צו מינוט געוואָרן מער מאַטכלאָז, אָבער ממש אַ שמשון הגבור קראַפט איז אַנטשטאַנען אין מיר, ניין, דער הינט וועט נישט זיין מיין מלאך המוות. איך האָב איינגעקלאַמערט מיינע הענט אין דעם האַלדס פון כלב, דער הונט איז אָפּגעשפּרונגען אַפאָר מעטער הינטערווײַלעכטס און אַוועקגעפאַלן אַ טויטער.

איך בין געבליבן מיט דעם שאַרפירער אויף אויג, געוואַרט אויף אַ קויל פון רחמים. וואָס דען האָב איך געקאָנט דערוואַרטן אין אַנבליק ווען דער הייסגעליבטער הונט פון דעם דייטש ליגט טויט.

פלוצים הער איך אַ באַפעל: אויפשטיין!. ווי אַזוי איך בין אויפגעשטאַנען ווייס איך נישט עד היום. דאַן פרעגט מיך דער שאַרפירער: „ביזט דו אַמאָל געווען איין באָקסער?״ איך האָב געענטפערט ניין, דאַן האָט ער מיך געהייסן איינבייגן די האַנט, פרוּווענדיק מיין מוסקול דערלאַנגט מיר אַ זעץ אין אים. ער פרעגט מיך ווייטער: „וואָס איז געווען דיין באַרוף אינדערהיים?״ איך ענטפער אים. „איך האָב געהאַט אַ דרוקעריי אין סאָסנאָוויעץ״, „אַך יאָ — זאָגט ער — דאָרט האָב איך געהאַט משפחה אין ערשטן וועלט קריג, ביזט דו אַ ספּאָרטלער געווען״ ווו האָסטו דיינע איבונגען געמאַכט? איך ענטפער: „אין מכבי״, „זעסטו, וואָס דו האָסט געמאַכט מיט מיין „רעקס״? איך האָב זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ער האָט מיך באַטראַכט אין מיין הולך אין די האָלץ טרעפּן, און זאָגט: „קאָם מיט מיר״, אַזוי בין איך געגאַנגען גלויבענדיק, אז דאָס גיי איך אַנטקעגן מיין זיכערן טויט, אָבער מאָדנע, דווקא דער אויסטערלישער הינטישער טויט, איז געווען מיין כפרה, ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער באַקליידונגס־קאַמער און האָט באַפוילן דעם אויפזעער געבן מיר קליידונג, שיך און דווקא מיט זוילן פון לעדער. דאַן האָט מיר געפרעגט אין וועלכן בלאָק איך געפין זיך.

קומענדיק אין בלאָק האָב איך זיך אַוועקגעלייגט ביז פרי אין פרימאָרגן, אַרויסגייענדיק פון בלאָק, איז אָנגעלאָפן אַ פּאָלאַק, וואָס איז מיט מיר געווען צוזאַמען אין „פינף טייכן״. ער זאָגט צו מיר: „קום, ווייל מען רופט אין דרויסן קרופּווערקן איינטרעטן״. נישט וואַרטענדיק מער אויף דעם גענאַד פון הינטישען באַלעבאָס, נישט פאַרלאָזענדיק זיך אויף די רחמים פון אים, בין איך טאַקע געלאָפן. דאָרט האָבן געאַרבעט נאָר גויים. איך בין מיט זיי אוועק. קומענדיק אויף דעם פלאַץ האָב איך גלייך מיט אַלעמען באַקומען אַ שטיק ברויט און אַ שטיק וורשט און אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד.

אין זכות פון כל נדרי ניגון

אָנקומענדיק קיין בוכנוואַלד דורך ווייַמאַר, צוועלף קילאָמעטער פון בוכנוואַלד, איז געווען אַ שטאַרקע זאַוויערוכע, ריטשקעלעך וואַסער האָבן גערונען פון די פאַרראַפּעטע אויגן און פייכטע נעז. מען האָט אונדז צוגעפירט צו די וואַשרוימען. נאָך אַ מאַרש פון דריי וואָכן, פאַרוואַקסענע, ווי די בערן און פאַרלויזטע, מיט לעכער, פון אומאויפהערלעכן קראַצן אונדזערע ברודיקע לייבער. עס איז אַרויס אַ באַפעל אז קיינער טאָר זיך פון דאַנען נישט רירן. טויזנטער זענען אָנגעקומען פאַר אונדז. אָנצוקומען אין די וואַשרוימען איז געלונגען נאָר די ערשטע, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט. מיר איז אויסגעקומען שטיין צווישן אנדערע אומגליקלעכע דריי טעג און דריי נעכט, מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. אין דאָזיקן מעמד הער איך עמיצער רופט מיך ביים נאָמען, מיט אַ שוואַך קול, דאָס איז געווען מיין שוואָגער. איך האָב אים דערקענט לויט זיין שטים. מיר זענען אָבער געווען אַזוי צעגויפגעדרוקט, אַז איינער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צוקומען צום צווייטן. יענעם טאָג בין איך סוף כל סוף אָנגעקומען אין וואַשרוים, אָבער מיין שוואָגער איז פאַרשווונדן פון מיינע אויגן.

אין וואַשרוים ההאָט יעדער געמוזט אַוועקוואַרפן אויף אַ באַרג זיינע קליידער דער קאָסטיום איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן כאַלאַט אין ווייס בלויע פאַסן און אַזעלכע הויזן, אַזוי זענען מיר מוטער נאַקעט אין דער גרויסער קעלט אַריינגעלאָזט אין די וואַשרוימען און דער אייז קאַלטער טוש האָט אויפגעוועקט, דערפרישט און דערוואַרעמט. נאָכן אַרומוואַשן זענען געזעסן פריזיערס און האָבן אונדז געשוירן און אויך ראַזירט פאַרבאַ־גענע שטעלן ווייל די לייז האָבן

גענאָגט דעם מארך פון די ביינער. פון דאָרט זענען מיר ווידער אריין אין אַ צימער און מען האָט אונדז דעזינפיקציאנירט. פשוט באשיט מען געלן טאַלק, און דאָ ווידער האָט מען אונדז מלביש ערומים געווען.

כדאי צו באמערקען, אַז דאָס איז געווען כריסטמעס 1944, אויף דער שוועל פון זייער מפלה, אין דער זעלבער נאַכט האָט מען דעם לאגער באמבארדירט, אָבער זיי האָבן אלץ ממשיך געווען לויט דער דייטשער פארשאָלטענער פינקטלעכקייט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ערשט פון פאָרנט. יעדן האָט מען צוגעטיילט צוויי נומערן אויסגעמאָלן אויף אַ שטיקל לייוונט. איינס צוגעשטאָכן צום מאַנטל, און איין נומער אויף די הויזן. און אויך אַ היטל האָבן מיר באקומען און אַ פּאָר שיך. ווער ווייסט פון וועמען ?. און נישט פאַרגעסן אויסראזירן אַ שרונט אינמיטן קאָפּ. דאַן האָבן זיך באַוויזן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן מיט רויטע דרייעקן אויף זייער ברוסט און זיי האָבן אויסגעקליבן זיך מענטשן אין די בלאָקן. מיין מזל איז געווען ווערן צוגעטיילט צום ציגיינער־בלאָק, ווייל זיי האָבן געהערט צו דער זעלבער נידעריקער ראסע ווי מיר יידן. אין דעם בלאָק איז געווען אַ ציגיינער־קאַפּעלע. זיי האָבן געשפּילט יעדן פארנאַכט. אין אַ געווויסן אָוונט איז מיר עפּעס זייערס אַ ניגון געווען אַזוי באַקאַנט, אַז מיר האָבן זיך דערביי דערמאָנט די יידישע ווערטער און איך האָב באַגלייט די מוזיק פון דער ציגיינערישער קאפּעלע מיט דעם יידישן ליד.

דאָס האָט דערהערט דער בלאָק עלטסטער, ער איז צוגעקומען צו מיין בעט געזאָגט אז איך קאָן שיין זינגען און מיך צוגעפירט צו די ציגיינער, געפרעגט מיך, צי איך קען עפּעס אַזאַ מאָדנעם ניגון, וואָס יידן זינגען איינמאָל אין יאָר ווען זיי פאסטן און בעטן. ער, דער בלאַק עלטסטער, האָט מיר דערביי דערציילט, אז ער איז געווען אַ שניידער־געזעלן אין האנאווער ביי אַ יידישן מייסטער, וועלכער האָט ליב געהאַט צו זינגען, און די מעלאדיע האָט אזוי אָנגערירט אַ מענטשלעך האַרץ.

דאן האָב איך אָנגעהויבן פארציען די באקאנטע מעלאדיע פון „כל נדרי״, און דאָ איז געשען אַ מאָדנע פאַל. ער, דער גוי, האָט אונטערגעהאַלטן אין באַפוילן די ציגיינער, זיי זאָלן באַגלייטן מיט מוזיק מיין געזאנג. אַ דאַנק דעם ניגון פון כל נדרי האָב איך באקומען אומבאגרענעצט שפּייז.

אין אַ פּאָר וואָכן ארום איז געווען אַן אפּעל, דאַן האָט מען צעטיילט גרופּן, צום אַוועקפאָרן פון בוכנוואַלד. מיין נומער 128008 איז געוואָרן צוגעטיילט צי דער גרופּע יוליוס, אַראָפּקומענדיק אין בלאָק האָט מיך דער בלאָקעלטסטער געפרעגט, צי וואָס פאַר אַ גרופּע מען האָט מיך צוגעטיילט? איך האָב געענטפערט, גרופּע יוליוס, דאַן האָט ער מיך אַוועקגערופן אָן אַ זייט און געזאָגט: „ווען דער באַפּעל וועט אָנקומען, בלייב אין בלאָק״. כאָטש איך האָב געהאַט זיין דעקונג האָב איך געציטערט ביי יעדער ציילונג. ער האָט מיך צוגעטיילט צו די קלאָזעט־רייניקער. קורץ פאר דער באַפּרייאונג איז ער געקומען צו מיר און האָט מיר געזאָגט, אלץ האָב איך פאַר דיר ביז איצט געמאַכט, יידן טאָרן זיך מער דאָ נישט געפינען, דאָס איז דער באַפּעל. און ער האָט מיר אַוועקגעפירט צו די מוזולמענער. אין די הילצערנע בלאָקן צווישן די לעבעדיקע מתים, גוססדיקע מענטשן. מיר האָבן זיי געמוזט סאָרטירן, זיי זאָלן נישט פאַרנעמען צופיל פלאַץ. מיר האָבן זיי צוזאמענגעדרוקט ווי ציגל, איינעם צום אנדערן. ווייל דער אויוועז האָט נישט באַוויזן אַלע אויסגייענדיקע קערפער צו פארברענען, הגם דאָס פייער פון די קרעמאטאָריע האָט געברענט טאָג אין נאַכט. דער דאָזיקער דייטש האָט מיר יעדן טאָג געבאַכט עסן.

מיר דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד פון בוכענוואלד, וואָס עס האָט אויפגעטרעסעלט מיין נשמה, אין יאָר 1945, דריי וואָכן פאַר דער באפרייאונג דורך די אמעריקאנער ארמיי, האָט מען געבראכט זעקס טויזענט קינדער, בלויז יינגלעך. ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוווסט, האָב איך זיך אריינגעכאַפּט אין דעם בלאק, ווו זיי זענען איינקווארטירט געוואָרן דערזעענדיק פאר מיר די טויזענטער יינגלעך, נאקעט און באָרוועס, אין אַ ביטערע פראָסטיקע קעלט, האָט זיך ארויסגעריסן פון מיין האלדז דאָס ליד:

הוליעט הוליעט קינדערלעך
כל זמן איר זייט נאָך יונג,
ווייל פון ווינטער ביז צום פרילינג
איז אַ קאַצן שפּרונג...

אין דעם מאָמענט איז צו מיר צוגעלאָפן אַ יינגל, גענומען מיך האלדזן און קושן, און האָט זיך ביטער צעוויינט, איך האָב אים נישט דערקענט, און ער שרייט צו מיר: „פּאזמאנטיר פּאזמאנטיר, איר קענט מיך נישט ? מאכוש, אייער זון, איז געווען מיין חבר״. דאַן האָב איך אַ געשריי געגעבן: „דו ביזטו מאניעק ראפּאפּארט, אריהס זון, מיין שכן, וואָס מיר האָבן געוווינט אין כוינעס הויז ?״ ווידער לויפט אָן אַן אַנדער יינגל און כאַפּט מיך ארום ביי מיינע פיס, איך בין פון זיין אימפּעט ממש אומגעפאַלן, דעם האָב איך תיכף דערקאָנט ער און מיין זון האָבן צוזאמען געארבעט אין שאָפּ. איך פרעג אים, אויב ער ווייס עפּעס וועגן מיין מאכוש. ער האָט, ליידער, מאכושן נישט באַגעגענט. דער פאָטער פון דעם יינגל איז געווען שמואל ווואידזיסלאווסקי, אויך מיינער א שכן, טיר ביי טיר, איך ווייס נישט וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט און אפשר ווי אלע דורך פיין, ליידן, דיזענטעריע, טיפוס, אומריינקייט, קעלט און הונגער זענען זיי אויסגעאנגען. וואָלט די באפרייאונג געקומען פריער מיט דריי וואָכן, וואָלט מען געקאָנט לכל הפחות ראטעווען איבער צען טויזענט יונגע לעבנס.

דווקא מאניעק ראפּאפּארט געפינט זיך אין לאַנד, האָט אַ פרוי און קינדער, לעבט אין נהריה און האָט זוכה געווען צו ארבעטן אויף דער פרעכטיקער שיף „שלום״.

דריי טעג פאר דער באפרייאונג זענען אָנגעקומען אין די בלאָקן ס.ס־לייט און ארויסגעגעבן אַ באַפעל אַלן יידן אויסטרעטן. קיין קליידונג האָט מען נישט געהאַט, געגאַנגען פשוט נאַקעט. טאַקע נאָענט צום פרילינג, אָבער עס האָט שטאַרק גערעגנט, דער ווינט האָט געוואָיעט און ממש אונטערגעטריבן אָן רחמנות.

מיר האָבן צוגעדעקט אונדזער נאקעטקייט מיט קאָצן, וואָס האָבן אונדז אַביסל געשיצט, און אַזוי האָט מען מאַרשירט אין אַ שלאַקס רעגן, אונדזערע אונטערטרייבער האָבן אונדז געיאָגט מיט דער גרעסטער אכזריות, ווילענדיק ווייזט אויס מיט אונדז אויף אַזאַ אויפן פאַרענדיקן. איידער מיר זענען נאָך אַרויס, קומענדיק אַ צוואַנציק מעטער פאַרן טויער, זענען שוין מענטשן געפאַלן ווי פליגן פון שוואַכקייט, ווי אויך פון שרעק. פלוצים האָט אויסגעבליצט אין מח ביי מיר אַ געדאַנק. איך האָב זיך געוואָרפן צווישן די טויטע און אַזוי ליגענדיק צווישן זיי אַ נאַקעטער, און רעגן, אין דער פינסטער, געהערט די אויפרייסן, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער דערנענטערט זיך די גאולה, די אמעריקאנער ארמיי.

דאָס האָט געמוזט זיין שוין ווייט נאָך חצות, האָט דער שלאָף גובר געווען איבער מיר און איך האָב איינגעדרימעלט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין גרויס שרעק, האָב איך פארגעסן ווי איך געפין זיך. עס אָט אָנגעהויבן דעמערן אויף טאָג, מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז אויב איך וועל אַזוי ליגן, וועל איך טאקע דאָ בלייבן, איך האָב אָנגעהויבן גיין אויף אַלע פיר. דערפילט דעם ריח פון קיר, און האָב זיך אַזוי ארום דערנענטערט צו מיין בלאָק. ביי דער טיר איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ טשעך אָדער גאָר געזעסן אויף אַ בענקל, ער האָט זיך ממש אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. זעענדיק מיך שטיין פאר אים און ער שרייט „סאקראמענטא דושא, קומסט פון יענער וועלט?" איך האָב אים מיט אַ שוואַך קול געבעטן, אַז איך וויל זען מיין געוועזענעם בלאָק־עלטסטן, וואָס האָט מיט מיט אזויפיל חסד געטאָן, ער איז אַריין, האָט אים אויפגעוועקט, און אָט שטייט ער פאר מיר און מיטאַמאָל האָט ער זיך צעוויינט. שוין לאנג האָב איך נישט געזען עמעץ זאָל אַזוי וויינען איבער אַ מענטשנס גורל... ער האָט באַלד ארויסגערופן צוויי העפטלינגען, באַפוילן ברענגען קאָצן, און מיך פאַרפאַקט אין זיי. אַזויארום אָנגעוואַרעמט מיין פארשטארטן גוף און געגאָסן מיר אין מויל טיי, איך וועל די מענטשלעכע טאַט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאַן האָבן מיך אונטער די צוויי העפטלינגען גענומען איינער ביים קאָפּ און דער צווייטער ביי די פיס און אַזוי מיר אַוועקגעטראָגן פון בלאָק. צוקומענדיק צו דער זאמעלשטעלע, פון וואַנען מען האָט גענומען די מענטשן צו דער ארבעט, האָט ער געהייסן מיר דאָרט אריינוואַרפן, פלוצים הער איך אַן אויסגעשריי „שמע ישראל", עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָרט זענען שוין געווען אַ פּאָר צענדליק יידן.

דריי טעג זענען מיר אזוי אָפּגעלעגן און קיין ביסל שפייז איז נישט געקומען צום מויל, אויפן דריטן טאָג, ארום צוויי נאָכמיטאָג, האָט זיך געהערט אַ הורא־אויסגעשריי. הורא און הורא, די געשריין האָבן ממש אויפגעטרייסלט די לופט, איך ווייס נישט פון וואַנען עס האָט זיך צי מיר נאָך גענומען כח, און איך האָב זיך צוגעשארט צו דער שפּאַרע. עמעץ האָט געזאָגט, אַז די רוסן האָבן דעם לאַגער באפרייט. עס איז אנטשטאַנען אַ געדראנג יעדער האָט געוואָלט אַרויס פריער.

ווען מיר זענען ארויס, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן באַוויזן אַ מאַיאָר, אַ נעגער, פון דער אמעריקאנע אַרמיי, ער האָט מיך און אנדערע ארומגענומען און געקושט, דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך בילד, ווי ווייסע און שווארצע קושן זיך ברידערלעך. נאקעטע זענען מיר געלאָפן אין די מאגאזינען כאַפּן עפּעס אַ מלבוש אויף זיך.

איך האָב זיך אָנגעטאָן אַ העמד און אַן אָנצוג. נעמענדיק די הויזן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אַ פּאָר קינדער־שיכלעך. איך האָב די שיכלעך באַטראַכט און דאָ האָט זיך מיר דערמאַנט די פרשה פון חומש, ווי יעקב אבינו האָט געקוקט אויף דעם כתונת פסים פון זיין זון יוסף און אויסגערופן: „בייזע חיות האָבן אים פארציקט". אפשר זענען דאָס די שיכלעך פון מיין קינד. וואָס די נאַצישע חיות האָבן פארציקט. איך האָב אין וואנזין געדריקט די שיכלעך צו מיין הארצן זיי מיטגענומען אין בלאָק און דאָרט אריינגעוויינט אין די שיכלעך.

צו מיר איז צוגעגאנגען אַ בחור פון אַ יאָר זיבצן און האָט מיך אָנגעהויבן טרייסטן, געפרעגט, פאַרוואָס איך וויין. איך האָב אים געוויזן די שיכלעך פון מיין זון, פון מיין מאכוש ער האָט מיך נישט געלאָזט וויינען געטוליעט זיך צו מיר ווי אַ קינד. דאן בין איך ערשט צוזאמענגעבראָכן געוואָרן, ארויסגעפילט דעם גאנצן חורבן. אָט דער בחור, וואָס האָט געשטאַמט פון כזשאנאוו, האָט מיך געפלעגט. איך האָב דאַמאָלס דערכגעמאכט אַ שווערע דיזענטעריע, ער פלעגט מיר ברענגען שאָקאָלאד און וואָס ער האָט נאָר געקאָנט פון אַלעם גוטן און אוועקגעשטעלט מיך אויף די פיס.

קומענדיק צו זיך בין איך אוועק אויפן באנהויף ווייטאר, באַמערקט אַ לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי דייטשן, איך האָב זיי געפרעגט פון וואנען זיי קומען. זיי האָבן מיר אויף מיין פראגע נישט געענטפערט. איינער פון זיי האָט מיר דערקלערט, אַז ער פאָרט קיין לייפציג, דאַן האָב איך געבעטן, ער זאָל מיך מיטנעמען און ער האָט איינגעשטימט. איך בין אָנגעקומען אין אַ גרענעץ־שטאָט. ער האָט מיך געראטן צופאָרן אין אַ קליין דערנעבענדיק שטעטל, ווי אַסך פאר מיר האָבן שוין דאָס געטאָן און אזוי בין איך אָנגעקומען קיין כעמניץ.

אויף דער סטאציע אין כעמניץ איז צו מיר צוגעקומען א סאָוויעטישער אָפיציר און גוט איינגעקוקט זיך אין מיר, געווענדעט זיך צו מיר אין רוסיש: „קודא ווי כאטשיטע". איך האָב אים געענטפערט אויף פויליש „דא פאלסקי". „טי

יעוודעי?" — פאַלט אַ פראגע. „אַ ייד" — ענטפער איך. „קום מיט מיר — ווייזט ער מיר מיט אַ האַנט באַוועגונג. איך בין מיט אים אַוועק נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע האָט ער געוווינט אין אַ ווילּיע, ווען מיר האָבן זיך באקאַנט איינער צום צווייטן האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט: „קוק אויף דעם רויטן צייכן אויף מיין אקסל. איך בין אַ יידישער דאָקטאָר פון מאָסקווע". דאַן האָט ער אריינגערופן די דייטשע באַדינערין און באפוילן אריינברענגען ברויט, וואורשט און געפרעגלטן עוף, געפרעגט מיך, אויב איך בין מסכים צו אַ שטאַרקן להיים. איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב שוין נישט קיין כוח צו טרינקען, אָבער מיר איז גוט צו טרעפן, דאָ אַ ייד, וואָס ווייזט מיר ארויס אזויפיל האַרץ און ברודערלעך געפיל, נעמט מיך אַזוי הארציק אויף. דאָס גיט מיר צוריק דעם גלויבן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן יידן און מענטשן, וואָס האָבן דעם מבול איבערגעלעבט. דאָ האָט ער אַ יידישן זיפץ געטאָן: „ליידער זענען מיר אזוי ווייניק געבליבן, וועט מען טאַקי טרינקען לחיים". ער האָט מיך נישט אַוועקגעלאָזט, געגעבן וועש. מיינע זאַכן האָט ער געהייסן אוועקוואַרפן, ער האָט מיך באקליידט פון קאָפּ ביז די פיס און מיך באַגלייט צום באנהויף, אויסגעשריבן אַ באַשייניקונג, אַז איך מעג פאָרן מיט יעדן מיליטערשן טראנספּאָרט, ער האָט מיך ממש אריינגעזעצט אין וואַגאָן, ווו איך בין נאָר אָנגעקומען האָט מען מיך אַדורכגעלאָזט מיט דעם פּאַפּיר, וואָס ער האָט מיר געגעבן.

אזוי בין איך אָנגעקומען קיין קאליש און פון דאָרט קיין לאָדזש, פון לאָדזש קיין טשענסטעכאָוו און סאָסנאָוויץ. איך בין גלייך צוגעגאַנגען אויף דער טאַרגאָווע גאס נ. 8, ווו מיין דרוקעריי איז געווען. דער זעלבער „סטרוזש" איז געבליבן אויפן פלאַץ. ער האָט זיך געצלמט און געמורמלט „דו לעבסט?" ער האָט זיך פארטראכט און געזאָגט מיר, אַז פאַר אַ האַלב יאָר צוריק איז דאָ געווען מיין ברודער, וואָס פלעגט באַזוכן דעם ווארשטאַט.

דאַן האָב איך זיך געווענדט צו דער קהילה, אַבער ליידער האָב איך זיך דאָרט גאַרנישט דערוווסט, צוריק־גייענדיק פון דער קהילה האָב איך אַנגעטראָפן קאנאפּניצקען, וואָס געפינט זיך היינט אין עפולה. ער האָט אויסגעשריגן: „פאזמאַנטיר, דו לעבסט?" ער האָט מיך געפרעגט צי איך האָב געהאט משפחה אין בענדין און דערציילט אז ביי זיין שוועסטער געפינט זיך אַ געוויסע פראַנקע פאזמאַנטיר, וואָס איז געווען צוזאמען מיט מיין שוועסטער אין אוישוויץ. איך בין כמעט געפאלן אין חלשות.

די שוועסטער האָט מיר איבערגעבן, אַז חיים, מיין ברודער, לעבט אין לאָדזש (היינט — אין טאָראָנטע). ער איז געראַטעוועט געוואָרן ביי אַ יידישער משפחה, מיין שוועסטער געפינט זיך דאָ אין ישראל אין יקנעם. זי האָט אויפגעבויט אַ משפחה, האָט דריי קינדערלעך,

איך אליין האָב זוכה געווען אַרבעטן אין דפוס הממשלתי (רעגירונגס דרוקעריי) אין אונדזער מדינת ישראל. איך האָב א משפחה מיין פרוי פאלא איז פון וואלבראם. מיין קינד איז איצט אַכט יאָר אלט.

אָט דאָס אַלץ, מיינע טייערע, פארצייכן איך לזכרון פאר דורי דורות.

זאָל מען דערמאָנען די אלע, וואָס האָבן געשטרעבט צו דער דאָזיקער ערד, געחלומט צו דערלעבן אונדזער גאולה און געפאַלן פון טמאנע אכזריותדיקע הענט, נישט זוכה געווען צו זיין מיט אונדז. פארגעסט נישט די דייטשע רוצחים וואָס האָבן זיי אויסגעווארצלט.

פארגעסט נישט דעם חסד פון אונדזערע נאענטע, וואָס האָבן איינגעפלאנצט אין אונדז דעם טיפן גלויבן פאַרן המשך. ביז זייער לעצטען אָטעם צוג זענען זיי געווען מיט אונדז.

און אויך אין אונדזערע פריידן, אין דער באנייטער מדינה, דערמאָנען מיר די וואָס זייערע קברים טראָגן מיר אין אונדזער הארץ און וועלן זיי נישט פארגעסן. ווי גרויס און שיין אונדזער המשך וועט זיין, דארף מען שטענדיק ארויסהויבן די גרעסטע טראגעדיע פון אונדזערע פארשניטענע משפחות.


ישראל שווייצער ז"ל

דער פיינליכער צוריקקער

זינט דעם 28סטן אויגוסט 1939 ביז דעם 8טן סעפטעמבער 1945, במשך די זעקס יאָר וואָס כ'האָב זיך געפונען אויסער סאָסנאָוויץ און אויף אַ גליקלעכן אופן ניצל געוואָרן פון אומקום — האָב איך כסדר געטראכט וועגן מיין שטאָט.

איך פלעג זיך פאָרשטעלן אין דמיון די שטאָט און אויסמאָלן זיך אַ בילד ווי אַזוי עס קוקט אויס אונדזער סאָסנאָוויץ וואָס איך האָב איבערגעלאָזט דעם 28סטן אויגוסט 1939, בעת ס'איז פאראָרדנט געוואָרן די מאָביליזאציע פון ד'ער פוילישער ארמיי.

זייענדיק דער רעדאקטאָר פונעם אָרטיקן יידישן וואָכנבלאַט „זאגלעמביע שלעזישע וועלט" וועלכער האָט בשייכות מיט זיין מיסיע געהאט די „זכיה" צו זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק פאַר אַן אָנגרייפערישן ארטיקל קעגן אנטיסעמיטיזם, האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיטן מאָמענט



ישראל שווייצר ז״ל
אחד מיוזמי הספר סוסנוביץ

ווען עס וועט אויסברעכן די מלחמה וועל איך זיין אַן אומגעוווּנטשענער עלעמענט פאַר די הערן פונעם דריטן רייך — און כ׳האָב אויסגעמיטן צו האָבן אַ קאָנטאַקט מיט זיי און פאַרלאָזן די שטאָט אויסער דעם האָב איך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אַלס אַקטיווער רעוויזיאָניסטישער עסקן, סעקרעטאַר פון הצה״ר, מיטגרינדער פון צה״ר—ישורון אין פוילן און איר אָנפירער אין סאָסנאָוויץ, ווי גלייכצייטיק געווען טעטיק אין אַנטי־היטלער קאָמיטעט, טאָר איך זיך נישט ווייזן פאַר די דייטשן.

די דאָזיקע סיבות האָבן מיר באַוויגן צו פאַרלאָזן סאָסנאָוויץ און אַוועקפאָרן אין מיין געבוירן שטאָט שטשעק־קאָטשין צו מיין שווער און שוויגער, ווו עס האָט זיך אַגב געפונען מיין פרוי און זון זינט אַ געוויסע צייט.

זעקס יאָר האָב איך דיך נישט געזען, סאָסנאָוויץ. זעקס בלוטיקע יאָרן פון בלוטיקן קאשמאר און שרעקלעכן געשפענסט, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מוח. — און די גרויליקע ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דאָרט האָבן נישט איינמאָל געמאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ.

טראָץ די אלע ידיעות און איוב־בשורות וואָס זיינען דערגאנגען צו מיר פריער אין מערב־אוקראינע דורך אנטלאָפענע פון גיהנום און שפעטער אין רוסלאנד, האָט זיך פאָרט נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַזעלכעס האָט געקענט פאַסירן. קען דען בכלל געמאָלט זיין, אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל אומגעבראכט ווערן? — האָט אינטענסיוו געארבעט די פאנטאזיע.

ווי איז מעגלעך, אַז דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז דער סימבאָל פון אייביקייט, וואָס שחיטות און עינויים פון טויזנטער יאָרן האָבן אים נישט געקענט פארניכטן, זאָל גראָד איצט אין דער וועלט פון ציוויליזאציע און הויכער קולטור קענען פארניכטעט ווערן?

קען ווירקלעך געמאָלט זיין, אַז דאָס פאָלק וואָס נישט קיין פייער און שווערד, נישט קיין אינקוויזיציעס האָט עס געקענט פון דער ערד פארטיליקן — זאָל גאָר איצט אין די אויפבלי־יאָרן פונעם 20סטן יאָר־הונדערט אָפגעמעקט ווערן?

געפינענדיק זיך אויף דער רוסישער ערד האָט ביים פארטראכטן זיך דערוועגן אויפגעבליצט אַ געדאנק פונעם גרויסן טאָלסטאָי: „דער ייד וועלכער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעזאָגט גאָטס־ווערטער, ער, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען דער היטער פון דער נבואה און וואָס האָט זי איבער־געגעבן דער איבעריקער מענטשהייט — דער ייד קען נישט אונטערגיין. דער ייד איז אייביק דויערנדיק ווי די אייביקייט אליין״.

זייענדיק דערצו נאָך באפליגלט מיטן אלטן בטחון־גייסט פון „נצח ישראל לא ישקר״ איז פונסניי געווען שווער משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז די אַלע גרויליקע ידיעות וועגן טאָטאלער פארניכטונג פון יידן אין פוילן איז טאַקע אַ ווירקלעכקייט.

ארויסגעוויזן האָט זיך אָבער ליידער, אַז די אַלע ידיעות זיינען נישט געווען איבערגעטריבן פאַרקערט, די באשטע־טיקטע פאַקטן האָבן זיך ארויסגעוויזן מער שוידערלעכע און גרוילעכע ווי די פאנטאזיע האָט עס געקאָנט מאָלן

מארשירנדיק מיט דער פוילישער באפרייאונגס־ארמיי דעם גאנצן פראָנט־שליאַך איבער הונדערטער שטעט און שטעטלעך, ווו עס האָט אַמאָל געווימלט מיט יידן און אָנש־טויסנדיק זיך איבעראל אויף חורבות, וואָס דורך טויזנטער קילאָמעטער האָט זיך נישט געזען קיין ייד פאַר די אויגן — האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער רגויסער פאָלקס־בראָך.

די ערשטע גרוסן פון סאָסנאָוויץ

גלייך נאָכדעם ווי אונדזער ארטילעריע־בריגאדע האָט באַטרעטן דעם באָדן פון דער געוועזענער פוילישער טערי־טאָריע האָב איך גלייך מיט דער מיליטער פאָסט אַוועקגע־שיקט א בריוו קיין סאָסנאָוויץ מיט דער ביטע מיר מיטצו־טיילן דרינגנדיק וויפל יידן עס זיינען פאַראַן אין סאָסנאָוויץ און אויב עס איז מעגלעך אנווייזן מיר עטלעכע אדרעסן.

ס׳האָט לאנג נישט געדויערט און כ׳האָב באַקומען אַן ענטפער, וואָס האָט אַלץ קלאָר געמאַכט. אינעם ענטפער איז געווען געמאָלדן: אַז עס זיינען נאָר פארבליבן רעשטלעך, און אָנגעגעבן מיר אַן אַדרעס פון אַ יידישן קאָמיטעט וואָס געפינט זיך אויף געדזשעוואוסקא 5.

איך האָב זיך נישט געפוילט און אויפן אָנגעוויזענעם אדרעס אוועקגעשיקט אַ בריוו, מיט די פרטים פון מיין אויטענטישקייט. און דאָסמאָל האָב איך לאַנג נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און ס׳איז מיר מיטגעטיילט געוואָרן, אַז פון דער גאנצער פארצווייגטער משפחה איז מער נישט פארבליבן נאָר איין איינציקער פעטער דוד שווייצער (געש־טאָרבן אין 1959 אין ישראל) און אַ קוזינקע פון דער טאביאש משפחה (לעבט איצט אין ישראל אַלס פרוי פון עלעק יאקור־באָוויטש).

זינט דאַן האָב איך שוין נישט גערוט, נאָר געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען וואָס שנעלער צו קומען קיין סאָסנאָוויץ. אונדזער גורל האָט געוואָלט, אַז אַקוראַט אין חודש סעפּטעמבער, אינעם חודש ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה־זאַוויערוכע, האָב איך באַקומען דעם אורלויב און געפאָרן קיין סאָסנאָוויץ נאָך אַן אַפּוועזנהייט פון זעקס בלוטיקע יאָרן וועלכע האָבן אויסגעקוקט ווי אַן אייביקייט.

איך גיי איבער די סאָסנאָוויצער גאַסן
און עס גיסן זיך טרערן פון די אויגן

במשך דער רייזע פון פּויזן, ווו עס האָט סטאַנציאָנירט מיין בריגאַדע, ביז סאָסנאָוויץ האָב איך זיך געפילט ווי אין אַ פיבער, הענט און פיס האָבן געציטערט אין מיר, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. און די רייזע גופא איז געווען אַ געמיש פון חלום און וואָר, פון טרויער און פרייד, פרייד צוליב דעם, וואָס שוין בקרוב וועל איך זען מיין... סאָסנאָוויץ — און טרויער מחמת דעם וואָס עס זיינען נאָר געבליבן רעשטלעך פון דער גרויסער עדה יידן, אין דעם נאָר צוויי מיטגלידער פון מיין גרויסער פאַרצווייגטע משפּחה, וואָס האָט פאַרן אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה געציילט העכער 120 נפשות.

פון אָט דער גאָר רייכע משפּחה זענען מער נישט פאַרבליבן ווי צוויי מענטשן. אַ קלאָרע באַשטעטיקונג פון דער תוכחה: „שניים בעיר ואחד במשפּחה".

איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל פון באַן־קופּע און פאַרזונקען אין געדאַנקען. אין מוח טויכן אויף בילדער פון גלאָררייכן סאָסנאָוויץ. אין יוני 1939 צו די שטאָט־ראַט וואַלן האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט 27 טויזנט נפשות. אָבער פון אָט די מענטשן האָט געשפּרודלט אַ ים מיט ענערגיע און איניציאַטיוו און געווען אָנזעעוודיק אין אַלע ווינקלען פון שטאָט. איז דאָך סאָסנאָוויץ געווען דאָס „פענסטער צו דער מערב־וועלט". גרענעצנדיק זיך מיט קאַטאָוויץ האָט טאַקע סאָסנאָוויץ געהאַט דאָס באַזונדערע „מזל", אַז גלייך נאָכן אריינמאַרש פון די היטלעריסטישע חילות, איז די שטאָט אָנגעשלאָסן געוואָרן צום „דריטן־רייך" און די אָרטיקע יידן האָבן מאָמענטאַל נאָך פריער ווי די פון „גענעראַל גוווערנאַמענט" דערפילט דעם דרוק פון דער דייטשער מאָרד־מאַשין.

שוין אין ערשטן טאָג פון זייער אריינקומען, איז זייער „טריאומף־מאַרש" באַצירט געוואָרן מיטן בלוט פון די ערשטע געמאָרדעטע דורך זיין יידן אויף אסטראָגורסקא גאַס. און באַלד אין ערשטן שמחת־תורה פון 1939, איז אַ געכאַפּטער טראַנספּאָרט יידן אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די לאַגערן צו שקלאַפן־אַרבעט ביים בויען אויטאָ־סטראַדעס.

לויפט די באַן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, פלעין זכרונות פון דער אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט, וואָס לייגן זיך ווי בליי אויף דער נשמה.

וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם אַלץ מער פרעסט אויפן האַרצן. עס וואָלט זיך גערן געוואָלט פאַר אימיצן אַראָפּרעדן פונעם האַרצן, לייכטער מאַכן דאָס שווערע געמיט. אָבער פאַר וועמען?

פון אַלע מיינע מיטרייזענדע אין באַן זעט מען נישט קיין יידיש פּנים. די באַן בלייבט שטיין ביי סטאַציעס. פּאַסאַזשירן גייען אַראָפּ, פרישע קומען אַרויף, אָבער נישט צו באַמערקן קיין איינציק יידיש פּנים.

די פּאַסאַזשירן לאַכן, וויצלען זיך, רעדן, פּלוידערן וועגן אַלץ אין דער וועלט און פילן נישט, אַז דאָ צווישן זיי זיצט אַ ייד אָנגעטאָן אין אַן אָפיצירן־מונדיר פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט אויף די שלאַכט־פעלדער קעגן די דייטשן, און באַפרייט אָט די, וואָס אַסאַך פון זיי זיינען געווען שותּפים צום טאָטאַלן מאָרד און איצט שמייכלען זיי אַזוי זאָרגלאָז און וויצלען זיך.

איך זיץ מיט פאַרנעפּלטע אויגן. די מחשבות דערקוטשען מיך ווי זלידנע פליגן און איך קען מיך פון זיי בשום אופן נישט באַפרייען.

זאָל איך אנטיילנעמען אין זייערע שמועסן? אָבער וועגן וואָס קען מען מיט זיי שמועסן? קען איך זיך מיט זיי צונויפרעדן? וועלן זיי פאַרשטיין די געפילן פון אַ ייד וועלכער פאָרט צוריק אין זיין שטאָט אריין נאָך אַן אַפּוועזנהייט פון זעקס יאָר, מיט אַ פאַראומערט האַרץ און פון מיט בענקשאַפט צו דעם וואָס עס איז מער נישטאָ?

איך דריי זיך אויס צו זיין מיטן רוקן און קוק זיך איין אין די פענסטער פון דער לויפנדער באַן און כ'ווייס נישט פאַרוואָס עס בליצט פּלוצים אויף אין זכרון אַ געדאַנק פון „שפת אמת": משה רבינו האָט געזאָגט צו יידן: „והדרך אשר יקשה מכם ושמעתיו". נישט שטענדיק קען מען העלפן יענעם ביים לייזן זיינע פּראָבלעמען, אָבער איין זאַך וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן ווען ער קען נישט העלפן — איז אויסהערן יענעם. אריינטראַכטן זיך אין יענעמס ווערטער, לאָזן יענעם אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. „ושמעתיו" — האָט משה רבנו געזאָגט. איך האָב זיך צוגעהערט, איינגעהערט און אַז מען הערט זיך איין וואָס דער צוויטער זאָגט, דערהערט מען אויך וואָס דער צווייטער זאָגט. די הערצער דערנענטערן זיך, די מחיצות פאַלן און דאַן קען מען זיך אויך צונויפרעדן.

צי וועלן זיי אָבער וועלן אויסהערן?

און אויב יאָ, ווייס איך פון פאַראויס דעם תירוץ זייערן. — „מיר האָבן געהאָלפן, געראַטעוועט — און אונדז האָט מען נישט ווינציקער געפייניקט". זיי וועלן פּרווון מיך פאַררעדן און נישט וועלן אויסהערן, אפשר פרעגן, ווי אַסאַך פון זיי: לעבסט נאָך?"

„סאָסנאָוויעץ" — האָט דער פּלוצימדיקער אויסרוף פונעם קאָנדוקטאָר אויפגעוועקט מיך פון מיינע געדאַנקען. אַ ציטער אין האַרצן, איך כאַפּ אַ בליק אויף דער

סטאַציע. דער אויסערלעכער איינדרוק האָט זיך במשך די זעקס יאָר גאָרנישט געענדערט. עס שטייגן אויס פּאַסאַזשירן. אָבער וואָס פאַראַ? וויפל יידן פלעגן זיך דאָ באַוועגן בייטאָג און ביינאַכט? פלעגן ארבעטן און האנדלען און וואַנדלען קיין אויבערשלעזיען, קיין קאַטאָוויץ, קעניגסהוטע, מיסלאָוויץ, שאָפּיעניץ, ריבניק, טאַרנאָווסקאַ־גורא און ווו נישט? יעדע צוויי מינוט איז אָנגעקומען אַ באַן וואָס האָט אויסגעשפּיגן פון זיך יידן פון ארבע פינות פוילן — און באַנען וואָס האָבן ארייַנגעשלעפּט אין זיך די סאָסנאָוויצער יידן וועלכע האָבן אָנגעשלאָגן איבעראַל.

מיינע בליקן זיינען פאַרנעפּלט, בלאָנדזשען, און שטיל מיט הארץ־קלעמעניש רוף איך אויס: „את אחי אנכי מבקש". כ'וואָלט גערן אין איצטיקן מאָמענט ארויפגעפאַלן אויף אַ ייד און אויסגעשטרעקט אים מיין האנט צו אַ האַרציקע שלום־עליכם, אבער איך זע נאָר פרעמדע פּנימער. אָט בין איך אויך **דער אַנדערער זייט פונעם באַן־וואָקזאַל.** אויך דאָ דאַכט זיך, האָט זיך גאָרנישט געענדערט. די זעלבע דראָזשקעס און טעקסיס נעבן דער סטאַציע. די זעלבע טראַמווייען, אָבער דאָך... אַזוי אַנדערש.

עס פאַלט מיין בליק אויף דער שטאָקיקער געביידע פון „האָטעל וואַרשאַווסקי". ווער האָט נישט געקענט אין פרייערדיקן סאָסנאָוויץ איזאַקן, דעם אייגנטימער פונעם האָטעל, און דעם האָטעל גופא? די פענסטער גייען ארויס „וויז א וויז" דער באַן־סטאַציע. דאָרט פלעגן זיך אויפהאַלטן די פירנדיקע עסקנים פון חוץ לארץ און ארץ־ישראל, שליחים, כלל־טוער און געזעלשאַפטלעכע פערזענלעכקייטן פון פוילן, וועלכע פלעגן באַזוכן סאָסנאָוויץ.

דער זעלבער האָטעל שטייט. די זעלבע פענסטער קוקן אויף דיר. אָבער פון די יידישע שליחים און עסקנים איז קיין זכר נישט געבליבן. צוזאַמען מיטן אייגנטימער האָבן זיי געטיילט דעם גורל פון די פוילישע יידן.

אַביסל שפּעטער, ווען כ'האָב שוין געהאַט די זכיה צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די רעשטלעך יידן אין סאָסנאָוויץ, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ טראַגעדיע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איינעם פון די האָטעל־צימערן:

גלייך ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ארעסטן אויף די יידן און ספּעציעל אויף די יידישע עסקנים האָט זיך אין איינעם פון די האָטעל־צימערן אויסבאַהאַלטן א יידישע־משפחה: אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ זון. אַלע דריי זיינען געוועזן באַוווּסטע כלל־טוער אין סאָסנאָוויץ. אָבער די געסטאַפּאָ האָט אַדורכפירנדיק אַ גרונטלעכע רעוויזיע, אַנטדעקט אויך די משפחה און אַלע דריי ארייַנגעזעצט אין תפיסה.

נאָך דער אינטערווענץ פון „יידן־עלסטן" האָט מען צוגעזאָגט זיי צו באַפרייען. די באַפרייאונג איז אָבער געווען אַ שוידערלעכער אַקט פון גרויזאַמקייט.

אין אַ געוויסער נאַכט האָט מען זיי ארייַנגעפירט אין צעלע און מען האָט זיי מיטגעטיילט, אַז אין דער פרי מוז איין מענטש פון דער משפחה אומקומען. אַזוי איז געווען דער באַשלוס פון געסטאַפּאָ. דער ס״ס־מאַן, וועלכער האָט געבראַכט די פאַראָרדנונג, האָט לגבי דער אומגליקלעכער פאַמיליע אָנגעווענדעט אַן אויסערגעוויינלעכע אכזריותדיקייט. ער איז, זעט אויס, געווען אַ מענטש מיט פאַנטאַזיע. אפשר איז ער גאָר געווען אַ טעאַטער־קענער און אַ ליבהאָבער פון גריכישע טראַגעדיעס, ווייל דאָס וואָס ער האָט אויסגעטראַכט איז געווען ענלעך צו אַ טראַגעדיע פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע: ער האָט נעמלעך באַפוילן, אַז דער טאַטע, די מוטער און דער זון מוזן אליין באַשליסן צווישן זיך ווער עס זאָל גיין צו דער תליה.

און אָט האָבן זיי זיך געפונען אין אַן אויסטערלישער לאַגע. יעדער איינציקער פון זיי איז געווען גרייט צו שטאַרבן כדי מציל צו זיין זיינע נאָענטסטע. אָבער אַלע דריי האָבן נישט געקענט שטאַרבן און אַלע דריי האָבן נישט געקענט בלייבן לעבן. מען האָט זיי שטאַרק געהיטן, זיי זאָלן נישט באַגיין קיין דרייפאַכיקן זעלבסטמאָרד. וואָלט דער זון געוועזן אויסגעקליבן דעם פרייוויליקן טויט, ווי וואָלט דער פאָטער געקענט אָננעמען אַזאַ קרבן? וויאַזוי וואָלט ער געקענט פירן זיין איינציקן זון צו דער עקידה? וואָלט דער פאָטער געוועזן אויסגעקליבן דעם טויט, וויאַזוי וואָלט דער זון געקענט מסכים זיין צו דעם? און געווען איז עס אַ משפחה וואָס איינער דעם צווייטן האָט שטאַרק פאַרערט און ליב געהאַט און שטענדיק גרייט געווען צו אָפּפערן זיך איינער פאַרן צווייטן.

דער מענטש וואָס האָט מיר די געשיכטע דערציילט איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן, פאַרויכערט א פּאַפּירוס און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק צו דער ערד מיר האָט זיך דאַמאָלס אויסגעדוכט, אַז ער האָט ספּעציעל געמאַכט דעם דאָזיקן איבערייס, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו דערציילן ווייטער:

— און דאַן — האָט מיין מיטשמועסער לאַנגזאַם פאַרגעזעצט — האָט זיך אין דער פרי געעפנט די טיר פון דער צעלע און איינער פון די ארעסטירטע איז „פרייוויליק" ארויס געגאַנגען צום טויט.

— ווער? ווער פון די דאָזיקע דריי איז אומגעקומען?

— איך אליין האָב זיך דערשראָקן פאַר דער פראַגע. איך, וואָס כ'אָב צום ערשטן מאָל געהערט די געשיכטע און האָב אפילו נישט געוווּסט ווער די משפחה איז געווען — האָב זיך דערשראָקן.

—ניין, ניין! — ענטפערט נישט אויף דער דאָזיקער פראַגע, — האָב איך אויסגעשריען אַ באַגאָסענער מיט שווייס ווייל ווען איך וועל וויסן ווער פון די דאָזיקע דריי עס איז אומגעקומען און ווער עס איז געבליבן לעבן, קען זיין אז איך וועלן דערפילן אַן אומחן צו די לעבן־געבליבענע און דאַמאָלס קען מען נאָך פאַרגעסן ווער עס איז געווען שולדיק, ווער עס האָט אויסגעטראַכט די סצענע פון דער טראַגעדיע?

— איר זענט גערעכט — האָט געענטפערט דער מענטש וואָס אים זיינען געווען באַקאַנט די פּרטים פון דער דאָזיקער געשיכטע. — איר זענט גערעכט! איך וועל נישט זאָגן ווער פון די דאָזיקע דריי עס איז געבליבן לעבן. איך וויל אויך נישט זאָגן וויאַזוי זיי לעבן ווייל דאָס לעבן פון די דאָזיקע צוויי איז דאָך פּונקט אַזוי טראַגיש ווי דער אומקום פון יענעם דריטן, וועלכער איז אין יענעם פֿרימאָרגן ארויסגעגאנגען צום אומקום.

שטייענדיק דאמאָלס ביים האָטעל פונעם געוועזענעם אינהאבער איזאַק האָב איך נאָך נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ טראַגעדיע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איינעם פון די האָטעל־צימערלעך, אין וועלכן די משפּחה האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן. אָבער איינקוקנדיק זיך אין הויז, ווו עס האָט תמיד געווימעלט מיט יידן און דאָסמאָל נישט געזען קיין איינציק יידיש פּנים, האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר מיר די טראַגעדיע פון סאָסנאָווצער יידנטום.

מיינע אויגן זיינען געוואָרן פאַרטרערט און אין זייער פאַרטרערטקייט האָב איך געקוקט אַרום זיך און אַט פאַלט מיין בליק אויפן טעקסטיל־געשעפט וואָס געפינט זיך אין זעלבן הויז.

דער געשעפטס־אייגנטימער איז גאַרלינסקי. דער באַבּרילטער קריסט מיטן אַריסטאָקראַטישן אויסזען. מיין האַרץ צאַפּלט אויף. איז דאָך דאָס דער זעלבער וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דער ענדעקישע פאַרטיי אין סאָסנאָוויץ. איז דאָך ער דער זעלבער, וועלכער האָט אַרויסגעשיקט זיינע „כלאַפּצעס” צו פּיקעטירן די יידישע געשעפטן.

זיין שטענדיק אָנגעכמורעט פּנים האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין לויף פון דער צייט, הגם זיין „אָושעם”־פּאָליטיק האָט אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדן „נצחון”. אויב אַזוי פאַרוואָס גלאַנצן אַזוי אומעטיק ביי אים די וואַסערדיקע אויגן? — כ’האָב שאַרף איינגעקוקט זיך אין זיין פּנים און שיער נישט אויסגעשריען: „טאַק, פּאַניע גאַרלינסקי. ווער זיינען איצט דיינע קאָנקורענטן? האָסט ליקווידירט די שווייצערס, די אבראַמטשיקס, די ראָזענזאַפטס און שטיינפעלדס — האָסט שוין אַ סאָסנאָוויץ אָן יידן, אָן יידישן האַנדל. פאַרוואָס שלאָגט אַן אומרו פון דיין פּנים און אַן אומזיכערקייט פאַר דיין מאָרגן?” איך האָב אָבער קיין וואָרט נישט געקענט ארויסברענגען פון מויל. עס האָט מיך געשטיקט אין האַלדז און מיין קול איז ערגעץ־ווו אַנטרונען. איך האָב געפילט, אַז מיין קערפּער ציטערט פון פיבער. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ פלאַם פון נקמה. מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָב איך זיך באַהערשט נישט אויסצוברעכן מיטן נקמה־דורשט. מיט אַ גרימאַסע אויפן פּנים שלעפּ איך אַוועק מיינע פיס, וואָס האָבן ווי אויף להכעיס אָפּגעזאָגט צו שטעלן אַ ווייטערדיקן שריט.

איך קוק אַרום זיך מיט פאַרנעפּלטע אויגן. סך הכל עטלעכע מעטער האָט זיך געפונען דאָס געשעפט פון זעליק פריוועס, ז”ל. די גרויסע שילד, וואָס הענגט נאָך איבער דער לענג פון איינגאנגס־טיר, זאָגט עדות וועגן די קעגנשטאַנדן וואָס מען קען דאָ באַקומען. אויסער ציגאַרעטן, גוטע האוואַנער־ציגאַרן, בריוו און שטעמפּל־מאַרקן, איז אין דעם געשעפט געווען דער פאַרקויף פון בילעטן אויף יידישע און נישט יידישע אימפּרעזעס, טעאַטער פאָרשטעלונגען, פאָרלעזונגען א.ד.ג. די נייגעריקייט ברענט אין מיר און איך כאַפּ אַ בליק אַריין. אַ געמאַלעוועטע בלאָנדינקע שפּרינגט שנעל אויף פון הינטערן בופעט און מיט אַ קאָקעטיש שמייכל זאָגט זי: „ביטע!”

כ’האָב שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַוועקגעלאָזט זיך מיט שווערע טריט און מיט אַ שווער האַרץ אין ווינקל פון מאָנדזשעווער גאַס. עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן. אויס מורא אַז כ’זאָל נישט אַוועקפאַלן אין חלשות מוז איך זיך אָנהאַלטן ביי דער וואַנט.

גאַס, וואָס פאַר אַ באַוועגונג פון יידן איז דאָ געווען. אַריינקומענדיק אין עק פון דער גאַס האָט זיך דיר געוואָרפן אין די אויגן די מענטשן־מאַסע. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אויסער יידן עקזיסטירט נישט קיינער מער אויף דער גאַס. יעדעס ווינקל האָט געקאָכט מיט יידן. אַט דאָ אויף דעם אָרט, ווו איך האַלט איצט אָנגעלענט מיין האַנט איז דאָך געווען דאָס דעליקאַטעסן־געשעפט פון יאָסעלע קאַרלסברונער דער ייד מיטן הדרתדיקן רבנישן פּנים און געשטאַלט, צו וועלכן מען איז פון ווי ווייט געקומען איינקויפן פּרוכטן לכבוד שבת און ווער שמועסט וועגן מאַכן אַ שהחיינו לכבוד חמשה־עשר בשבט אָדער ראש־השנה. מען האָט געוווּסט, אַז די בעסטע און שענסטע פּירות קען מען באַקומען ביי ר’ יאָסעלען

איצט איז שטיל אויף מאָנדזשעווער גאַס. עס איז ממש שווער צו דערקענען די אַמאָליקע האַנדלס־גאַס וואָס האָט געגעבן חיונה טויזנטער יידישע משפּחות. איך דערקען זי אָבער לויטן צייכן פון די באַן־ליניעס, וואָס האַקן אַדורך דעם וועג פונעם ראָג ביז צו דער וואַרשאַווסקאַ גאַס. איך דערקען דיך, מאָנדזשעווער גאַס, לויט „בינדערס קאַמעניצע”, וואָס געפינט זיך אין עק גאַס און לויט די רעקלאַמעס פון קינאָ „ריאַלטאָ”. אַט דערנעבן האָט זיך געפונען דאָס גאַלאַנטעריי־געשעפט פון נחום קאַהן הי”ד. אינסטינקטיוו ציטערט אויף מיין האַרצן און גלייכצייטיק שפּיזן זיך אָן מיינע אויגן אין דעם אָרט, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום יידישן געשעפטס־אייגנטימער. ווידער טויכט אויף אַ מוראַדיקע טראַגעדיע, אפשר די מוראַדיקסטע און געשפּענסטפולע וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן פאַר יעדן לעבן געבליבענעם סאָסנאָווצער איינוווינער: צוזאַמען מיט זיין זון מאיר הי”ד איז ער עפּעס טלעך אויפגעהאָנגען געוואָרן אַקעגנאיבער דעם טרויעריק־באַרימטן „ראַזוווי־פּלאַץ” און זייערע קערפּערס זיינען געהאָנגען דריי טעג און דריי נעכט.

אין דעם זעלבן מאָמענט ווען אין זכרון טויכט אויף דאָס געשפּענסטפולע בילד, זיינען אַדורך האַרט נעבן מיר צוויי יונגע שקצים און צעלאַכט זיך

„איר לאַכט, רוצחים״! — פאַרבייל איך מיין פויסט און וויל אויסשרייען: „דאָס בלוט פון די אומשולדיקע, וועט פאַלן אויף אייערע קעפּ. ווי לאַנג איר וועט לעבן זאָלן די נשמות פון די אומשולדיקע קרבנות מאַטערן און פּלאָגן אייער טרפהן געוויסן. איר זאָלט קיינמאָל קיין רו נישט געפינען ביז וואַנען איר וועט נישט אַדורכמאַכן די אַלע ליידן וואָס אַזעלכע ווי איר און אייערס גלייכן האָבן גורם געווען צו די יידן פון וועלכע עס האָט דאָ געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק״.

איך קען ווייטער נישט גיין. אין קאָפּ פּלאָנטערט זיך און איך פיל, אַז די פיס ברעכן זיך אונטער מיר. די דורכ־גייענדע מענטשן אָבסערווירן מיך מיט פאַרדאַכט, אָננעמענ־דיק מיך זיכער פאַר אַ שיכורן. יאָ, איך בין פאַרטשאַדעט פון די ליידן, מיט וועלכע עס איז באַהערשט מיין וועזן. איך וויל שרייען. אָבער ווער וועט דערהערן מיין געשריי. אַ געשריי פון אַ יחיד אין דער צייט ווען די קולות פון זעקס מיליאָן זיינען פאַרשטומט געוואָרן. זיי האָבן געשריגן אין זייערע לעצטע גסיסה־כאַרכלען און ס׳איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל דערהערן זייער געשריי.

דערציילט דאָך דער מדרש: ווען מען האָט ר׳ ישמעאל בן אלישע, איינעם פון די עשרה הרוגי מלכות, געפירט צום שייטער־הויפן, האָט דעם קעניגס טאָכטער געבעטן דעם פאָטער אים צו באַפרייען מחמת ער איז געווען זייער א שיינער מאַנספּאַרשוין. דער קעניג האָט דאָס אָבער איר נישט צוליב געטאָן. צום סוף האָט זי געבעטן, אַז אַלס אָנדענק זאָל מען אָפּשינדן די הויט פון זיין פּנים. ווען עס איז געקומען צום אָרט ווו ער האָט געטראָגן דעם של ראש האָט ער געגעבן אַ געשריי און אין דעם מאָמענט — דערציילט דער מדרש — איז אַרויס אַ בת־קול: „אויב דו וועסט נאָך איין געשריי געבן וועל איך חרוב מאַכן די וועלט״. ער איז געבליבן שטיל, דער הרוג־מלכות.

אויך די הרוגי מלכות הרשע, ר׳ נחום כהן און זיין זון מאיר הי״ד האָבן געשוויגן, פאַרביסן געשוויגן. עס האָבן אויך געשוויגן די טויזנטער יידן, וועלכע האָבן גע־מוזט צוקוקן צו דער עקזעקוציע. זיי האָבן געשוויגן און... די וועלט איז נישט חרוב געוואָרן. זייער ווי געשריי האָט קיינער נישט געהערט. אָן אַנדערער בת־קול האָט זיך דאָסמאָל דערטראָגן איבער דער וועלט: „סאָסנאָוויץ יידן־ריין״! די רוישיקע מאַנדזשעווער גאַס — יידן ריין.

איך פיל, אַז אַ טרער באַנעצט מיין פּנים בעת כ׳האָב זיך געפונען אויף וואַרשאַווסקא גאַס. אָט דאָ אויף דער גאַס אין קינא „פּאַלאַס״ האָט דאָך זאב זשאַבאָטינסקי ז״ל געוואָרנט בעת זיין לעצטן באַזוך אין סאָסנאָוויץ עטלעכע חדשים פאַרן אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה: „יידן, ליקווידירט דעם גלות, אויב נישט — וועט דער גלות אייך ליקווידירן״ שווער צו פאַרגעסן יענע נאַכט, ווען די וואַר־שאַווסקע גאַס און די אַרומיקע גאַסן זיינען געווען שוואַרץ פון מענטשן. צום רעפעראַט זיינען געקומען קעגנער און פריינט. אַ יום־טובדיקע שטימונג האָט זיך דאַן געפילט אין שטאָט.

נאָך מיט צוויי שעה פריער פאַרן באַשטימטן טערמין ווען דער רעפעראַט האָט געזאָלט פאָרקומען איז געווען באַשוואַרצט דער צוגאַנג צו דער וואַרשאַווסקא גאַס. אַ שוואַדראָן פּאָליציי האָט געמוזט אָפּהיטן די אָרדנונג. אָט זע איך ווידער פאַר זיך עטלעכע פּאָליציאַנטן, עס קוקט זיך איינער איין אין מיר. מעגלעך, אַז ער האָט מיך געקענט פון יענע צייטן. אָבער ווו זיינען די אַלע יידן?

מיינע אויגן שטרענגען זיך אָן לענגאויס דער וואַר־שאַווסקא גאַס פון דער אַנדערער זייט. אויף אָט דער זעלבער גאַס נומער 22 איז געווען דער זיץ־אָרט פון הרב מנחם האגער ז״ל.

אַך, וויפיל מאָל האָבן מיינע פיס געטרעטן אויף דעם אָרט אַריין און צוריק. סיי צוליב פּראָפעסיאָנעלע ענינים אַלס רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וואָס איז דערשינען ביזן טאָג פון אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און געהאַט געמיינזאַמע אינטערעסן מיטן עלטסטן זון מיכאל האגער (איצט אַ טעקסטיל פאַבריקאַנט אין ישראל), וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „היינט״ אין וואַרשע און אין „אונדזער עקספּרעס״, סיי צוליב סיבות פון אידעאיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

איז דאָך דאָרטן קאָנצענטרירט געוואָרן די פּאָליטישע אַרבעט פונעם נאַציאָנאַלן לאַגער, פון אָט דער נאַציאָנאַלער מחנה, וואָס איז מיט לייב און לעבן געשטאַנען אויף דער זייט פון הרב האגער אין זיין קאַמף ביים דעראָבערן דעם אָרטיקן כסא־הרבנות. אין קעגנזאַץ צום רעליגיעזן לאַגער, וואָס האָט זיך געקלאַמערט ביי די „קרנות המזבח״ פון טאַרגאָווע 2 (ווינקל מאַלאַכאָווסקא), ווו עס האָט געוווינט הרב ישעיהו ענגלאַרד הי״ד

יאָרן־לאַנג זיינען אָנגעגאַנגען די מחלוקתן צווישן די „האגעריסטן״ און „ענגלאַרדיסטן״. איז דאָך געווען דער קאַמף אַ קאַפּיטל, וואָס האָט געוואָרפן אַ פינסטערן שאָטן אויפן טעטיקייטס־געביט פונעם סאָסנאָווצער יידנטום, אַ פּרשה, וואָס האָט געקאָסט געזונט און אויפרעגונג, געשאַפט בייז בלוט און דערפירט ממש צו שפיכת דמים, שוין נישט רעדנדיק וועגן די שווערע טויזנטער זלאָטעס, מיט וועלכע דער רבנות־קאַמף איז געווען פאַרבונדן, און פאַרשאַפט אָפטמאָל חרבות און בזיונות פאַר דער גוישער וועלט.

ביזן טרויעריקן טאָג פונעם מלחמה־אויסברוך איז דער קאַמף נישט געווען פאַרענדיקט. דער כסא־הרבנות פון סאָס־נאָוויץ איז דורך קיין איינעם פון די צדדים נישט באַזעצט געוואָרן.

אויף אַ גליקלעכן אופן איז געלונגען הרב האגער צוזאַמען מיט זיין משפחה צו פאַרלאָזן אין ריכטיקן מאָמענט סאָסנאָוויץ, איבערלעבנדיק די מלחמה־יאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און צוזאַמען מיט דער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס קומען קיין ארץ־ישראל, ווו ער איז גלייך געוואָרן אַ פּאָפּו־

לערע פיגור אין ישוב, פאַרנעמענדיק דעם אַמט אַלס לייטער פון חברה־קדישא און פאַרזיצער פון דער צענטראַלער „מזרחי״־פאַרטיי אין ארץ־ישראל.

אָבער אויך דאָ אין ארץ־ישראל און שפּעטער נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט ער נישט פאַרגעסן זיינע געווזענע סאָסנאָווצער יידן. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו צום יאָרטאָג נאָכן אומקום פונעם זאַגלעמביער יידנטום, קומען זיך צונויף נעבן דענקמאָל אויפן בית־הקברות טויזנטער געוועזענע זאַגלעמביער יידן פון גאַנץ ישראל, וועלכע באַערן אויף אַ ווירדיקן אופן דעם אָנדענק פון זייערע נאָענסטע קרובים און דעם זכר פון זייערע פאַרשניטענע קהילות.

איינער פון זיינע זין, הרב אליעזר האַגער, האָט נאָך פריער געפונען זיך אין ארץ־ישראל, געלערנט אין דער ישיבה פון הרב קוק און פאַרפאַלקאָמט זיך אַלס רב. ביים היינטיקן טאָג פאַרנעמט הרב אליעזר האַגער דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון מועצה הדתית אין תל־אביב־יפו.

שטייענדיק אַזוי אין ווינקל פון דער מאַנדזשעווער גאַס, נעבן לייבעלעס בידערס הויז, און די אויגן געוואַנדן צום הויז פון וואַרשאַווסקאַ 22, טויכן אויף אין זכרון פאַרשידענע עפּיזאָדן און בילדער פון אָט יענער תקופה.

איז דאָך די שטוב פון הרב האַגער געווען מער אַ רשות הרבים ווי א רשות היחיד. אַלע צימערן געווען תמיד איבערפולט מיט אַלערליי מענטשן. נישט געווען כמעט קיין אינסטיטוציע אין שטאָט, אין וועלכער הרב האַגער ז״ל זאָל נישט האָבן געווען פאַרזיצער אָדער ערן־פאַרזיצער.

זאָל ביי דער זעלבער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן, אַז האַרט. ממש די לעצטע וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער 2טער וועלט־מלחמה, זיינען געמאַכט געוואָרן פיבערהאַפטע הכנות צו גרינדן אַן אינסטיטוציע א.נ. „בית לחם״. אַלצדינג איז שוין געווען כמעט צוגעגרייט צו דער פייערלעכער פּראָקלאַמירונג, און עס איז געווען צו דערוואַרטן אַז הרב האַגער ז״ל מיט זיין אָראַטאָרישן טאַלאַנט וועט געלונגען צו באַווירקן די סאָסנאָווצער נדבנים צו עפענען זייערע קעשענעס. מיט זיין פּאָפּולערע לאָזונג: „אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה״, לייגנדיק דעם דגש אויף דעם „בני אדם שאין לו״ — האָט ער תמיד געפונען דעם וועג צו־צוקומען צו די הערצער פון די יידישע מאַסן, ביי וועלכע ער איז געווען געוואַלדיק פּאָפּולער.

פון יענער תקופה האָט זיך מיר באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון אַן עפּיזאָד, וועלכן ס׳איז שווער צו פאַרגעסן

דאָס איז געשען אין 1938. די דייטש היטלער־רעגירונג האָט קעגן דעם ווילן פון דער פּוילישער רעגירונג אַריבער־געוואָרפן איבער נאַכט טויזנטער יידן, פּוילישע בירגער איבער דער פּויליש־דייטשער גרענעץ אין דעם גרענעץ־פונקט: זבאָנשין. די פּוילישע רעגירונג האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך, מאָטיווירנדיק, אַז דאָס קען שאַפן אַ פּרעצעדענס פאַר ווייטערדיקע אויסזידלונגען. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ פאַרצווייפלטע לאַגע, אַז טויזנטער יידן, וועלכע זיינען במשך צענדליקער יאָרן געווען איינגע־פונדעוועט און איינגעוואָרצלט מיט אַלדאָס גוטס אין דייטש־לאַנד, זיינען פּלוצים איבערנאַכט געוואָרן היימלאָזע מענטשן. באַרויבט פון דעם עלעמענטאַרסטן.

אין יענעם יאָר איז דער בעסטיאַלער טאַט נאָך געווען איינער פון די קלענסטע פאַרברעכנס, אויף וועלכע דאָס דייטשע קולטור־פאָלק האָט זיך געקענט דערלויבן. דעמאָלס, האָט נאָך קיינער נישט געטראַכט וועגן טויט־פאַבריקן און גאַז־קאַמערן און מען האָט נאָך נישט געחלומט ווען אַ טאָטאַלער יידן־פאַרניכטונג. אָבער עס איז געווען גענוג, אַז יידישע הערצער זאָלן ווערן אויפגעציטערט און באַזונ־דערס די יידן אין זאַגלעמביע, מחמת זייערע שטעט האָבן זיך דאָך געפונען אמנאָנטסטן צום גרענעץ־פונקט.

איבעראַל האָבן זיך אָרגאַניזירט קאָמיטעטן מיטן צוועק צו פאַרזאָרגן די אומגליקלעכע און היימלאָזע מענטשן מיטן סאַמע נויטיקסטן.

הרב האַגער ז״ל, שטעלנדיק זיך בראש פונעם קאָמיטעט האָט גלייך צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון אַלע פאַרטיי־פאַרשטייער און געווענדעט זיך מיט אַן אַפּעל צו דער באַפעלקערונג צו געבן פון זיך דעם מאַקסימום.

הרב האַגער, טראָץ זיין גלענצנדן כוח־הדיבור און גע־וואַלדיקן כוח־השפעה האָט אָבער דאָסמאָל, בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרעסערע געלט־סומעס, נישט אַרויסגערופן די געהעריקע באַגייסטערונג און די גבירים האָבן ווי געוויינ־לעך נישט געמאַכט זיך הערן און אַזוי שנעל נישט געעפנט זייערע טייסטערס. דאַמאָלט האָט ער בכבודו ובעצמו באַשלאָסן צו גיין זאַמלען געלט און מלבושים. מיט אַן אויסערגע־וועגלעכער מסירות־נפש האָט ער בייטאָג און ביינאַכט באַזוכט די מתנדבים, געפאָדערט און געמאָנט און ביי אַ טייל אפילו געקלאַפּט אין טיש אַזוי לאַנג ביז ער האָט נישט דער־גרייכט די כומע וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַציל.

איז אָבער געווען אַ ייד אַ גרויסער קמצן (צוליב פאַר־שטענדלעכע סיבות איז נישט כדאי דערמאָנען זיין נאָמען), וועלכער האָט זיך געפּרוווט אַרויסדרייען פון דעם גאַנצן עסק און מען האָט אים זעלטן געטראָפן אין שטוב. אָבער איינמאָל דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז אַקוראַט אין שטוב האָט הרב האַגער צו אים אָנגעקלונגען וועגן אַדרינגענדיקן ענין. ווען דער קמצן איז געקומען האָט ער אָנגעהויבן זיך האַנדלען, און געפּרוווט צוזאָגן קליינע סומעס. דער רב האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און פּלוצים אויפגעשטעלט זיך, פאַרלאָזט דאָס צימער און פאַרשלאָסן די טיר פון אויסנוויינינק.

דער באַטרעפנדער האָט געוואַרט און געוואַרט און די צייט איז געלאָפן און יענער האָט נישט געקענט אַרויסגיין פון זיין אַרעסט־צימער. נאָך עטלעכע שעה איז צו אים אַריין הרב האַגער און געזאָגט: „איך ווייס, אַז איר וועט אייך אָנהויבן מיט מיר דינגען און היות דאָס פּראָבלעם איז

ברענענדיק, די נויטווענדיק צוואָרטן אויפן געלט און איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו ריידן מיט אייך, דערווייל פאַרשלאָסן אין צימער כדי מיט זיך אליין צו מאכן אַ חשבון הנפש. איך וועל אייך אָבער פריער פון דאנען נישט ארויסלאָזן — האָט הרב האגער דערקלערט קאַטעגאָריש — כל זמן כ׳וועל נישט באַקומען פון אייך די פארלאנגטע סומע״.

דער קמצן האָט זיך אונטערגעגעבן.

קוקנדיק איצט אויפן הויז ווארשאַווסקא 22 דערמאָנט זיך מיר נאָך אַן אומפארגעסלעכער עפּיזאָד:

געווען איז עס אין 1933 אין דער תקופה פון דער ארלאזאראָוו מאָרד.

אין דער שרעקלעכער צייט, ווען ברידער־שנאה האָט געברענט און מענטשן האָבן פארגעסן רואיק זיך צונויפרעדן, איז הרב האַגער ארויס מיט אַ רוף צו אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען און אויפגעפאָדערט זיי פאַרגעסן די ברידער שנאה, זען דעם גרויסן גאולה־ציל, וואָס מיר האָבן פאַר זיך און מיט פאראייניקטע כוחות גיין צום ציל. און ביי די אקציעס וואָס מען גייט צוזאמען, זאָל קיין שום איבעררייס נישט זיין.

ווער עס געדענקט יענע צייט אין פוילן, די וואַל־אַטמאָספער צום 17־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, דער פארשטייט ווי שווער עס איז געווען אַזאַ זאַך צו דערגרייכן. הרב האגער מיט זיין מסירת נפשדיקער אנשטרענגונג און אַדאַנק זיין פּאָפּולאריטעט צווישן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אַוועקשטעלנדיק זיך אלס מוסטער און ראש המדברים אויף די וואַל־פאַרזאַמלונגען, האָט באַוויזן צו שאַפן אַזאַ „בורג־פרידן״ און אַ דאַנק דעם איז דאַמאָלס אויסגעמיטן געוואָרן אַסך שפיכת־דמים, מחמת זאגלעמביע האָט געשמט אלס פעסטונג פונעם רעוויזיאָניזם. און דאָס וואָס עס איז נישט געלונגען אין קיין שטאָט אין פוילן איז געלונגען אין זאגלעמביע און בפרט אין סאָסנאָוויץ אַ דאַנק דער פערזענלעכער השפעה פון הרב האגער ז״ל.

צו וואָס דאָס טראכטן? די דאָזיקע דערינערונגען לייגן זיך ווי שווער בליי אויף דיין פארומערט הארץ. ווו געפינען זיך איצט אָט די אַלע עסקנים און טוער פון די אָרגאַניזאַציעס? זיי האָבן נישט דערלעבט צו זען דעם אויפשיינענדיקן שטערן פון מזרח. נישט געהאַט די זכיה צו טרעטן אויפן אויסגעחלומטן באָדן פון אַ זעלבשטענדיקער סוווערענער מלוכה. זיי אלע זיינען ליידער פארשניטן געוואָרן אין קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן צוזאמען מיט זייערע טאַטעס און מאמעס און צוזאמען מיט די אַלע, וועלכע האָבן זייערע בעסטע כוחות אַוועקגעגעבן דעם דאָזיקן אידעאל צו דער־גרייכן.

טרויעריקע רעפלעקסן שוועבן אַדורך אין דיין זכרון. דו שטייסט און טראכסט. דיינע בליקן פאַלן אויף די רעקלאמעס פון קינאָ „האלטא״ און ווידער ווערן דיינע אויגן פארנעפלט.

איך באַגעגן דעם ערשטן ייד אין סאָסנאָוויץ

די פארבייגייער קוקן זיך איין אין מיר און איך אין זיי, אָט זע איך אַ יידיש פּנים. דאָס ערשטע יידישע געזיכט נאָך דעם ווי כ׳האָב זיך ארומגעדרייט אַ גאַנצע שעה אין סאָסנאָוויץ. זיינע אויגן זיינען האַלב מאַט. דאָס פּנים אויסגע־בלייכט. ער דערקענט מיך. זיינע אויגן שפּיזן זיך איין אין מיר. אָבער ער בלייבט נאָך אַלץ שטיין מיט פארהאַקטע ליפּן. ענדלעך פּלאַצט ער ארויס: „דאָס ביזטו, ישראליק?״ „יאָ — האָט זיך ארויסגעגליטשט אַ שלאַבריקער ענטפער פון מיין מויל — ווידער דערלעבט צו טרעטן אויפן היימישן באָדן אָבער מיט וואָס פאַר אַ האַרץ־קלאַפּעניש?״

— זיי גליקלעך, אַז דו ביזט נישט דאָ געווען. וואָס קענסטו וויסן וואָס פאַראַ טראַגעדיעס ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט. ווער איז אומשטאַנד דאָס צו שילדערן און איבערגעבן. אַט בין איך איינער אליין פארבליבן פון מיין גרויסער פאַרצווייגטער פאמיליע. אלע זיינען זיי פאַרברענט געוואָרן.

טרערן גלאַנצן אין זיינע אויגן. זיין אויסגעבלייכט פּנים פארויטלט זיך און דו פילסט, אַז ס׳קומט אים אָן שווער צו רעדן, די אלע גרוילִיקע בילדער, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט, שטייען ווי אַ שרעקלעך געשפּענסט פאַר זיינע אויגן און זיין הארצן איז איבערפולט מיטן קאָשמאַר פון יענע טעג.

איך טראכט, אים קומט אָן שווער דאָס רעדן און מיר קומט אָן שווער דאָס הערן וועגן אָט די אַלע גרויל־טאַטן.

א הערלעכער טאָג. די זון שיינט אין איר פולען פּראכט. די שטראַלן ווארעמען דעם קערפּער. איך פיל אַ היץ אונטערן שווערן זעלנערישן מונדיר, דער פלעצאָג באַש־ווערט די פלייצע. מיין פּנים ווערט באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס טראָץ דער ברענענדיקער היץ, אָבער וואָס פאַר אַ פארגלייך לגבי דעם שווערן באלאסט וואָס עס האָבן געט־ראָגן אויף זיך די, וועלכע זיינען מיט די פּעקלעך אויף די פלייצעס אוועקגעשיקט געוואָרן צום טויט. אויך זיי האָבן געפילט אַ היץ איבער זייערע קערפּערס, זייערע גומענס האָבן געלעכצט נאָך אַ ביסל וואסער, קינדער האָבן געבעטן אַ שטיקל ברויט און די זעלבע קריסטלעכע פארבייגייער זיינען מסתמא אויך דעמאָלט אַקוראַט פארבייגעגאנגען, אי־בערגעצלמט זיך און אַוועקגעדרייט זייערע קעפּ. קלינגען טאַקע אין די אויערן די ווערטער פון מקונן: „דבק לשון יונק אל חכו בצמא, עוללים שאלו לחם, פורש אין להם״. אויך איך פיל ווי עס טריקענען די ליפּן, איך וויל זיי אָבער נישט איינגעצן. הגם אברהם בראַנדעס, דער ערשטער ייד, וועלכן כ׳האָב באַגעגנט אין סאָסנאָוויץ, פאַרבעט מיך אריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס טרינקען.

ניין! ניין! — דערקלער איך — כ׳וויל כאָטש אין דמיון פילן אַ טויזנטס חלק פון דעם וואָס עס האָבן געליטן און געפילט די וואָס זיינען אַוועק אין זייער לעצטן וועג.

די בליקן בלאָנדזשען ווידער און עס וואַרפט זיך אין די

אויגן דאָס אָרט פון געוועזענעם „האָטעל אָנגיעלסקי“. ווידער גיט מיין האַרץ אַ ציטער. דאָס איז דער האָטעל, וועמענס אייגנטימער עס איז געווען ר׳ שבתאי יונגסטער.

ער שטייט מיר איצט פאַר די אויגן מיט זיין הויכן שטערן פון אַ תלמיד־חכם און הייזעריקלעכער שטים אָט דער געוו. „מזרחי“־עסקן און שפּעטערדיקער פּאָרזיצער פון „ברית ישורון“, מיט וועלכן ס׳האָט מיך פאַרבונדן אַ פּער־זענלעכע פריינדשאַפט, האָט מקדש השם געווען ברבים איינ־שרייבנדיק זיך אין פאַנטעאָן פו די קדושים אין סאָסנאָוויץ.

וועגן דעם האָב איך זיך נאָך דערוווסט אויף וואַנדער־וועג.

אויף אַ זיצונג פון „יודנראַט“ בעת עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגן צושטעלן אַ קאָנטיגענט יידן צו אַן אויסזידלונג לויטן פאַרלאַנג פונעם געשטאַפּאָ־שעף, און אויפן באַפעל פונעם „יידן עלטסטן“ מאָניעק מערין האָט דאַן שבתאי יונגסטער הי״ד אָנגערופן זיך: „ווי לאַנג איז מיר נאָך פאַרבליבן ס״ה צום לעבן? איך בין איצט אַלט 42 יאָר. מיין פאָטער איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק 53 יאָר. צוליב די עטלעכע יאָר לעבן איז כדאי, אַז איך זאָל עובר זיין אויפן דין פון רמב״ם וועלכער זאָגט: „תנו לנו אחד מהם ונהרגנו ואם לאו נהרוג כלכם — יהרגו כולם ולא ימסרו להם נפש אחת מישראל“ (רמב״ם הלכות י״ס ד׳ התורה) — און דאָ, רבותי, האַנדלט זיך וועגן טויזנטער יידן, ווילט איר, אַז איך זאָל צולייגן אַ האַנט צו דעם? ניין, איך גיין צוזאַמען מיט די ברידער מיינע“ — האָט ער אויסגערופן. ער איז אַוועק צווישן די ערשטע און האָט זיין הייליקע נשמה אויסגעהויכט אין בירקענאַו.

די דיסקוסיע, וואָס איז נאָך נישט פאַרענדיקט

א טעות האָבן די, וועלכע האַלטן, אַז נאָר די וואָס האָבן מיט געווער אין האַנט אַקטיוו קעגנגעשטעלט זיך דעם שונא דאַרפן פאַרעכנט ווערן אַלס גבורים. אויך די, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן „נאָר“ אַ גייסטיקע גבורה, הגם דער טויט איז געווען אומפאַרמיידלעך און די אומפאַרמיידלעכקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצן באַוווסטזיין — אויך די פאַרדינען זייער אָנערקענונג, געווען טאַקע פאַלן, ווען זינקנדיק אין טיפסטן שאול־התחתית פון פּיין האָבן אַסך יידן דערהויבן זיך צו די העכסטע הויכקייטן פון גייסטיקער גבורה וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן ר׳ אברהם שטיגליץ הי״ד?!

ער שטייט מיר איצט פאַר די אויגן, אָט דער הויכער הדרת־פּנים־דיקער ברייט־ביינערדיקער ייד מיטן ציגאַר אין מויל און שטענדיק שיין צוגעקעמטער באָרד, די גראָבע פּיאות אַרונטערגערוקט הינטערן אויער. זיין אויסזען האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן איינעם מענטש, און אויך פון די דייטשן, ווען די עס־עס־לייט האָבן געזוכט דעם שטאָטישן רב, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס רב, וויסנדיק פון פאָראויס, אַז ער וועט דאַרפן אויסשטיין פיזישע פּיין און גייסטיקע ליידן און איז געווען געגרייט אויך צום טויט. ער האָט מקבל באהבה געווען די יסורים אבי אָפּצוראַטעווען דעם רב ר׳ ישעיהו ענגלאַרד הי״ד פון חרפות און בזיונות.

פון ערשטן קאַליבער, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט דער יידישער געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ, האָט ער זיך אויך געוואָנדן צו ר׳ לייביש שווייצער און אָנגעבאָטן אים אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט. אָבער ר׳ לייביש האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט אים הגם במשך צענדליקער יאָרן איז ער געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך.

אויף וואָס פאַר אַן אויפן און ביי וועלכע אומשטענדן ער איז אומגעקומען איז מיר ביז איצט נישט געלונגען צו דערגיין, הגם עס געפינען זיך אין לאַנד זיינע צוויי זין. זיין קריסטאַל־ריינע פּערזענלעכקייט וועט לייכטן ביי די אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט. כל זמן עס וועט טליען אַ פונק פון אַ יידיש לעבן ביי אַ סאָסנאָוויצער ייד, וועט דער נאָמען לייביש שווייצער אַרויסלייכטן ווי איינער פון די ווערטפולסטע פּערזענלעכקייטן וואָס דאָס סאָסנאָווצער יידנטום האָט פאַרמאָגט.

איך דערווייטער זיך מיט שווערע טריט. איך ענטפּער קוים אויף די באַגריסונגען פון אַלטע־בעקאַנטע, וועלכע פּרוּוון מיך צו דערקענען אין אָפּיצירן־מונדור. מיין קאָפּ וויבלט פון געדאַנקען, אָט געפין איך זיך נעבן געוועזענעם געשעפט פון ר׳ יוסף אבראַמטשיק הי״ד.

גייענדיק לענגאויס דער מאָנדזשעווער גאַס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן שילדן מיטן נאָמען אבראַמטשיק. פלעגן טאַקע שלאַנזאַצקעס קומענדיק אויף דער מאָנדזשעווער גאַס און נישט וויסנדיק געבוי דעם נאָמען אַרויסהעלפן זיך מיט די אבראַמשיקס־שילדן און אָנרופן די גאַס „אוליצאַ אבראַמטשיצקאַ“ און נישט קיין ווינדער; יעקב לייב אבראַמ־טשיק מיט זיינע זין: יוסף, נח, נתן, הלל, משה און די טאָכטער, די פרוי פון נתן פעלדמאַן, האָבן מיט זיך

מיט אַ סטאָאישער רואיקייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייד, וואָס איז פול מיט אמונה און בטחון, האָט ער רעאַגירט אויפן איזדעקווען זיך פון די דייטשן, וועלכע עס האָט זיך פאַרגלוסט אַ „שפּיל“ צו טאָן און חוזק מאַכן פון יידישן ראַבינער.

ווי זינגט אהרן צייטלין אין זיין ליד: „ישראלס אשן“:

„ווען ירמיהו זאָל איצט זיצן אויף ישראלס אשן
וואָלט ער נישט אויסגעקלאָגט קיין איכה
און וואָלט די חורבות מיט קיין טרערן נישט געוואַשן“.

נישט די ברענענדיקע זון, וואָס שיינט איצט אַזוי העל, קען אָפּווישן די טרערן פון מיינע אויגן, וועלכע גיסן זיך אָן אויפהער בעת איך דערנענטער זיך צום נומער 11, דאָס הויז פון מיין פאָטער ר׳ לייביש שווייצער הי״ד, דעם געוועזענעם קהילה־פּרעזעס און ראַטמאַן. אָט דער יוסטער איינגעפונדעוועטער גביר, שאַרפער אַלכסנדער חסיד, אייגנ־טימער פונעם גרויסן טעקסטיל־געשעפט אין זיין הויז, האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה

פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן, אָפּגעזאָגט זיך כמעט פון „עולם־הזה" און גענומען טראַכטן מער וועגן „עולם הבא".

וויפיל מי, כוחות און געלטער האָט ער געווידמעט דער „תלמוד תורה" אויף דער יאסנאַ־גאַס אין וועמענס שפּיץ ער איז געשטאַנען. זעלטן, אַז מען האָט אים געטראָפן אין געשעפט אָדער אין דער היים. תמיד געווען פאַרטאָן אין כלל־ענינים, באַזונדערס געדאגהט ווען דער תלמוד־תורה, וואָס איז געוואָרן פאַר אים דער אינהאַלט פון זיין לעבן.

און פון דאנען, פון יאָסל אבראמטשיקס געשעפט, ביז צום ראָג מאַנדזשעווער־טראַגאַווע איז אַ דיסטאַנס פון אַ קאַצן־שפרונג און עס וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס עקיקע הויז פון טאַרגאָווע 12, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון ראַדאָמסקער רבין הי"ד. אין דער מלחמה־תקופה האָט דאָרט רעזידירט דער יידן־ראַט. אָבער ביזן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך געפונען אין דעם הויז די רעזידענץ פונעם ראַדאָמסקער רבין, ר' שלמה הכהן ראַבינאָוויטש הי"ד.

נישט געווען דוכט זיך קיין מענטש אין סאָסנאָוויץ, סיי אַ ייד, סיי אַ קריסט, וואָס האָט נישט געקענט דעם ווינקל פון דער שטאָט. פלעגן דאָך אויף יעדן שבת און יום־טוב קומען הונדערטער חסידים צום רבין, געשטראָמט איבער די גאַסן מיט זייערע שטריימלעך און זיידענע קאַפּאָטעס.

באַזונדערס אומפאַרגעסלעך איז געווען די חתונה פון זיין איינציקער טאָכטער מיטן קרימאַלאָווער רבינס זון, הרב ר' דוד משה ראַבינאָוויטש הי"ד, ווו עס קען אין פּוילן זיין פון וואָרט באַנוצט ווערן דאָס פאָלקס־וואָרט: „ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער". אין דעם פאַל איז עס נישט געווען קיין מליצה־וואָרט. די שבע־ברכות זיינען געפּראַוועט געוואָרן מיט פּראַכט און גלאַנץ, ווי עס פּאַסט פאַר איינעם פון די געוו. רייכסטע יידן אין פּוילן.

יעדן טאָג פלעגן קומען אַנדערע רביים מיט חסידים אָנטיילצונעמען אין דער שמחה און די חסידים האָבן געטאַנצט אין די גאַסן, אויף צעפּיקעניש די קריסטן, וועלכע האָבן מיט ציין קריצעניש געזאָגט: „אָט האָבן די יידן פּאַלעסטינע". יעדער שטיין איז דאָ דורכגעווייקט מיט יידישקייט און דביקות.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער ראַדאָמסקער רבי באַזיצט אַן „אייזערנעם בריוו" פון געֵרינגען און עס קען מיט אים נישט פּאַסירן קיין שום שלעכטס.

אָבער אויך די קלאַנגען, ווי אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַציל נאָר איינצודרימלען די וואַכזאַמקייט ביי די וועלכע האָבן פאַרגעפּילט דאָס אויף וואָס עס גרייט זיך, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע. אלס באַווייז דינט זיין טראַגישער טויט אין וואַרשעווער געטאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי, זייער איינציקע טאָכטער און זייער איידעם הרב ר' דוד משה ראַבינאָוויטש הי"ד.

דער אומקום פון דעם ראַדאָמסקער רבין

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז דער רבי געווען אין סאָסנאָוויץ, פון דאָרט האָט ער זיך געראַטעוועט קיין אַלעקסאַנדער, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ געוויסע צייט ביז ער איז אַוועק קיין וואַרשע און דאָרט איז ער אַריינגעפאַלן צו די מערדער אין די הענט.

די נאַציִשע געסטאַפּאָ אגענטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין וווינונג אין וואַרשאַווער געטאָ און פון אים געפאָדערט, ער זאָל מיט זיי מיטגיין. „געוווּסט האָט יעדער ייד אין געטאָ, אַז וועמען די נאַציס נעמען מיט זיך מיט, דער דערלעבט שוין נישט צו זען די ליכטיקע שיין אויף דער וועלט. זיי פאַרשלעפּן זייער קרבן אין אַ טויטן־לאַגער, ווו עס זיינען אָנגעגרייט גאַז־קאַמערן און דאָרטן ווערן זיי דערשטיקט.

האָט דער ראַדאָמסקער רבי זיך אָפּגעזאָגט אויסצופילן דעם באַפעל פון די נאַציִשע אגענטן און שטאָלץ און ווירדיק געענטפערט:

„איך ווייס, אַז איר זייט געקומען מיך הרגענען, בין איך גרייט צו שטאַרבן ביי מיר אין שטוב און נישט ערגעץ אין אַ גאַז־וואָגאָן.

און ווי נאָר דער ראַדאָמסקער רבי האָט פאַרענדיקט דעם „אחד" פון „שמע ישראל" וואָס ער האָט געזאָגט, האָט אַ נאַציִשע קויל דורכגעלעכערט זיין מוח און צוזאַמען מיט אים איז אויפן אָרט אומגעבראַכט געוואָרן זיין גאַנצע משפחה.

ווען דער ראַדאָמסקער רבי איז אומגעקומען איז ער נישט אַלט געווען מער ווי 58 יאָר. ער פלעגט זיך אונטערשרייבן: „שלמה חנוך הכהן ראַבינאָוויטש". דער ראַדאָמסקער רבי הי"ד איז געווען פון די איינציקע חסידישע רביים אין פּוילן, וועלכער האָט פון זיינע חסידים קיינמאָל גאָרנישט גענומען פאַר זיך, נאָר אַלץ, וואָס ער האָט באַקומען און צוזאַמען מיט זיין אייגן געלט האָט ער אויסגעגעבן אויף די ישיבות, וועלכע ער האָט געגרינדעט און אויסגעהאַלטן. ראַדאָמסקער ישיבות א.נ. „כתר תורה" האָבן זיך געפונען אין פאָלגענדע שטעט און שטעטלעך: סאָסנאָוויץ, בענדין, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, פּיעטריקאָוו, פּאַביאַניץ, דאָמבראָווע, נאָוואָפּוילע, שטשאַקאָווע, בעלכאַטאָוו, קיעלץ, אַלכסנדר, קאַטאָוויץ, קראַקע, טשעבין, פּאַדגורזשע, כזשאַנאָוו. אָשוויענטשין, קראַסנע, באַרניע טאַרנע, נאָוויטאַרג, וואַראַוויטש, ניעפּאָלאָמיץ, ביליץ און אין ראַדאָמסק. אין די 26 ישיבות האָבן געלערנט 1.500 תלמידים.

מיטן אומקום פון ראַדאָמסקער רבין איז אונטערגעגאַנגען אַ גאַנצע רבישע דינאַסטיע. די נאַציִשע קויל, וואָס האָט אַדורכגעלעכערט דעם מוח פון ראַדאָמסקער רבין, האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט פון לעצטן זכר פון דער גרויסער רבישער גזע וועלכע ציט זיך פונעם ערשטן ראַדאָמסקער רבין.

איך שטיי איצט פאַרן בנין און קוק אויף די שטיינער. אך, ווען די שטיינער וואָלטן געקענט רעדן, וואָלטן זיי

געהאַט צו דערציילן וועגן די קוואַלן פון טרערן, וואָס זיינען אויף זיי פאַרגאָסן געוואָרן. אין זכרון טויכט אויף אַגעדאַנק וועגן אַ געוויסן רבין, וועלכן מען האָט געפרעגט: פאַרוואָס איז דער בית־המקדש געבויט געוואָרן אויפן באַרג מוריה און נישט אויפן באַרג סיני? — האָט ער געענטפערט: ווייל אויפן הר המוריה איז אַ ייד געגאַנגען אויף דער עקידה.... רבונו של עולם, אָט דאָ אויף דעם פּלאַץ איז דאָך יעדער שטיין אַן עקידה און נישט פון קיין פאַר־איינצלטן ייד — נאָר פון טויזנטער. און מען וואָלט גע־דאַרפט אַזאַ שטיין אַרופברענגען קיין ירושלים און אים אַוועקלייגן נעבן „כותל־מערבי”. און יידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן באַוואַשן דעם שטיין מיט זייערע טרערן.

מענטשן רינגלען מיך אַרום. דאַמאָלס זענען דאָס געווען יידן געפינט זיך היינט אויפן דאָזיקן אָרט די „יידישע זשעשעניע”, דאָ הייסט עס, דאַרף פאַרגעזעצט ווערן דעם המשך פון יידישן קיום.

איז עס מעגלעך? — טויכט אויף אַ מחשבה, אַז די עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע געפינען זיך איצט אין סאָסנאָוויץ, וועלן מיר קענען פאַרוואַנדלען צוריק אין דעם שעפערישן און ברויזנדן סאָסנאָוויץ פון אַמאָל?

פון מיינע ספיקות נעמט מיך אַרויס הרב ר׳ אברהם ענגלאַרד שליט״א, דער עלטסטער זון פון ר׳ ישעיהו ענגל־אַרד הי״ד.

היינט געפינט ער זיך אין אַמעריקע, אָבער בקרוב וועט ער עולה זיין קיין ישראל. ערשט נישט לאַנג איז פאָרגע־קומען דאָס גרונדשטיין לייגן פאַרן בית ראַדזין, ווו הרב אברהם ענגלאַרד פאַרנעמט דאָס אָרט פון ראַדזינער אדמו״ר.

דאַמאָלט, אין 1945, בעת מיין ערשטן באַזוך אין סאָס־נאָוויץ, נאָך 6 יאָר אָפּוועזנהייט, האָט ער פאַרנומען דעם אָפיציעלן אַמט פון סאָסנאָוועצער רב. צו דעם וואָס זיין פאָטער האָט נישט זוכה געווען בעת עס האָט דאָ פולסירט אַ פולבלוטיק יידיש לעבן מיט צענדליקער טויזנטער יידישע איינוווינער — האָט דער זון זוכה געווען, אָבער ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן און אויף וואָס פאַרא אַן אופן?

מיר זיצן אין צימער, וואָס דינט אַלס „בית הכנסת”, די ווענט באַצירט מיט אַלערליי ספרים. אַלטע ש״סן, אָפּגעראַ־טעוועטע פון געטאָ און אַ ריי אנדערע ספרים, וועלכע הרב ענגלאַרד האָט שוין באַוויזן אויסצולייזן פון גוישע הענט נאָך דער באַפרייאונג.

דאָס ערשטע מאָל זינט זעקס יאָר ווי כ׳האָב די געלע־גנהייט אַדורכשמועסן זיך מיט אַן עד ראיה וועגן דער שרעקלעכער תקופה. ער רעדט און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס וואָס כ׳הער איז אַ געשפּענסטפולער חלום. איז עס אַלץ אמת? די פרטים, וואָס איך דערוויס זיך, שניידן ווי מיט שאַרפע מעסערס מיין האַרץ. הרב ענגלאַרד איז אַ לעבּ־האַפטער דערציילער, ער דערציילט און דו לעבסט מיט אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט. איך זע ווי צוגענאגלט צום

אָרט און זע, ווי זיינע שוואַרצע אויגן צינדן זיך אָן בעת ער דערמאָנט פונסניי די גרויל טאַטן פון יענע טעג. זיין קורץ שוואַרץ בערדל צעשאָקלט זיך און די הענט פלאַטערן, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן אין דער הייך און געמאָנט גערעכ־טיקייט ביים כסא־הכבוד.

איך וויל אים נישט איבעררייסן אויף קיין מינוט, מהמת אַלצדינג וואָס ער דערציילט קוקט אויס פאַר מיר ווי אַן אומגלויבלעכקייט. אַפילו איך, דער פאַרהאַרטעוועטער מיליטערמאַן, וועלכער האָט אַדורכגעמאַכט דעם פראָנט־וועג ביז בערלין איבער טויטע גופים, האָב זיך געמוזט איינברעכן דערהערנדיק וועגן די גרויל טאַטן.

איך דערוויס זיך, אַז ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער אין וואַלד נאָכפאָלגנדיק דעם רוף פון זיין ראַדזינער רבין ר׳ יעקב ליינער הי״ד. איך ווער אויך געוואָר וועגן די לעצטע מינוטן פון זיין פאָטער. וועלכער איז געווען אַ מקדש השם ברבים ביי פאָלגנדע אומשטענדן:

בעת דער טרויעריק־באַרימטער סעלעקציע פון 12־טן מאַי 1942, ווו עס זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן צום טויט העכער 20 טויזנט יידן, האָט דעם זעלבן גורל געזאָלט טיילן הרב ענגלאַרד. מאָניעק מערין, וועלכער איז נאָך דאַמאָלט געווען דער „כל יכול” האָט זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען דער־ווייל דעם רב מיט זיין משפחה אָבער דער רב האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. „ניין! — האָט ער אויסגערופן — איך וועל טיילן דעם גורל פון דער עדה יידן”. און אויס־געקליבן דעם וועג פון וועלכן ער איז מער נישט צוריקגע־קומען.

ענדלעך האָב איך זיך אָנגערופן: די גמרא דערציילט, אַז בית ר׳ יוכיס טויט האָבן די דאַך־רינעס פון צפורה געגאָסן מיט בלוט, דאָס איז דערפאַר, האָט מען געזאָגט, ווייל ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר כלל־ישראל אין אַ צייט פון אַ גזירה.

יאָ, יאָ אברהמעלע, האָב איך זיך אויפגעשטעלט אַ מידער און אַ צעבראָכענער. דער פאָטער דיינער איז געגאַנגען בראש פון די סאָסנאָווצער יידן אין זייער לעצטן וועג זייענדיק זיך מקריב פאַר כלל־ישראל אין דער צייט פון א שווערע גזירה אָבער די דעכער האָבן נישט געגאָסן מיט קיין בלוט.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פילנדיק ווי הענט און פיס ברעכן זיך הינטער מיר, האָב איך פאַרלאָזט די וווינונג פון הרב ענגלאַרד און אינסטינקטיוו האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביים אַנדערן ראָג, אויף דער אנדערער זייט טאַרגאַוואָ גאַס.

אָט דאָ איז געווען די קאָפּעטעריע פון ב. מאַיאַרטשיק, ד׳ער רעוויזיאָניסטישער ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. אָט דאָ זיין דער קאָפּעטעריע פלעגן אַנגיין די שטרייטן צווישן די פּאָליטישע פּאַרטיי־פירער. נישט איינמאָל פלעגט מיר אויס־קומען צוליב פּראָפעסיאָנעלע טעמים צו זיצן דאָרט ביז שפּעט אין אָוונט.

הגם דאָרט ביי מאַיאָרטשיקן אין דער קאַפעטעריע איז געווען דער אומאָפיציעלער זיץ־פּלאַץ פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען, האָט דאָס אָבער נישט געשטערט, אַז ס׳זאָלן זיך דאָרט צונויפקומען אויך פאַרשטייער פון אַנדערע פּאַרטייען דאָרטן זיינען באַשטימט געוואָרן זיצונגען און אָרגאַניזירט געוואָרן פּאָרטראַגן און רעפעראַטן פון אַלערליי געסט און ישראל־שליחים. ביז שפּעט אין אָוונט זיינען דאָרטן אָפּגעהאַלטן געוואָרן וויכוחים איבער ציוניסטישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, נישט פילנדיק טיילמאָל ווי שנעל די שעהן זיינען פאַרשוונדן.

אַקעגנאיבער דער קאַפעטעריע ביים געשעפט פון יצחק צאַפּנער האָבן זיך גרופּירט די טרעגער, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט ביי זייער פאָרשטייער שלום פּילץ, וועלכער האָט זיי רעפּרעזענטירט אין דער קהלה אַלס פּרנס.

זייענדיק אַן אומפּאַרטייאישער דאַזאָר פלעגט ער נישט איינמאָל ווערן דאָס צינגל און די דעצידירנדע שטימע ביים אָפּשטימען אַלערליי קהלה פּראָבלעמען. נישט איינמאָל פלעגט מען זיך וויצלען אויף זיין אַדרעס בעת די צדדים פון דער קאַמפּאַניע וועגן כסא־הרבנות האָבן זיך געחנפעט צו אים וועלנדיק אים איבערציען אויף זייער זייט. ער אָבער ווי אַן אויפריכטיקער „האַרעפּאַשניק״, פלעגט שטענדיק טענהען, אַז די אינטערעסן פון זיינע ווײַלער פאַרלאַנגען, ער זאָל בלייבן נייטראַל. זיין אויפריכטיקע נייטראַליטעט האָט ער אָנגעהאַלטן ביז די דייטשן האָבן אויך אַ סוף געמאַכט צו אָט די גרופּע יגיע כפּימניקעס — די יידישע טרעגערס, וועמענס רעפּרעזענטאַנט און וואָרט־זאָגער ער איז געווען.

כלוצים טויכט אויף פאַר די אויגן די געשטאַלט פון פּרנס פון די רעכטע פּועלי ציון, ה׳ יוסף גאָלדבערג. זיין ברייטביינערדיקע הויכע פיגור האָט אים געגעבן דעם אויסזען פון אַן אַטלעט. אין מיין פאַנטאַזיע זע איך אים תמיד אַ פאַרשוויצטן און פאַרהאָרעוועטן, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, וועלנדיק אַזוי אַרום יענעם איבערצייגן אין אמת פון זיין אַרבעטנדן ציוניזם.

און ער, יוסף גאָלדבערג הי״ד, האָט פאַרצייכנט אַ הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון זיין קאַמף פון זיין יידישן אומקום. מיט דער קדושה פון אַ מאַרטירער איז ער אומגעקומען ממש הינטערן מעסער פון זיין בלוטיקן מערדער.

זייענדיק אין אוישוויץ האָט ער פּרובירט אויפרייסן אַ גאַז־קאַמער און אונטער די שווערסטע יסורים אומגעקומען בעת דער אויפרייס איז נישט געלונגען ממש אין לעצטן מאָמענט. זיין העראָאישער טויט און טראַגישער אומקום דערמאָנט מיט זיין ענלעכקייט דעם טויט און אומקום פון לעגענדאַרן הירש לעקערט.

וואָלט מען געוווסט ווו עס געפינט זיך דער קבר פון יוסף גאָלדבערג אָדער לכל הפּחות אַ טייל פון זיין אַש וואָלט מען געדאַרפט גיין אויף קבר אבות און אויסשרייען: יוסף, דיין נקמה־פּלאַן האָבן פאַרענדיקט דיינע חברים דאָ אין לאַנד פון אונדזער ווידער אויפגעלעבטן פאָטער־לאַנד און אומאָפּהענגיקער מדינת ישראל.

איך גיי ווייטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און וויש אַ טרער נאָך אַ טרער. אָט דאָ ווו מיינע פיס האָבן אינטיננקטיוו זיך אָפּגעשטעלט נעבן „וואַרמאַנס באַזאַר״, האָט זיך געפונען דער קליינהענדלער־פאַריין. אין האַרצן פון געדיכטן יידישן קליינהאַנדל האָט זיך געפונען אָט די אינסטיטוציע, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער פּאָפּולערער פאָלקס־עסקן הערמאַן מלינער. זייענדיק דערצויגן אין דער פּוילישער קולטור, געווען קאַפּיטאַן אין דער פּוילישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, פלעגט ער צו די יידישע מאַסן אַרויסטרעטן אין דער פּוילישער שפּראַך. אָבער די יידישע מאַסן, די פאָלקס־מענטשן האָבן אים גוט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געוווּסט, אַז הערמאַן מלינער האָט פאַר יעדן אַן אויפמערקזאַם אויער און זיינע אָפּטע אינטערווענצן אין מאַגיסטראַט, פאַרנעמנדיק אַ ריי יאָרן דעם אַמט אַלס לאַווניק און אין דער לעצטער קאַדענץ אַלס ראַטמאַן, האָבן על פּי רוב געבראַכט דעם געווונטשענעם רעזולטאַט לטובת דעם אינטערווענירטן.

ווי ווייטאַגלעך איז דאָס, וואָס אָט דער וואָרעמער האַרציקער פאָלקס־ייד האָט נאָכן איבערלעבן אַלע עינויים און ייסורים פון דייטשן פאַרניכטלער געפונען זיין טויט שוין נאָך דער באַפרייאונג, אויפן וועג צוריק אַ היים קיין סאָסנאָוויץ, און קיינער ווייסט נישט ווו זיין געביין געפינט זיך.

אָט דאָ נישט ווייט קעגנאיבער „וואַרמאַנס באַזאַר״, אויף טאַרגאָווע 11, האָט זיך געפונען די „דייטשע שולע״. נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך הלמאי מען האָט דעם „בית הכנסת״ באַטיטלט מיטן „נאָמען: „דייטשע שול״.

וואָלט איך זיך פאַרמאָסטן אָנצושרייבן אַ גאַלעריע טיפּן פון סאָסנאָווצער יידנטום וואָלט איך די סעריע געדאַרפט אָנהייבן ביים שמש פון אָט דער שול יהודה צוקערמאַן הי״ד. אַ תנ״ך־קענער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין קאָנקורענט אין שטאָט, מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, וויסנדיק פון אויסנווייניק די יאָר־צייטן פון אַלע מתפּללים.

אויך אים, פּונקט ווי דעם חזן פון אָט דער „דייטשער שול״, דעם עברית־לערער ה׳ בערנשטיין, האָט נישט אויסגעמיטן דער ביטערער גזר־דין און געטיילט דעם געמיינזאַמען גורל פון די סאָסנאָווצער יידן.

עס ווערט טונקעלער און די זון רוקט זיך אויף מערב. איך הייב אָן שטעלן גיכערע טריט אַקוראַט ווי איך וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון די געשפּענסטפולע זכרונות. אויב אָבער ביז איצט האָב איך דעם „שפּאַציר״ געמאַכט אויף דער רעכטער זייט פון דער מאָנדזשעווער גאַס האָב איך איצט אָנגעהויבן שטעלן די טריט אויף דער לינקער זייט

נעטער צום הויז נומער 26. איבערהיפנדיק עטלעכע נומערן געפין איך זיך ביים נומער 18.

עס גיט ראפטום אַ טיאכקע אין האַרצן. דאָ איז דאָך געווען דער באסטיאָן פון דער „מזרחי"־פּאַרטיי. דאָ, אונטערן פרייען הימל, ביי נטע אבראמטשיק אין הויז, פלעגן אָפּ־**געהאַלטן ווערן אַלע מיטינגען און פאָלקס־פאַרזאַמלונגען** פונעם נאַציאָנאַלן לאַגער. צי איז עס געווען פאַר קהלה־וואַלן, אָדער וואַלן צום שטאָט־ראַט, צי גאָר סיים־אָדער סענאַט־וואַלן. מען האָט געוווסט, אַז אַלע ציוניסטישע מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס האָבן פריער געהאַט זייער צונויפטרעף־פּונקט אויף מאָנדזשעווער 18.

אינסטינקטיוו פאַרהאַלט איך זיך. מיינע פיס דינען מיר מער נישט. ווי לאַנג איז עס דען גאָר? דוכט זיך אַז ערשט נעכטן איז עס געווען. דער לעצטער עפנטלעכער אַרויס־טריט פאַר די לעצטע שטאָט־ראט וואַלן פון יוני 1939.

געווען איז עס אַ שבתדיקער טאָג. די היץ האָט געברענט, **דער הויף און אַלע באַלקאָנען זיינען געפּאַקט מיט מענטשן.** עס טרעטן ארויס די בעסטע רעדנער פון די פּאַרטייען, **עטלעכע ווייזן אויף די ווכטיקייט צו שטימען פאַרן איינהייט־**לעכן יידישן בלאָק.

איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט איינהייטלעך מחמת דאָסמאָל איז אויך די „אגודת ישראל" צוגעשטאַנען צום אלגעמיינעם בלאָק. אָבער אויסער דעם אלגעמיינעם יידישן נאָך צוויי ליסטעס. איינע פון די רעכטע און לינקע פועלי ציון און אַ ליסטע פון בונד.

היות צומאַרגנס האָבן געזאָלט פאַרקומען די וואַלן איז דאָס געווען די לעצטע וואַל־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער די **פּאַרטייען האָבן זיך ווי געהעריק צוגעגרייט.** אויפן מיטינג פון די פועלי ציון זיינען ארויסגעטרעטן זרובבל און ד"ר ליבערמאַן, וועלכער האָט געשמט אַלס גלענצנדער רעדנער. ביי די בונדיסטן זיינען אויסער די אָרטיקע רעדנער ארויס־געטרעטן הערשל הימלפאַרב פון וואַרשע און דוד קליין פון טשענסטאכאוו.

אַ מידער און אַ דערשעפּטער צוריקקומענדיק פון די **„קעגנערישע" מיטינגען האָב איך געזאָלט** אַרויסטרעטן אויפן מיטינג פונעם איינהייטלעכן בלאָק. דער גורל האָט געוואָלט אַז דעם שבתדיקן טאָג האָט די בונדישע **„פאָלקס־צייטונג"** געבראַכט מיט קידוש לבנה אותיות די ידיעה וועגן „ווייסן **בוך" וואָס די ענגלישע מאנדאטאַר־מאַכט האָט איינגעפירט** קעגן יידן.

איך געדענק נאָך, ווי איצט וואָלט עס געווען, בעת איך האָב געפּאַכעט מיט דער צייטונג און איינגעקוקט זיך אין די פאַרטרויערטע פּנימער פון דער טויזנט־קעפּיקער מאַסע, רופנדיק צו שטימען פאַרן איינהייטלעכן יידישן בלאָק.

אַ הילכיקער „עוד לא אבדה תקותנו" איז געווען דער ענטפער אויפן ענגלישן ווייסן בוך. און מיט אַ געפיל פון דערמונטערונג זיינען די מענטשן געגאַנגען צומאַרגנס צו די וואַלן און געבראַכט אַ גלענצנדן נצחון דעם אלגעמיינעם בלאָק.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל ווען די סאָסנאָווצער יידן זיינען מאסנווייז געגאַנגען אָפּגעבן זייערע שטימען פאַרן אָרטיקן שטאָט־ראַט.

ווי אין אַ קאַליידאסקאָפּ גייט אַלץ אַדורך דורכן מוח. איך כאַפּ אַ בליק אריין אין הויף. נישטאָ קיין זכר פון דער שול, נישטאָ קיין זכר פון דער מענטשן־מאַסע. פון גאַנצן הויף קוקט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ קריסטלעכער פרוי און פרעגט לאַקאָניש: „דאַ קאַגאָ, פּראַשען פּאַנאַ"?

איך ענטפער נישט. ווי אַן אָפּגעשמיסענער אַנטלויף איך פון דעם אָרט, אויף איין טאָג איז עס צופיל. איך פיל, אַז לענגער דעם „שפּאַציר" קען איך שוין נישט מאַכן. אָבער ווי אַ מאַגנעט וואָלט מיך צוגעצויגן בלייב איך שטיין פאַרן הויז פון נומער 22. דער אייגנטימער איז געווען הערשל פּאַרטער און דאָרט האָט זיך געפונען די יידישע קהלה. אָט שטייען זיי פאַר מיינע אויגן די פירער פון די יידישע גאַסן אין סאָסנאָוויץ: ד"ר מעלאַדיסטאַ, דער פאָרשטייער פון ציוניסטישן לאַגער פון איין זייט, און ר' בירק סעצעמסקי — דער אגודה פאָרשטייער און פאַרטרעטער פונעם חסידישן **לאַגער פון דער אנדערע זייט.**

שווער געווען צו געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך צווישן ביידע עקסטרעמע לאַגערן און ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג קלינגען אין מיינע אויערן שטרייטן ארום דעם קהלה־בודזשעט און דער עיקר ארום דער אַנגעווייטיקטער רבנות־פראַגע.

שטענדיק זיינען די קהלה־זיצונגען געווען איבערפולט מיט נייגעריקע מענטשן, וועלכע פלעגן זיך צוהערן צו די שטרייטן פון די פאָרשטייער פון די צוויי עקסטרעמע ריכטונגען. און אָפטמאָל זיינען די זיצונגען נאָך שטורמישע דיסקוסיעס אויפגעריסן געוואָרן, ווייל קיינמאָל האָט מען נישט געקענט געפינען קיין לייזונג.

און אויב מען דערמאָנט די ציוניסטישע עסקנים מוז מען זיך אויסגלייכן און אויסרופן: פּנו דרך! מאַכט אַ וואָרע פאַר דער געשטאַלט פונעם יונגן ציוניסטישן עסקן, מאַקס בזשעסקי הי"ד — מאַניעק מערינס פאַרטיי־חבר. נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז שווער פעסטצושטעלן פונוואַנען עס האָט זיך גענומען אזויפיל ציווילער מוט ביי אָט דעם נידעריקן בחור, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ, אַנטקעגנצושטעלן זיך און מיט געוואַגטקייט און מסירות נפש זאָגן מאַניעק מערין אַ דעצידירנדן ניין!

דאָס, וואָס טויזנטער אנדערע האָבן נישט געוואַגט, האָט ער יאָ געטאָן. ער, דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן צום „יידן עלטסטן": דו ביזט אַ פאַררעטער פון די ציוניסטישע אינטערעסן און פון די אלגעמיינע פאָלקס־אינטערעסן. פאַר אָט דער געוואַגטקייט זיינער האָט ער טאַקע טייער באַצאָלט: אַוועקגעבנדיק

זיין יונג לעבן אין אַ מאָמענט ווען ער האָט געצויגן אויף זיך דעם כעס פון מאַניעק מערין.

אַ מידער און דערשעפּטער פונעם שטיק יידיש לעבן וואָס כ'האָב איבערגעלעבט בעתן עטלעכע שעהדיקן שפּאַציר איבער סאָסנאָוויץ בין איך געבליבן שטיין ביים הויז מאַנדזשעווער 26.

ווידער גיט אַ טיאַכקע אין האַרצן און די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך. אָט דאָ, אין דער דרוקעריי, האָט זיך דאָך געדרוקט און ס'איז געוואָרן ארויסגעגעבן די צייטונג: „זאגלעמביער שלעזישע וועלט".

און ווי אַ זלידנע פליג וואָלט זיך אָנגעטשעפּעט אין דיר און וויל נישט אָפּטרעטן, אַזוי טויכט אויף אין זכרון יענער פרייטיק פרי פון 1938, בעת אַ פּאָליציאַנט האָט זיך באַוויזן אין רעדאַקציע און מיט אַ פאַראָרדנונג פון דער צענזור קאָנפיסקירט די אויפלאַגע פון דער צייטונג. וואָס האָט פּאַסירט? כ'האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקל א.ג. „אַ סוף צו דער אנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע", וואָס האָט נישט געפונען חן אין די אויגן פון צענזאָר און אין רעזולטאַט איז געקומען די פאַראָרדנונג. אַלס צולאַג בין איך אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט אונטער דער באַשולדיקונג פון העצן איין טייל באַפעלקערונג קעגן די צווייטער.

עס איז טאַקע פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט און די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט ברייט אַרומגערעדט דעם פאַל. דערביי זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: אַלס פּאַרטיידיקער אין דעם פּראָצעס (אָן האָנאָראַר) איז אַרויסגעטרעטן אַדוו' פיינע, אַ געוו. מיטגליד אין צ.ק. פון דער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע. אַלס עדות זיינע דאַמאָלט אַרויסגעטרעטן אַריי איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן פון געוו. סאָסנאָווצער יידנטום און צווישן זיי ד"ר לייזעראָוויטש, דער לעצטער קהלה־פּרעזעס, אָ"ר הענריק ליבערמאַן.

דאָס געריכט האָט מיך באַפרייט, אָבער געגעבן אַ שאַרפע וואָרנונג נישט צו שרייבן מער אַזעלכע ווערטער, וואָס קענען אויפרייצן איין טייל באַפעלקערונג קעגן דער צווייטער טייל.

כ'קען איצט נישט געדענקען אויב איך האָב זינט דאַמאָלס אונטערגעוואָרפן זיך די וואָרנונג, אָבער איין פאַל געדענק איך נאָך איצט קלאָר און עס איז כדאי וועגן דעם צו שרייבן אין יזכור־בוך: ווען מיט עטלעכע וואכן שפּעטער האָט באַזוכט סאָסנאָוויץ דער טרויעריק באַרימטער גלח טשעטשאַק, אַרויסטרעטנדיק מיט אַן עפנטלעכן רעפעראַט, האָב איך געוואַרנט די געהעריקע אינסטאַנצן אין אַן אַרטיקל וועגן די קאָנסעקווענצן וואָס עס קען אַרויסקומען פון אָט דעם רעפעראַט, וואַרענענדיק גלייכצייטיק די מאַכט־אָרגאַנען, אויב זי וועט באַצייטנס נישט אָננעמען די געהעריקע פאָרזיכטס־שריט.

איצט, געפינענדיק זיך אין הויז מאַנדזשעווער 26, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם עפּיזאָד און מיט איראָניע באַמערקט: גלח טשעטשאַק האָט אָנגעהויבן פאַרזייען די שנאה, ער האָט די מלאכה אָנגעהויבן און די איבריקע טשעטשאַקס פון איין זייט און די דייטשע רוצחים פון דער אנדערער זייט האָבן די מלאכה פאַרענדיקט.

דריי טעג, פול מיט זכרונות און איבערלעבונגען, האָב איך דאַמאָלס פאַרבראַכט אין סאָסנאָוויץ צוריקקומענדיק אין מיליטער האָט נישט לאַנג געדויערט און איך בין דעמאָביליזירט געוואָרן.

צוריקקומענדיק קיין סאָסנאָוויץ האָב איך זיך ווידער אריינגעוואָרפן אין אימפּעט פון כלל־טוערישער אַרבעט, זייענדיק טעטיק דאָסמאָל אין דער „מזרחי"־פּאַרטיי, צוגעהאָלפן מיט ראַט און טאַט די צוריקגעקומענע עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

דעם 18טן פעברואַר 1948 האָב איך פאַרלאָזט סאָסנאָוויץ און צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע אָנגעהויבן בויען אונדזער לעבן אין מדינת־ישראל.

אָבער אויך דאָ האָב איך זיך באַמיט אָנצוהאַלטן און אָנצוקניפּן ווייטער דעם קאָנטאַקט מיט די געוועזענע סאָסנאָווצער יידן און אין אַ געוויסער מאָס איז עס מיר געלונגען, און איך בין שטאָלץ דערמיט וואָס אויף אַזאַ אופן קען טיילווייז פאַרגעזעצט ווערן דער המשך פון אַמאָליקן גלאָררייכן סאָסנאָווצער יידנטום.

ירחמיאל שולקלאַפּער

אין גהינום

געקומען בין איך צו מיין משפחה אין פּאַריז אין יאָר 1937, יונג און פול מיט ברען, אָנגעזאַפּט מיט שטרעבונגען און אידעאַלן. אַ דערצויגענער אין אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אויך דאָ זענען געווען אַזעלכע ווי איך, וואָס האָבן נישט געגלויבט, אַז אפילו דאָס פרייע פּאַריז, איז די לעצטע סטאַציע פאַר אונדז יידן.

אונדזער פּאַרטיי „פרייהייט־פּועלי־ציון" האָט געהאַט אַ ברייט פעלד פון אַרבעט און חלוצישע דערציונג, ממשיך געווען דעם וועג פון אזא „עיר ואם בישראל" ווי סאָסנאָוויץ, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע טיפע וואָרצלען פון ארבעטער־ציוניזם.

אזוי האָט מיך געפונען דאָס יאָר 1939, אין סאַמע ברען פון דער מלחמה קעגן די נאַציס און פאַרבינדן זיך מיט דער רעזיסטאַנס־באַוועגונג „מעדז׳ס״ וואָס פירט אָן צו יענער צייט מיט דער אונטערערדישער אַרבעט. דער וויכטיקסטער טייל פון איר אַרבעט איז געווען צו באַזאָרגן מיט אַרישע פּאַפּירן קודם כל פאַר דער יוגנט, העלפן איר אַרויסקריגן זיך איבער די גרענעצן, קיין שווייץ, שפּאַניע און אין געוויסע פאַלן אויך דערגרייכט ביז צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל, ווען מען האָט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט אין דער צאָל פון 1000 מאַן פון דעם לאַגער זימערזאַלץ (פראַנקרייך) פאַרלאָדנט דורך די נאַציס אין וואַגאָנען, אין וועלכע עס האָט זיך שוין געפונען אַ גרויסע צאָל קינדער, די רעזיסטאַנס האָט דאַן באַוויזן, ביי דער מיטהילף פון דעם סימפּאַטישן גייסטלעכן פון די חסידי אומות העולם, לאַבע גלאַסבערג, אַרויסרייסן אַ פּאָר צענדליק פון די נעגל פון טויט. מיר האָבן זיי גלייך אויסבאַהאַלטן אין דער געגנט פון ליאָן, צווישן דער דאָרפישער באַפעל־קערונג.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן אַז גלייך אויף צומאָרגנס ווען דער אומגליקלעכער טראַנספּאָרט האָט דערגרייכט דאָס אוישוויצער גיהנום האָבן די מלאכי חבלה פעסט־געשטעלט, אַז די צאָל קינדער קרבנות שטימט נישט, זיי האָבן גלייך אַלאַרמירט אין ליאָן און די געסטאַפּאָ האָט גלייך באַלאַגערט דעם לאָקאַל פון דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן, אַרעסטירט זעקס און אַכציק יידישער מענער, פרויען און קינדער, און זיי גלייך אַוועקגעשיקט קיין דראַנסי. אויך איך בין געווען צווישן זיי. פון דער דערמאָנטער צאָל זענען נאָר דריי געבליבן ביים לעבן.

אין דראַנסי זענען מיר געבליבן אַ קורצע צייט. מען האָט אונדז אַלס יידן אַוועקגעשיקט קיין בירקענאַו־אוישוויץ.

דערמאָנט זיך מיר אַן אויסטערלישע מעשה, וואָס האָט מיר ביז היינט צו טאָג קיין מנוחה נישט געגעבן. זייענדיק אין בוכענוואַלדער לאַגער האָט זיך אין אונדזער בלאָק געפונען אַ שווער־קראַנקער ייד מיט זיין זון, אונגאַרישע. לויט די געזעצן פון נאַצישן לאַגער יושר, האָט יעדער געמוזט אָפּנעמען זיין ביסל בידנע שפּייז מיט אייגענע הענט. אין אַ באַשטימטן טאָג ווען דער פאָטער האָט ממש געפּאָכעט מיט דער נשמה, האָט דער זון גענומען דאָס צעטל און געגאַנגען אין באַראַק, ווו מען האָט פאַרטיילט דאָס עסן, אָבער מיט דעם ביסל זופּ איז אים אָנגעקומען שווער, ווייל מען האָט געטיילט פאַר דריי אין איין מענאַשקע. אזוי אַרום אז קיין טראָפּן זופּ איז שוין פאר דעם פאָטער נישט געבליבן. אבער פאַרדאָס האָט ער מיטגעבראַכט די גאַנצע פּאָרציע ברויט. ווען ער איז דערשינען מיט דעם פּיצל ברויט האָט שוין דער פאָטער געשלאָסן די אויגן אויף אייביק. איך האָב אים געהאָלפן אַרויסטראָגן דעם פאָטער

אין דרויסן, מיר האָבן אים אַרויפגעלייגט אויף א שטויס מתים וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון א מעת־לעת. געזאַמלט האָט מען די טויטע פיר און צוואַנציק שעה ווייל די צאָל האָט געמוזט יעדן טאָג פּינקטלעך שטימען, סיי פון די טויטע און סיי פון די לעבעדיקע. דער זון האָט אינדערשטיל אָפּגעזאָגט קדיש מיט אַ דערשטיקט קול. צופעליק גייט פאַרביי אַ בלאָק עלטסטער און מיט דער גאַנצער נאַצישער גראָבקייט פרעגט ער אים וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און ער ענטפערט אים פשוט: „דאָס באַוויין איך מיין פאָטער וואָס ליגט דאָ אין דעם שטויס און וועט מיט די אַלע אַוועק אין די פלאַמען״.

אַ טייוולאָנישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם נאַצי־פּרצוף און דערביי האָט ער אים עטלעכע מאָל דער־לאַנגט מיט זיין פּאַלקע, זאָגנדיק: „האָסטו, שווייַן דו איינער, האָסט איבערהויפּט נישט געהאַט דאָס רעכט צו זיין מיט דיין פאָטער צוזאַמען, דאָך קומסטו אָן מיט אַ לייכטער שטראָף״.

נאָך דעם אויסטערלישן פאַל האָט זיך דער 20 יאָריקער בחור אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. דאָס פּנים צעקלאַפּט, דער קאָפּ פאַרזונקען אין צער און אויטאָמאַטיש אַריינגעש־טעקט די האַנט אין בוזעם, אַרויסגעצויגן דאָס ברויט, וואָס דער פאָטער האָט נישט באַוויזן צו דערעסן און ער האָט מיט ציטערדיקע הענט געשטופּט דאָס ברויט אין שטענדיק־הונגעריקן מויל.

ביז היינט טראַכט איך פון דער מאָדנער אויסטערלישער ירושה וואָס זיין פאָטער האָט אים געלאָזט. דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, די איינציקע ירושה פון זיין פאָטער, האָט ער אין זיין אבלות־מאָלצייט אויפגעגעסן...

איך שעפּ אַרויס ווידער פון מיינע דערמאָנונגען אַ פאַל, וואָס האָט געקאָנט זיין פאַר מיר גאָר טראַגיש. אָנקומענדיק פון פראַנקרייך, נאָך אַ שווערן ליידנסוועג קיין בירקענאַו, האָט מען אונדז געפרעגט, צי ס׳איז פאַראַן צווישן אונדז אַ מעכאַניקער. היות ווי דאָס איז געווען מיין ערשטער באַרוף אין מיין אַלטער היים האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דעם און גלייך זיך געמאָלדן. מען האָט מיך גלייך אַוועק־געפירט אין אַ וואַרשטאַט, אָבער קיינער האָט מיך דאָרט נישט אויפגענומען, און מען האָט מיר נאָך עטלעכע שעה צוריקגעפירט פון וואַנען מען האָט מיך געבראַכט אין דעם זעלבן לאַגער.

אָבער צו מיין איבעראַשונג האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע יונגע דעפּאָרטירטע, אויסגעפּוצטע אין גוטע מלבושים, אין לעדערנע קורטקעס. זיי האָבן צופרידענע מאַרשירט, ווי נאָך אַ גרויס געווינס. זיי זענען געווען אין מיין עלטער. אין דעם מאָמענט האָב איך געהאַט עגמת נפש פון מיין לא יצלח־דיקייט, וואָס איך האָב זיך געשטופּט ווערן אַ מעכאַניקער און אויסגעמיטן אַזאַ גוטע געלעגנהייט צו זיין צווישן זיי.

דאָס איז געווען מיין ערשטער רעפלעקס. אנשטאט צו דער אויסגעפוצטער געזעלשאַפט האָט מען מיך גאָר צו־געטיילט צו אַ קאַראַנטין בלאָק, ווו עס האָבן זיך געפונען עלטערע און צעבראָכענע מענטשן יעדן טאָג האָט מען ארויס־געטראָגן צענדליקער טויטע.

נאָך אַ געוויסע צייט האָט מען מיך אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ. דאָן האָב איך זיך ערשט דערוווסט וועגן דעם ביטערן גורל פון אָט די יונגע, וואָס איך האָט געגאַרט צו זיין צוזאַמען מיט זיי. דער אוניפארם, די לעדערנע מלבושים זענען געווען באשטימט פאר דער גרויליקער „זאנדער קאָמאנדע", וואָס האָט געדארפט באדינען דאָס גיהנום אליין, פשוט הייצן די אויוונס אין קרעמאטאָריום. איך בין על פי נס ניצל געוואָרן פון דעם דורך דעם צופאַל, וואָס איך האָב זיך געמאָלדן אלס מעכאניקער, און אפשר אַדאַנק נאָך אַזעלכע צופאלן בין איך ניצל געוואָרן און לעבן געבליבן.

און ווידער אַ פאַל, וואָס דאָס איז ממש אַ נס, מיר האָבן זיך געפונען אין אַ בלאָק אין אוישוויץ, ווו מיר זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ פארהעלטנישמעסיק לייכטער אַרבעט, לויט די דאָרטיקע באַדינגונגען, דערפאַר אָבער האָבן אונדז דער בלאָק־עלטסטער און זיינע שמשים געגעבן צו פילען אונדזער לייכטער לעבן משטיינס־געזאָגט, מיט געפערלעכע מאָראַלישע ליידן און פארביטערט דאָס אָרעמע ביסל לעבן אויף שריט און טריט.

אין אַ באַשטימטן טאָג האָט מען אונדז געהייסן אויס־שטעלן צום אפעל בכדי דורכצופירן אַ גרינטלעכע סעלעקציע, און אַלע קראנקע און שוואַכע מוזן פאַרשווונדן, ווייל מען מוז מאַכן פלאַץ פאַר נייע טראַנספּאָרטן, וואָס דאַרפן אָנקומען.

די סעלעקציע איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ דייטשן דאָקטאָר. מיין אכזריותדיקער בלאָק־עלטסטער האָט מיך צוגעשטעלט צו די קראנקע אין מיין ריי, ווען איך בין אָנגעקומען צום דאָקטאָר האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר, מיך באַטראכט און אָנגעהויבן ווילד שרייען, ווי אזוי איך קום דאָ אַהער, ווען איך טויג נאָך צו דער ארבעט, איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז איך ווייס נישט פאַרוואָס מיין בלאָק־עלטסטער האָט מיך דאָ אַריינגעשטעלט.

ער האָט גלייך גערופן דעם בלאָק עלטסטן, דערלאנגט אים געזונטע פעטש און געזידלט: „אַ געזונטן און ארבעטס־פעאיקן מעטש שטעלסטו צו דאָ אַהער. אַ וועק מיט אים. מען האָט מיך צוגענומען און צוריקגעפירט אין מיין בלאָק.

געוווסט האָב איך אָבער, אַז מיין בלאָק־עלטסטער, דער סאדיסט, וועט מיר זיין חרפה נישט פאַרשווייגן. חברים און פריינט האָבן מיר געהאָלפן אויסבאהאלטן זיך און אריינבאַקומען זיך אין אַן אַנדערן בלאָק.

אוי, ווי גוט איז געווען אין דעם ביטערן מצב צו דערזען אַ ליכטיקע מינוט פון מענטשלעכער סאָלידאריטעט, דאָס וואָס איז אַ צופאַל זעט מיר דאָך אויס ווי אַ נס, וואָס איך בין דאָן פאַרבליבן ביים לעבן.

אין דעם לעצטן בלאָק בין איך לאַנג נישט פאַרבליבן. איך בין איבערגעשיקט געוואָרן פון דאנען קיין בונא־מאנאָוויץ, און דאָרט בין איך שוין פאַרבליבן ביז צום טראגישן טויטן מארש.

דער פאל קין

ווי אַזוי עס זענען פארקריפלט געוואָרן די מענשלעכע משפחה־באציאונגען אפילו צווישן די נאָענטסטע מענטשן, וואָס האָבן ביי געוויסע באַדינגונגען ארויסגעוויזן רחמים, קאָן מען זען פון דעם אויסטערלישן פאל, וואָס אפשר אַ פרויד וואָלט דאָס געקאָנט פונאנדערשיפרירן. מיר אָבער שטייט דער פאל ווי א קין־צייכן שטענדיק פאַר מיינע אויגן.

בעת דער דעפארטאציע פון פראנקרייך האָט זיך מיט מיר געפונען אַ ייד אין די דרייסיקער יאָרן אַן אסטמע־ליידנדער, נאָך אזויפיל הונגערן און שוידערלעכע היגיענישע באַדינגונגען האָט זיין מצב זיך שרעקליך פאַרערגערט. מיט ניסים האָט ממש דער מענטש דערגרייכט בירקענאו.

אַנקומענדיק אין צוגעטיילטן בלאָק, האָט צופעליק דער מענטש אָנגעטראָפן אויף זיינעם אַ לייבליכן קוזין, אַ בלאָק עלטסטן, געוואָלט ביי אים בעטן עפעס עסן. אָבער מיט דעם אנדערן צעקושט זיך. דער קוזין האָט אים גוט געגערט, צוגעטיילט גרעסערע פאָרציעס עסן און דער חולה האָט זיך געשטעלט אויף די פיס.

אין אַפאָר טאָג שפעטער, ווען מען האָט זיי צעטיילט, איז געקומען דער געוועזענער חולה זען זיין קוזין, דעם בלאָק אלטסטן, געוואָלט ביי אים בעטן עפעס עסן. אָבער דער קוזין איז צו אים צוגעשפרונגען, ווי ער וואָלט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט אים און מיט שרעקלעכע רציחה געפרעגט:

„פרעסן ווילסטו ?"

ער האָט אים באשטראָפט מיט פינף און צוואנציק שמיץ און דערנאַך געלאָזט אים ליגן אַ טויטן.

א מאָרד דורך אַן אייגענעם לייבלעכן קוזין, וואָס האָט אים געהאָדעוועט, ארויסגעוויזן מיטלייד, און אַ ביסל שפע־טער אויפגעשטאנען אזוי ווי קין און אים דערהארגעט.

יאָ שווער מיר היינט פאָרשטעלן זיך אז אזעלכעס האָט פאַסירט אין די מענטשלעכע געפאלנקייט פון אונדזערע אייגענע האָט גענידערט אסאך מאָל צו די נידריקסטע שטאפלען.

ווי ווייט עס איז געלונגען אין געוויסע טרויעריקע פאלן שוואכע נאטורן די נאציס דערנידעריקן און דעגענעדירן דאָס געפיל פון מענטש צו מענטש. ווען איך קוק זיך צו דעם קנויל פון טראגישע געשעענישן אין מיין איצטיקן לעבן הויב איך אָן באגרייפן ווי טייער דארף אונדז זיין דער געזונטער בוי פון פאָלק. פאראנקערט אין זיין רומפולן היסטארישן עבר אויף אייגענער זיכערער ערד ווו דער ייד זאָל זיין דער הערשערר פון זיין אייגענעם גורל.

ד״ר שמואל מיטלמאַן — חולון

אַ דאָקטאָר אין די מחנות

דריי זענען מיר געווען דאָקטוירים אין דאָמבראָווא גורניצ׳א פאַר דער מלחמה מיין פאָטער איז געווען אַ פעלדשער. איך האָב זיך פאַרפולקאָמט אין דעם באַרוף און האָב שטודירט מעדיצין, מיין סטודיום האָב איך געענדיקט אין קראָקאָוו און פּראַקטיצירט אין מיין געבורטס־אָרט, ווי עס האָבן געלעבט אַרום 6000 יידן, דריי יידישע דאָקטוירים געווען ביי אונדז ד״ר האַניגספעלד, שמידעל און איך.

נישט געווען קיין באַזונדערע פאַרטיילונג צווישן די פּאַציענטן וואָס האָבן געניטיקט זיך אין הילף. דאָס איז מער געווען פערזענלעך פאַרטרויען אַזוי אַז פּוילישע דאָקטוירים האָבן געהיילט יידן, און אומגעקערט, יידישע האָבן געהיילט פּאָלאַקן, נישט יידן.

גאַנץ שלעזיען צו וועלכער אויך דאָמבראָוואָ האָט געהערט איז אין יאָר 1940 איינגעשלאָסן געוואָרן אין רייך. פון דאַמאָלס אָן האָבן מיר אָנגעהויבן פילן די רעפּרעסיעס פון די נאַצים. מיט אַלע דערדריקענדיקע איינצלהייטן ווי דעם אָרעם באַנד אויף דער האַנד מיט מגן דוד, און דערנאָך צוואַנגס אַרבעט וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם כאַפּן יידן אין די גאַסן, דערנאָך האָט די צוואַנגס־אַרבעט רעגולירט דער יידנראַט.

ד״ר האָניגספעלד איז אַוועק גלייך באַם אָנפאַנג, איך און ד״ר שמיגעל זענען פאַרבליבן אויף דעם אָרט. מיר האָבן באַקומען באַזונדערע אויסווייזצייכנס אין אַ פיערעקיקן פאָרמאַט מיט פאָלגענדן אינהאַלט:

ד״ר מיטלמאַן שמואל (ישראל)

בארעכטיק נאָר באַהאַנדלען יידישע פּאַציענטן. אָט אַזוי זענען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך אַ נאָמען פון די נאַציס, די מענער ישראל און די פרויען שרה. בכדי מיר זאָלן קאָנען דורך די אַרישע באַפעלקערונג לייכט דערקאָנט ווערן.

פון מאָל צו מאָל איז קלענער געוואָרן די יידישע באַפעלקערונג דורך די רעפּרעסיעס וואָס האָבן זיך געשיט אויפן יידישן לעבן און פאַראַרעמט איז געוואָרן די באַ־פעלקערונג. אונדז איז נישט מער געבליבן נאָר ווערן אָנגעשטעלטע אין די דורך דעם יידנראַט אָנגעפירטע אַמבו־לאַטאָריעס צו אַמטירן.

עטלעכע פלעגע שוועסטער זענען אונדז אין דער אַרבעט באַהילפיק געוואָרן. אויך די שוועסטערן זענען נאָכהער קיין אוישוויץ אַוועק, מיט דעם אויסנאַם פון די כירורגישע אָפּטיילונג אין יידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ האָבן מיר געהיילט אַלע קראַנקהייטן, וועלכע קאָנען באַ־האַנדלט ווערן אין אַמבולאַטאָריע. די מכשירים האָבן מיר מיטגעבראַכט פון אונדזערע פּריוואַטע קאַבינעטן.

לויט דעם באַפעל פון דער נאַצי מאַכט איז די צענטראַלע פון די יידן־ראַטן געווען אין סאָסנאָוויץ דאָרט האָט געשאַלטיקט און געוועלטיקט דער באַקאַנטער מאַניעק מערין.

דאָמבראָווע איז געווען נאָר אַ אָפּטיילונג, די אָנגעש־טעלטע האָבן זיך גאַנץ אָפט געביטן.

אַ געוויסע צייט האָט אַמטירט באַרנשטיין, עס האָט אָבער געהערשט אַ כלל, אַז פון די פריערדיקע קהלה לייט טאָר קיינער נישט זיין.

אין יאָר 1941 באַזעצט זיך אין דאָמבראָווע אַ פּוילישער דאָקטאָר, ליידער איז מיר זיין נאָמען אַרויס פון געדאַנק און ער האָט חשק באַקומען צו ירשה׳נען מיין דירה. דאָס איז אים ערשט געלינגען ווען אַלע זענען איבערגעזידלט געוואָרן אין געטאָ. דער פּוילישער קאָלעגע איז אין דעם פאַל געווען ווי מען זעט ווי זיינע הערן די דייטשן.

גלייכצייטיק מיט דעם שאַפן דעם געטאָ, איז אויך אַריבער די פּאָסט און טעלעפאָן אָפּטיילונג, אויף דערמיט האָט דער פּוילישער דאָקטאָר נישט געוואָלט שלום מאַכן אין האָט מיך פאַרמסרט אין דער פּאָליציי און האָט געהאַט אפילו די חוצפה צו קומען אין מיין וווינונג מיט אַ פּאָליציסט און מיט אַ פּאָסטבעאַמטן נעמען מיין טעלעפאָן אַפּאַראַט, הגם איך האָב שוין נישט געהאַט נייטיק מיין טעלעפאָן. האָב איך נישט געוואָלט אַז דאָס זאָל אים אָנקומען אַזוי לייכט אין דער טעלעפאָן איז דערווייל געבליבן ביי מיר.

אין יאָר 1942 בין איך גערופן געוואָרן צום סאָסנאָוויצער יידנראַט, ווי איך בין אין דער באַגלייטונג פון מערין, דעם ראש פון יידנראַט געקומען צום אויבערבאַנדשטורמפירער לינדנער. ער איז געווען דער לייטער פון אַ בוי־געזעל־שאַפט וואָס האָבן יידישע אַרבעטער (צו שקלאַפן אַרבעט) פאַרשיקט ביז צום רוסישן פראָנט.

לינדנער רעדט צו מיר גלייך אויף לשון „דו״, איך בין נאָך צו דעם נישט געווען געוווינט, און ער זאָגט מיר איך האָב קראַנקע אויף גריפּע אין אַננאַ־בערג די מוזן נאָך היינט אַרויסגעשיקט ווערן, פאָרסט דו אַהין מיט באַגלייטונג. ווייסט דו אָבער וואָס עס הייסט אוישוויץ ?

מיר איז ביטער געוואָרן אויף מיין האַרצן ווייל איך האָב געוווסט וואָס דאָס איז אוישוויץ, איך האָב אָבער קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט, נאָר פאָלגן. עס איז מיר נאָך דערלויבט געוואָרן צו פאָרן אַהיים און אַ קליינעם קאָפער מיט וועש מיטנעמען. ווען איך בין ווידער געקומען האָב איך געדאַרפט אין דער באַגלייטונג פון אַ־ס״ס מאַן גיין צו דער באַן. אינטערוועגס האָב איך נאָך עפּעס טראַגיש־קאָמישעס איבערגעלעבט. ווען איך בין צו דער

באַן אין דער באַגלייטונג דורך די גאסן צום באַנהאָף געגאנגען איז געגאנגען אַ ייד, און ער האָט אויפגעפאָדערט דעם ייד ער זאָל מיין האנט־געפּאַק טראָגן אין „מיטגוט" אויפגעבן, איך האָב אויך דאָס געמוזט פאָלגן.

אין דער באַן האָט דער ס"ס מאַן אַ לערן קופּע געזיכט. ווען מיר זענען געבליבן זעלבערצווייי האָט ער זיך צו מיר געווענדעט אין פּויליש „יאָ פּאנא זנאם", מיר זענען צוזאַמען אין דער שולע אין דאָמבראָווע געגאַנגען אין דער בערגמאַן־שולע. זאָגט ער צו מיר, ער איז געווען פון שלעזיען פון מיין היים, דעריבער האָט זיך צו מיר אזוי באַנומען.

באַלד נאָך דעם פאַרלאָזן די באַן האָבן מיר געדאַרפט אין אַ אויטאָבוס אריין, דער „שאָפער" האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט אַ יידן מיט אַ מגן דוד אריינלאָזאָן, ווען אפילו אין דער באגלייטונג פון אַ ס"ס מאַן — ווי ער האָט דאָס פאַ־לאַנגט האָט ער מיך איבערגעלאָזט באַזאָרגט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש און מיר זענען געפאָרן.

אזוי קומען אָן אין אנאבערג, דאָרט האָבן מיר אויך פון אַ שלעזישן וואכמאַן אַ סעפּאראַטן צימער באקומען.

איך האָב אויפגעציטערט, ווען איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף מיינע פּאַציענטן, זיי זענען אָנגעקומען גרופּן פון 50 ביז 100 מאַן, אַלע יונגע יידישע יינגלעך, אויסגעמאַטערט מיט הויכען פיבער וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס, די האָבן דאָס געדאַרפט צו צוואַנגס־ארבעט געשיקט ווערן, ביז לענינגראַד פראָנט.

מען האָט נישט געדאַרפט קיין גרונטלעכע דיאַגנאָז, בכדי פעסטצושטעלן אַז זיי האָבן פלעק טיפוס. צו הילף האָב איך קיינעם נישט געהאַט אויסער אַ געוויסן לייטנער, די לאַגע איז געווען האָפנונגסלאָז. איך האָב צום גליק דעם קאָפּ נישט פאַרלאָרן, איך האָב געשיקט לייטנערן גלייך קיין סאָסנאָוויץ, פאַרבינד מיך מיט דעם ד"ר ליבערמאַן לייטער פון יידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ און בעט הילף. איך האָב מיך אויך אַנטשלאָסן דעם לאַגערפירער אַ מיטגליד פון דער ארגאניזאַציע „טאָדט" דעם אמת צו זאָגן, אַז עס האַנדלט זיך אין פלעק־טיפוס. נישט וועגן גריפּע, דאָס לאַגער ווערט גלייך מיט שטעכלדראָט ארומגענומען. פון סאָסנאָוויצער יודנראַט האָב איך באַקומען צוגעשיקט פלעג־שוועסטער, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם באַצירקס ראַט פון אפּעלן האָט מען געמאַכט אַ בלוט־אונטערזוכונג אין בויטן, אַזוי האָט מען מיין דיאַגנאָזע באַשטעטיקט, דאָס האָט אָבער נישט לייכטער געמאַכט, די מעדיצינישע היילונג מיינע. איך האָב געמוזט זאָרגן פאַר דער אנטלויזונג און דעזינפעקציע דאָ האָב איך באַקומען הילף אָבער וואָס טו איך מיט די קראַנקע? ביי אַזאַ הויכן פיבער איז באַוווּסט אויך פאַראַן אַ שרעקלעכער דאָרשט, צוגרייטן טיי איז קיין רייד נישט געווען, איך האָב זיך באַמיט מען זאָל מינדנסטנס וואַסער פאַרטיילן אין עמערס אין אַלע צימערן. די קראַנקע

האָבן זיך געמוזט אַליין באַדינען און העלפן זיך. די שטאַרקערע האָבן די שוואַכערע געהאָלפן.

איצטער הויבט זיך אָן די הויפּט פראַגע, ווי נעמט מען מעדיקאמענטן, וואָס ווערן אין גרויסע מענגעס געברויכט. הגם דער יודנראַט האָט מיר מיט געלט געהאָלפן. אָבער פאַר דעם געלט האָב איך גאָרנישט געקאָנט קויפן, ווייל איך בין אינטער שטעכל־דראָט געזעסן דאָך איז מיר געלינגען די דערלויבניש צו באַקומען אין אַן אָרטיקע אַפּטייק צו גיין, דער אַפּטייקער האָט אויף מיר אופגעמאַכט גרויסע אויגן, ווען איך האָב פאַרלאַנגט אַזאַ מענגע פון מעדיקאמענטן. דערביי האָב איך געהאַט מזל, צופעליק האָט זיך דאָרט געפונען אַ סאָלדאָט פון דעם אָרטיקן מיליטער שפּיטאָל, אין האָט פאַרגעלייגט דעם אַפּטייקער ער זאָל מיר היינט געבן די מעדיקאַמענטן און ער וועט נעמען אַצווייט מאָל. אזוי האָב איך געקאָנט די קראַנקע העלפן.

איינמאָל איז אפילו פון אפּאלן העכערע באַזוך געקומען, אָבער נישט ווייטער ווי ביז צו די שטעכלדראָט, מען האָט מיך גערופן פרעגן אויף די קראַנקע און מיט וואָס מען קאָן מיר העלפן.

טראָץ אַלע שוועריקייטן איז מיר געלונגען אין פאַר־לויף פון 4 וואָכן די קראַנקע אויף די פיס צו שטעלן. צוועלף פון זיי זענעןליידער געשטאָרבן. זיי זענען געקומען צו „קבר ישראל". מיט דער גאַנצער טרויער צערעמאָניע אויף דעם דערנעבענדיקן בית־עולם פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע זענען פריער אין דעם לאַגער געווען און דאָרט צו קבורה געקומען.

צום סוף איז געקומען אַ דעלעגירטער פון לינדנער, מאַכט אַן אַפּעל פון אַלע געזונט געוואָרענע, הייסט זיי אויפמאַרשירן אויף דעם הויף און ער זאָגט דערביי „נו יאָ" איך בין צופרידן, אָבער דו בלייבסט ביי מיר. אין דאַן, ווערן די יונגע לייט ווידער גרופּענווייז צו דער ארבעט צוריקגעפירט.

אין אַ באַשטימטען טאָג האָט מיך צוגענומען אַ ס"ס מאַן קיין סאָסנאָוויץ, פון דאַמאָלס אָן האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין יידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ, אין יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט בין איך אַהיים־געפאָרן.

די ליקווידאציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז מיט שנעלן טעמפּאָ פאָרויס־געגאַנגען, אַ טייל פון זיי האָט לינדנער צוגענומען פאַר זיינע שאַפן און די איבעריקע קיין אוישוויץ. צווישן זיי איז אויך, צו מיין טיפן צער געווען מיין ניינצן יעריקער זון.

דאַן קום אויך איך, מיין פרוי, מיין טאָכטער צו ווערן קיין שראַדולע אויסגעזידעלט, אויך דאָ בין איך געווען טעטיק אין יידישן אמבולאַטאָריום. דאָ איז מיר אויסגעקומען באַ־דינען אַ פאָר הונדערט יידן, ווייל די איבעריקע זענען שוין נישט געווען מער. זיי זענען מיט דער גרויסער אויס־זידלונג פון גאַנצן קוילן ראַיאָן אויסגעזידלט געוואָרן, די וואָס זענען פאַרבליבן זענען געווען באַשעפטיקט אין דעם

שאף פון בראון. דער דייטש האָט אַ גרויסע ליבע געהאַט צו ברילִיאַנטן, ווייסט אויס אַז דאָס איז געווען די סיבה פון זיין „משטיינס געזאָגט" ליבעראַלע באַציאונג צו יידן. אָבער דאָס האָט אויך נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דעם 13־טן יאַנואַר איז דאָס אַמבולאַטאָריום ענטגילטיג ליקווידירט געוואָרן. אין אַזוי קום איך מיט מיין משפחה קיין אוישוויץ.

אונדזער טראַנספּאָרט איז נישט געווען קיין גרויסער, אין גאַנצן 400 מאַן. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ האָבן מיר אָנגעטראָפן צוויי ס"ס לייט אין זייערע אוניפאָרמס, אויף דער ראַמפּע, איינער אַ הויף וואַקסיקער אַ מאָגערער מיט אַן ס"ס היטל אין סאָלדאַטן שיך מיט קורצע אויבער מאַנדזשעטן. זיין לענגלעך קלאָס געזיכט האָט פאַרגעשטעלט אַ 30־יעריקן מאַן, וועלכער האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ קרענקלעכן מענטש, זיינע האָר האָב איך ניט געקאָנט זען, ווייל ער האָט זיין היט קיינמאָל ניט אַראָפּגענומען. דאָס איז געווען טהילא. ער איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע. נאָך זיין ווייזפינגער האָט זיך באַוויזן — רעכטס און לינקס, נישט אויסצורעדן אַ וואָרט, דאָס איז געווען דער אורטייל איבער מענטשן „מי יחיה ומי ימות", ווער צום לעבן און ווער צום טויט. דאָס איז געגאַנגען זער שנעל, זעלטן ווען ער האָט נאָך עמיצן צו זיין באַרוף געפרעגט, איך האָב צו די ווייניקע געהערט. אין אַ ריי צו פינף פערזאָן איז מען פאָרויס־געגאַנגען. ווען איך בין אין דער ריי געקומען האָט ער מיר דערפרעגט באַרוף: „דאָקטאָר מעדיצין" ענטפער איך, דאַן זאָגט ער צו מיר „מעלדן זי זיך", עס איז מיר געווען אַ ווונדער וואָס ער רופט מיך זי, אַזוי בין איך געקומען אויף דער רעכטער זייט, ד"ה צו דער גרופע וועלכע ווערן אין לאַגער געשיקט. מער האָט מיך אין דעם מאָמענט דער פאַרשוין נישט אינטערעסירט וואָס זיין נאָמען איז געווען טהילא, מיך האָט אינטערעסירט, וואָס איז געשען מיט מיין משפחה, איך האָב באַמערקט דאָס מיין פרוי און טאָכטער איז צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם ס"ס מאַן העס (נישט ד"ר העס און נישט רודאלף העס) צו דער גרופע יונגע פרויען, דאָס הייסט אַז זיי קומען אין לאַגער, דאָס הייסט אַז זיי לעבן, אַז מיר לעבן נאָך.

פון דעם טראַנספּאָרט זענען 100 געקומען אין לאַגער אַממייסטן יונגע, זיי האָבן זיך געגויטיגט אין יונגע מענטשן, אין דאָקטורים, ווייל עס האָט דאַן געבושעוועט פלעק־טיפוס אין אוישוויץ. נאָך דעם באַקאַנטן באַרימטן באַד, האָט מען באַקומען נייע בגדים... וואָס האָבן אין דער גאַנצער טראַגיש־קייט אַרויסגערופן אַ שמייכל. און מיר האָבן זיך קוים דערקענט איינער דעם צווייטן. נאָך עטלעכע טעג קאַראַנטינע קומט פּלוצלינג לאַגער שפּערע, נאָכדעם בלאָק שפּערע און שליסלעך אויך אַ גרויסע סעלעקציע אין וועלכער 10,000 מענטשן זענען געשיקט געוואָרן אין די גאַזקאַמערן. און ווידער איז עס געווען טהילא, וועלכער האָט אַדורכגעפירט די סעלעקציע. מיר האָבן געמוזט ביז דעם האַלבן גוף נאַקעטע פאַרבייַ־מאַרשירן. ווען מיין ריי איז געקומען האָב איך מיך דערנענטערט צו טהילא, אין דעם אויגנבליק כאַפּט מיך אָן אַ ס"ס מאַן, און וויל מיך שלעפּן אויף דער לינקער זייט, אינסטינקטיוו רעד איך אַרויס איך בין אַרצט, ווייסט אויס טהילא האָט זיך דערמאָנט און ער רופט אויס הויך „שטיינבערג" דאָס איז געווען דער קאַראַנטין דאָקטאָר, אַ ייד, „מאָרגן צו דער אַרבעט" באַפעלט טהילא קורץ.

אַזוי בין איך ווידער געבליבן, און קום אָן קיין בירקענאַו אַרבייטסלאַגער ד', פון אָנהויב בלאָק 29 דערנאָך בלאָק 38 אין אַמבולאַטאָריום נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט ניינצן יאָר מעדיצינישע פּראַקטיק האָב איך געמוזט צום עקזאַמין שטעלן, און דער ד"ר פרעגט מיך ווי אַזוי מען היילט אַן אולקוס. איך האָב אַ קורצע זאַכלעכע תשובה געגעבן. אין אַזוי בליב איך אין בירקענאַו ד"ר געוואָרן, מיין פריִערער איז געווען ד"ר זענקטעללער, אַ פּוילישער דאָקטאָר. ער האָט געשטאַמט פון פּאָזנאַן אין לאַגער האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ ריכטיקער ס"ס מאַן, ער פלעגט דערלאַנגען קלעפּ סאַי די קראַנקע און סאַי די דקטורים. צו די האָב איך אויך געהערט, געשלאָגן האָט ער אָן מינדעסטע סיבה. דערמאָנט זיך אַ פאַל, ער שרייט אויף אַ האָלענדער אין דער פּוילישער שפּראַך, און באַפעלט אים עפּעס, יענער נאַטירלעך פאַרשטייט אים נישט, דעריבער האָט ער אים אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז עמיצער האָט דעם העפטלינג דאָס אויף דייטש איבערזעצט דעם פאַרלאַנג פון דעם רוצחישן פּוילישן דאָקטאָר דינער, איז טאַקע נישט קיין וווּנדער אַז טהילא האָט אַזאַ פאַרשוין אויסגעקליבן, בכדי אַדורכפירן די סעלעקציעס, ער האָט דאָס געמאַכט זייער פּערפעקט.

זענקטעללער האָט געוווינט אין בלאָק 31, דאָרט זענען מיר געווען 8 דאָקטורים, ד"ר ליבערמאַן פון סאָסנאָוויץ, מיין קאָלעגע פון דאָמבראָווע ד"ר שמידעל, ד"ר קרצענעלסאָן פון יתומים הויז אין ביאַליסטאָק, צוזאַמען מיט ד"ר קאַצע־נעלסאָן פון אייזנהויז אין ביאַליסטאָק איין פאַלאַק וואָס איך האָב זיין נאָמען פאַרגעסן. צוזאַמען מיט ד"ר קאַצענעלסאָן האָב איך געגרינדעט צוויי מאָל טעגלעך, פרימאָרגן און אָוונט דאָס אַמבולאַטאָריום. איך בין אויך געווען באַשעפטיקט באַם באַנדאַזשירן.

זענקטעללער איז געבליבן לעבן. אין יאָר 1947 איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר דעם פּוילישן געריכט בכדי אָפּ־געבן דין וחשבון פאַר זיינע מעשים אין אוישוויץ, אויך איך בין געווען אַן עד אין דעם דאָזיקן משפּט.

ווי לעכערלעך זענען געווען זיינע דערקלערונגען ווען ער איז געוואָרן אויסגעפאָרשט, פאַרוואָס ער האָט מיך געשלאָגן, ווען ער שלאָגט מיך נישט האָט ער דערקלערט ציניש וואָלט מיך טהילא אומגעבראַכט. מער האָט ער נישט געקאָנט באַגרינדן זיינע ווילדע מעשים. אַנדערע דאָקטורים האָט ער געמוזט שלאָגן, ווייל זיי האָבן געגנבעט מעדיקאַ־מענטן... אויף דעם גרונד פון די אומזיניקע אַרגומענטן האָט

אים דאָס געריכט באַפרייט, דער פּראָקוראָר איז מיט דעם משפּט נישט געווען צופרידן און האָט אַפּעלירט. אין יאָר 1949, איז ער ווידער געקומען פאַר דעם משפּט, און פאַר מיר איז אומפאַרשטענדלעך, אַז הגם אַלץ איז געווען קעגן זיין באַפרייאונג איז ער ווידער באַפרייט געוואָרן פון יעדער שטראָף...

אין אַ באַשטימטן טאָג, פון וועלכן איך קאָן מיך דעם דאַטום נישט דערמאָנען, בין איך מיט נאָך אַנדערע דאָק־טורים אין אַ בלאָק געשיקט, ווי פינף אָדער זעקס הונדערט קינדער פון פאַרשידענע לענדער האָבן זיך געפינען, זיי זענען געווען אין עלטער פון 8 ביז 10 יאָר, מיר האָבן געוואָלט די קינדער אונטערזוכן אין קראַנקע אַפּזינדערן, אַ 5—6 קינדער האָבן געהאַט הויכן פיבער און אויך אַ אויס־שלאַג, וואָס דאָס האָט אָנגענומען אויף מאַזלען, צום שלוס דערשיינט טהילא און איינער פון די דאָקטורים מעלדעט אים וועגן דער אונטערזוכונג, טהילא באַפוילט דאַן די קינדער אריינגעמען אין אַ אָפּגעזונדערטן אָרט, באַלד קומט אָן אַן אמבולאַנס מיט ס״ס לייט און נעמען די קראַנקע קינדער צום פאַרגאַזן. אונדז האָט מען באַלד צוגענומען און איך האָב זיך נישט דערוווסט וואָס עס איז געשען מיט די איבריקע קינדער.

פון אונדזער אמבולאַטאָריום ווי איך בין געווען טעטיק האָב איך די געלעגנהייט נאָכצופאָלגן די מעשים פון טהילא און מענגעלע, ווי זיי האָבן דורכגעפירט די סעלעקציעס אין ציגיינער לאַגער איסאַ. ווי איך מיין, האָט יעדער איינער פון זיי אומגעבראַכט אַ מיליאָן מענטשן און אויף די 2 רוצחים׳ס געוויסן ליגן 2 מיליאָן קרבנות.

צווישן די לאַגער דאָקטורים האָט מען דערציילט דאָס נאָר איין פּערזאָן איז געווען אין אוישוויץ וועלכע טהילא האָט רעספּעקטירט, דאָס איז געווען אַ יידישער דאַצענט פון פּראַג, ער איז אַמאָל געווען אַ צוהערער פון זיינע פאַר־לעזונגען, מען האָט אים גערופן ווייגבערג אָדער שטיינבערג, ער איז געווען אין ציגיינער־לאַגער.

מענגעלע איז געווען דער שעף איבער טהילא. פון צייט צו צייט איז ער געקומען אין אמבולאַטאָריום אונטער־געפיפן אַ אריע, דורכגעגאַנגען דעם לאָקאַל און נישט אויס־צורעדן אַ וואָרט איז ער אַוועק. איך האָב זיך איבערצייגט אַז ער בעאָבאַכטעט און האָט אונדז אַלע געקענט.

די לעצטע סעלעקציע, וועלכע איך האָב געזען האָט טהילא דעם לעצטן ראש השנה דורכגעפירט, דאַסמאָל האָט ער אויך געזונטע צום פאַרגאַזן געשיקט, פון שרעק האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן, בכדי נישט צו זיין אַנוועזנד ביי דער סעלעקציע. איך האָב דאָך טהילא גוט געקענט, אויף דעם אויפן איז מיר געלונגען ווידער פון טויט אַנטרינען.

ביי דער לעצטער סעלעקציע, וועלכע עס האָט דורכגע־פירט מענגעלע דעם 29.10.1944 האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל מיט נאַקעטע אויבערשטע קערפּער טיילן צו דעם אונטערזוכונג זיך שטעלן. מענגעלע האָט אַלע פּערזענליך אינטערזוכט. ווען איך בין געקומען אין דער ריי זאָגט ער צו מיר „אויסנאַמסווייזע פאַרן זי מיט" איך בין געווען דאַמאָלס זער מאָגער. אינטערעסאַנט איז, אַז מען האָט זיך נאָך גענויטיקט אין דאָקטורים. איך בין ווידער געבליבן מיט ד״ר ליבערמאַן און שמידל צוזאַמען.

די באַגריסונג אין זאַקסהאַוזן איז מיר געבליבן טיף אין געדעכעניש, דאָס איז געווען אוונט ווען מיר זענען דאָרט אָנגעקומען, אין דער באַן האָט מען געהערט אַ דויערענדיקע הינטישע בילעריי, אין דאָס געשריי פון מענטשן. נאָכדעם ווי מען האָט די טיר געעפנט האָט זיך באַוויזן אַ אויסטערלישע בילד, צוויי ס״ס לייט מיט גראָבע פּאַלקיס, האָבן די אויסשטייגענדיקע דערלאַנגט קלעפּ, אין דערביי אונטערגעיאָגט, עס האָט געהייסן אַז מען מוז וואָס שנעלער ארויס, בכדי אויסצומיידן קלעפּ.

דאַן האָב איך געזען אַ שפּאַלער פון ס״ס מענער און הינט, אַזוי ווי די מענטשן זענען אָנגעקומען האָבן די הינט געריסן לעבעדיקע מענטשן פלייש, עס איז מיר היינט שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי איך בין דאַמאָלס ארויס אַ לעבעדיקער. מען האָט פאַרזאַמעלט אייניקע הונדערט יידן אין פּאַלאַקן אין אַ גרויסער האַלע, מיר זענען אָנגעקומען אין דער עראַפּלאַן פאַבריק „פאָן הענקעל" נאָך אַ צוויי וואָכענדיקע קאַראַנטין, טרייבט מען אונדז ווידער צופוס צום לאַגער. נאָך צוויי וואָכן מוזן מיר ווידער דעם פּלאַץ פאַרלאָזן, דעם בלאָק־עלטסטן האָבן געפעלט דריי לעפל, באַקומענדיק קלעפּ האָט ער געזיכט דעם פאַרלוסט פון די דריי לעפל.

אוונט צייט אַמאָל האָט מען אָנגעפילט אַ צוג מיט העפטלינגען, וועלכע מען האָט אויסגערופן לויט אַ ליסטע, אויך איך בין געווען צווישן זיי. דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר געפאָרן אַן אַ טראָפּן וואַסער, קיין ביסן עסן איז נישט געקומען אין מויל, ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין אַ נישט איינגעריכטעטן לאַגער, ווי מיר האָבן זיך דערוווסט, איז דאָס געווען קאָופערינג אין קרייז פון לאַנסבערג, דאָ האָב איך געאַרבעט ביי בויען בונקערס אין ביים אויסלאָדענען פון מעטער לאַנגע אייזנשטאַנגען, שינעס א. אז. וו. ביי אַ שטאַרקער פראָסט אָן קליידונג, עס איז מיר שווער און ביטער געווען, אין קיין וואונדער איז נישט אַז אין אַ באַשטימטן טאָג האָב איך צעקוועטשט צוויי פינגער, די שמערצן זענען געווען אונערטרעגלעך. איך האָב זיך געוואונדעט אין אמבולאַטאָריום ווי צוויי לאַגער שרייבער פון אוישוויץ אין אַ טשעכישער דאָקטאָר אַרבעטן, זיי האָבן מיר געהאָלפן אין האָבן מיך געשיקט אין קראַנקן בלאָק דאָ האָב איך מינדעסטנס אַ ביסל זופּ באַקומען, דער הינגער איז געווען די גאַנצע צייט אונערטרעגלעך, נישט ווייניקער פייניקלעך און נישט צו איבערצוטראָגן, איז געווען די פּלאָג פון די לייז אין דעם בלאָק.

נאָך צוויי וואָכן קומט דאָ ווידער צו אַ סעלעקציע, אינטערוועגס צום זאַמל־פּלאַץ האָט מיר דער הונגער שטאַרק געפייניגט, אָבער שטאַרבן האָב איך נישט געוואָלט. דאַן

האָב איך באַמערקט אַ העפטלינג, וועלכער האַלט אַ רויען קאַרטאָפל אין דער האַנט און שניידט פעניצן פון אים. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר דערפון עפעס געבן און ער האָט נישט אָפּגעזאָגט אין די אייניקע ביס האָבן מיר ווידער געגעבן אַ אונפאַרשטענדלעכע ווידערשטאַנדסקראַפט און לעבנס לוסט, אָבער דער וועג גייט אַלץ באַרג אַרויף, איז מיר שווער אָנגעקומען גיין. צוויי אַחים לצרה האָבן מיך געמוזט אינטערפירן.

ביי דער סעלעקציע בין איך מיט נאָך עטלעכע אין דער זייט געשטעלט, הייסט דאָס אַז מיר זענען געוואָרן צום טויט פאַראורטיילט. און דאָ הער איך ווידער די באַקאַנטע פּראַגע, זענען פאַראַן דאָקטורים, איך האָב מיך תיכּף געמעלדעט און מיט מיר נאָך אַ אונגארישער ייד, איך האָב באַקומען אַ קאָץ, אין דער פּראָסט האָט מען שוין געקאָנט איבערטראָגן.

אין לאַנסבערג בין איך אָנגעקומען אין קראַנקען לאַגער נאָך צוויי טעג, איך האָב געבעטן אַרבעט ביי מיין באַרוף, דאָס איז געוועןביים אפּעל ווען די דאָקטורים זענען אונגעפאָדערט געוואָרן.

אין לאַגער האָב איך געפינען אַ גרופּע פון זעכציק דאָקטורים, וועלכע זענען אַלס בלאָק דאָקטורים טעטיק געווען, אין די צוגעקומענע האָבן געדאַרפט ווערן זייערע געהילפן, אויף דעם אָרט האָט מען זיך געהאָלפן צווישן די דאָקטורים. איך בין אָנגעקומען אין בלאָק 62, דער בלאָק דאָקטאָר איז געווען אַ ייד פון טשעכאָסלאָוואַקיי ד״ר בערגער.

וואָס עס איז געשען קומט מיר פאָר ווי אַ נס, איך האָב באַקומען אַ באָד, ריינע וועש און אַ געשטרייפטן קאַצעט אַנצוג. זופּע האָט מען אונדז צוגעשטעלט לויט די טויטע, דאָס הייסט ממש אַ גן עדן. פון מיין דעק האָב איך זיך נישט געשיידט.

די קראַנקע זענען געווען אין אַ שרעקלעכן מצב. מיינסטנס פאַראייטערט, כּדי זיי צו העלפן האָב איך זיי אָפּראַזירט די האָר ביז צו דער הויט. אַזוי אַרום באַזייטיקט פיל מכות מיט אייטער, דאַן האָב איך די קעפּ געוואַשן וואָס עס האָט זיי אַביסל לינדערונג געבראַכט.

אויף יעדע 50 פּערזאָן שטאַרבן יעדן טאָג פון 2 ביז 3, אָבער אויך איך ווער קראַנק אויף פלעק־טיפוס. איך האָב געלאָזט ד״ר שמידל וויסן דאָס ער זאָל מיך באַזוכן, ווען ער איז געקומען האָב איך אים געבעטן אַספּערין, ער האָט מיר געבראַכט צוויי טאַבלעטן. מער האָט ער נישט געקאָנט.

נאָך צוויי וואָכן שטעל איך זיך ווידער אויף די פיס, און זיך מיין קאָלעגע, איך האָב אים געפינען אין דעם באַראַק פון די אינפעקציע קראַנקהייטן באַוווסטלאַז, אָבער איך האָב אים ליידער מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. ווען איך בין ווידער אויף דעם זאַמעלפּלאַץ געקומען האָב איך איינעם אַ דאָקטאָר געפרעגט אויף דעם ד״ר שמידעל, און ער האָט מיר געזאָגט אַז ד״ר שמידעל איז געשטאָרבן און מיר זאָלן ווידער אויף דעם אלטן פּלאַץ צוריקגעבראַכט ווערן.

מען פלעגט כאַפּן פרויען פאָר קויפן ביי אַ פאָלקס־דויטש אַ ביסל מילך, אַ פּאָר אייער, אַ פּאָר קרטאָפלעס, אָדער גאָר אַ פּאָר ציבעלעס, דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און געדראָט מיט סכנות־נפשות.

אַ געוויסע פרוי האָט באַהאַלטן אין אַ בלומענטאָפּ צוואַנציק דאָלאַר, פלוצים איז דער בלומענטאָפּ אַראָפּגעפאַלן פון אַ פענסטער און האָט זיך צעקלאַפּט. די הויז־וועכטערין, האָט די דאָלאַרן צוגענומען און באַהאַלטן ביי זיך אין אַ קופערט, מאַכנדיק ביי איר אַ רעוויזיע האָט מען געפונען די 20 דאָלאַר. די פרוי האָט דערקלערט דעם אמת, אַז דאָס האָט זי אויפגעהויבן פון דער ערד אויפן הויף, און דאָס איז פון דעם ייד פון ערשטן שטאָק. מער האָט מען נישט געדאַרפט. מען האָט גלייך צוגענומען דעם איינוווינער, אַן אָנגעזעענעם חסידישן ייד. זיין טאָכטער האָט זיך געוואַנדן צו מאַניעק מערין, און דערקלערט אַז זי נעמט אויף זיך דעם חטא בכדי איר פאָטער צו באַפרייען פון ארעסט. זי איז געווען אַ 30־יאָריקע שיינע פרוי און געווען שוואַנגער, אין זעקסטן חודש. מען האָט זי אין תפיסה לאַנג נישט געהאַלטן, זי איז געווען די 27סטע שוואַנגערדיקע פרוי אין אַרעסט. דער יודנראַט האָט אויסגעפוילט, אַז די שוואַנגערדיקע זאָלן זיך געפינען אין שפּיטאָל אונטער דער אויפזיכט פון דער יידישער מיליץ ביז צום געבורט פון זייער קינדער. געווען אין שפּיטאָל אַ ספּעציעל צימער פאַר די דאָזיקע פרויען. נאָך דעם ווי די פרויען האָבן געבוירן די קינדערלעך איז פלוצים אין אַ נאַכט, ווען איך האָב געהאַט דינסט, אַ זייגער איינס, פאַרפאָרן אין שפּיטאָל אַן עלטערער יידישער מיליציאַנט, מיט אַ וואָגן געשפּאַנט מיט צוויי גרויסע פערד. ער האָט אויפגעוועקט אַלע פרויען און געגעבן אַ באַפעל אַלע זאָלן זיך גלייך אָנטאָן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן די געשרייען, געוואַלדן און קולות פון די מאַמעס, וואָס מען האָט צוזאַמען מיט זייערע פּיצלעך קינדער, אַכט אומשולדיקע יידישע עופעלעך, ליכטיקע און שיינע, וואָס זענען נאָר וואָס געקומען אויף דער וועלט, אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ.

און נאָך אַ מעשה מין אַ האָלענדישן ייד, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון לאַגער און אריינבאַקומען זיך אין יידישן שפּיטאָל, מען האָט אים גערופן נתן פלאָטשקאַ, אַ הויכער דיקער מאַן אַ רייכער ייד פון אמסטערדאם מיר האָבן זיך מיט אים געהאַלטן נאָנט. אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען אין שפּיטאָל, יעדע וואָך האָט ער באַקומען צוגעשיקט פּאַקעטן מיט שפּייז און אויך קליידונג. איינמאָל איז געקומען צו אים אַ האָלענדישער קריסט און האָט אים געוואָלט אַרויסנעמען פון שפּיטאָל, אָבער צוליב זיין טיפּיש יידישן אויסזען האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן און דער שליח איז צוריק מיט גאָרנישט, נתן פלאַטשקאַ איז געווען אין שפּיטאָל ביז צו דער ליקווידאַציע און געגאַנגען מיט אַלע אין געטאָ שראָדולע.

עס קומט אָן דאָס יאָר 1943. מאַניעק מערין באַזעצט די יידן אין געטאָ שראָדולע. באַלד פון אָנהויב יאָר 1943. אַ גאַנצן ווינטער האָט זיך דאָס געצויגן און עס האָט געדויערט ביז פסח ביז אַלע זענען אריבער, דאָס שפּיטאָל האָט מען איבערגעפירט ערשט פורים צייט. איך בין ערשט אריבער האַרט פאַר פסח. דעם סדר האָבן מיר אָפּגעריכט אין געטאָ. איך האָב באַקומען צוגעטיילט אַ צימער מיט נאָך צוויי משפחות. די שטוב האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק.

דאָס געטאָ איז דאַן געווען באַוואַכט דורך יידישע מיליץ.



האשלייה: אורזים את חפצי הבית להעברה

די אילוזיע: מען פאַקט זיך צום איבערפירן

מען האָט זיך געקאָנט באַוועגן ווו מען האָט געוואָלט. דאָס יידישע שפּיטאָל איז געוואָרן ארייַנגשליידערט אין אַ פּראָסט הויז פון עטלעכע צימערן. די קראַנקע זענען געווען מערסטנס נאָך אָפּעראַציעס און אַמפּוטאַציעס. דער פּוילישער דאָקטאָר סטאָק איז געקומען יעדן טאָג, היילן און העלפן, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער איז געווען אַגוטער כירורג און געפינט זיך נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג אין סאָסנאָוויצע. ער האָט געראַטעוועט אַסאַך מענטשן און אַסך מאָל אייַנגעשטעלט זיין אייגן לעבן, ברענגנדיק הילף דורך וועגן און אומוועגן.

די מיליץ האָט געהיטן, אַז די יידן זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. ביי די רעלסן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו שיינס ווערק, האָבן די נאַציס גוט אכטינג געגעבן, יעדן טאָג האָט מען אונטער באַוואַכונג געפירט מענטשן צו דער ארבעט אויסער דעם געטאָ. אויך מייַנע צוויי עלטערע זין זענען געווען באַשעפטיקט אין „סקאָפּעקס״ פאבריק פאַר מעבל. זייער עלטער איז געווען 13 און 14 יאָר. מייַן 17 יאָריקער זון האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אין אַ לאַגער אין דייטשלאַנד, בלויז מייַן יונגסטער זון פון 12 יאָר איז געבליבן אין דער היים.

אין אָט דער כלומרשט רואיקער צייַט, פון פסח ביז נאָך שבועות, זענען געווען „לאַפּאַנקעס״, די יונגערע האָט מען געשיקט אין די לאַגערס און די עלטערע קיין אוישוויץ. דער זאַמלפּונקט פון די געכאַפּטע איז געווען אַנטקעגן דעם שפּיטאָל.

די גרעסטע אויסזידלונג איז געווען דעם 22־טן יוני 1943.

אַזוי ווי דער זאַמלפּונקט איז געווען אַנטקעגן דעם שפּיטאָל האָבן די קראַנקן־שוועסטער אַרויסגעכאַפּט אַסאַך קינדער און דערוואַקסענע און אַרייַנגענומען אין שפּיטאָל אַלס קראַנקע, זיי האָבן דערבייַ אייַנגעשטעלט דאָס לעבן.

אייַנמאָל, אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך באַוויזן טשאַרנע. זי איז געווען די רעכטע האַנט פון מאַניעק מערין, זי האָט צוזאַמענגערופן אַלע יידן אויף איין פּלאַץ און האָט זיך געוואָנדן צו די פאַרזאַמלטע, אַז יעדער זאָל זיך פרייַוויליק פאַרשרייַבן צו פאָרן אין די דייטשע לאַגערס אַרייַן, זי האָט געזאָגט, אַז זי איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס עס וועט פאַרקומען ווייַטער. אין צוויי אָדער דריי וואָכן אַרום זענען טשאַרנע און מאַניעק מערין, זייַן ברודער חיים, און צוויי אַדוואָקאַטן גערופן געוואָרן קיין קאַטאָוויץ באַלד אין דער פרי און זענען מער נישט צוריקגעקומען.

דאָס געטאָ האָט געלעבט אין אימה, מען האָט אָנגעהויבן פאַרגראָבן זיך אין בונקערס, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט אַסאַך געלט, מי און אַרבעט, מען האָט דערין אַרייַנגעלייגט אַסאַך חכמה און דערפינדערישקייט.

ווייַזט אויס, טשאַרנעס וואָרנונג איז געקומען צו שפּעט, דעמאָלט ווען זי האָט שוין דערפילט דעם אייגענעם סוף.

מאַניעק מערין אַליין, דער געוועלטיקער איבער די יידן אין זאַגלעמביע און שלעזיען, איז אַפילו נישט געקומען אין די לעצטע מינוטן צו דער אַזוי טראַגישער פאַרזאַמלונג. ער האָט געהאַט צו זייַן דיספּאָזיציע אַ שיינע לימוזינע מיט אַ שאָפער. דער שאָפער האָט געהייסן באַראַן, ער לעבט ביזן הייַנטיקן טאָג.

די פאַרזאַמלונג מיט דעם פרוי טשאַרנע האָט אפשר געראַטעוועט אַ צאָל יונגוואַרג, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן און אַוועק אין די לאַגערס.

וואָלטן די מענטשן אָנגענומען מיטלען באַלד און נישט פאַרוויגט און פאַרנאַרט געוואָרן דורך דעם יודנראַט, וואָלט זיך לפחות געראַטעוועט א גרעסערער פּראָצענט, ווייַל עס זענען דאָך געווען מעגלעכקייטן אַרויסרייַסן זיך אין די וועלדער. מייַן זון האָט זיך געפונען ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין אַ לאַגער ביי גלייוויץ, אַ60 קילאָמעטער פון סאָסנאָוויץ, געאַרבעט שווער בײַ גרובן טיפע גריבער, לייגן רעלסן, אַרויסרייַסן שטיינער. איך האָב פון אים באַקומען בריוו, און וועלכן ער האָט זיך געבעטן איך זאָל אים צושיקן אַ טרוקן שטיקל ברויט. דאָס האָט גערויבט מייַן שלאָף. איך האָב קוים צונויפגעשעלט אַ פּעקל, וואָס איך האָב געשיקט, אָבער איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז נישט אָנגעקומען צו מייַן זונס הונגעריק מויל. די נוגשים האָבן עס אויפגעפרעסן און אים אַפילו נישט דער־ציילט.

אין חודש יוני איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אויסזידלונג פון עטלעכע טויזנט מענטשן. די אויסזידלונג האָט זיך געצויגן ביז שפּעט באַנאַכט. מען האָט שוין נישט געקליבן קיין אָרעמעלייט אָדער קראַנקע, אַזוי ווי דער מנהג איז געווען. די היטלעריסטישע באַנדיטן האָבן גענומען יעדן איינעם ווענען זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן אין גאַס, אָדער אין שטוב.

אין חודש יולי 1943 איז אויך פאַרשוווּנדן מאַניעק מערין דער לייטער איבער אַלע זאַגלעמביער יידן און אויבער־שלעזיען, צוזאַמען מיט אַלע זייַנע אַדיוטאַנטן.

אין דער שפּיץ פון דער פאַרוואַלטונג האָט זיך דאַן געשטעלט שמיטאַנע. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אין יודנראַט געפינט זיך אַ בריוו, וועלכן מען טאָר נישט עפענען. פאַר דער לעצטער אויסזידלונג איז געקומען אַ באַפעל, פון דרייערן אַליין, אַז מען זאָל עפענען דעם בריוו. מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן, ווו איינער האָט נאָר געקאָנט. אין דעם בריוו איז געווען געשריבן בפירוש, אַז זאַגלעמביע ווערט יודנריין. דעמאָלט האָבן זיך נאָך געפינען אַן ערך 20,000 יידן, דער שפּיטאָל אין געטאָ איז נאָך געווען טעטיק, קראַנקע זענען געווען גענוג, צוריקגעקומענע פון די לאַגערס די יידישע מיליץ האָט געהאַלטן וואַך ביז עס איז געקומען דער סוף.

שבת, דעם 1.8.1943 — איך דערמאָן מיט ציטער דעם שוידערליכן טאָג — איך האָב פּונקט געאַרבעט אַ נאַכט־שיכט, עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, געהאַט האָב איך אין שפּיטאָל ביי מיר אַ וואַכזאַמען הונט, אַ זייגער 11.20

ביינאַכט, דער הונט האָט זיך צעבילט, איך האָב געעפנט אַ שפּאַרונקע פון טויער און אונטערגעוואַכט אַ ביסל. איך האָב דערהערט רעדן דייטש, און איך בין צוריק אַריין שנעל אין שפּיטאָל, אויפגעוועקט פון שלאָף דעם מיליציאַנט, פּערגרעריכט, ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהין וווּ איך האָב אים אָנגעוויזן. עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה צייט ביז ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט: „די קלאָג איז פאַרטיק". ער האָט דערציילט, אַז די מערדער האָבן ארומגעשטעלט דאָס גאַנצע געטאָ און זיי היטן. מאָרגן ווערט אַלץ יודנריין. אין צוויי שעה אַרום זענען מענטשן שוין געקומען צו לויפן אין שפּיטאָל אַריין מיט דעם זעלבן נייעס.

איך האָב זיך געלאָזט לויפן אַהיים, וווּ איך האָב שוין געטראָפן אַלע אין די בונקערס. אויך איך אַליין בין אַריין אין אַ בונקער, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף די מענטשן פון אונדזער הויז, געקומען זענען אָבער אַסאַך מער. עס איז געווען ענג און די היץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען אוממעגלעך אָנצוצינדן אַ שוועבעלע. אין אין בונקער בין איך פאַרבליבן ביז אַכט אינדערפרי. לענגער זיצן דאָרט בין איך נישט געווען אומשטאַנד. מיין שכן, וואָס איז געקומען פונדרויסן האָט געמאָלדן, אַז דאָס געטאָ איז יודנריין, מען מוז אַלע אַרויס, איך מיט מיין פרוי און קינדער זענען אַוועק ווי מען שטייט און גייט אין שפּיטאָל, עס האָט געהייסן צוריק צו מיין אַרבעט. דאָרט האָב איך געהאַט אַ באַזונדערן צימער אין פאַרטער נאָענט צום טויער. אַ שיסעריי האָט געהילכט אין דער לופט. מענטשן האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען. די, וואָס האָבן געוואָלט אַנטרינען, האָט מען גלייך דערשאָסן.

נאָכמיטאָג זענען אָנגעפאָרן עטלעכע יידישע פּאָליציאַנטן מיט פערד און וואָגן, צונויפגעקליבן די מתים און געבראַכט זיי אין שפּיטאָל אַריין אָוועקגעלייגט די מתים אין הויף אין אַ ליידיקער שטוב, באַגאָסן מיט כלאָר, צוליב דער גרויסער היץ. ביז פאַרנאַכט זענען שוין געווען צענויפגעזאמלט ביי א120 מתים, מענער, פרויען, יונגע מיידלעך, וואָס האָבן געוואָלט ארויסרייסן זיך פון טויט. איבערגעשראָקענע מענטשן זענען געלאָפן צום פּלאַץ, וווּ עס האָבן זיך אויפגעזאַמלט עטלעכע הונדערט מענער און פרויען און מען האָט זיי אַוועקגעפירט צו דער נייער סטאַציע אין בענדין גלייך אין די וואַגאָנען אַריין.

ערשט דעם דריטן טאָג נאָך דעם חורבן האָבן זיך די רוצחים גענומען צו די קראַנקע, מען איז צוגעפאָרן מיט ברייטע וועגענער, אַרויפגעלייגט צוערשט די קינדער און אַוועקגעפירט. אַ פרוי, צעשע, וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל אַלס וועשין, האָט זיך געמאָלדן פאָרן פרייוויליק מיט די קינדער. עס האָבן זיך דאַן אויפגעזאַמלט אין שפּיטאָל ביי אַ טויזנט קינדער. פיל האָבן געגלויבט, אַז איבערלאָזנדיק די קינדער אין שפּיטאָל וועלן זיי זיך ראַטעווען. קודם כל פאַרזאָרגן די קינדער און דערנאָך זוכן וועגן ווי צו לויפן.

דאָקטוירים האָבן זיך פאַרסמט צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער.

עס איז אָנגעקומען אַ פרישע גרופּע געסטאַפּאָ־לייט און פאַראָרדנט, אַז אַלע קינדער זאָלן זיך צענויפקלויבן ביים אַרויסגאַנג. די וועגענער זענען געשטאַנען גרייט און די היטלער־באַנדיטן האָבן די קינדער ארויפגעוואָרפן אויף די וועגענער, ווי ציגל אָדער שטיינער, איינס אויפן צווייטן. דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

אויפצומאָרגנס זענען געקומען אין שפּיטאָל נייע פרצופים פון געסטאַפּאָ־לייט, הויכע, פעסט־געבויטע, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, די אויטאמאטן אָנגעהאַנגען אויף די אַקסלען, מיט סענקעוואַטע שטעקנער אין די הענט, זיי האָבן געעפנט די זאַלן פון די קראַנקע און אַ רעווע געטאָן, אַז אַלע קראַנקע זאָלן זיך אָנטון. אויף דער כירורגיע־אָפּטיילונג האָבן זיך געפונען אַ150 פּערזאָן, נאָך שווערע אָפּעראַציעס, עטלעכע צוואַנציק קימפּעטאָרנס מיט די ניי־געבוירענע קינדער. די געסטאַפּאָווצעס האָבן אַליין געטראָגן די שווער־קראַנקע אויף די וועגענער אַרויף, פּלוצים האָב איך דערהערט אַ געשריי פון צווישן די קראַנקע: „בערלינסקי, בערלינסקי!" דאָס איז געווען שטיגליץ, אַן אָנגעזעענער ייד, אַ הויכער שיינער מענטש, אַ געוועזענער לעדער־סוחר. דער פוס איז געווען ביי אים אַמפּוטירט. האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים צוטראָגן צום וואָגן, ער וויל נישט, אַז די רוצחים זאָלן זיך צורירן צו אים אויף זיין לעצטן וועג...

דער חסידישער איידעלער מאַן האָט זיך געקלאַמערט אין מיין האַלדז, מיך אַרומגענומען, און איך האָב אים געטראָגן צום וואָגן. ער האָט מיך אויסגעקושט, צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד און מיר געווונטשן, איך זאָל ניצל ווערן פון די רוצחישע הענט.

איך בין צוריק אריין אין שפּיטאָל, און ווידער האָט מיך צוגערופן פּיורע, אַ פינפאונזיבציקיאָריקער מאַן, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין שפּיטאָל. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ גרויסער פּרוכט־הענדלער פון ספּעציעלע טייערע פרוכטן. איצט איז ער געווען שווער קראַנק און זיך געקלאַמערט אין מיר געוווּסט, אַז דאָס זענען זיינע לעצטע שעהן די גרויליקע סצענעס האָבן אָנגעהאַלטן פיר טעג.

דורך די עטלעכע טעג האָט זיך אויפגעזאַמלט אַרום פירהונדערט מתים, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל. איך האָבן געמוזט די טויטע אַליין פירן מיט אַ וועגעלע צום מתים־שטיבל.

דעם 5.8.1943 זענען געבליבן אין שפּיטאָל עטלעכע צוואַנציק קראַנקן־שוועסטער און איך מיט מיין פרוי און דריי זין. זענען געקומען צולויפן עטלעכע געסטאַפּאָווצעס און באַפוילן, אַז די גאַנצע „שייסע" מוז ארויס פון הויז. מיר זענען אַוועק צום זאַמלפּונקט, זיך צונויפגעמישט מיט אַ טויזנט־קעפּיקן עולם און געוואַרט. די היץ איז געווען גרויס, מען האָט געחלשט און אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסל וואַסער.

ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, איז דער דירעקטאָר פון שפּיטאָל געקומען צו לויפן און געפאָדערט פון די געסטאַפּאָ־לייט, צוריק צו רופן פון זאַמלפּונקט עטלעכע מענטשן: גוטמאַן מיך, דעם פריזיער קראַוויעץ און אַן אַלטן מאַן, אַגראַדעק, מיר אַלע זענען געווען באַשעפטיקט אין שפּיטאָל, איך האָב דעם דירעקטאָר נישט געזען. דער געסטאַפּאָ־מאַן, וואָס האָט אונדז געהיטן, האָט אונדז געדראָט אַז מיר ווערן באַלד דערשאָסן. ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך געוואָלט צוריקלויפן צום זאַמלפּונקט. מיין פרוי האָט מיר פונדערווייטנס געמאַכט צייכנס מיט דער האַנט, איך זאָל בלייבן שטיין. פּלוצים קומען אָן עטלעכע געסטאַפּאָ־לייט און פירן אונדז צוריק אין ליידיקן שפּיטאָל אַריין. אַזוי האָט מען מיך צעשייט פון מיין פרוי און די דריי ליכטיקע זין.

פון יענער זייט געטאָ, אַנטקעגן שיינס פּלאַץ, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום טויזנט מענטשן, עס האָט געזאָלט הייסן, אַז זיי דאַרפן אַפּרייניקן דעם געטאָ. זיי זענען געשטאַנען נאָענט ביי די רעלסן. צווישן זי זענען געווען אָנגעזעענע יידן, אויך דאָקטוירים, אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אָנגעהויבן ליקווידירן דאָס שפּיטאָל, עס זענען אָפּגעפאַרן ציוויל־לייט צוגענומען די בעטלעך מיט די מאַטראַצן, די מכשירים פון דער כירורגישער אָפּטיילונג, ווי אויך די רענטגען־מאַשינען. דערנאָך זענען אָנגעפאָרן געסטאַפּאָווצעס און האָבן גענומען זוכן מענטשן זיי צונויפגעזאַמלט און גלייך אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ.

מענטשן האָבן זיך דערוווּסט אַז מען רייסט אויף בונקערס, פיל פון זיי זענען אַליין אַרויס, געקומען צו מיר אין שפּיטאָל, איך האָב זיי אַריינגעלאָזט און זיי זענען אַרויף אויף דעם ערשטן און צווייטן שטאָק.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער אויסזידלונג איזווידער פאָרגעקומען אַן אַקציע פון קיצינסקיס עס־עס־לייט און זיי האָבן שוין גענומען די יידישע מיליץ, זייערע משפחות א.אוו.

די אַרבעט פון קוצינסקי איז געווען אַוועקשיקן יידן אין די אַרבעטסלאַגערן. אין יענע טעג האָט ער צוזאַמען מיט לודוויקן אַוועקגעשיקט אַרום 500 מענטשן אין דאַלאַג, אויף דער סקלאַדאָווע־גאַס, וואָס איז יעדן געווען גוט באַקאַנט. ווען קוצינסקי איז פאַרביי־געגאַנגען דעם שפּיטאָל, איז פּונקט אַרויס ד"ר דרייפוס, אַ טשעכישער ייד, וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל. אויך ער איז אַריינגענומען געוואָרן צווישן אַלע און מיטגעגאַנגען אַ 200 מעטער ווייטער איז געפאָרן דער טראַמוויי, ד"ר דרייפוס איז געשיקט אַרויס פון דער ריי, אַריין אין טראַמוויי און אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. ער איז געבליבן לעבן און געפינט זיך איצט אין טשעכאָסלאָוואַקיי.

אויך ד"ר פלאַוונער האָט זיך געוואָלט אַריינכאַפּן, אָבער אַן ס.ס.־מאַן האָט אים פאַרהאַלטן און צוריקגעפירט אין שפּיטאָל, אָנגעקלאַפּט ביים טויער, איך זאָל אים דערקלערן ווער דער מענטש איז, איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז ד"ר פלאַוונער. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אמת, האָט ער אים צוגעפירט צום אומשלאַגפּלאַץ, צו די אַלע וואָס זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט. מיך האָט דער ד"ר פלאַוונער געבעטן, איך זאָל איבערגעבן זיין פרוי וווּ ער געפינט זיך, און אויך זאָגן זיין פאָטער, וואָס האָט זיך אויך געפינען אין שפּיטאָל.

דעם 8.8.1943 בין איך איבערגעפירט געוואָרן אויף דער פּיעטרקאָווסקאַ גאַס, נעבן די רעלסן, נישט ווייט פון שיינס פּלאַץ, ווו איך בין געווען עטלעכע טעג, באַשטימט געוואָרן צו ליקווידירן די מתים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די וווינונגען. דאָס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטוב, נישט געוואָלט זיך שיידן מיט די אָרעמע היימען, האָט מען זיי אויפן אָרט דערשאָסן. געווען אויך קראַנקע, וואָס מען האָט זיי דערמאָרדעט אין די בעטן.

מיינע אויגן זאָלן שוין נישט זען אַזעלכע בילדער וואָס איך האָב געזען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די דאָזיקע טעג. די אַרבעט מיט מיין גרופּע איז באַשטאַנען צו באַגראָבן די הרוגים, וואָס זענען שוין אַ צען טאָג צייט, אין די אויגוסט היצן, געלעגן אין די שטובן. דאָס זענען געווען מערסטנס זקנים און קראַנקע. אין די הונדערטער האָט מען די מתים צוזאַמענגעזאַמלט, אַוועקגעפירט אין אַ פעלד, ווו עס האָבן זיך געפונען טיפע ראָוון און גריבער, אַלעמען צוזאַמען אַריינגעלייגט אין די גריבער, צוגעדעקט מיט ערד און מיט שטיינער.

ווידער געפין איך זיך אין שוסטער־וואַרשטאַט מיט נאָך אַ־50 מענטשן, מען זיצט און מען קלערט ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך. פּלוצים באַווייזט זיך דער אָנפירער פון גרעסטן וואַרשטאַטן און זאָגט, אַז ווער עס וויל פאָרן פרייוויליק קיין אַנעבערג אַלס גוטער פאַכמאַן, קאָן פאָרן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט מיט נאָך איינעם פּנחס הערץ, אַ שוסטערס אַ זון, און מיר זענען אַריין אין אַ שווערן לאַסט־אויטאָ, דאָרט זענען שוין געשטאַנען מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס צוויי מאַן. איינער פון זיי איז געווען וואָוועק שמיעטאַנאַ, וואָס האָט פאַרטרעטן מאַניעק מערין; דער צווייטער איז געווען ליבערמאַנס ברודער, זיי האָבן געוואָלט פאָרן אַלס שוסטערס, אָבער דער לויטענאַנט האָט זיי דער־קלערט, אַז זיי גייען באַלד אויף אַ פאַך־קאָמיסיע, זיי האָבן חרטה באַקומען און צוריק אַראָפּ פון אויטאָ.

דערווייל בין איך ניצל געוואָרן, איך בין געפאָרן קיין אַנאַבערג (היינט — גורא שוויענטעי אַנני) אין אויבער־שלעזיען. דאָס איז געווען דעם 15.8.43 זיבן הונדערט מענטשן זענען מיר געפאָרן אין אַ פאַרזאָנען צוג פון סאָסנאָוויץ, פון דער צווייטער זייט סטאַציע אויף דער קילינסקי־גאַס, די איבריקע, וואָס זענען נאָך געבליבן אין געטאָ, האָבן זיך נאָך געהאַלטן אַ גאַנץ יאָר צייט, אַרום 250 מענטשן, ביז ענדע 1944 זענען פאַרבליבן עטלעכע זיבציק מענטשן. ביסלעכווייז האָט מען זיי געפירט צו דער ליקווידאַציע.

ווען די איבערגעבליבענע זיבציק מענטשן זענען אָנגעקומען קיין אוישוויץ האָט מען שוין נישט פֿאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס. דאָס איז שוין געווען דעצעמבער חודש 1944 מיט אַסאַך פון זיי האָב איך זיך באַגעגנט אין יאָר 1945, נאָך דער באַפרייונג.

דערווייל בויט מען פאַר אונדז אין אנאבערג אַ פאַבריק. די באַראַקן האָבן געבויט אויסשליסלעך יידן, סטאָליאַרעס, טשעסלער, מויערער. אנאבערג איז געווען א דורכגאנגס־לאַגער, פון דאָט האָט מען גרופּירט פאַכלייט און מען האָט זיי געשיקט אין אַנדערע לאַגערן. נישט לאַנג האָט געדויערט און מען האָט אויפגעשטעלט אַכט באַראַקן, צו זעקס שטובן, און מען האָט אָנגעהויבן סאָרטירן די מענטשן — שוסטער צו שוסטער, שניידער צו שניידער, היטלמאַכער און איינבינדער, מען האָט זיך גענומען ארבעטן שוסטעריי אָבער קיין לעדער איז נישט געווען. די אָנפירערשאַפט האָט געבראַכט פון אוישוויץ עטלעכע וואַגאָנען מיט אַלטע שיך, דער איבער־בלייב פון די קדושים, מען האָט צענומען די אלטע שיך און געמאַכט פון זיי נייע.

אין אַ פיר וואָכן אַרום האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער ריכטיקער הונגער, מיר האָבן כמעט קיין עסן נישט באַ־קומען. כל זמן מיר האָבן געהאַט אַ לאַגער־פירער אַן ס.א.־מאַן, לעהמאַן האָבן מיר געהאַט נאָך וואָס עס איז צום עסן. דאַן האָט איבערגענומען דעם לאַגער אַ לויטנאַנט, אלווער, אַ באַרילעטער, און ער האָט אונדז געשפּייזט מיט גראַז. דאָס האָט געדאַרפט הייסן אַ גרינע זופּ, צוגעוואָרפן אַ מאָל אַ קאַרטאָפל. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז זיין אויפגאַבע טאַקע געווען אונדז צו פאַרהונגערן און מיר זאָלן ביסלעכווייז אויסשטאַרבן. ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַגער איז מיין וואָג געווען 88 קילאָ, נאָך 9 חדשים בין איך אַראָפּ ביז 58 ק״ג און בין קראַנק געוואָרן.

דער לאַגער האָט זיך געפונען נאָענט צו אַ וועלדל, אַ קילאָמעטער ווייט פון קלויסטער, אויפן טורעם איז גע־האַנגען אַ גרויסער זייגער, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט די שעהן און דערמאָנט אונדז ווי מיר האַלטן אין דער טרויעריקער וועלט.

איך האָב געהאַט שטוב־דינסט, מיר זענען געווען צוויי, איך און אַ בענדינער ייד, מאָריץ וועלנער, ער איז געבליבן לעבן. פאַר דער אַרבעט האָבן מיר באַקומען אַ קליין קאַר־טאָפעלע אָדער אַ לעפל זופּ. אין צימער זענען מיר געווען 72 מאַן, נאָך סאָסנאָווצער און בענדינער יידן, 3 קויקעס, איינע אויף די צווייטע. מאַכט זיך אַ מאָל אַ מעשה, דער אובערשטורמפירער לינדער צוזאַמען מיט דעם יודנעלסטן גיין קאָנטראָלירן דעם סאניטארן צושטאַנד אין די צימערן, גראַד ביי מיר אין צימער, ווו איך האָב געהאַט שטוב־דינסט, איז געלעגן אַ שטרוי נעבן אַ בעטל, האָט ער באַ־שטראָפט מיך און וועלנערן מיט 25 פאַלקעס אויפן אונטער־שטן. דער שלעגער איז געווען האַרי, אַ האָלענדער, אַ גרופּנפירער, אָבער דער יודנעלסטער, ישעיה גלייטמאַן, פון סאָסנאָוויץ, האָט ביי אים געפועלט ער זאָל קלאַפּן אויף דער באַנק, צום גליק האָט עס קיינער נישט באַמערקט און מיר זענען ארויס בשלום.

דער הונגער פייניקט וואָס אַמאָל שטאַרקער, איך באַקום פיבער, דער דאָקטאָר, אַ ווינער, נעמט מיך אויף, געגעבן אַ ביסל קאַלציום־איינשפריצונגען, אָבער דער עיקר, איך מוז עפּעס באַקומען צום עסן, ער האָט מיר געשענקט אַ קליין מערעלע. איך ווער שוואַכער פון מינוט צו מינוט, דער דאָקטאָר זאָגט מיר, אַז אין דעם לאַגער וועל איך נישט איבערהאַלטן, און אויב עס וועט זיך מאַכן עפּעס אַ טראַנספּאָרט, וועט ער מיך אַוועקשיקן אין אַן אַנדערן לאַגער

אין מאַי 1944 זענען געשיקט געוואָרן 72 מאַן קיין בלעכהאַמער און איך צווישן זיי. מיר גייען צו דער ארבעט זעקס קילאָמעטער אַהין און זעקס צוריק. די לופט איז גוט, דאָס עסן בעסער, ווייל אין אָנהויב האָבן מיר באַקומען פערציק דעקאַ ברויט דערנאָך 60. אין בלעכהאַמער גיט מען אונדז מלבושים, וואָס זעען אויס ווי תכריכים. דער לאַגער איז ארומגעצוימט מיט אַ הויכער מויער. יידן האָבן זיי אויפגעבויט. דער לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ שיינעם וואַלד און געווען שטאַרק געהיטן. מיט איין זאַך איז דאָרט גוט געווען וואָס מען איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, די גוטע פרישע לופט האָט מיך געשטעלט אויף די פוס. די פאַבריק ווו מיר האָבן געארבעט האָט געהייסן אַצאַ, אונטער קענדזשעזין.

קאַפּאָס האָבן מיר געהאַט יידישע און דייטשע. געווען אויך האָלענדישע, אַלע די זעלבע רשעים. געווען אויך פראַנצויזישע יידן. פון מאַי 1944 ביז יאַנואַר 1945 האָבן די אמעריקאַנישע און ענגלישע באמבנוואָרפער באַמבאַרדירט די פאַבריק אזוי אַז יעדן טאָג האָבן מיר זיך געמוזט צולויפן ווי צומשנעלסטן אויסער דער פאַבריק. מיין חלום איז געווען ביי אַזאַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן, אָבער ווו נעמט מען מלבושים? אין די „פּאַשאַקעס״ קאָן מען דאָך נישט לויפן.

באַלד פון אָנפאַנג אין לאַגער בין איך געווען אויסגענוצט צו שווערע אַרבעט. צען מאַן האָבן מיר געצויגן אַ שווער אייזערן וועגעלע, אַרויפגעלייגט פאַרשידענע אייזערנע רערן און געשלעפּט עס איבער דעם שטח, ווו די פאַבריק האָט זיך געפונען. איך האָב זיך געפונען אין דער קאָמאַנדע 23 ווו עס איז געווען דער קאַפּאָ שפּאַץ, אַ פראַנצויזישער ייד, וואָס שטאַמט פון פוילן. אין א קורצער צייט ארום בין איך געוואָרן צוגעטיילט צו דער קאָמאַנדאָ 60. איינמאָל, קומענדיק צו דער ארבעט, האָט זיך צו מיר געוואָנדען אַ ציווילער דייטש, אַ מייסטער, און איבערגעגעבן מיר אַ נייע פונקציע אויסצופירן, דהיינו, ווען עס וועט זיך מאַכן אַ לופט־געפאַר, זאָל איך אויף דעם שטח, ווו די פאַבריק געפינט זיך, אונטער־צינדן א ספּעציעלן מאַטעריאַל, וואָס שאַפט אַ קינסטלעכן נעפל, און פירט אַריין אין אַ טעות די ענגלישע און אמערי־קאַנישע פליער, זיי זאָלן נישט ארויסזען די פאַבריק. צו מיין דיספּאָזיציע האָב איך געהאַט צוואַנציק מאַן. אָבער

די פליער פון די פאַראייניקטע־אַרמייען האָבן באָמבאַרדירט די זעלבע ריכטונג, פון וואַנען דער רויך האָט זיך געצויגן. די באָמבאַרדירונג האָט זיך איבערגעחזרט אין די טעג ווען עס איז געווען אַ שיין וועטער, אין טריבע טעג איז געווען שטיל, מען האָט נישט באָמבאַרדירט, שטענדיק האָט זיך די מוזיק אָנגעהויבן אַרום 10 אַ זייגער פרי און אָנגעהאַלטן אַ צוויי שעה, די עסקאַדרעס האָבן אָנגעגריפן ביידע זייטן פון דער פאַבריק. דער ערשטער עראָפּלאַן איז געפלויגן לייכט גראַציעז, ווי אַפּאַרפּאָסטן, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַס, מיט דעם רויך וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון דעם באָמבאַרדירער און אַרומגעגאַרטלט דעם פאַבריק־פּלאַץ.

נאָך דער באָמבאַרדירונג האָבן מיר געהאַט אַסך אַרבעט, צונויפּצוקלויבן ברעטער, אויסצוגלייכן גריבער. דער חורבן איז געווען אַ גרויסער. דורך צוויי טעג איז אַלץ ווידער צוריקגעשטעלט געוואָרן ווי געווען. מיר זענען אין דעם אָרט געווען אַרום 50,000 מאַן צווישן זיי 6000 יידן. אַלע האָבן מיר זיך געפרייט ווען די עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן אין די הימלען. דאָס איז געווען די האָפענונג, אַז דער טאָג פון אויסלייזונג איז נאָענט.

אַמאָל איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג צו האַלטן וואַך, צוויי פּערזאָן, יעדע נאַכט ביז פרי מאָרגן. מיר איז אויסגעקומען האַלטן וואַך פון 1 ביז 3. אַזוי ווי עס האָט זיך נאָר געוויזן אַ ביסל ליכט לויפט אונטער דער אויבער־קאַפּאָ און שרייט פון דערווייטנס: „נאַכט־וואַכע, נאַכט־וואַכע"! און דערנענ־טערט זיך צו אונדז. איך און מיין חבר האָבן זיך אָנגעריפן ווי דער שטייגער „היער... היער..." איך האָב אים באַלד דערקאָנט, ווייל ער איז געווען דער געפערלעכסטער רוצח, דער גרויזאַמסטער יידן־פייניקער. גערופן האָט מען אים וואַלטער, דער באַקליידונגס קאַפּאָ. די נאַציס האָבן אים באַפרייט פון אייביקער תפיסה און געמאַכט פאַר אַ הערשער אין לאַגער, געוועלטיקן איבער יידישע צעבראָכענע לעבנס. איך און מיין פריינט שטעלן זיך „אַכטונג", די מיצן אָפּ, און דער רוצח קוק אַריין אין אונדזערע פּנימער, מיט אכזריות־דיקייט קריצט ער ווי אַ ווילדע חיה די ציינער, דער רוצח האָט באַמערקט, אַז איך האַלט אין האַנט אַ „סקרענט" פון מאַכאָרקע, אפילו נאָך נישט אָנגעצונדן. ער גיט אַ רעווע: „ציגאַרעטן רויכערסטו?" איך ווייז אים, אַז דער פּאַפּיראָס איז נישט אָנגעצינדן דאַן האָט ער מיך אָנגעהויבן מערדער־לעך שלאָגן. און דאָס בלוט האָט גענומען גיסן זיך. איך האָב נאָך דעם נישט געקאָנט איינשלאָפן. אינדערפרי בין איך געווען געשוואָלן, דאָס פּנים צעקיילט.

דעם זעלבן טאָג האָט זיך ווידער אומגעקערט צו מיר דער רוצח און געזאָגט, אַז דער נר'4א' גייט היינט צו די ס.ס. אויף אַ „ספּראַווע". מיין בלאָקאָווע האָט געוואָלט מיך אָפּראַטעווען און געזאָגט, אַז ער וועט מיר שוין אַליין מקיים פּסק־זיין. און וועט מיך איבערטראָגן אין דער סינג־סינג־שטובע. צו דעם האָט וואַלטער מסכים געווען.

דעם מאָמענט פון מיין באַטרעטן די שטובע נומ. 6 וועל איך אייביק האָבן אין מיין זכרון. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש צוזאַמען מיט אַ יונגען מאַן פון בעלגיע. מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין זיידע שטאַמט פון סאָסנאָוויץ פון דער פאַמיליע וואַרמונד און ראַוויטש, גראָד האָב איך זיי געקענט. פּלוצים עפענט זיך די טיר און עס דערשייט דער באַקאַנטער אויסוואָרף, דער קאַפּאָ מאַקס. ער איז צו מיר צוגעלאָפן ווי אַ בייזער הונט און אָן אַ פאַרוואָס דערלאַנגט מיר מיט זיין ריזיקער לאַפּע אַ זעץ אין פּנים. באַלד האָב איך אויסגעשפּיגן צוויי ציין. ער האָט געשריגן: „מיינסט, אַז ביזט אין פּוילן אין אַ פאַרשמוצט געבעט הויז. היער איז איין קאַצעט לאַגער. ביי מיר מוזטו זיך מעלדן". איך האָב מיט תמימות געפרעגט וואָס האָב איך פאַרשפּעטיקט, און וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר? אַנשטאָט ענטפערן הויבט ער מיך אָן אויפסנייקאַטעווען. איך האָב אָנגעהויבן שרייען. מען איז זיך צונויפּ־געלאָפן און ווען ער האָט מיך אָפּגעלאָזט האָט מען מיך אַריינגעפירט אין וואַש־באַראַק, איך זאָל זיך אַרומוואַשן פון בלוט, וואָס האָט גערונען פון מיר.

אַזוי האָט עס געדויערט עטלעכע וואָכן אין ביטערע מאַטערנישן, ביז איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ נייעם בלאָקאָווע פון בלאָק נומ. 16, געהייסן האָט ער בערקאָוויטש, געשטאַמט פון באַרזשעמעניעץ, אין דער היים זיך פאַרנומען מיט האַלץ־האַנדל, אַ געבילדעטער מאַן מיט אַן איידעלן כאַראַקטער. ער האָט מיר צוגעזאָגט, ,אַז ער וועט מיך אָפיציעל אַרויספאָדערן פון בלאָק נומ. 10 אין זיין בלאָק אַריין אַלס פריזירער, דעם יידן־עלטסטען פון גאַנצען לאַגער האָט מען גערופן דימערער, געווען אַ גוטער מענטש און איז דעם פאַרלאַנג פון בערקאָוויטש אַנטקעגנגעקומען. דאָ בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט אַ לייכטער האַרץ. מען האָט אָבער געמוזט זיין געוואָרנט, פאַר דער קלענסטער קלייניקייט האָט מען געהאָנגען מענטשן. אַמאָל האָט זיך אַ האָלענדיש יינגל פון אַ יאָר אַכצן פאַרגליסט צו נעמען ביי דער אַרבעט אַן אויסגעשאָסענע קויל פון אַ באָמבע. ער האָט זיך פשוט געמאַכט דערפון אַ שפּיל. צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט אין לאַגער אַריין האָט דאָס ביי אים באַמערקט אַן עס־עס־מאַן און נאָך אַכט טעג איז געקומען אַ באַפעל פון אוישוויץ מען זאָל אים הענגען. איך געדענק אויך ווי אַזוי מען האָט אויפגעהאָנגען אַ ייד פון בענדין, ער האָט געהייסן טוכשניידער אויך האָט מען אויפגעהאַנגען א יינגן מענטש, געשטאַמט פון שטשעקאָצין, זיין פאָטער האָט מען גערופן הערשל ניעג. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין יאָר 1944, ווען מען האָט שוין געפילט אין דער לופט די מפלה פון די דייטשן.

עס רוקט אָן דער ווינטער, עס איז שוין גוט קאַלט, מיר האָבן באַקומען מאַנטלען פון זעלבן מין, געשטרייטן בלוי ווייסן שטאָף, אָן פאַדשעווקע. די דייטשישע מייסטער זענען פּלוצים רעדעוודיק געוואָרן ביי דער אַרבעט, זאָגן, ס'איז נישט גוט, לאָזן אונדז אָנוואַרמען זיך ביים פייער, וואָס מיר האָבן אָנגעצונדן אין דרויסן, אויך ביי דיר אַרבעט

האָט מען אונדז געגעבן אַביסל רו. צו מיטאָג אַ שעה צייט, הגם צום עסן איז נישט געווען וואָס, אויך צום פרישטיק אַן אָפּרו פון פופצן מינוט, אָן עסן, פאַרשטענדלעך. מיטאָגצייט בין איך מיר אַ שפרונג געגעבן אין דערנעבנדיקן וואַלד, געמאַכט אַ צוויי בעזעמס פון בזשאָזאָווע האָלצרייטלעך, פאַר יעדן בעזעם האָב איך באַקומען פון אַ בלאָקאָווע אַ מיטאָג אָדער אַ שטיקל ברויט. שבת, צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט, בין איך געוואָרן פריזירער, מיט דער מאַשינקע געשוירן די האָר ביי מענטשן אין אונדזער בלאָק. מיר זענען געווען 8 פריזירער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם פאַך. דערינטער 4 גוטע פריזירערס, 2 פעדזאָן האָבן איינגעזייפט און די איבעריקע ראַזירט. צוזאַמען זענען מיר געווען אין בלאָק נום. 16 ביז 600 מאַן. אַ סך האָבן זיך ראַזירט אַליין.

דאָס ערגסטע איז געווען ביינאַכט. מאָדנע, דווקא הונגערנדיק האָט מען געמוזט גיין אין קלאָזעט עטלעכע מאָל. אָנגעהויבן האָט זיך דער מאַרש אַרום צוועלף און אָנגעשטעקט אַלעמען דאָס איז געווען אַן עפּידעמיע און עס איז געווען שרעקלעך צוצוקוקן זיך צו דער נאַכט־וואַנדערונג.

אין אַ זונטאָגדיקן פרימאָרגן דעם 21 יאַנואַר 1945 קומט אָן אַ באַפעל, אַז מען עוואַקויִרט אונדז קיין בוכענוואַלד. זיי געבן אונדז די ברירה: בלייבן אויפן אָרט, ווער עס קאָן נישט גיין. די צוגרייטונגען האָבן געדויערט עטלעכע שעה, מען האָט אונדז צוגעטיילט 800 גראַם ברויט מיט אַ פערטל קילאָ מאַרגאַרין, געהערט האָט זיך אַ קלאַנג, אַז די וואָס וועלן פאַרבלייבן, וועט מען זיי פשוט אונטערמינירן צוזאַמען מיט די בלאָקן, פאַרברענען, אויסשיסן, הונגעריק און באָרוועס און מען הייבט אָן מאַרשירן.

מיט אַ טאָג פריער זענען אָנגעקומען פון גלייוויץ דריי טויזנט יידן, פון די דאָרטיקע לאַגערן. דעם יידנעלטסטען האָט מען גערופן ציוואָן, געשטאַמט פון סאָסנאָוויץ, אויף פון יאַווארזשנע איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט, אַן ערך פינף טויזנט מענטשן, געגאַנגען זיי צופיס. די נאַכט איז צוגעפאַלן און זיי האָבן דאָ געדאַרפט אָפּרוען, אויסגעזען האָבן זיי שוואַרץ ווי קויל. זיי האָבן געאַרבעט אין די קוילן־גרובן, ממש טויטע שאָטנס, קוים גישלעפט די פיס. די שקלאַפן פון יאַווארזשנע האָבן געשטאַמט פון אונגאַרן, טשעכן און בעלגיע די פון גלייוויצער לאַגער האָבן געשטאַמט פון זאַגלעמביער ראַיאָן. אָנגעהויבן מאַרשירן 5 אין דער ברייט, און עטלעכע שעה האָט געדויערט ביז מען איז אַרויס פון טויער, מיר זענען געווען אַן ערך 14 טויזנט מאַן. דער שנײ האָט געשיט אָן אויפהער, דער פראָסט קנאַקט, וואַרעמע מלבושים האָבן מיר נישט, מען האָט זיך איינגעהילט אין קאָץ און ביים האלדז פאַרבינדן מיט אַ שטריקל. אַזוי איז מען געגאַנגען ביז פאַרנאַכט, גענעכטיקט האָט מען אין רייגעספעלד, אין באַראַקן, וואָס פראַנצויזן האָבן אויסגעבויט אויפצומאָרגנס האָט זיך ווידער דער מאַרש אָנגעהויבן. נישט אַלע האָבן געקאָנט דעם וועג, מען גייט און גייט, ביז מען הויבט אָן באַגרייפן, אַז מען גייט אויף צוריק. ווען מיר זענען שוין געווען נאָענט צום לאַגער נאָך אַ פינף קילאָמעטער, איז ווידער געקומען אַ באַפעל אומצוקערן זיך צוריק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאַראַן נייעס. צוריקגייענדיק האָבן מיר גענעכטיקט אין פאַרלאָזטע „כאַלופעס" און אויך אין באַראַקן, אַזוי זענען מיר ווידער אָפּגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט דייטשן, וואָס האָבן אונדז צוגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט אָדער קאַרטאָפל מיט די שולן אָבער גאָר אַ גאַנץ ברויט. ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אין אַ גרויסן פאָלוואַרק. די קאַפּאָס האָבן פאַרכאַפּט די שטאַלן פון די בהמות.

צומאָרגנס איז ווידער געקומען אַ באַפעל, אַז די גאַנצע גרופּע, עטלעכע הונדערט מאַן, מוזן ווידער צוריקגיין אַ צוויי קילאָמעטער. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ גרויסן באַרג, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע סטאָדאָלעס. מיר האָבן זיך געדאַרפט טאָרעווען אַ וועג אין די טיפע שנייען צו די סטאָדאָלעס וווּ מיר האָבן געדאַרפט נעכטיגן. מיר האָבן זיך ממש צענויפגעדריקט איינער אויפן אַנדערן, נאָך דעם זענען געקומען נייע און אַוועקגעלייגט זיך ממש אויף אונדז, אויסגעסדרט זיך ווי די קלעצער, איין שיכט אַהין און איינע אַהער, די קולות, געוואַלדן אין פאַרשידענע שפּראַכן האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה, ערשט אַרום דריי אַזייגער פרי איז שטיל געוואָרן, דאַן האָב איך געהערט עטלעכע ביקסן־שאָסן, באַלד דערנאָך האָט אונדז אויפגעוועקט אַן אַליאַרם.

מיט אַלע כוחות האָבן מיר זיך אויפגעריסן פון די ערטער, אויסגעשטעלט אין דער ריי. די, וואָס זענען נישט אויפגעשטאַנען, זענען געווען טויט, דערשטיקט, אָדער פאַרפרוירן. די נאַציישע בעסטיעס האָבן געזאָגט, אַז עס פעלט אַ העלפט פון די וואָס זענען אָנגעקומען.

ווידער הויבט מען אָן גיין אין דער זעלבער ריכטונג צוריק אַראָפּ. די קעלט און פראָסט זענען געווען שרעקלעכע, מען האָט זיך אין ערגעץ נישט פאַרהאַלטן, מען גייט און גייט, מערסטענס דורך דערפער. פויערים און פויערטס האָבן אונדז צוגעוואָרפן קאַרטאָפעל, געקאַכטע אין די שאָלן. די ס.ס.־לייט האָבן דאָס באַמערקט, זענען זיי צוגעלאָפן צו די פויערים און געשריגן, אַז דאָס איז נישט דערלויבט, מען טאָר אונדז נישט געבן עסן, ווייל מיר זענען שרעקלעכע פאַרברעכער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און מיר האָבן זיך געפונען אין דער געגענט פון קאזשלע. מיין „קאַלומנע" איז אַוועק שלאָפן אין אַ סטאָדאָלע, וואָס איז געווען צוגעבויט צו דער דאָרפישער כאַטע, געווען פול מיט היי, אָבער די טירן זענען געווען אַ גאַנצע נאַכט אָפן און דער פראָסט האָט אַזש געבריט.

אַ זייגער צען האָבן שוין די ס.ס.־לייט אָנגעהויבן געוואַלדעווען און אַרויסיאָגן צום ווייטערן מאַרש. מיר

שטעלן זיך ווידער אויס אין דער ריי, צו פינף, דאָס דאָרף איז געווען לאַנג, עטלעכע קילאָמעטער. איך האָב געפילט אַז קוים גיי איך ווייטער, בלייב איך ליגן אין וועג, דער הונגער וועט מיך פאַרצערן, אויך מיינע בארוועסע פיס האָבן געזאָגט גענוג. אומקוקנדיק זיך אויף צוריק, האָב איך באַמערקט, אַז די עס־עס־לייט זענען שוין נישט די זעלבע וואָס נעכטן. דאָס זענען געווען עלטערע דייטשן, וואָס האָבן אליין קוים געשלעפט די פיס. איך בין בליץ־שנעל אריין אין אַ הויף און זיך אַריינגעכאַפּט אין שאָפע. נאָך א ווילע טראַכטן האָב איך גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די געשטרייפטע קאַצעטישע תכריכים און צוזאַמען מיט מיין קלימעקל האָב איך זיי אַרונטערגעלייגט אונטער א שטויס געהילץ. איך האָב ערגעץ געפונען אַ פּאָר אַלטע הויזן און אַ פויעריש העמד און אוועקגעשטעלט זיך אויף דער פאָזע פון אַ פאַרנומענעם ביי דער ארבעט אין סטאָדאָלע, מען זאָל מיינען, אַז איך בין אן אייגענער פון דעם זעלבען הויז. איך קוק ארויס פון אַ שפּאַרע פון טויער, דער מאַרש ציט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

אין אַ דריי פיר שעה ארום האָבן זיך אין זעלבן הויף אריינבאַקומען נאָך עטלעכע מיינס גלייכן, האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן מיסט נישט ווייט פון טויער ווי איך בין געווען, זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט און פאַרדעקט מיט קאָצן. אַ דייטשער קאַפּאָ האָט זיי באַמערקט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי זיי וואַרטן, ביז עס איז דורכגעפאָרן אויף זיין ראָווער דער עס־עס־מאַן טאמיקס, וואָס האָט געשאָסן יעדן אַפּשטייענדיקן. דער קאַפּאָ האָט אים צוגערופן. טאמיקס איז אַריין אין הויף, אַוועקגעשטעלט זיך נאָענט ביי די קראנקע געשריגן און געקאָפּעט זיי מיט די פיס, גערעוועט: „שטייט אויף!” די קראנקע האָבן געקרעכצט און ווייטער געלעגן.

בליץ שנעל כאַפּט ער ארויס דעם רעוואָלווער און שיסט זיי אַלע אַוועק. מיין מזל איז געווען, אַז מען האָט מיך נישט באַמערקט, זיי זענען געווען זיכער, אַז קיינער געפינט זיך מער נישט אין הויף.

ווען עס האָט גענומען ווערן טונקעלער, האָב איך גענומען א לאָפּאַטע און געוואָלט זיך נעמען צום גראָבן א קבר פאַר די קדושים, אָבער אינדרויסן זענען געווען פיל קינדער, זיי האָבן מיך באַמערקט און אַרויסגעלאָפן מיט געשרייען: „האַנס, האַנס!”

איך האָב זיך ארומגעקוקט און געזען ווי דער האַנס איז פאַרנומען אין דער סטאַדאלע און צונויפקלאפן קאסטענס פאַר די מתים. איך האָב באַשלאָסן אליין צו גיין צו אים. ער איז געווען אָנגעטון אין א מיליטערישן מונדיר, איך האָב אים געפרעגט, צי ער האָט נישט עפּעס א היטל פאַר מיר, אָבער ער האָט שטיל געברומט צו מיר: „אַנטלויף פונדאַנען וואָס שנעלער!”

איך בין אַרויס אויפן וועג, האָב שוין קיינעם נישט געזען. עס האָט אָנגעהויבן שיטן אַ געדיכטער שניי, און איך האָב נישט געוויסט וווהין צו גיין איך האָב אריינגעשטעקט די הענט אין די הויזטאַשן און אָנגעהויבן פייפן דאָס האָט געדאַרפט מאַכן דעם רושם, אז איך בין אַן אייגענער פון דעם דאָרף. קיינער האָט מיר נישט נאָכגעקוקט, נישט פאַרטשעפּעט. איך פּרוּוו ווידער מיין מזל און גיי אריין אין א קליינער כאטע אָפּגעזונדערט פון וועג. ביים אריינקום זאָג איך גוט מאָרגן אין פוילישן לשון. דער פויער האָט גלייך פאַרשטאַנען ווער איך בין. איך האָב אים געבעטן אַ היטל אָדער א קאפעליוש. ער טראַכט נישט לאַנג און גייט ארויס פון שטוב. ביים אַוועקגיין האָט ער מיר געזאָגט, אז איך בין אַוודאי פון די פאַרברעכער, וואָס מען האָט נאָר וואָס פאַרבייגעפירט, און ער מוז גיין מעלדן.

איך בין אוועק, אויסגעמיטן א צוואַנציק הייזער און אריין צום אַ נייעם לאַנדווירט, געבעטן ביי אים אַ הוט, ער האָט טאַקע באַלד מיין ווונטש דערפילט און האָט מיר אויך מכבד געווען מיט הייסע מילך און ברויט. זיץ איך אַזוי און עס מיין אָנבייסן זייער געשמאַק, דאָס האָט געדויערט אפשר אַ האַלבע שעה, און דער פריערדיקער האָט מיך אָפּגעזוכט און ווענדעט זיך צו מיר שטרענג, אַז איך מוז תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט.

איך האָב זיך געמאַכט ווי איך הער נישט. שווער געווען אָפּרייסן זיך פון ברויט מיט דער הייסער מילך. דאַן זאָגט מיר דער באַלעבאָס, אַז דער בירגערמייסטער וואַרט אויף מיר אינדרויסן. איך בין אַרויס מיטן ברויט אין דער האַנט און עס איך באַמי זיך צוצושמייכלען און איך פרעג אין פויליש ווער עס איז דער בירגערמייסטער. אַן עלטערער מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און זעכציק רופט זיך אָן: „דאָס בין איך”. זאָג איך אים אַז איך בין אַ קאַטאָוויצער און גיי באַלד אַוועק פון דאַנען. אינצווישען זענען זיך צענויפגעלאָפן עטלעכע און צוואַנציק יונגע רוצחים און געוואַרט אויפן משפט פון בירגערמייסטער. זיי זענען געווען באוואפנעט מיט לייכטע קורצע ביקסן. איך האָב דעם בירגערמייסטער דערציילט אז איך בין אַ קוילענגרובער און אַז נישט ווייט פון דאנען האָב איך קרובים. ער האָט מיך נאָכאַמאָל געפרעגט אויב איך גיי גלייך אַוועק, און ווען מיין תשובה איז געווען יאָ, האָט ער מיר די האַנט דערלאַנגט, מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַ „דאָווידזעניא” די יונגע היטלעריסטן האָט דאָס נישט געשמעקט, זיי האָבן צווישן זיך נישט אויפגעהערט טענהן, אַז איך בין אַ יודע. דער בירגערמייסטער דערקלערט זיי רואיק, אַז איך בין אַ שלעזיער און אַ קולנגרעבער פון קאַטאָוויץ. גיי איך, דער שניי פּראַשעט אויף מיר, דער גוף איז אן אויפגעלעבטער פון דעם ברויט מיט וואַרעמער מילך און אָט בין איך שוין אין עק דאָרף. די נאַכט איז צוגעפאַלן און איך באַשליס אָנצוקלאַפּן אין אַ טיר.

ווידער זאָג איך אַ פוילישן גריס גאָט און מען פרעגט מיך ווער איך בין. דאָס זענען געווען צוויי עלטערע ווייבער. איך דערקלער זיי, אַז איך האָב געארבעט אין אַ פאַבריק, אינצווישן זענען זיך אַלע אַרבעטער צעלאָפן, ווייל עס האָט

זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די רוסן קומען און איך זוך עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג. די צוויי פֿרויען האָבן מיך מכבד געווען מיט ברויט און שוואַרצע קאַווע, אינצווישן קלאַפּט עפּעס אַ שכן מיט באַנדאַזשירטער האַנט, הערט זיך איין צו מיין געשפּרעך, אַפֿילו גערעדט מיט מיר עטלעכע ווערטער. און אַרויסגעגאַנגען. באַלד נאָך אים זענען אַריינגעקומען עטלעכע יונגע היטלעריסטן. איינער פֿון זיי האָט געטראָגן קורץ געווער און געזאָגט: „יודע שנעל קאָם מיט". איך בין מיט זיי מיטגעגאַנגען, אָבער אויף מיין מזל איז פּונקט פֿאַרבייגעפֿאָרן דער זעלבער בירגערמייסטער. ער האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו זיי בזה הלשון: „לאָסט אים זאָפֿאָרט צו רו, ער איסט איין שלעזישער, ער האָט דאָ פֿאַרוואַנדטע, ניכט ווייט פֿאָן היער". ווידער בין איך ע"פּ נס ניצל געוואָרן, און איך גיי ווידער צוריק צו מיינע גאַסט־געבערינס וואָס האָבן טאַקע אינדרויסן געוואַרט און געווען נייגעריק צו וויסן וואָס מיט מיר איז געוואָרן. זיי ראַטן מיך נישט איבערנעכטיקן ביי זיי און ווייזן מיר, אַז נישט ווייט פֿון דאַנען איז פֿאַראַן אַ קליין דערפֿל, ווו עס איז ווייניקער געפֿערלעך

איך לאָז זיך ווייטער אויף אומבאַקאַנטע וועגן. אין דער ערשטער סטאַדאָלע וואָס איך האָב זיך אָנגעשטויסן, האָב איך געזען אַרויסגיין אַ פּויער מיט אַ זאַק פּלעוועס אויפֿן רוקן. איך באַגריס אים אויף פּויליש. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער אויף מיין באַגריסונג האָט ער נישט געענטפֿערט. בעט איך אים, אַז ער זאָל מיר שענקען אַ וואַרעם העמד, ווייל עס איז מיר שרעקלעך קאַלט. איך באַווייז נאָכנישט ענדיקן דעם זאַץ, גיט ער אַ געשריי אויף דייטש, אַז איך בין אַ פֿאַרברעכער און באַשטימט בין איך „אויסגעריסן" פֿון וועג פֿון די, וואָס מען האָט היינט פֿאַרבייגעפֿירט. איך האָב זיך געמאַכט נישט הערנדיק, און בין אַריין טיפֿער אין דאָרף.

עס איז פֿינצטער, די הינט בילן, איך קלער נישט לאַנג, גיי אַריין לינק אין אַ הויז, וואָס עס האָבן דערצו געפֿירט עטלעכע טרעפּלעך אַרויפֿצוגיין. אַזוי ווי איך בין אַריין אין פֿאָדער צימער האָט מיך אַ פֿרוי גוט אויפֿגענומען. זי האָט פֿאַרשטאַנען אַ ביסל פּויליש, איך האָב זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל מיר שענקען עפּעס אַ מלבוש. זי האָט אויס־געפֿונען אַ סוועטער, אַ מאַרינאַרקע. זי איז אַליין געווען אַן אָרעמע פֿעלדאַרבעטערין, מיר האָבן זיך צעשמועסט און זי האָט מיר דערציילט, אַז ביי דעם לאַנדווירט, וואָס זי האָט געאַרבעט, הער מינצער, האָבן געאַרבעט צוויי רוסן און גראַד די וואָך האָט מען זיי צוגענומען און ערגעץ ווו אַוועק־געפֿירט, אַז איך וויל, קאָן איך האָבן ביי אים באַשעפֿטי־קונג, זיין אַ פֿאַראַבעק. נאָך היינט קאָן איך דאָרט גיין אַהין. די פֿרוי איז מיט מיר מיטגעגאַנגען.

מען האָט מיך דאָרט גוט אויפֿגענומען. די פֿרוי מינצער האָט געדעקט דעם טיש און מיך מכבד געווען מיט אַ פֿיינעם נאַכטמאָל, ברויט מיט הייסע מילך. גערעדט האָט מען פּויליש, הגם זיי האָבן פּויליש שווער פֿאַרשטאַנען. באַלד איז אָנגעקומען זייערס אַ שוואָגער, אויף אורלויב, פֿון נאַצי מיליטער. ער האָט אויך אַנטייל גענומען אין שמועס, אַפֿילו זיך געוויצלט, דערציילט די העכערקייט און אָרדנונג פֿון אַ דייטשן לאַנדווירט אַנטקעגן אַ פּוילישן פּויער.

עס איז געוואָרן האַלבע נאַכט, קוים איך האָב געהאַלטן אָפֿן די אויגן. אָבער דער באַלעבאָס איז נאָך אַלץ נישט געווען אין דער היים. די פֿרוי האָט געזען מיין מידקייט און מיך אַריינגעפֿירט אין שטאַל פֿון די בהמות דאָרט האָט זי מיר אויסגעבעט אַ גאָר פֿיין געלעגער. אין שטאַל איז געווען ליכטיק, עס האָבן געמעלה־גירהט אַ 37 קי, אַלע פֿעטע בהמות און איך בין צווישן זיי געשמאַק און רואיק איינגעשלאָפֿן.

אַ זייגער זיבן פֿרי צומאָרגנס האָט מיך אַ מאַנספּאַרשון אויפֿגעוועקט דער באַלעבאָס און גלייך מיר גענומען געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער ווייסט ווער איך בין, ער האָט גערעדט מיט פּשוט מענטשלעכע ווערטער, אַז יידן זענען אויך מענטשן. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז איך בין נישט קיין ייד, און ווידער דערציילט אים מיין מעשה, אַז איך האָב געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק אין אָפּאָלע, און ווען די רוסן האָבן זיך דערנענטערט זענען אַלע אַרבעטער אַנטלאָפֿן פֿון דער פֿאַבריק צוליב פּחד. דער לאַנדווירט האָט מיך טאַקע באַדויערט, אָבער געזאָגט, אַז ביי אים קאָן איך נישט פֿאַרבלייבן, ווייל נעכטן אָוונט האָט אַ פּויער מיך באַמערקט אַריינגייענדיק אין דאָרף אַריין און אַלעמען דערציילט, אַז אַ ייד באַהאַלט זיך דאָ אויס. ער האָט מיר געברענגט פֿרישטיק, דערלויבט מיר אָפּצורוען זיך אַביסל ביז נאָך מיטאָג, און צוגעזאָגט מיר, אַז זיין פֿאַראָבעק וועט מיר ווייזן אַן אונטערוועג, ווי אַרויסצוקריגן זיך אויף מזרח.

איך האָב זיך אויפֿגעשטעלט און אַרויפֿגעצויגן מיינע נאַסע שיך אויך די מידע פֿיס מיינע, די פֿרוי מינצער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּעקל, אין וועלכן עס איז געווען ברויט מיט פֿלייש און איך האָב זיך געזעגנט מיט זיי, דאַנקענדיק פֿאַר דעם גוטן באַציען זיך צו מיר.

דאָ האָט מיר דער פֿאַראָבעק גענומען אונטער זיין ר״שות. פֿון דער שטאַל האָט ער מיך אַריבערגעפֿירט אין דער שעצקאַרניע און פֿון דאָרט אין אַ גרויסער שאָפּע און ווייטער ביז אין די גרויסע סטאָדאָלעס, געעפֿענט די הינטער־שטע טויערן פֿון דער סטאָדאָלע, קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן.

אַ געדיכטער שניי איז געפֿאַלן אָן אויפֿהער. מיר זענען געגאַנגען דורך די פֿעלדער אַן ערך דריי קילאָמעטער אויפֿן וועג האָט מיר דער יונגער פֿאַראָבעק דערציילט, אַז ער שטאַמט פֿון זאַוויערטשע. פֿון דערווייטענס האָבן זיך אַרויס־געשיילט דריי קירכעס און ער האָט מיך געהייסן זיך לאָזן צו איינער. ווען איך בין אָנגעקומען צו דער מיטלסטער קירך איז שוין געווען ביינאַכט. אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיק נפֿש און איך האָב באַשלאָסן צו פּרווון מזל אין ערשטן הויז, וואָס איז געשטאַנען כמעט אין פֿעלד. דאָס איז געווען אַן אָרעמע כאַטע. איך קלאַפּ אָן אין טיר

און עס קומט אָן די באַלעבאָסטע מיט אַ מיידל פון אַ יאָר צען. איך הויב ווידער אָן מיט מיינע פוילישע מעשיות. זי בעט מיך אין שטוב אריין. איך בין ממש דערפרויערן און געפין מיר קיין אָרט נישט. די פרוי האָט מיר מיט טרויער דערקלערט, אַז איר מאַן איז אין קריג און זי האָט מורא פרעמדע מענער אריינלאָזן אין שטוב צו איר. זי האָט מיר דערלויבט שלאָפן אין קיך.

ויהי ערב ויהי בוקר. עס איז געווען פרייטיק און ביי מיר אין האַרצן תוהו ובוהו. איך בין אויפגעשטאנען, אויס־געווישט די אויגן און באַמערקט, אַז דאָס טעכטערל איז נישטאָ אין דער היים. די מוטער האָט מיר דערקלערט פשוט און פראָסט, אַז דאָס טעכטערל האָט מורא דאָ צו פאַרבלייבן ווייל עס געפינט זיך אַ פרעמדער מאַן. איז זי דערווייל אַריין צו אַ שכן. איך האָב אויפגעציטערט פון געדאַנק וואָס דאָס קינד וועט אויספּלאַפּלען. איך האָב בּיטער אַ שמייכל געטאָן, געמאַכט אַ גוטע מינע. די פרוי האָט מיך געטרייסט, אַז איך וועל אפשר קענען אַרבעטן ביים גלח אָדער ביי אַ רייכן פויער, וואָס באַזיצט אַ סך ערד.

איך האָב זיך געלאָזט צום זוויפּט־שאָסיי, אויף וועלכן עס איז געווען אַ סכנה צו ג־יק, ווייל די וועגן זענען געווען פיל מיטן אַפּציענדיקן נאַצישן מיליטער. איך בין ממש געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער קירך, געטראַכט, אפשר וועט מיר דער גלח געבן עפּעס אַן אַרבעט. ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, איז דאָס בלוט אין מיר פאַרגליווערט געוואָרן, איך האָב געהערט, אַז מען רעדט אינווייניק דייטש. אריינקומענדיק האָב איך דערזען זעקס אלטיטשקע, גרייז גרויע פרויען. כ׳האָב דרייסט געזאָגט: „ניעך בענדזיע פּאָכ־וואַלאָני" נאָר איין פרוי האָט אָפּגעענטפערט, די איבעריקע האָבן נישט פאַרשטאַנען. אַן עלטערע פרוי קומט צו מיר צו און איך בעט זי לאָזן מיך זיין אין קלויסטער. זי האָט געזאָגט אז זי וועט אריינגיין צום קשיאָנדז פרעגן. אינצווישן האָט זי מיך מכבד געווען מיט עסן און אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט דער ביטערער בשורה, אַז אַז ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָבן זיי צוגענומען אַ נייעם פאַראָבעק און זיי נויטיקן זיך נישט אין קיינעם מער. איך האָב אַוועקגעלייגט דעם לעפל און אָנגעהויבן וויינען ווי אַקליין קינד. די אלטיטשקע פרויען האָבן מיטגעוויינט מיט מיר. אַז עס פאַראַן דאָ רייכע פויערים און ביי זיי וועל איך געפונען ארבעט. איך האָב איר געבעטן זי זאָל מיר העלפן. דאַן איז זי ווידער צוריק צום גלח וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם צווייטן שטאָק פון הויז דער ציילט אים אַלץ וואָס איך האָב איר געזאָגט. צוריקקומענדיק האָט זי מיך געפרעגט צי איך וועל קאָנען זיין א קיילער פון חזרים. איך האָב זיך געכאַפּט אז זי וויל וויסן צו איך בין א ייד, ווען איך האָב מסכים געווען, האָט זי געזאָגט, אז איך קען דאָ פאַרבלייבן עטלעכע טעג.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער סטאַדאָלע האָב איך באַמערקט אַ פּאָליאַק פון לעמבערג. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ערשט אַ צוויי טעג ווי ער אַרבעט דאָ. איך האָב אָנגעהויבן איינקוקן זיך אין דער ווירטשאַפט, וויפיל בהמות עס זענען פאַראַן א.א.וו. מיר האָבן צוזאמען אַרויפגעבראַכט עטלעכע זעק בוראקעס, צעהאַקט זיי אין דער מאשין, געבראכט ווייצענע פּלעווע דורכגעמישט מיט אַ גראַבליע. אין אָוונט, גענוג פרי האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן. קיין קוילן צו באַהייצן זענען נישט געווען.

דעם זעלבן אָוונט בין איך קראַנק געוואָרן און גערעדט פון פיבער. די אוקראַינקע, וואָס האָט געמאָלקן די בהמות און געוואַשן דאָס געשיר, האָט מיר געבראַכט עסן אין צימער. דאָס איז געווען שבת דעם 27־טן יאַנואַר און איך בין אזוי אָפּגעלעגן ביז דינסטיג. ערשט ווען דער גלח האָט דערהערט מיינע קרעכצן, איז ער אליין אריינגעקומען און געפרעגט מיך, דווקא אין פויליש: „כלאַפּקו, כלאַפּקו, וואָס איז מיט אייך?" זאָג איך אים: „אַוודאי געכאַפּט אַ לונגען־אָנצינדונג". דער גלח און די גאָספּאָדיני זענען אַרויס גלייך פון צימער און געבראַכט אַ מעדיצין, געגעבן גלייך אַ זופּ טאָן, צוויי לעפל מיט אַמאָל, געבראַכט עטלעכע וואַרעמע קאָצן מיך איינצודעקן. אַזוי בין איך אָפּגעלעגן אַ צוויי וואָכן צייט אונטער דער שוץ פון גלח.

סוף חודש פעברואר האָט מען אָנגעהויבן עוואקואירן פריוואטע דייטשן, און צום גלח האָבן זיך אריבערגעצויגן די גאָספּאָדיניעס אַ ברידער מיט זיין גאַנץ בני בית. נאָך צוויי וואָכן צייט, האָט ער מיך געוואָלט אַרויסטרייבן. זיין טענה איז געווען עס וועט נישט קלעקן קאַרטאָפל פאַר אַלעמען. אין אַ שבת פאַרנאַכט קומט ער אריין און זאָגט מיר, אַז איך מוז פאַרלאָזן דאָס אָרט ביים גלח.

אַזוי ווי מיר אַמפּערן זיך צווישן זיך קומט אָן די גאָספּאָדיני מיט נאַכט־עסן. איך האָב איר דערקלערט, אַז איך וועל נישט עסן. פאַר מיין טרייער אַרבעט און איבער־געבענקייט וויל איך מיין ברויט עסן מיט כבוד, ניט מען זאָל זיך מיט מיר וואַרפן.

זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל עסן און נישט צוהערן זיך צו איר ברידער. זי האָט נאָר צוגעגעבן, אַז זיי האָבן מורא, דאָס דאָרף זאָל נישט קוקן מיט בייזע אויגן אויף דעם, וואָס דער גלח האַלט אין זיין פּלעבאַניע צוויי פּאַכאָל־קעס. כ׳דאַרף זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, ווייל סוף סוף האָב איך דאָך נישט קיין שום דאַקומענטן. און דאָ קומען יעדן טאָג נאַצי־לייט קאָנטראָלירן די געבורטשיינען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך געמאַכט עפּעס אַן איבערקערעניש. אַ טייל פויערים מיט זייער משפחות זענען אַנטלאָפן פון דאָרף, דער בירגערמייסטער האָט אַריינגעש־טעלט די קי און פערד פון די אַנטלאָפענע צום גלח.

אינצווישען איז אַלץ טייערער געוואָרן, די פרייזן זענען געשפּרונגען, דאָס עסן האָט געקרוגן מער חשיבות, אין דער זעלבער צייט האָט דער רשע, דער ברודער פון דער גאָס־פּאָדיני געגומען מיר אָנטון צרות, קאָנטראָלירט מיינע יאָרן, מיינע פאַך־קענטעניש ביי פעלד־ארבעט, אָבער דער גלח

האַט זיך מיט מיר באַדינט צו זיין הייליקער דינסט... איך האָב דריי מאָל אין טאָג געקלונגען אין קלויסטער, געפּוצט די מאָלערייען אויף די שויבן, געקערט די פּאָדלאָגעס א.א.וו.

און נאָך אַ באַשעפטיקונג האָב איך געהאַט ביים גלח: אויסצופילן די גרויסע, 3 ליטערדיקע באַנקעס מילך, און יעדן טאָג זיי אַרויסטראָגן צום שליאַך, אַז דער מילכיקער זאָל דאָס האָבן גרייט, צום סוף איז דער מצב איז געוואָרן געפערלעך. צוויי עס־עס־לייט זענען געשטאַנען ביים וועג און קאָנטראָלירט שטעלט זיך פאַר מיין שרעק ביי יעדן צונויפ־טרעף מיט זיי אַנטקעגן קלויסטער. כ'האָב אַוועקגעשטעלט די קרוגען מילך און צוריק אין מיין היים אין קלויסטער, אַזוי ווי איך וואָלט זיי גאָרנישט געזען.

אין חודש מערץ 1945 הויבט זיך אָן פאַר מיר אַ שענערע וועלט, איך בין שוין געווען איינגעמאָלדן ביים בירגערמייסטער און געטראָגן אַ צייגעניש ביי זיך, איך האָב געפלעגט פאָרן מיט גלח קיין ניישטאַט און מיר פלעגן איינהאַנדלען פאַרשידענע זאַכן.

דעם 15טן מערץ זענען די רוסן אַריין אין דאָרף. באַלד אין פרימאָרגן האָט אַ שראַפנעל אַדורכגעלעכערט דעם טורעם פון קלויסטער, אים צעשמעטערט און אַראָפּגעקייקלט צו דער ערד. די גאָספּאַדיני האָט מיך עטלעכע מאָל געבעטן, איך זאָל צונויפֿנעמען מיט אַלע אַראָפּ אין קעלער, איך האָב זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט. ווידער הויבן אָן דונערן די האַרמאַטן און זי שרייט צו מיר: „היינריך, היינריך, קום דאָך אַראָפּ אין קעלער", איך האָב געענטפערט, אַז אין קעלער איז מיר שרעקלעך קאַלט, דאַן האָט זי מיר דערלויבט אָנצוטון דאָס פוטער, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער טיר, איך ענטפער איר אַ ביסל בייזלעך: „אַ פּאָרל וועש, הייליקע גאָספּאַדיניע, האָסטו היינריכן נישט געוואָלט געבן, ווען די לייז עסן זיין לייב און איצטער איז דיר אין דיין גרויסע רחמנות אפילו אַ פוטער נישט צו טייער, זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען, אויף דיין נשמה"...

דער גלח האָט דאָס געהערט און געפרעגט די גאָספּאָדינע פאַרוואָס איך בין אַזוי בייז. זי האָט אים דערציילט, ווי זיך וואָלט זיך פאַר אים מתוודה געווען: „מיט וואָכן צוריק האָט דער היינריך ביי מיר וועש געבעטן איך האָב אים נישט געגעבן און איצט געב איך אים דערפאַר אַ פוטער".

דעם זעלבן טאָג איז אריין די סאָוויעטישע ארמיי. דער גלח אַליין האָט מיך גערופן אין קעלער און דאַן האָב איך דערזען וואָס דאָרט טוט זיך. דעם קעלער האָט מען אויס־געסטראָיעט אַקוראַט ווי דעם קלויסטער. דאָרט זענען געזעסן ווייזט אויס, עטלעכע חשובע גלחים. ווי פרעמד איז מיר דאָס אַלץ אין דער רגע געווען.

איך בין ביים גלח געווען ביזן 18טן מערץ 1945 און ער האָט זיך צו מיר גוט באַצויגן, אוועקגייענדיק פון אים האָב איך באַקומען אַ דאקומענט, אַז איך בין געווען ביי אים באשעפטיקט אין זיין ווירטשאפט דעם דאָקומענט האָב איך מיר אַלס זכר געלאָזט. דער גלח האָט נישט געוווסט ווער איך בין ביז דער לעצטער מינוט. מיט אכט יאָר שפּעטער האָב איך אים געוואָלט באַזוכן, דערציילן אים ווי איך טראָג פראַנק און פריי מיין יידישקייט, האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער איז נישטאָ מער צווישן די לעבעדיקע. די גאָספּאַדיניע לעבט אין אנאבערג און א מאָדנע נאָמען טראָגט זי קאשורא בארבארא.

קיין סאָסנאָוויץ בין איך אַוועק צופוס. די וועגן זענען געווען פאַרנומען פון מיליטער. פון גלייוויץ בין איך געפאָרן מיט דער טראַמוואַי ביז סאָסנאָוויעץ. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן נאָך מיין צוריקקער, יעדער פּאָלאַק, אפילו מיינע חברים און פריינד, האָט מיט שטוינונג געפרעגט „דו לעבסט נאָך". די ערשטע הונדערט זלאָטעס האָב איך באַקומען פון יידישן קאָמיטעט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קיך, ווו מען האָט פאַר־טיילט זופּ פון קאַרטאָפל, גרויפּן און ברויט, דאַן האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן הילף פון דזשוינט, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אויף דער ביאַלער גאַס האָט זיך געפונען אַן איבער־בלייבעכץ פון א דייטשער שאָפּ, א וואַרשטאַט פון הילצערנע שטיוול. אויך איך האָט דאָרט געפונען באַשעפטיקונג.

די פּני זענען דאַמאָלס געווען ווייַנטרויב, רוזשקע קאָזאַק, חנוך שענבערג און דערנאָך גוטקע באַנדשטעטער.

אין די פאבריקס־ווערק האָב איך געארבעט ארום 6 חדשים, מיט דעם לוין איז געווען שוואַך.

יידן זענען זיך צעפאָרן, דער מאַגיסטראַט האָט אַלץ צוגענומען, ווייזט אויס, די ירושה פון די אומגעקומענע איז געווען צו ווייניק?..

צוריקקומענדיק קיין סאָסנאָוויעץ, באַלד נאָך דער באַפ־רייאונג, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ ייד, וואָס האָט געשטאַמט פון וואַדאָוויץ, נעבן כזשאַנאָוו. ער האָט מיר דערציילט אַז ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ קעלער אויף דער קאָלאָנטאַיאַ גאַס נומ' 10, אין סאָסנאָוויץ, אַ קריסטן האָט עס באַמערקט, אָבער זי האָט קיינעם נישט דערציילט, די גאַס, ווי באַקאַנט, איז אַ שטילע און אַזוי האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט, פון יולי 1943 ביז סוף יאַנואַר 1945. ער פלעגט ארויסגיין פון באַהעלטעניש כדי בעטען ביי גוטע מענטשן אַ שטיקל ברויט אָדער געלט. ער פלעגט טרעפן אויף אַ מענטש מיט אַ האַרץ, וואָס האָט אים געגעבן אויך אַ ביסל געקעכטס פאַר די צוויי קינדערלעך.

דעם 10־טן יאַנואַר איז ער ארויס פון קעלער, געגאַנגען זוכן פרנסה פאַר זיין פרוי און זיינע פיצעלעך, זענען געלעגן אין קעלער. האָבן אים באַגעגענט צוויי פוילישע יונגע לאַבוזלעך און געמאַכט אַ גוואַלד אין גאַס, גטייטלט מיט די פינגער: „אַ יודע!" דאָס איז געווען פונקט אַנטקעגן ראַזוואַי באַזאַר. ער וויל אַנטלויפן אָבער שוין צו שפּעט. עס טשעפּען זיך צו נאָך עטלעכע שקצימלעך און מען לאָזט אים נישט אָפּ, דאַן קומט אונטער אַ „שיפּאַק", אַ דייטשער זשאַנדאַרם און זיי ווייזן אים: „אָט איז אַ „יודע!" ער הייסט אים גיין מיט זיך, די מחנה שקצים'לעך לויפן נאָך, שרייען און ליאַרמען. דער זשאַנדאַר האָט זיי פאַרטריבן

און ווען ער איז געבליבן מיט אים אויג אויף אויג, האָט אים דער זשאַנדאַר אים געפרעגט, ווער ער איז. עס איז שוין געווען נאָענט צו דער פּאָליציי־וואַך און ער האָט געזען אַז ער האָט נישט וואָס צו פאַרלירן, האָט ער אים געזאָגט: „איך בין אַ ייד און האָב דאָ צוויי קינדער, אַ פרוי. איך האָב גערעכנט, אַז מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה, אָבער פאַרפאַלן".

מער האָט ער נישט געקאָנט רעדן, געבליבן שטיין פאַרגליווערט, דער דייטשער זשאַנדאַרם קוקט זיך פלוצים אים און דערלאַנגט אים פּופּציק מאַרק שטיק, זאָגט דערביי שטילערהייט: „איצטער גיי און פאַרשווינד".

דריי טאָג פאַר דער באַפרייאונג איז ער ווידער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, זוכן שפּייז פאַר די הונגעריקע מיילער. דער זעלבער זשאַנדאַם האָט אים ווידער באמערקט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם פינגער, געוואָרנט, ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיך...

אַנפאַנגס יאָר 1946 זענען געבראַכט געוואָרן פון דייטשלאַנד דורך דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק צוויי עס־עס־לייט, די הויפּט־הענקער פון דער סאָסנאָוויצער און זאַגלעמביער באַפעלקערונג: קוציניסקי און טשאַמלער, ביידע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען...

און איך זאָג: גענוג איך גיי צוריק קיין א"י, ווייל וואָס האָב איך נאָך דאָ צו זוכן אויף דער פּוילישער ערד, ווו יעדער שטיין דערמאָנט אַ גלות, וואָס האָט נישט דערלעבט אויסגעלייזזט צו ווערן.

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע:

דעם מאַטעריאַל האָט צוגעשיקט די פרוי פון חיים בערלינסקי נאָך דער פּטירה פון איר מאַן.

יחיאל פּאַליוואַדאַ — אמערריקע

אין די ערשטע טעג אין סטזשעמיעשיץ

פרייטיק דעם ערשטן סעפּטעמבער פרי האָט דער ראַדיאָ אָנגעזאָגט די טרויעריקע נייעס, אַז די נאַצישע אַרמיי האָט אָנגעגריפן די פּוילישע גרענעצן און פאַרשידענע אַביעקטן זענען פון עראָפּלאַנען געוואָרן באָמבאַרדירט.. אין אונדזער שטאָט — די פאַבריק „סטרעם".

דער מצב איז געוואָרן אַ געשפּאַנטער, אָנגעפילט מיט שרעק. די מלחמה אַליין איז שוין אַ שרעקלעכע דערשיינונג ערשט דאָ דורך די היטלער חיילות, וועמענס הויפּטציל איז צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק.

באַלד האָט זיך געשאַפן אַ כאַאָס. פּאָליציי זעט מען נישט דאָס אדמיניסטראַציע לעבן פּאַראַליזירט, באַנען הערן אויף צו פאָרן. די יידישע צייטונגען פון וואַרשע קומען נישט דאָס אדמיניסטראַציע לעבן פּאַראַליזירט, באַנען הערן אין גאַס דיסקוטירן, פּרוּוון זאָגן נבואות, אַז אַזאַ מלחמה קאָן נישט און וועט לאַנג נישט דויערן. די אַלע נבואותן האָבן גאָרנישט בייגעטראָגן צו באַרואיקן אונדזערע הערצער, אין וועלכע עס האָט גענעסטיקט מוראדיקע שרעק פאַר דעם קומענדיקן.

די אַלע פּוילישע העלדן וואָס האָבן זיך ערשט נעכטן באַרימט דאָס קיין איין קנעפּעל פון אונדזער מונדיר וועלן מיר נישט אָפּגעבן זענען ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן.

אָפּט האָט זיך געלאָזט הערן דאָס געריוש פון די עראָפּלאַנען און די פּוילישע שכנים אונדזערע האָבן זיך באַרימט, אַז דאָס זענען „אונדזערע", יידן האָבן געצווייפלט, ווייל זיי זענען געפלויגן אויף מזרח. די שרעק און כאַאָס זענען געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. די אומרואיקע שעהן האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווי אַן אייביקייט אין אונדזער מוח.

מיר האָבן געפּרוּווט טרעפן וואָס עס וועט זיין אונדזער גורל ביי היטלערן. איינער האָט אויפגעוויזן, אַז פּוילן האָט דאָך פראַנקרייך אַלס פאַרבינדעטע און ביידע צוזאַמען וועלן זיין שטאַרקער פון היטלערן. אַנדערע האָבן געגלויבט אין דער ווידערשטאַנדס־פעאיקייט פון דער פּוילישער ארמיי. דייטשלאַנד האָט נישט גענוג פּראָדוקטן ווייל עס איז נישט קיין אגראַר־לאַנד און וועט נשט זיין פעאיק צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דער גאַנצער וועלט.. אַלע קאָמענטאַרן האָבן אָבער גאַנץ ווייניק בייגעטראָגן צום באַרואיקן די געמיטער. דאָך האָט נאָך געצאנקט אַ געפיל, אַז אפשר טאַקע וועט אַלץ אדורך בשלום.

אויף דעם שאָסיי האָבן זיך באַוויזן גרופּעס מענטשן מיט פּעק אויף די פּלייצעס, פירענדיק קינדער ביי די הענט. אַנדערע מיט אָנגעלאָדענטע וועגענער, מיט בעטגעוואַנט און אַנדערע געגענשטאַנדן. דאָס זענען געווען אַנטלויפנדיקע פון די גרענעץ־געביטן און אויך פון סאָסנאָוויץ, בענדין, יידן, מערסטנס יונגעלייט. טייל האָבן איינגעשפּאַנט זייערע קי, וואָס האָבן זיך קוים געשלעפּט, מען האָט געזען גרופּעס זעלנער, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע איינהייטן, זענען געלאָפן אָן דיסציפּלין.

אין גאַס האָבן זיך באַוויזן פּוילישע יונגע לייט מיט אַרעמבענדער אַלס מיליץ צום שוץ פון דער באַפעלקערונג. זיי האָבן באַפוילן עפענען די געשעפטן, אָבער נישט אַלע האָבן זיי געפאָלגט. בעלי מלאכות האָבן געוואָרפן זייער אַרבעט און אַרויס־געגאַנגען אין גאַס הערן וואָס עס טוט זיך.

אין דער צערודערקייט איז אַדורך דער פרייטיקדיקער טאָג. ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מעריב זייט. האָבן נאָך ציטערדיק געפינקלט די שבת־ליכט פון די

יידישע פענסטער און דער עולם איז געגאַנגען ווער אין בית המדרש ווער אין שטיבלעך מקבל שבת זיין. אַסך זענען צוליב מורא געבליבן אינדערהיים, דער שבתדיקער אָוונט איז דורך אָן באַזונדערע געשעענישן, אָבער אויף די הערצער האָט געשווערט דער אומרו פאַרשידענע ווערסיעס האָבן קורסירט פון אויער צו אויער. אין סאָסנאָוויץ זענען שוין געווען דייטשע פאַטראָלן אויף מאָטאָציקלען. דאָס האָט פאַרשטאַרקט די שרעק, אַז הא באַלד וועלן זיי זיך אויך ביי אונדז באַווייזן.

פאַרנאַכט האָט זיך געשטאַרקט דאָס דונערן פון האַרמאַטן און דער הימל איז געוואָרן אייַנגעהילט אין רויט. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז די שלאַכט גייט אָ, אין אָשוויענטשים מען זעט דעזערטירנדיקע מיליטער־לייט, נישט נאָר סאָלדאַטן נייערט אויך אָפיצערן, אסך איבערגעטוענע אין צעווילע קליידער. יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך געדאַרפט שטעלן אַלס רעזערוויסטן, האָבן זיך נישט צוגעשטעלט און די וואָס האָבן זיך יאָ געמאָלדן האָט מען געהייסן גיין קיין מיעכאָוו. אויך זיי האָבן שוין נישט געפאָלגט און געבליבן אויפן אָרט. די פאַניק ביי דער ציווילער באַפעלקערונג וואַקסט און אַלץ מער מענטשן לויפן אויף „מזרח". יעדער אין באַלאָדן מיט אַ רוק־זאַק אויף די פלייצעס און דער געדראַנג אויף די וועגן ווערט וואָס אַמאָל געדיכטער. די, וואָס האָבן געהאַט מזל צו האָבן פערד און וואָגן, האָבן זיך דורך דער מאַסע נישט געקאָנט אַדורכרייסן. מערקווירדיק, אַז אין דער מאסע האָט מען געזען ווייניק פרויען. עס זענען אַרומגעגאַנגען ווערסיעס, אַז די דייטשן וועלן כאַפּן מענער צו דער אַרבעט און כלפּי פרויען און קינדער וועלן זיי האָבן אַ מילדערע באַציונג.

מיט דעם געדאַנק האָט מען זיך געלייגט שלאָפן, אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען, און אַזוי ליגענדיג וואַך אין בעט האָבן מיר דערהערט אַ געשיסעריי פון מאַשין־געווער. לויטן אָפּהילך האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז דאָס איז ערגעץ נאָענט.

זונטיק פרי, עפּעס איבערגעכאַפּט און גרייט צו פאַרלאָזן די זיסע היים און אַוועק מיט שטראָם אַנטלויפנדיקע. אַזוי האָבן מיר דערגרייכט דאָס שטעטל סלאַווקאָוו, אַביסל אויסגערוט זיך און ווידער גענומען די פיס אויף די אַקסלען און מאַרשירט קיין אָלקוש. אָנגעקומען קיין אָלקוש, צעבראָכענע פון שלעפּען אַ רוקזאַק און שווערן גאַנג, האָבן מיר גלייך באַמערקט די סימנים פון קריג, דאָס וויכטיקסטע האָט שוין געפעלט — ברויט.

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט און איבערגעשלאָפן די נאַכט. מאָנטיק פרי האָבן מיר געהערט אַ נייעס, אַז אָשוויענצים איז שוין אין דייטשע הענט, דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די אויפרייסן, וואָס מיר האָבן געהערט, זענען געווען פון דאָרט. פון וואַנען אָבער די מענטשן האָבן געשעפּט די ידיעות, האָט מען נישט געוווסט און נישט געפּרוווט אפילו דערגיין.

מיר האָבן געהערט, אַז עס גייט אָפּ אַ באַן קיין בילין, האָב איך נישט לאַנג געטראַכט און אוועק צו דער סטאַציע, אַריין אין אַ וואַגאָן און אָט האָט מען זיך דערוואַרט די באַן זאָל רירן פון אָרט. מיר האָבן זיך געפרייט דערמיט וואָס מיר דערווייטערן זיך פון די נאַציס, אָבער ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". קוים איז די באַן אָפּגעקראָכן אַ פּאָר קילאָמעטער און זי שטייט שוין ווידער, אין וואַלד, פון ערגעץ הערט מען שיסן צייטנווייס האָבן איבער אונדז געזוישט עראָפּלאַנען.

די באַן שטייט און שטייט, די ליניעס זענען פאַרבלאָקירט און דעם טונעל קאָן מען מער נישט אַדורך, איז אונדזער וואַרטן הייסט עס איבעריק. דאַרף מען נעמען דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און „וילך", געגאַנגען. פיל יידן האָבן זייערע וואַליזע אָפּגעשטאָפּטע מיטן האָב און גוטס אַוועקגעוואָרפן, כדי צו באַפרייען זיך פון די שווערער משא, ווייל פון ראַבשטין, ווו די באַן איז שטיין געבליבן ביז וואָלבראָם, איז נאָך אַכט קילאָמעטער. דער טאָג איז געווען אַ אויסטערליש הייסער, די זון האָט געבאַקן אומברחמנותדיק. די שרעק, די זאַמדן, דער וואַלד, האָבן אונדז געטריבן, אויסגעשעפּטע, צעבראָכענע, ביז ענדלעך מיר האָבן זיך דערשלאָגן צום וועג קיין וואָלבראָם. מידע און צוזאַמענגעבראָכענע האָבן מיר דערזען די ערשטע הייזער פון דער שטאָט. דאָס האָט אונדז דערפרייט און צוגעגעבן פרישן כוח צום שפּאַנען ווייטער.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט וואָלבראָם, ווו מאַסן מענטשן זענען געווען פאַרזאַמלט אין מאַרק און איינער דעם צווייטן האָט איבערגעגעבן פאַרשידענע ווערסיעס נישט פריילעכע נייעסן. באַלד איז די נאַכט צוגעפאַלן און עס האָבן זיך דערהערט איינצלנע שאָס אין שטאָט האָבן זיך נאָך געפונען איינצלנע פוילישע סאָלדאַטן, נישט אָרגאַניזירטע איינהייטן. מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין זייערע שטיבער און געגרייט זיך צום שלאָף.

אויך די נאַכט איז אַריבער און „ויהי ערב ויהי בוקר". דינסטיק, האָבן מיר זיך דערוווסט אַז די דייטשן זענען פון פילץ געקומען אונדז באַזוכן, און תיכף איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אלע מענער פון זעכצן ביז זעכציק זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין מאַרק און אויב מען וועט געפינען וועמען אויסבאַהאַלטן, ווערט ער אויפן אָרט דערשאָסן. וואָס מאַכט מען? איינציקווייז — איינציקווייז האָבן יידן געשטראָמט צום מאַרק, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט מיליטער, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער און אינמיטן, ווי אַצונויפגעטריבענע סטאַדע, די יידן פון שטאָט, צווישן זיי אויך די אַנטלאָפענע פון זאַגלעמביע. דער טאָג איז געווען אַ שיינער די זון האָט געשיינט און מען האָט געפּ־לט די חמימה אפן האַרץ. דורשטיק מיד, האָט מען זיך אויסגעלייגט אויפן בריק און געפּרוווט טרעפן וואָס עס דערוואַרט אונדז מען האָט אפילו דערלויבט די פרויען זאָלן אונדז דערלאַנגען וואַסער און שפּייז. אַרום צוויי אַ זייגער האָט מען אָנגעהויבן באַפרייען די וואָס זענען איבער פערציק.

איך האָב זיך אויף דעם דאָזיקן מאַרק געטראָפן מיט מיין ברודער. ביידע זענען מיר באַפרייט געוואָרן און באַלד האָבן מיר אָנגענומען אַ באַשלוס דאָס איך זאָל זיך צוריקקערן אַ היים קיין סטשעמיעשיץ און ער וועט פאַר בלייבן אויפן אָרט ווייל זיין זון געפינט זיך צווישן די פאַרהאַלטענע און ער וועט וואַרטן ביז מען וועט אים באַפרייען. דער סוף איז געווען, מען האָט מער קיינעם נישט באפרייט, אלע אוועקגעטריבן קיין פּילץ און פון פילץ קיין זאוויערטשע.

די צרות און פּיין, וואָס זיי זענען אויסגעשטאנען, טרייבענדיק זיי און שוין זייענדיק אין זאוויערטשע איז א קאַפּיטל פון פּיין פאַר זיך. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און גענומען מיין רוקזאַק אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט אויפן וועג צוריק, ווייל ווייטער גיין און אויסמיידן די דייטשן איז שוין נישט געווען מעגלעך. מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז קעלץ איז שוין אויך באַזעצט פון די דייטשן.

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן שטעלן מיינע טריט, און ד׳ערווייטערט זיך פון וואָלבראָם. איך בין נישט געווען דער איינציקער גייער. ענדלעך האָט מען אָנגעיאָגט אַ פיר געשפּאַנט אין צוויי פערד און אויף דער פיר זענען געזעסן לויטער יידן, וואָס אויך זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין בענדין און זיי האָבן געהאַט מיטלייד מיט מיר און האָבן מיר פאַרגעשלאָגן, אַז איך זאָל מיט זיי מיטפאָרן.

אַריינפאָרענדיק אין אלקוש האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ דייטשע וואַך, נאָכן אדורכגיין די קאָנטראָל האָט מען אונדז דערלויבט אריינקומען אין שטאָט. מיר זענען אַריין צו באַקאַנטע און אַדורכגעמאַכט די נאַכט. מיטוואָך פרי האָב איך שוין קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן ביז די פיר וועט אָפּפאָרן און איך האָב אָנגעהויבן גיין ווייטער. לויט מיין חשבון האָב איך געדאַרפט גיין נאָך איינאונצוואַנציק קילאָמעטער און דאָס דאַרף נישט דויערן מער ווי אַ דריי שעה, און אָט איז שוין נישט ווייט פון סלאַווקאָוו, באַלד בין איך שוין ביים טייך און אָט איז די בריק. אַ קריסט, וואָס האָט מיך באַגעגנט, רופט צו מיר: „גיי אַראָפּ צום וואַסער, וועסטו עפּעס זען". איך האָב אים געפאָלגט און וואָס מיינע אויגן האָבן געזען, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. נישט ווייט פון דער בריק זענען אין וואַסער געלעגן עטלעכע טויטע יידן איינגאַנצן נאַקעטע. פון גרויס שרעק בין איך אנטלאָפן. עטלעכע שריט פון וואסער, האָב איך באַמערקט, איז דאָס גראָז געווען אויסגעבר׳ענט. ווייזט אויס, אז דאָ האָט מען פארברענט זייערע מלבושים.

מיך האָט געטריבן אַן אינערלעכער כוח וואָס שנעלער זיין צוריק אין דערהיים, מיינע געדאַנקען האָבן זיך נישט געקאַנט באַפרייען פון דעם שרעקלעכן בילד וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען, איך האָב גטראַכט, אַז אפשר האָט דער קריסט געוואָלט מיר ווייזן דורך דעם שרעקלעכן בילד די גרויל־מעשים פון די דייטשן, ווער ווייסט? געטריבן פון מוראדיקער שרעק האָב איך נישט געפילט די אויסגעמאטערטקייט און בין סוף־סוף דערגאַנגען קיין סטזעמיעשיץ. דאָ האָב איך שוין געטראָפן די דייטשן, אָבער דערווייל איז אין שטעטל געווען שטיל. אין גאַס האָב איך געטראָפן פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אָנצוהויבן ראַבירן די געשלאָסענע געשעפטן.

איך האָב זיך דערוווסט פון דעם שרעקלעכן פייער אין בענדין און אויך שרעקלעכע נייעס פון סאָסנאָוויץ און איך האָב געפּרוווט דערציילן וואָס איך האָבן געזען אין סלאַווקאָוו, אָבער די יידן אין גאַס האָבן שוין פון דעם אלעם אויך געוווסט.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט וואָס אַמאָל נידריקער און נידריקער. מענטשן אין גאַס זענען געוואָרן ווייניקער. עס איז געוואָרן נאכט און אונדזער שרעק איז געוואקסן. מען איז געלעגן אין די בעטן און דער שלאָף האָט זיך נישט געקלעפּט צו די אויגן. ערגעץ האָט זיך פּלוצים צעגרעגערט אַ מאַשין געווער, געוואָרן שטיל. ווער עס האָט געשאָסן און ווו, האָבן מיר זיך נישט געקאָנט דערוויסן. מען האָט געטראַכט וועגן דער גרויליקער מעשה, וואָס האָט פּאַסירט אין בענדין. די האָר שטעלן זיך קאַפּויער ווען מען הערט דאָס, די דייטשע סאָלדאַטן האָבן אונטערגעצינדן די בענדינער שול און האָבן נישט געלאָזט לעשן. אויך הייזער אין שכנות האָבן זיך אָנגעצונדן און אַרום די אלע ברענענדיקע בנינים זענען געווען אַוועקגעשטעלט סאָלדאַטן מיט ביקסן גרייט צו שיסן אין יעדן איינעם, וואָס וועט אים געלונגען ראַטעווען זיך פון פייער. מען האַט אפילו דערציילט אַז עטלעכע יידן איז געלונגען צו אנטלויפן פון פייער און זיך דערשלאָגן צום גלח אין קאָשציאָל און אַזוי ארום ניצל געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. וויפל אמת עס איז געווען אין דעם אלעם איז שווער געווען צו וויסן, אָבער אַזוי האָט מען זיך דערציילט איינער דעם צווייטן. קיין יידישע צייטונג האָט מען נישט באַקומען און ווייניק יידן האָבן באַזוכט בענדין אָדער סאָסנאָוויץ. די באַן האָט נישט פונקציאָנירט נאָרמאַל.

אויך פון סאָסנאָוויץ האָבן דערגרייכט ביטערע בשורות ווו יידן זענען גענומען געוואָרן צו תליות און מען האָט זיי אויפגעהאָנגען, אַזוי האָט יעדער טאָג געבראַכט זיינע גרויליקע נייעסן וועגן הענגען, שיסן און כאַפּן צו אַרבעט.

טייל געשעפטן זענען געווען אָפן, אָבער עס האָט זיך שוין געפילט אַ מאַנגל אין פאַרשידענע אַרטיקלען און באַזונדערס אין שפּייזז־פּראָדוקטן. אויף צו באַקומען ברויט האָט מען געמוזט זיך שטאַרק אָנשטרענגען, ווייל ביי די בעקערס איז אויסגעגאַנגען דאָס מעל און סוחרים האָבן זיך געשראָקן אַרויסצופאָרן און ברענגען מעל פאַר די בעקערייען. אויך דאָס פארזאמלען זיך בכדי צו הערן נייעס איז געוואָרן זעלטענער. יידן האָבן מורא געהאט צו שטיין אין גאַס, ווייל מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן צו פאַרשידענע אַרבעטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געהערט דערציילן, אַז מען

האָט געכאַפּט אַ צאָל יידן און זיי געשיקט אויף אַרבעט קיין „ליסקא", ביי סונאַק, אויך האָבן מיר געהערט, אַז די רויטע אַרמיי האָט אָקופּירט אַ טייל פּוילן און אַז די גרענעץ איז דער טייך סאַן ביי פּשעמישל. מען האָט אפילו געשמועסט אַז די רויטע אַרמיי וועט אויך קומען צו אונדז. מיר האָבן זיך די אויגן אויסגעקוקט און זיי זענען נישט געקומען.

אין יענער צייט האָבן זיך עטלעכע יידישע יונגעלייט אומגעקערט פון פּוילישן מיליטער, זייערע פאַמיליעס האָבן זיך געפרייט מיט זיי, אויך מיין שוואָגער חיים, איז געקומען פון אונטער לעמבערג צו פוס. פון איינעם האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיכאל רעכניץ ליגט אין שפּיטאָל אין לעמבערג און ער איז פאַרוווּנדעט. די פרוי, וואָס האָט געהאַט צוויי קינדער האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיי ביי איר שוועסטער און אַוועקלאָזן זיך קיין לעמבערג מיט דעם געדאַנק אים צו ברענגען אַהיים. איר מזל איז אָבער נישט געווען דערביי. זי האָט זיך מיט אים אויסגעמיטן אין וועג און אינצווישן צייט איז די גרענעץ געשלאָסן געוואָרן, שטרענגער באַוואַכט, און די פרוי רעכניץ האָט שוין מער נישט געקאָנט צוריק אַהיים.

דערווייל איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרלאָזן סטשיזשעמיעשיץ, אַוועק צו דער גרענעץ ביי פּשעמישל און דאָרט אַריבער צו די סאָוויעטן. עטלעכע פון מיינע פריינד האָבן געוואָלט מיט מיר מיטגיין אָבער אַ טאָג פריער האָבן זיי באַקומען חרטה. דעם 10טן נאָוועמבער, אַ שבת צונאַכט, האָבן איך באַשלאָסן לאָזן זיך אין וועג און אַזוי איז עס טאַקע געשען. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין פרוי און קינדער, נישט זאָגנדיק, אַז איך קוש זיי צום לעצטן מאָל. מיין מוטער האָט מיך באַגלייט אַ שטיקל וועג און ווען איך האָב זי געבעטן, זי זאָל צוריקקערן, האָט זי מיר געענטפערט: „ווער ווייסט, אויב איך וועל דיך נאָך אַ מאָל זעען".

איך בין אָנגעקומען צו דער באַן, געקויפט אַ בילעט און אַרויף אויפן אָנקומענדיקן צוג. צוויי שעה שפּעטער בין איך שוין געווען אין קראָקע, געמוזט וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט און ערשט צומאָרגנס איז אַ באַן אָפּגעפאָרן צו דער גרענעץ.

עס איז שוין געווען בין השמשות ווען מיר זענען אָנגעקומען מען האָט אונדז אריינגעפירט אין אַ פאַרלאָזטער געביידע. פון דאַנען וועלן מיר דאַרפן אַדורך דעם טייך סאַן. ארום אונדז האָבן זיך געדרייט פּויערים וואָס האָבן אונדז געדאַרפט אַריבערפירן, אָבער עפּעס האָבן מיר געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. די טירן זענען געווען אָפּגעשלאָסן. איך האָב באַמערקט, אַז דאָס פענסטער קאָן מען אויפמאַכן און היות ווי אין דער געביידע איז נישט געווען קיין ליכט האָב איך לאַנג נישט געטראַכט, געעפענט דאָס פענסטער און אַרויסגעקראָכן, געשלייכט זיך אויפן בויך עטלעכע טריט נאָענט פון שאָסיי. אין די פענסטער פון די פּויערים־שטיבלעך איז געווען פינסטער. שווערע אויטאָס מיט דייטשע סאָלדאַטן און אויך עלעגאַנטע לימוזינעס מיט דייטשע אָפיצערן זענען געפאָרן איבערן שאָסיי. ענדלעך האָב איך דערזען ליכט אין אַ פענסטער און כ'האָב זיך צוגעשאַרט אַהין, ווי אַ סאָלדאַט אויפן בויך בעת אַן אָנגריף און סוף סוף בין איך דערגאַנגען צו אַ פּויערישער שטוב און בין אַריינגעגאַנגען אינעווייניק.

אין דער שטוב ביים פּויער האָב איך שוין געטראָפן עטלעכע יידן, וואַרטענדיקע אַריבערצוגיין די גרענעץ. דער פּויער האָט מיר גלייך געזאָגט, „אַז דאָס וועט מיך קאָסטן הונדערט זלאָטעס. איך האָב צוגעשטימט. אונצווישן זענען נאָך עטלעכע געקומען צו לויפן פון דער זעלבער געביידע, וווּ איך האָב דאָס פענסטער אויסגעבראָכן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָבן זיך געלאָזט צום טייך, מיר זענען געווען זיבן פּערזאָן יעדער האָט געגעבן צען זלאָטעס און איך האָב דאָס געלט איבערגעגעבן דעם פּויער.

ביים ברעג איז דער טייך געווען נישט טיף. אָבער אין דער צווייטער זייט איז אונדז דאָס וואַסער דערגאַנגען ביז דער ברוסט. ביים ברעג איז געווען אַ ליימיקע מויער, שווער געווען ארויפצוקריכן און מיר האָבן זיך באַדאַרפט באַנוצן מיט די אַקסלען פון אַנדערע, וואָס האָבן באַוויזן אָנצוקומען פריער און אַזוי זענען מיר אריבער די גרענעץ. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון דער גרענעץ, קוים געשלעפּט די פיס איבער די ליימיקע פעלדער, האַלב נאַקעטע. דורכגענעצטע, שמוציקע פון ליים און בלאָטע. עס האָבן זיך ארויסגעזען באַלויכטנע פענסטער פון פּויערישע כאַטעס, אָבער די שרעק האָט אונדז צורקגעהאַלטן, ערשט נאָך אַלאַנגע צייט שלעפן זיך מידע און געפרוירענע האָבן מיר זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ביי אַ באַלויכטן הויז. מיר באַראַטן זיך צווישן זיך וואָס מיר האָבן צו טאָן, אָנצוקלאַפּן אין פענסטער אָדער ניין פּלוצים האָבן מיר דערהערט אַ געוויין פון אַ קליין קינד און האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָ וווינען ציווילע מענטשן. מיר האָבן שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, אַ שטים פון דער שטוב האָט זיך אָנגערופן: „ווער איז דאָס?" מיר האָבן שטאַרק געבעטן אונדז דערלויבן אריין אין שטוב. באַלד האָט זיך געהערט דאָס אויפמאכן דעם ריגל און מיר זעען זיך אין אַן אָפענער טיר פון וועלכער עס שפּאַרט אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט. די וואַרעמע אויפנאַמע פון די פּשוטע מענטשן אין יענער פינצטערער נאַכט האָט אונדז געגעבן נייעם גלויבן אין מענטש.

דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי מיט אַ נייגעבוירן קינד פון עטלעכע וואָכן. דער פּויער האָט באַלד געבראַכט עטלעכע בונט שטרוי, צעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע, געבראַכט וואַסער זיך אָפּצוּוואַשן און מיר האָבן זיך געלייגט אָפּרוען. אויפצומאָרגנס האָבן מיר דעם פּויער געוואָלט געבן אַ ביסל געלט, אָבער ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט עפּעס צו נעמען פון אונדז.

יאָרן זענען אוועק. איך גיב וועגן מיין איבערלעבן אין ראַטנפאַרבאַנד גאָרנישט איבער דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט: כ'שפּרינג דערפאַר אריבער צום סוף פון דער מלחמה.

עס איז שוין דאָס יאָר 1946. א וואָך פאַר פסח, האָט אונדזער עשאַלאָן, וואָס איז שוין געווען דריי וואָכן אין וועג, ענדלעך דערגרייכט די זעלבע גרענעץ ביי פשעמישל, ווו מיר האָבן זיך אדורכגעשמוגלט מיט זעקס יאָר צוריק. מיר האָבן שוין געהערט וואָס פאַר אַ קבלת פנים עס דערוואַרט אונדז. מיט גרויס שרעק האָבן מיר דורכגעמאַכט די גרענעץ פראָצעדור, די פערזענלעכע קאָנטראָל. ביי טייל מענטשן האָט מען טאקע צוגענומען גרעסערע סומעס געלט, און ענדלעך האָט די באַן ווידער געריירט פון אָרט.

נאָך עטלעכע שעה פאָרן געפינען מיר זיך אין קראָקע, איינצלנע האָבן פאַרלאָזט דעם עשאלאן און זיך געלאָזט צו זייערע אַמאָליקע היימען. אין קראָקע האָבן מיר זיך דער־וווּסט, אַז אונדזער עשאלאן גייט קיין נידערשלעזיען איבער שטשאקאָווע־מיסלאָוויץ, נישט ווייט פון סטשעמיעשיץ אָבער צוליב דעם וואָס איך האָב געהאַט אַ שווערן באַגאַזש האָב איך נישט געקאָנט פאַרלאָזן דעם עשאלאָן.

מיט מיר איז אויך צוריקגעקומען הערשל גליקשטיין, איצטער אין ישראל, איז געווען מיט מיר אין טשקאלאָס, אין ראַטנפּאַרבאַנד. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קלאַדזקאָ, האָבן מיר אָנגעטראָפן די ערשטע געראַטעוועטע יידן. שמוס־ענדיק מיט זיי האָט זיך הערשל גלייך דערוווּסט, אַז עטלעכע סטאַציעס ווייטער געפינט זיך ווער פון זיין משפחה און מיר האָבן זיך צעשיידט. מיר זענען נאָך געפאָרן עטלעכע סטאַציעס און מען האָט אונדז אראָפּגעלאָזט און איינקוואַטירט אין הייזער וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דייטשן אין געוויסע הייזער האָט מען נאָך געפונען אַביסל מעבל, אָבער מערסטנס זענען עס געווען צעראַבירטע הייזער.

עס האָבן זיך באַוויזן מענטשן פון דזשאַינט און האָבן געבראַכט שפייז און פאַרשידענע פּראָדוקטן. זיי האָבן צו־געזאָגט ברענגען מצות און ווין אויף פסח און איך האָב אָנגעהויבן פּלאַנירן צו מאַכן אַ באַזוך אין סטזעמיעשיץ.

חול המועד פסח האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אויף קאַטאָוויץ. די באַן איז געווען געפּאַקט מיט „שאַבראָווניקעס" וואָס זענען געפאָרן מיט גאַנצע פּעק רויב, און עס איז נישט געווען קיין אָרט אפילו צום שטיין. קיין יידן האָט מען אין דער באַן נישט געזען. די פּאַסאַזשירן האָבן גערעדט פון יידן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד און דווקא נישט מיט אַ טאָן פון מיטגעפיל. איך האָב דאָס אַלץ געמוזט אויסהערן און געווען צופרידן וואָס די באַן איז נישט באַלויכטן און מען וועט מיך נישט דערקאָנען אַלס ייד. ענדלעך, נאָך אַ גאַנצע נאַכט פאָרן שטייענדיק, בין איך אָנגעקומען קיין קאַטאָוויץ און אין דעם זעלבן טאָג בין איך שוין געווען אין סאָסנאָוויץ, ווו איך בין גלייך אַוועק צום יידישן קאָמיטעט געוואָר ווערן עפּעס וועגן מיין משפחה, אָבער איך האָב נישט באַקומען קיין פּאָזיטיווע תשובה. איך האָב אין סאָסנאָוויץ נישט לאַנג פאַרבראַכט, קיין באַקאַנטע האָב איך נישט געטראָפן, כאָטש אַלץ זעט אויס ווי געווען, די זעלבע סטאַציע, ווי מיט יאָרן צוריק. דער גאָרטן מיט די זעלבע ביימער, די זעלבע הייזער, אין וועלכע יידן האָבן געוווינט דורות אויף דורות און איז איצט פאַרנומען דורך פרעמדע. אויף דער מאָנדזשיי־אוסקער גאַס האָב איך באַגעגנט יידן, וואָס האָבן מיר דער־ציילט, אַז מיין שוועסטער געפינט זיך אין רייכנבאַך, נידער־שלעזיען. פון מיין פרוי און קינדער ווייסן זיי גאָרנישט. אין סטזשעמיעשיץ זענען קיין יידן נישט פאַרהאַן. וואָס האָב איך דאָרט געהאַט צו זיין? נאָר ווייזט זיך ארויס, אז דאָס געפיל איז שטאַרקער ווי דער שכל, און עס האָט זיך מיר געוואָלט נאָכאַמאָל זען דאָס אָרט ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

איך שפּאַציר אויף דער וואַרשאַווסקער גאַס. די מסרעטע געשעפטן זענען אָפן ביי די טירן שטייען די נייע באַלע־באַטים וועלכע דערקאָנען מיך באַלד און זיי פרעגן „לעבסט נאָך...?" עטלעכע שוסטער, וואָס זענען געווען מיינע קונים, האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט און פאַרבעטן אין שענק אריין, באַשטעלט בראָנפן און פאַרבייסעכץ און דערציילט מיר אַלץ וואָס זיי ווייסן. זיי ווייסן ווו מיינע מאַשינען געפינען זיך, ווער עס האָט מיין מעבל, מיין בעטגעוואַנט, אַלץ, אַלץ ווייסן זיי. זיי שלאָגן מיר פאָר אַלץ צוריקצוברענגען און העלפן מיר צוריק זיך איינאָרדענען, איינער פון זיי וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט צו אים צוטרוי, האָט מיר אפילו פאָרגעלייגט אַ בעט צו שלאָפן, האָב איך טאַקע ביי אים גענעכטיקט. צומאָרגנס אין דער פרי האָב איך געוואָלט זיך זען מיט איינעם, גאַבטשיק, אָבער איך האָב אים נישט געטראָפן צוריקגייענדיק, ביים ספּאָרט־פּלאַץ, האָב איך געהערט רופן מיין נאָמען און דערזען: באַקאַנטע פּוילישע פרוי. זי זאָגט צו מיר: „קום אריין צו מיר אין שטוב, וועל איך דיר דערציילן פון דיין שלמהלען". זי האָט זיי געקאָנט, די מיינינקע, ווייל דאָרט איז געווען דאָס געטאָ. זי האָט מיר אויך דערציילט וועגן זיסמאַן גידענסקיס ייִנגעלע, בערעלע. ביטערע זענען די מעשיות געווען און היות ווי זי האָט געהאַנדלט מיטן ביטערן טראָפּן, האָב איך נאָך גע־דאַרפט באַשטעלן אַ פלעשל אויך, און ווי מיר זיצן אַזוי, נעמט איר מאַן ארויס אַ רעוואָלווער און צילט אין פענסטער. אויף מיין לייב האָט די הויט זיך געריינצלט פון שרעק. ער ווענדעט זיך צו מיר מיט דעם לשון: „זיי וויסן, אַז דער וועג אויף וועלכן די גייסט, איז אַ גליטשיקער". זיינע ווערטער האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד.

מיד פון ארומקריכן צווישן די פּאָליאַקן און אויסהערן זייערע אַלע מעשיות, בין איך אַוועק צום וועלדל. מען האָט מיר געוויזן דאָס אָרט, ווו מען האָט צוויי פּאָליאקן געהאָנגען. אַז זיי האָבן מיט גאָרנישט דערמאָנט אַז אונטערן באַרג געפינט זיך אַ ברודער־קבר פון דערשאָסענע יידן. ערשט אין חדשים אַרום האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דאָזיקן קבר.

אין סאָסנאָוויץ האָב איך געפונען מיין קאָזין, ראובן רוסטגרונד און אויך אַ שוועסטער. מיין קוזין האָט זיך צוריק

געקערט פון רוסלאַנד מיט אַ פרוי און קינד (היינט אין ישראל). מיר האָבן זיך זייער געפרייט און אויך זיך גוט אויסגעוויינט און אַזוי שפּאַצירענדיק אויף דער מאַנזשע־יאַוווסקער גאַס האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף הערשל גליקשטיין. מיר האָבן זיך ביידע דערפרייט און אַראָפּגערעדט זיך פון הארצן. ביידע האָבן מיר קיינעם פון אונדזערע נאָענטע נישט געטראָפן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט דאָ אַ פעטער און מיך גלייך צו אים אַוועקגעפירט. דער פעטער מיט זיין פרוי האָבן מיך פריינטלעך אויפגענומען און פאַרבעטן אויף אַ שבתדיקן מאַלצייט.

שבת פרי זענען מיר אוועק אין שול, ווו אונדזער גאַסטגעבער האָט געדאַוונט. נאָכן דאַוונען אַוועק צו זיי אהיים, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט ביי אַ טראַדיציאָנעלן סערווירטן שבתדיקן טיש מיט יידישע מאכלים, אַ טעם, וואָס איך האָב שוין זעקס יאָר נישט פאַרזוכט. די צופרידנקייט פון די גאַסטגעבער, זייער פריינטלעכקייט איז מיר שווער אין ווערטער איבערצוגעבן.

אינצווישן בין איך געוואָר געוואָרן אַז אין רייכנבאַך געפינט זיך מיין ברודערס אַ טאָכטער מיט אַ זון און אויך אַ קוזינס אַ זון. ווידער האָט מיך מיין אומגעדולד נישט געלאָזט רוען און באַלד זונטיק פרי האָב איך זיך געלאָזט אין וועג קיין רייכנבאַך, ווו איך האָב מיין ברודערס־טאָכטער אָפּגעפונען. זי איז געוועזן פאַרהייראַט צו אַ פריזיער, פון לאָדזש דאָרט בין איך געבליבן עטלעכע טעג. מיר האָבן זיך פשוט נישט געקאָנט שיידן און פון זיי האָב איך זיך דערוווסט די אַדרעסן פון איר ברודער משה פאַליוואָדע (איצט אין ישראל) און אויך פון חיים פאַלטורע פון סאָסנאָוויץ (איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן). מיר האָבן זיך געפרייט און נאָך מער געוויינט אויף אונדזער גרויסן בראָך. דאָ האָב איך אויך געפונען אַברהם רעכניץ מיט זיין טאָכטער פעלא. נאָך עטלעכע טעג פאַרברענגען מיט מיינע נאָענטע האָב איך זיך אומגעקערט דאָרט ווו מיין באַגאַזש האָט זי געפינען.

די טעג האָבן זיך אַלץ מער און מער צעוואַרעמט און צעשטראַלט, די באַרג־געגנט און די שטילקייט האָבן אַביסל באַרויקט מיינע צעשרויפטע נערוון. מיר הערן יעדן טאָג גרויליקע נייעס, וואָס עס באַווייזן אונדזערע פּאַליאַקן. מיט דער באַן איז געוועזן אַ שרעק צו פאָרן. גאַנץ אָפט האָבן די לייט פון א.ק. קאָנטראָלירט די פּאַספּאָרטן און געזוכט יידן, דערגענצט די היטלעריסטישע מלאכה. זיי האָבן ארויסגעוואָרפן יידן פון די לויפנדיקע באַנען אָדער אָפּגעשטעלט די באַן, אוועקגעפירט דעם קרבן, און אים דערשאָסן.

איך האָב באַקומען אַ ידיעה, אַז מיין שוועסטער מיט איר מאַן געפינען זיך אין מינכען. מיר האָבן זיך אדורכגעשריבן און געהאַט חשק צו זיין צוזאַמען, און אַזוי איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער פּלאַן צו פאַרלאָזן פּוילן.

נייעסן וועגן דערמאָרדן יידן זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. מיטאַמאָל איז געקומען די ידיעה וועגן שוידערלעכן פּאָגראָם אין קעלץ, ווו עטלעכע פערציק יידן זענען מערדערלעך אומגעבראַכט געוואָרן. יידן האָבן אָנגע־הויבן מאַסן ווייז אַנטלויפן פון פּוילן. דעמאָלט האָב איך אויך אָנגעשלאָסן זיך אין אַ גרופּע און מיט זיי זיך געלאָזט צו דער גרענעץ. די פּוילישע וואַך האָט נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן. נישט לאַנג האָבן מיר פאַרבראַכט אויף דער טשעכישער ערד, באַלד איינגעשטיגן אין אַ באַן און נאָך אַ שעה פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין ווין און איינקוואַטירט געוואָרן אין ראָטשילד־שפּיטאָל.

נאָך עטלעכע טעג זענען מיר ווידער אַרויף אויף אַ באַן אין דער ריכטונג פון זאַלצבורג, נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. אַזוי זענען מיר געפאָרן עטלעכע שעה און אריבער די גרענעץ צווישן עסטרייך־דייטשלאַנד און אָט געפינען מיר זיך שוין אין מינכען. פון דאָרט האָט מען אונדז טראַנספּאָרטירט קיין קאַסעל, אָבער פון דאָרט האָב איך זיך פאַרשטענדיקט מיט מיין שוועסטער, וועלכע איז געווען אין מינכען, און בין אהינגעפאָרן. אונדזער באַגעגעניש איז געווען אַ רירנדיקע עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אויך אַנדערע קרובים און אַזוי האָבן זיך צענויפגעקליבן צעבראָכענע רעשטלעך פון אונדזער משפּחה. פון אַלע אַנדערע האָב איך נישט געקענט זיך דערוויסן אפילו ווו עס געפינען זיך זייערע קברים.

יחיאל פאַליוואָדע — הנצחה

די שורות האָב איך געשריבן פאַר דעם יזכור ספר פון סאָסנאָוויץ און סביבה און פון דאָרט וועל איך זייערע הייליקע נשמות דערמאָנען און אויסוויינען מיין גורל און טרויער און אָט איז מיין חשבון אַ חשבון פון נעמען:

מיין מוטער — חנה פאַליוואָדע

מיין פרוי — ליבא

מיין זון שלמה און מיין טאָכטער אסתר

מיין שוועסטער טייבל איר מאַן אברהם מאיר יוסף קופּערבערג

זייערע קינדער טאָכטער פייגעלע און זון אליקום.

מיין ברודער אברהם דוד און זיין פרוי פייגעלע פאַלי־וואָדע

זייערע קינדער טאָכטער טויבע און זון יעקב יחיאל שמואל און יצחק

שוועסטער שרה לאה איר מאַן פנחס מרגליות טאָכטער רייזעלע און זון דוד

שוועסטער דינה איר טאָכטער איטקא און זון יעקב (קובוש)

שוועסטער רייזל איר מאַן בנימין גרויער זון יעקב און חיים.

דאָס איז מיין חשבון צווישן די זעקס מיליאָן קדושים וואָס די דייטשע נאַצי מערדער פאָלק האָט אומגעבראַכט מיט אַלע מיני אכזריות — ניט פאַרגעסן און געדענקען הי״ד.

הדסה פריוועס (בת לייבל בייטנר)

צוריק א היים...

צוויי וואָכן נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער נוישטאט גלעווע אין דייטשלאַנד. מיר פילן זיך קרעפטיקער און באַשליסן צו גיין אַהיים. דער וועג צו וועלכן מיר גרייטן זיך, איז נישט אַזוי לייכט, מען דאַרף גיין צו־פוס, פון דאָרף צו דאָרף פון שטאָט צו שטאָט, קיין שום באַן־פאַרבינדונג איז נישטאָ, די באַן־ליניעס ליגן איבערגעריסן, צעשמעטערט פון די באָמבעס. די פערד רעקווירירט דורך די רוסן און די פערד־שטאַלן זענען ליידיק. מיט אַ האַנט־וועגעלע אויף צוויי רעדלעך, זענען מיר אַרויס אויפן וועג. שווער באַוועגן זיך די פיס, נאָך צוויי יאָר פאַרברענגען אין אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן. נאָר די האָפנונג צו קומען אַמאָל אַהיים דערמוטיקט און ציט פאָראויס, גייען חברה, שטעלן טריט, מיט יעדן טראָט אַלץ נענטער צו דער היים. אַהיים! אַהיים!

גיין פרויען גרופּנווייז צו צוויי, צו פיר, אפילו צען מיטגלידער אין איין משפחה. שלעפנדיק דאָס האַנט־וועגעלע מיט מלבושים און שפּייז גייט אַיינע פאָראויס איינגעש־פּאַנט אין דישל, אַ צווייטע שטופּט אונטער. אויך מענער פון פאַרשידענע לאַגערן גייען איבער די וועגן מיט זייערע פּעקלעך, וואַליזעס אָדער אַ זאַק אויפן איינגעבויגענעם רוקן. אַזוי גייען די באַפרייטע קאַצעטלער פון די לאַגערן אַהיים.

יעדע גרופּע איז אָפּגעצייכנט מיט א״ר פאָן, פּאַרטיעס פאַליאַקן מיט ווייס־רויטע שלייפעלעך אין דער קלאַפּע. רוסישע בירגער מיטן רויטן אָפּצייכן, איטאַליענער, פראַנצויזן, סלאָוואַקן, יעדנס פאָן איז ווי אַן אַנווייז־טאַוול ווי ווייט ער איז פון זיין לאַנד.

לידלעך פאַרבענקטע רייסן זיך פון קעל, דאָס וועגעלע, אַן אַלטע טראַנטע באַלאַדן מיט פּעקלעך, מיט כלים, מיט נאָכהענגענדיקע טעפּ און עמער, באַפּוצט מיט געלע בלימלעך **פון פעלד, וואַקלט זיך, בארג אַרויף, בארג אַראָפּ, איבערן** שווארצן גלאַנציקן אַספאַלט־וועג. הענט שטופּן אונטער, נישט אָפּשטיין. מיט יעדן טראָט אַלץ נענטער צו דער היים. די לאַגער־משפחות דערמאָנען אַמאָליקע וואַנדערער, אָדער **גאָר ציגיינער באַנדעס.** ווי געטאָגט נישט גענעכטיקט.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַזוי גייען די באַפרייטע איבער די וועגן פון דייטשע שטעט און דערפער, באַגינען גייט מען אַרויס, מיטן זון־אונטערגאַנג זוכט מען ערגעץ־ווו איבערצונעכטיקן.

נישט אַזוי פּשוט איז דער וועג, עסן איז פאַראַן גענוג, הינער, געגנדז, עמערס מילך, אויסגעמאָלקן פון די קו, וואָס געפינען זיך אין די דאָרפישע שטאַלן. די שטובן שטיין אָפן, אויסגעלערט פון זייערע דייטשע איינוווינער, אָדער גוטבעזיצער. פון קיינעם נישט געשטערט קאָן מען אין יעדער שטוב קאָכן, באַקן, אויסרוען זיך אין זייערע בעטן, באָדן זיך, וואַשן, איבערטון אַנדערע וועש און מל־בושים.

דער וועג פירט איבער באָמבאַרדירטע שטעט, איינגע־פאַלענע הייזער, די גאַסן איבערפולט מיט גרוזעס. אָפטמאָל קומט אויס צו נעכטיקן אין אַ תבואה־שפּייכלער אָדער אויף אַ בוידעם, אין שטרוי. קיינער זוכט נישט קיין ספּעציעלע באַקוועמלעכקייטן, דאָס איינציקע, וואָס מען זוכט, איז אַ באַהעלטעניש פאַר די מיידלעך. אויב אין דאָרף, ווו מען קומט אָן, געפינט זיך מיליטער, און עס הערן זיך זייערע „גאַר־מאָשקעס", נעמט מען גלייך דעם וועג צו ציען ווייטער.

די רוסן זענען געווען פריינטלעך צו אונדז, ווי ברידער, נאָר צו די מיידלעך אַביסל צופיל צוגעלאָזן... זיי טענהן: „מי וואַס אָסוואָבאָדילי, דאיטע נאם דיעוואַשקי", די מיידלעך לעבן אין שרעק, ביי נאַכט זיצן זיי פאַרשפּאַרט אין אַ צימער אָדער שפּייז־קאַמער דעם אריינגאַנג פאַרשטעלט מיט אַ שאַנק. ווען די סאָלדאַטן קומען איינמיטן דער נאַכט און זעען נאָר מענער, ווערן זיי אָנגעברוגזט, געבן אַ זעץ מיט דער טיר און גייען אַוועק.

באַזונדערס נאָענט זענען זיי צו די פּוילישע פרויען. דער־זעענדיק דעם פּוילישן אָפּצייכן. צעשטראַלן זיך ביי זיי די פּנימער. די ווייס־רויטע שלייפלעך, וואָס מיר האָבן אַזוי זאָרגפעלטיק און מיט שטאָלץ איינגעשטאָכן אין די קלאַ־פּעס, זענען שוין אַראָפּ פון דער ארענע. אויך דער פּוילשער פאָן, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס און באַצירט אונדזער קאַראַוואַן ליגט אויך שוין פאַרפּאַקט אין וועגעלע, אויס פאַליאַטשקעס, מוחל דעם כבוד...

דער טשעכישער מלוכה־פּרעזידענט בענעש האָט האַר־ציק גערעדט יעדן טאָג צו זיין פאָלק. עס הערן זיך זיינע ווערטער פון הילכער אין פאַרשידענע פּונקטן, לענג־אויס דעם וועג: „טשעכישע בירגער, זייט מוטיק און קומט אַהיים. דאָס לאַנד וואַרט אויף אייך!"

„ברידער סאָלדאַטן — הערט זיך די זעלבע הילכיקע שטים דורכן מיקראָפאָן — העלפט און זייט פריינטלעך צו די טשעכישע בירגער וואָס גייען פון די לאַגערן אַהיים. היט דעם כבוד פון אונדזערע פרויען"....

פאַר די טשעכישע רעפּאַטריאַרטן זענען אין אַלע שטעט אין אָפיציעלע פּונקטן, געווען צוגעגרייט פעלד־קיכן מיט קעסלען פריש געקאָכטע עסן, אויך מעדיצינישע הילף, דאָקטוי־רים און מעדיקאַמענטן. אַנדערע האָבן באַקומען נאָך אין די רוסישע מיליטערישע קאָמענדאַטורן, יעדערער אַ ברויט און אַ פּושקע פלייש־קאָנסערוון, אויך אַ פּראָפּוסטק אויף צו גיין אין ווייטערן וועג. אַזעלכע פּונקטן זענען געווען אין די גרעסערע שטעט, פּריצוואַלד, שטעטין, פירסטענבערג א.א.

שווער געווען דער צוריקוועג צופוס. אַלע באַנען אין דייטשלאַנד ליגן צעשמעטערט און פאַרברענט, גרויסע טיילן פון די באַפרייטע האָבן אונטערגענומען דעם וועג פון טויזנטער קלמ. צו פוס אַהיים. דרייסיק קל״מ מאַכן מיר יעדן טאָג, דאָס איז ווייניק אין פאַרגלייך מיט די טויזנטער קל״מ וואָס טיילן אונדז אָפּ פון דער אַלטער היים.

גייענדיק אַזוי איבער דייטשלאַנד האָבן מיר באַגעגנט אַ סך באַנען אָבער דאָס זענען נישט געווען פון פּאַסאַזשירן. דאָס זענען געווען רוסישע מיליטערישע לאַסט־וואַגאַנעס. יעדער צוג האָט געציילט 50—60 ברייטע אָפענע פּלאַטפאַרמען, אָנגעפּראָפּט מיט מאַשינען פון אויסגעלערטע פאַבריקן, מיט סחורות, קאַסטנס, קוישן, זעק, אפילו מעבל און פּעקלעך בעטגעוואַנט. אַלץ האָבן די סאָוויעטן אַרויסגעפירט צו זיך קיין רוסלאַנד. ביי טאָג, ביי נאַכט, פלעגן לויפן באַנען אין דער גרעסטער שנעלקייט איבער די נייע ברייטע רעלסן, וואָס די רוסן האָבן פאַרלייגט און צוגעפּאַסט צו זייערע רוסישע וואַגאָנען.

אין וועג האָבן געטראָפן פאַרשידענע נישט אויסגערעכנטע געלעגנהייטן. אַזוי למשל, זענען מיר במשך אַ וואָך צייט געפאָרן מיט פערד און וואָגן. און געמאַכט יעדן טאָג 50—60 קלמ. פּלוצלינג האָבן די רוסן אונדז אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעוואָרגן די פּעקלעך און צוגענומען פערד און וואָגן. צום גליק האָבן מיר שפּעטער באַקאַנט אַ רוסישן מאַיאָר פון מיליטער־שטאַב, אַ ייד. ער האָט געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע אַ גרויסן מיליטערישן לאַסט־אויטאָ און אַ מיליטערישן שאָפער, אַריבערגעפירט אונדז איבער דער אָדער, ביז בידגאשטש אין פּוילן. דאָס איז געווען א וועג פון העכער 1500 קלמ.

אין פּוילן האָט שוין קורסירט עפּעס אַ באַן, געפאָרן אַזוי זיך אַמאָל ביי טאָג אַמאָל ביי נאַכט, טויזנטער מענטשן זענען געווען פאַרזאַמעלט ביי יעדער באַן־סטאַציע, געוואַרט 2—3 טעג ביז עס וועט אָנקומען אַ באַן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָס פאַראַ סצענעס עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביים איינשטייגן, ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ צוג מיט 5—6 וואַגאָנען, אויף וועלכע עס האָבן געוואַרט טויזנטער מענטשן

נאָכן דורכמאַכן דעם דאָזיקן וועג, וואָס האָט געדויערט זעקס וואָכן, זענען מיר, איך און האלישע, געבליבן שטיין פאַר דער סטאַציע אין סאָסנאָוויץ. די פיס ציטערן, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט זיי געוואָרפן... די ערשטע געדאַנקען אונדזערע זענען געווען: ווו זאָלן מיר גייען? אין מיין שטוב אויף גלאַוואַצקיעגאָ? ווו מיין יאָסלע פלעגט לויפן אַ פריילעכער איבער די שטיגן און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער שוין זיינע טריט, זיין פייפען, זיין זינגען, ניין. דאָרט גיי איך נישט, כ׳וועל עס נישט איבערלעבן. גיין צום הויז פון מיינע עלטערן אויף דער קזשיווע? אַזוי טראַכטענדיק באַמערק איך ווי ליידיק עס זענען די גאַסן, ווי שטיל און פּוסט, דאָ, ווו עס האָט געשפּרודלט מיט לעבן, זעט אויס ווי קיין לעבעדיקער מענטש וואָלט זיך דאָ נישט געפינען.

פּלוצים דערנענטערט זיך אין אונדזער ריכטונג אַ גרופּע מענטשן. זיי גייען מיטן וועג פון דער לאַנגער 3 מאַי־גאַס, מיט לאַנגזאַמע, געמאָסטענע טריט, אַנטבלויזטע קעפּ, שוואַרצע מלבושים. זיי טראָגן אַ בלומענקראַנץ מיט שוואַרצע ברייטע בענדער, מיט אַ גאָלדענער אויפשריפט „לאַנג וועלן מיר געדענקען דעם טייערן פריינט".

די עגלה מיטן אָרון איז געשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד. אויפן אָרון קרענץ. הינטערן אָרון צוויי עלטערע גלחים. אין ווייסע קיטלען אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי אויסטערליש, ווי פון אַן אַנדערער וועלט. אין געדאַנק קומען אויף בילדער פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט אוישוויצער בילדער, מיט טויזענטער טויטע, אַרום די בלאָקן שקעלעטן נאַקעטע, פאַרשטייפטע, מיט איינגעבויגענע לאַנג פאַרשפּיצטע קניען און עלנבויגנס, אין שניי אָדער רעגן האָבן זיי געוואַרט אויף דעם גואל־צדק אויף דער דייטשער לאַסט־מאַשין וואָס וועט זיי אַוועקפירן צום פאַרברענען, מענטשן, יונגע, פעאיקע, מיט אַקאַדעמישע בילדונג, קינסטלער און גייסטלעכע, קיינער איז נישט נאָכגעגאַנגען זייער לויה, קיינער האָט נאָך זיי נישט פאַרגאָסן אַ טרער.

מיר פאַרקערווען אין דער ריכטונג צו קזשיווע, מיר קומען נענטער, איך זע שוין דאָס הויז פון מיינע ליבע עלטערן, ר׳ לייבל בייטנער און מיין מאַמע בלימעלע. ווער האָט נישט געקענט מיינע עלטערנס הויז, ווו יעדער האָט געקאָנט באַקומען אַן ערלעכע עצה, אַ גמילות־חסד, אַ שיינע נדבה.

דאָס הויז, פון וואַנען עס האָט זיך תמיד געהערט דער קול תורה, דאָ פלעגן געפינען זייער אָרט אָנגעזעענע רבנים און פאַרברענגען ביי אַ תורה־שמועס. מיין טייערע מאַמע האָט מיט אַ ברייטער האַנט געפירט איר שטוב, געקעמפט פאַר יידישקייט און דערצויגן אַ דור חסידים בני תורה.

איך וואַרף אַ בליק צו די פאַרמאַכטע טירן, ווי שטיל דאָס איז געוואָרן, ווי פרעמד, ווו זענען די אַלע משפחות פון דעם הויז? די קינדערלעך, וואָס פלעגן רוישן, וועלוועלע פרידבערג מיט זיין משפחה, ר׳ שאול סענדעראָוויץ מיט זיינע 7 דערוואַקסענע קינדער? איך עפן נישט דרייסט די טיר פון אַ פאַרטער־דירה, ווו ס׳האָט פריער געוווינט לעדערמאַן, אַ משפחה מיט זעקס קינדער, איצט זיצט דאָ אַן אַלטער גוי אַ שוסטער און קלאַפּט טשוועקעס אין אַ פּאָר זוילן. פון אונטער זיינעברילן האָבן זיך אויפגעהויבן צו מיר אַ פּאָר גרינע אויגן און מיט אַ וואַסערדיקן בליק, מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און אַן אָנגעבלאָזענער א זאָג געטאָן: „וועמען זוכט איר? יידן כוואלא באָגו, אַז דער טייוול האָט זיי שוין צוגענומען". נאָך האָט ער געפּלוידערט ווי אין קדחת, איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך קאָן שוין אַוועקגיין.

אַרויסקומענדיק פאַרן טויער האָבן מיר באַגעגנט אַ קריסטלעכן שכן, וועלכער האָט אַרום 20 יאָר פאַרנומען אין

אונדזער הויז אַ דאַך־שטיבל אַקעגן דעם בוידעם און זעלטן אַמאָל געצאָלט דירה־געלט, פון יוצא וועגן. איצט איז ער אַרויס מיט לשון: „און איר לעבט נאָך? האָבן אייך די דייטשן איבערגעלאָזט, ווי איז דאָס מעגלעך?"

נאָך דעם קבלת פנים פרעג איך אים: „פאַניע יאַזינסקי, איז פאַראַן ערגעץ אַן אָרט פאַר מיר ווו אַוועק צולייגן דעם רוקזאַק?" „אַלע דירות זענען פאַרנעמען — זאָגט ער קורץ — נאָר מיין־דאַך שטיבל שטייט ליידיק. אייער פאָטער דער פאַן „גאַספּאַדאַזש" פלעגט מיר תמיד זאָגן, יאַזשינסקי, דו דאַרפסט האָבן אַ בעסערע דירה, און אָט איז טאַקע געקומען די צייט. היינט האָב איך דריי צימערן מיט אַ קוך, שיין מעבל, אַלע באַקוועמלעכקייטן ביי פּישלען אין דעם ווינקעל הויז אויף טשיסטע, אַפילו אַ פּאַרטעפּיאַן איז פאַראַן. די דירה האָב איך צוגענומען „פּאַ זשידאָך", גלייך ווען זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן".

איך פיל ווי זיין האַרץ איז אים איבערפילט פון פרייד און נצחון: „אויב איר ווילט אָפּנעמען דאָס מעבל און די אייזערנע קאַסע פון אייערע עלטערן, קאָן איך אייך אָנווייזן ווי דאָס געפינט זיך, איך ווייס ווער עס האָט דאָס צוגענומען".

יאַזשינסקי איז זיך אַוועק אַקעגנאיבער, צו ר' משה פּישעלס הויז טשיסטע נר. 9. מירביידע מיט די רוק זעק אויף דער פּלייצע, דורכגעווייקט פונעם רעגן, זענען אַרויף צוויי שטאָקשטיגן, כדי צו פאַרנעמען יאַזשינסקיס אַמאָליקע דירה.


די טיר פון דער „וווינונג" איז געשטאַנען ברייט אָפן, די פענסטער צעעפנט מיט אויסגעהאַקטע שויבן. פון די ווענט טריפט אַ נאַסער שימל, די פּאָדלאָגע מיט איינגעביסענעם שטויב פון יאָרן, מיט גרינע שטיקער קאַלך־פלעקן, וואָס פאַלן פון נאַסן סופיט נאָכן רעגן. מיר שטעלן אַוועק די רוקזאַק, זעצען זיך נעבן דער וואַנט. זענען מיר, הייסט עס, אין דער היים... פון צונויפגעוואָרפענעם אַלטווארג האָבן מיר אויסגעזוכט אַן אייזערן בעטל, אַ בענקל מיט דריי פיס. אַן איבערגעקערטער קאַסטן איז געוואָרן אונדזער טיש, אַ וואַסער־קענדל מיט אַ לאָך. איך ליג אויפן בעטל און איך טראַכט, וואָס אַלץ אין דעם הויז איז געווען, דאָ, געווען און מער נישטאָ. נישטאָ קיינער, נישט מיין טאַטע, נישט מיין מאַמע, מיין מאַן, מיין זון, שוועסטער און ברידער. קיינער איז נישט צוריקגעקומען. פון פאַרבאָרגענער טיפעניש רייסט זיך דער ווייטיק צו די ליידיקע ווענט, צום שטילן חלל פון פוסטן שטיבל, די נאַכט איז שוין איינגאַנצען אָפּגעטרעטן. ליכטיקע זון־שטראַלן דרינגען אַריין און זאָגן אָן אַ נייעם טאָג. אַ נייער טאָג אין דער פרעמדער אלטער היים.

די היינטיקע געמינע אויף מאָנדזשעווער 5 פאַרנעמט אַ 3 צימער וווינונג אויפן ערשטן שטאָק. קיין ספּעציעלע פאַכמענישע כוחות זענען דאָרט נישטאָ. אַ יונג בלאָס מיידל, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון לאַגער, פאַרשרייבט און רעגיסטרירט די ניי־אנגעקומענע. שלמה שטיינפלד איז דער אָנפירער פון דער היינטיקער גמינע.

מאָנדזשעווער 5 איז געוואָרן דער יידישער זאַמעלפונקט, דער יידישער צענטער. פון אַלע וועגן שטראָמט מען אַהער, עס איז שוין באַוווסט און פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז נאָר אין סאָסנאָוויעץ, קאַטאָוויץ אָדער לאָדזש, זענען פאַראַן יידן. אין אַנדערע שטעט קאָן מען זיך נישט ווייזן, צוליב די אנטיסעמיטישע אָנפאַלן און פּאָגראָמען אויף יידן.

אין דעם טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען זענען אין דער גמינע געווען רעגיסטרירט העכער צוויי מנינים יידן. אויף דער וואַנט, נעבן איינגאַנג, איז געהאָנגען אַן אָנגעשריבענע טאַבעלע פון די אָנגעקומענע. אַ צווייטע טאָוול מיט אַ רשימה און בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען פון אמעריקאַנער קרובים אָדער פון רוסלאַנד. דער פּאָסט־אַמט האָט אַלע בריוו פאַר יידן איינגעשיקט אין דער יידישער גמינע.

פיל פון די צוריקגעקומענע האָבן געטראָפן בריוו פון



ילדים בגיטו... איפה אמא?
קינדער אין געטאָ.... וואו איז די מאַמע?

זייערע קרובים אין רוסלאנד, פון טאַשקענט און אנדערע פלעצער, ווו זייערע משפחות זענען פאַרשיקט געוואָרן, נאָכדעם ווי זיי האָבן באוויזן ארויסצורייסן זיך פון היטלערס גיהנום אין די יאָרן 1940—1941.

די גמינע מאנדזשעווער 5 איז געוואָרן די נייע־היים, ווו יעדער געפינט זיך שוין עפעס אַ שטיקל אָרט אויף דער פאָדלאגע, ווו אוועקצושטעלן דעם רוקזאַק און אויסגלייכן די ביינער נאָך דעם שווערן וועג. איינמאָל אין טאָג באקומט יעדער געקאָכט עסן, אַ פּאָרציע ברויט און אַ זופּ אומזיסט.

מערסטנס קאָן נישט אַיינער דעם אַנדערן, כמעט יעדער צווייטער מענטש איז פון אן אנדערע שטאָט. מען פילט די איינזאַמקייט. דעם צער און מען באַמיט זיך צו קלאַמערן איינער אין אַנדערן, צו זיין נאָענט, ווי ברידער, וואָס טיילן דעם זעלבן גורל, אָבער יעדער מיט זיין אופן פון איבער־לעבן די יסורים. איינער איז פאַרשלאָסן אין זיך, זיצט ער אַ שווייגנדיקער אויף זיין רוקזאַק, נישט ער פרעגט, נישט ער ענטפערט. אַ צווייטער וויל דוקא יאָ דערציילן וועגן זיין גבורה אין קאַמף פאַרן טאָג־טעגליכן לעבן. איינער איז גאָר אָנגערייצט, אָנגעברוגזט אויף גאָר דער וועלט. מיט זיין — „ניץ ווספולנעגא”, זאָגט ער אין פויליש. ווער דאַרף יידן? די וועלט וועט זיך אן עצה געבן אָן יידן. ווער זענען מיר? דאָס אויסדערוויילטע פאָלק? אויסדערוועלט אויף תמיד צו ליידן?

די טעג דאָ אין גמינע אויפן רוקזאַק זענין שווערע. די קליינע צאָל, וואָס האָט זיך געראטעוועט פון די דייטשע נעגל און איז צוריקגעקומען, פאַרלירט זיך אין איינזאַמקייט אן פארצווייפלונג. אזוי ווי אין פריערדיקע צייטן אין פוילן, לעבט מען אויך איצט אין שטענדיקן פחד פאַר פּאָגראָמען, צופעליקע אָדער גאָר צוגעגרייטע פון עפעס אַן אַנטי־סעמיטישער אָרגאַניזאַציע. מענטשן געליטענע, דורך אַ נס ניצל־געוואָרענע פון דייטשן גיהנום, פילן זיך ווידער אין אַ סכנה. ווידער האָט דאָס אויסגעבעטלטע לעבן נישט קיין ווערט אין דער פארגיפטעטער לופט פון אנטיסעמיטישן פוילן.

ווי לאַנג וועט מען אַזוי זיצן אויף די פעקלעך און עסן אין דער גמינע? פרעגט נישט דרייסט אַ יונגערמאַן. ווו קאָן מען דאָך באקומען עפעס אַ דירה? אַ דירה? אַ חלום. צוערשט דאַרף מען אויסגעפינען אַ ליידיקע דירה, דאַן זיך ווענדן צום ווױנונגס־אַמט, זיי זאָלן דאָס שריפטלעך בשטעטיקן. פאַרשטייט זיך, אַז אַ ייד וועט אַזאַ צוטיילונג קיינמאָל נישט באַקומען.

דערווייל קומען אָן ידיעות איינע ערגער פון די אנדערע. אין פילץ זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי פערזאָן אַ מאַן און זיין פרוי, בעת זיי האָבן זיך געוואנדן צום קריסט, וואָס האָט צוגענומען זייער קראַפּט־מיל און די דירה, געוואָלט אָפּנעמען זייער פאַרמעגן, האָבן זיי באַקומען מיטן מעסער אין רוקן.

אין קיעלץ איז אויסגעבראָכן אַן עפענטלעכער פּאָגראָם אַן אין רעזולטאַט זענען דערהאַרגעט געוואָרן פערציק יידן.

אַדערדריקענדיקן איינדרוק אויף די יידן מאַכט דער קריסטלעכער סוחר, וואָס פאַרקויפט אויף דער מאנדזשעווער גאַס אַקעגן דער גמינע. פלעשלעך סאָדע־וואַסער, פרישע בולקעס, גערויכערטע הערינג און ווורשט. נעבן זיין סחורה אויפן וועגעלע געפינט זיך אויך אַ גרויסע גמרא פון ווילנער ש״ס, די טאָוול פון דער גמרא מסתמא פון לאנג שוין אויפן מיסט, נאָר די בלעטער רייסט ער אויס יעדעס מאָל ווען ער דארף איינפאקן הערינג אָדער קאָלבאַס. אויך אין אלע אַנדערע קריסטלעכע געשעפטן ליגן גמרא־בלעטער איינ־צופאקן זייער סחורות.

פאַרשטילט זענען די יידישע גאַסן, די מאנדזשעווער גאַס, דער אַמאָליקער האנדלס צענטער, ווי עס פלעגט ווימלען פון מענטשן, איז געוואָרן פוסט אין לער. די הייזער זעען אויס ווי קיין לעבעדיקער נפש וואָלט זיך דאָ נישט געפינען, זייערע יידישע בעלי־בתים זענען פאַרטריבן געוואָרן אויף אייביק און זענען מער נישטאָ, שילדן מיט יידישע נעמען איבער אויסראַבירטע קלייטן דערמאָנען די אַמאָליקע באַזיצער, זיי מאַכן אַ רושם ווי מצבות איבער דעם לעבעדיקן אַמאָל.

דעם פראוויאַנט, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון וועג האָט זיך אויסגעשעפּט, געלט עטוואָס צו קויפן איז נישטאָ, ווער עס האָט אַ קלייד, אַ פּאָר שיך מוז עס פאַר־קויפן אָדער טוישן אויף לעבענסמיטל. דער גאַנצער האַנדל פון קויפן און פאַרקויפן קומט פאָר אין קאַטאָוויץ אויפן מאַרק.

אויפן קאַטאָוויצער מאַרק־פּלאַץ, אונטערן פרייען הימל, רוישט פון טויזענטער מענטשן. פאָליאַקן, רוסן, שלאַנזאַקעס פון אַלע ארומיקע שטעט און דערפער, פון קאָנגרעס פוילן, פון זאַגלעמביע און פון אויבערשלעזיען. אַ מיש־מאַש פון מענטשן און שפראכן. אמאָל אין די נאָרמאלע גוטע צייטן, פלעגט דאָ ווימלען מיט יידישע קראָמען און סוחרים, מאַרק־טאָג פלעגט זיין צוויי מאָל א וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק. איצט נאָך דער בלוטיקער שחיטה אין אייראָפּע ווערט דאָ מאַסענווייז געהאַנדעלט און דווקא יעדן טאָג. פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, רוישט אַ מענטשן האראַמידער, וואָס ברענגען יעדען טאָג פאַרשידענע סחורות צום פאַרקויפן. אנטועכטס, ציירינג, אפילו דאָלאַרן, פארקויפט מען דאָ און גאָלדשטיקלעך. די הויפּט סוחרים זענען „קאָליעאזשעס” באַן־בעאַמטע. אין מאַרק קומען דאָרפישע פויערים און פויערטעס אין גרינע און געלע קאַפּטאַנס איבער די ברייט־געפאָלדע־וועטע ספאָדניצעס, געבלומטע קאָפּ־טיכלעך איבער די אָפּ־געברענטע פנימער.

מיט האַנט־וועגעלעך און מיט קינדער־וועגעלעך ברענגען זיי סחורות, וואָס זענען יאָרן לאַנג געווען ביי זיי אין די קעלערן פאַרשטעקט, סחורות, וואָס שטאַמען פון יידישע געשעפטן און ווארשטאטן. שטיקער וואָלענע און זיידענע קליידער־שטאָפן, ציכן, ליילעכער, פוכענע דעקן, ציכלעך מיט פרעמע מאָנאַגראַמען, אַסך זענען געצייכענט מיט יידישע

אותיות. טישטעכער געהאָפּטענע, וואָס יידישע פרויען האָבן אויסגעשטריקט, מיט קאָלירטע און ווייסע האַנטאַרבעטן, קליידער, שיך, מענער־מלבושים, פּאַטעפאָנען, גראַמאַפאָנען, מיט כריפּענדיקע קולות שרייען זיי איבער איינעם די אַנדערע, אויסזינגענדיק פלאַטעס פון יידישע אַרטיסטן, אָדער חזנישע אַלטע ניגונים. אַ געדראַנג פון מענטשן און סחורות, אָנגעשטאָפּטע וואַליזעס מיט פאַרשידענפאַרביקע זאַכן, צע־ראַבירט פון יידישע שטובער, נאָך דעם ווי זייערע בעלי־בתים זענען פאַרטריבן געוואָרן.

אַנדערע ווידער ווילן פאַרקויפן טייערע חפצים, ווי למשל אַ רינגל מיט בריליאַנטן אַ גאָלדענע ציגאַרעטנטאַש, א.א.וו. אַזעלכע ווערטפולע קעגנשטאַנדן פלעגט מען אין געטאָ אַוועקגעבן פאַר אויסבאַהאַלטן אַ יידיש קינד, אַ מיידל, אָדער אַ יינגל, איצט האָט קיינער נישט געוויסט וועגן ווייטערן גורל פון קינד, צי לעבט עס אָדער האָבן די גויים דאָס קינד איבערגעגעבן צו די דייטשן? אפשר גאָר אַרויס־געשטעלט עס פאַר דער טיר. די דייטשן זאָלן עס צונעמען?

אַלץ באַקומט מען צו קויפן אויפן קאַטאָוויצער מאַרק, שקצים מיט בלויע אויגן און פלאַקסענע קעפּ, טראָגן אין זערע הענט גאָלדענע זייגערלעך, קרישטאָלענע וואַזעס, קאַר־פינקעס, כינעזישע טעלער, א.א.וו.

שנעל גייען איבער די סחורות פון סוחר צום קונה, מיט אַ לייכטער האַנט און פאַר דעם מינדעסטן פרייז ווערט פאַרקויפט. איינער מיט אַ געשטופּלט, צעאַקערט פּנים, אויף דער רעכטער באַק אַ שראַם פון אַ מעסער־שטאָך, זעט אויס צו זיין פון דער אונטערוועלט, ער האַלט אין זיינע הענט אַ פּאָר שבת־לייכטער צום פאַרקויפן, ער גייט אַהין און אַהער און ציט אַלץ פון פלעשל יעדעס מאָל אַ טרונק בראָנפן, ווען ער באַקומט נישט קיין אָפּנעמער אויף זיין סחורה, פאַלט ער אריין אין כעס „קאַנאַליא זשידאָווסקא" שרייט ער אביסל שיכורלעך. פּלוצים טוט ער אַ שליידער די לייכטער צו דער ערד, און זיי צעשפּרונגען אויף שטיקער. זיינע חברים פּלאַצן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

אַ נייער מין סוחרים איז צוגעקומען אויפן קאַטאָוויצער מאַרק, דאָס זיינען „שאַבראַווניקעס", וואָס שלעפּן איצט זעק אויף זייערע פּלייצעס, זעק מיט זאַכן וואָס זיי ברענגען פון דייטשלאַנד, פון פאַרלאָזענע דייטשע שטיבער. די זאַכן און סחורות, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעראַבירט ביי יידן און אַוועק־געפירט אין זייער היימלאַנד, אָט די אָנגעראַבירטע יידישע זאַכן, שלעפּט מען איצט צוריק פון דייטשלאַנד און דאָ אויפן קאַטאָ־וויצער מאַרק ווערן זיי פאַרקויפט.

יידן איז זעלטן צו געפינען אין מאַרק, ווי געזאָגט, איינעם פון אַ שטאָט, צוויי פון אַ מדינה. קיין שום טראַנזאַקציעס זיינען זיי נישט פעאיק צו מאַכן. פון זייער אַמאָליקן סוחרישן טאַלאַנט, וואָס פלעגט איבערגיין פון עלטערן צו קינדער, איז כמעט קיין זכר נישט פאַרבליבן. ווו אַ נאָר אויפן מאַרק, דרייט זיך אַ יונגערמאַן מיט ליידיקע הענט, קוקט יעדן נייגעריק אין די אויגן, נישט האַנדלען, נישט קויפן און פאַרקויפן, נאָר אַ ייד, אַן אייגענעם, זוכט ער צו געפונען אויפן מאַרק, מיט אַ מאָל דערזעט ער מיך און פאַלט צו צו מיר מיט דער פראַגע: „עמך?", „יאָ" זאָג איך „עמך". זיין קאַלך פּנים האָט באַקומען ראָזע פלאַמען און אַ צעטומלטער האָט ער נישט געקענט אַראָפּנעמען פון מיר זיינע פריידיקע בליקן, שטראַלנדיקע פון גליק, ווי ער וואָלט דערזען עמיצען פון זיין פאַרלוירענער משפּחה. אריינקערעווענדיק זיך אין זייטיקן געסל, זיך, חלילה, נישט צו פאַראַטן, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן מאַמע לשון. אַ יידיש וואָרט צו רעדן אין גאַס איז ממש אַ סכנה. די פּאָליאַקן קאָנען בשום אויפן נישט מוחל זיין די עוולה, פאַרוואָס עס איז נאָך צוריקגעקומען איין ייד, פאַרוואָס האָבן די דייטשן נאָך איבערגעלאָזט יידן? פרעגן זיי. רעדן יידיש דערלויבט מען זיך נאָר אין דער יידישער גמינע.

די שנאה צו יידן אין דער שטאָט, ווו אַ דריטל פון איר אַלגעמיינער באַפעלקערונג זיינען געווען יידן, האָט דערגרייכט דעם גרעסטן גראַד. פוילן איז איצט פאַרשלאָסן פאַר יידן. עס איז געווען קלאָר פאַר יעדן איינעם, אז אין דעם לאַנד וועלן מיר נישט קענען פאַרבלייבן. פריער אָדער שפּעטער וועט מען מוזן נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

דערווייל איז די עקאָנאָמישע לאַגע מיט יעדן טאָג ערגער. די זאַכן, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון דייטשלאַנד, האָבן זיך אויסגעשעפּט, נישטאָ מער וואָס צו פאַרקויפן, איך האָב באַשלאָסן אָפּנצונעמען מיין געשעפט אויף דריטער מאַי גאַס, וואָס די דייטשן האָבן ביי מיר צוגענומען צוזאַמען מיט דער סחורה אין יאָר 1940 און עס אוועקגעגעבן צו א פּאָליאַק, וועלכער איז געוואָרן אַ פאָלקס־דויטש.

אין איינעם אַ פרימאָרגן בין איך אַוועק צו שטאָט־פּרעזידענט, אים בעטן מיר אָפּצוגעבן מיין געשעפט. איך האָב זיך פאַרשריבן ביים סעקרעטאַר און געוואַרט אויף מיין ריי. זיצנדיק אויף דער באַנק אין קאָרידאָר, האָב איך זיך דערפילט עפּעס נישט באַקוועם, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אַרומיקע וואַרפן צו מיר נישט פריינטלעכע בליקן. עס קיין זיין אַז מיין יידיש אויסזען, האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. אין קאָרידאָר גייען פאַרביי דעם וואַרטענדיקן עולם, זייערע אָנפירער, הויכע בעאַמטע, מענער מיט בלויע אויגן, בלאָנדע טשופּרינעס, שיקסעס מיט בלאָנדע קעפּ. ענדלעך איז אָנגעקומען מיין ריי, די טיר פון קאַבינעט האָט זיך געעפנט און מיך אריינגעלאָזט.

דער פּרעזידענט, אַ מגושמדיק־צעוואָקסענער, אַ רונדיק פּנים מיט רויטע פליישיקע באַקן, גלאַט־פאַרקאַמטע גלאַנציקע האָר, האָט מיך אויפגענומען שטייענדיק, אויסגעהערט מיינע טענות, אַז איך האָב נישט פון וואַנען צו לעבן, אַלץ און אַלעמען האָט מען ביי מיר צוגענומען, איך בין געקומען פון לאַגער מיט מיין קינד, דאָס איינציגע וואָס איז מיר פאַר־בליבן פון מיין גאַנצער משפּחה. דאָס געשעפט איז נאָך פון מיינע עלטערן, האָט עקזיסטירט איבער צוואַנציק יאָר..

אויסהערענדיק מיך, האָט ער די גאַנצע צייט נערוועז באַוויגן זיין שווערן קערפּער, געוויגט זיך פון איין פוס

אויפן אנדערן, געזוכט עפּעס אין זייַנע הויזן־קעשענעס פון עלעגאַנטן טונקעלן אָנצוג. ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער גלייַכגילטיק אַזאָג געטאָן, אויב דאָס געשעפט עקזיסטירט אייניקע צוואַנציק יאָר, איז גענוג... איצט קאָן עס האָבן אַ צווייטער.

די פייַנטלעכע רייד פון סאָסנאָוויצער שטאָט־פּרעזידענט האָבן מיך דערשלאָגן. איך בין אַוועק מיט גאָרנישט. געזען קלאָר, אַז אַלץ איז שוין געענדיקט. נישטאָ מער וואָס צו זוכן אין דאָזיקן לאַנד. מיר קאָנען שוין נעמען דעם לייַדיקן רוקזאַק און גיין...

אין געציילטע טעג שפּעטער זייַנען מיר, אַ גרופּע פון פינף פּערזאָן, אַוועק צו דער באַן אין באַגלייטונג פון אַ בחור, אַ שליח פון קיבוץ „איחוד", וואָס האָט זיך געפונען אויף דעמבלינסקע נר. 13. דער טראַנספּאָרט איז אָפּגעגאַנגען קיין קראָקע, קאַטאָוויץ און ווייטער.

זייט יענעם מאָמענט זענען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרעקן, וואָס קערן זיך אום איז זייער היים, קיין גריכנלאַנד. מיר האָבן באַקומען לעגיטעמאַציעס, געחתמעט און געסטעמפּלט. יעדער האָט געדאַרפט אויסלערנען זיך און וויסן זיין נאָמען און ווי עס הייסט די שטאָט, פון וואַנען ער שטאמט אין גריכנלאַנד.

רעדן צווישן זיך איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. דאָס נייטיקסטע, וואָס מיר דאַרפן פרעגן, איז אין אַ געבראָכענעם עברית, אָדער בעסער געזאָגט „לשון קודש".

ווען מיר, די פינף גרעקן, זייַנען נאָך געווען אין קאַטאָוויץ אויף דער באַן־סטאַציע, געוואַרט ביז עס וועט אָנקומען די באַן, געווען איז דאָס אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, איז ווידער אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן אַ באַנייטער קאָמפּאַניע, אַ פּאָגראָם וואָס איז אויסגעבראָכן אין קראקע כּוליגאַנעס און סטודענטן זייַנען איבערפאַלן די איינציקע יידישע אכסניה, פון וואַנען מיר זייַנען אַוועק מיט צוויי שעה פאַרן פאָרן קיין קאַטאָוויץ, זיי האָבן דאָרט דעמאָלירט די שטוב, צעהאַקט און צעבראָכט די טישן און די בענק, אויסגעהאַקט די שויבן און מערדעריש צעשלאָגן דעם באַלעבאָס. אַ שוידער האָט אונדז דורכגענומען ווען וועט זיין די באַן? מיר ווילן וואָס שנעלער זיין פון יענער זייט גרענעץ.

פאַרן פאַרלאָזן פּוילן האָבן מיר געוואָלט אַ קוק טאָן צום יידישן בית־עלמין, לאָזן אַ טרער אויף דער באָבעס קבר, געזעגענען זיך מיט דעם ברודער־קבר פון די קדושים, וואָס זייַנען אומגעקומען גלייַך אין ערשטן טאָג פון דייטשן אַרייַנמאַרש אין יאָר 1939. לייַדער האָב איך מער נישט דערקאָנט דעם בית־הקברות, דאָס אָרט פון אונטער דעם אייַזערנעם פּלויט האָט אויסגעזען משונהדיק פרעמד. פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעזען אַ פאַראַקערט פעלד מיט קאַרטאָפל, גרינע צווייַגעלעך מיט פיאלעטן קאַרטאָפל־בליעכטס, אַרום וועלכע עס זייַנען אַרומגעגאַנגען ווייסע ציגן. אין איין זייט איז נאָך געווען א קליינע צאָל קברים. פאַרן אייַזערנעם טויער — שטיקער פון צעבראָכענע מצבות.

מ. פלדבאום

סוסנוביץ השוממה

סוסנוביץ! מכריז קונדוקטור
חזרתי, בדחילו אני יורד מן המדרגות
אני פוסע, סהרורי, עוד מדרג
נסחף עם יורדים, מוסר כרטיסי
עובר, יורד, עוד מדרג
מחכים? ....
לא, אָין ....
רק קין
צ׳צ׳יגו מאַיאַ הרחוב, מסתכל עלי
ואני, אני מחפש,
העינים יוצאות מחוריהן
איפה אתם? אחותי! אחי!
שבת היום, השעה בין השמשות
למה אתם לא מטיילים?!!
בטיילת, בצד האידי
זוול דורושקש! איך?
אָין? רק קין?!
הבנות החנניות איכן?
הנה, הנה קין

אות הקלון על מצחו?
לא אָין...
לרוץ אני רוצה, למהר
הרגלים כושלות
בעיני כל אני מביט
לא, לא אתכם אני מחפש
את אחי אנוכי שואל
אולי? אולי שם במודזיובסקה
שם פלוך, יוסקה, מוכרים עתונים
היינט, מומנט, לא! שבת היום
היום אָין
רק קין.
אבל בשבת פתוח אצל פרצ׳יק
בית מרקחת שפיגל
מה זה? גם אצלם סגור?
לא! פתוח, פורץ פנימה
אינם! גם הם?.. רק קין?
ואות הקלון על מצחם?
לא, אין...

הם בטח אצל שטרנברג
ורשבסקי, ברונר, כוס בירה,
נקניקיות חמות עם חרדל
הלא מוצאי שבת עכשיו
הי! איפה אתם?! כולכם!
רק קין?!!
לשיל־גס אני רץ
אולי זה ליל סליחות
וכלם בטח שם
אני רץ, כושל, הנה,
החנות של זנדל
השוק של פדרמן
השקלרניה גסל
עבור את הכביש
הי אחי! איפה אתם?!
בפנים? בבית הכנסת?
אין! רק קין!
מה אתם עושים שם? בפנים?
מה אין? אין גם בפנים?
הנה! הנה־הם מופיעים!
חצות, שעת־תפילתם הגיע
ברח בן אדם!
פן יקראו לעליה
הנה הוא החזן לייכטר
המצנפת הלבנה על ראשו
הפראק הוא עטוף בטליתו
המשוררים הסופרנים, האלטים
כולם הם בלובן
מנגל מנצח עליהם
ביד רמה: לך ה׳ הגדולה
והסופרנצ׳יק מושך בקולו המתוק
כי חלצת נפשי ממות...
והחזן בקולו גולל
וציוה הבליעל להרגם
בכה, ולאל...
ומעל הפרגוד מרחפים
שימלה גלזר הלמד וניק

פינחסל שוחט, ויוסל בלכוש
הויגביזדר מורה־הוראה
רב שיעלע — ורב איציקל
האגודיניקיס והמזרחיסטין
גורדוניסטן וביתריסטן
ראה כולם הם פה...
אין עיניהם בחוריהם
רק אצבע מושטת אלי
וזועקים זכור!!
שדי!! לא בפיותיהם הם זועקים
חרחור גרונות שחוטים
זככורר! זככורר!
התרנגול ציוה על החמה
לצאת למלא תפקידה
והיא יצאה ללא בושה ממחבואה
מתמוגגת מרוב נחת
מתרחצת היא בקרניה
ברח בן אדם!
ליונה׳ס מקוה דהר!
טבול את בשרך
במקוה הדם
הנוטף מגרונותיהם..
ומשם דרך פליסודסקגו
לבית הקברות תגיע
ותשתומם! הם אינם שם!
השנוררס והאל מלאניקס
יש רק קין!
ואות הקלון על מצחו
לא חרטו עדיין!
עקור אבן מדרכה
ומצידו השני יציץ
אליך שם של קרוב
ברח בן אדם! כי יהרגוך!
האינך רואה שטרם שבע!?
ברח בן אדם ושאג!
או חרחר בגרונך כמוהם
זכור! זכור!

לייבל פאראסאַל תל־אביב

פארפרוירענע יארן

צענויפגעטראָפן האָב איך זיך מיט אים אין קאלטן סיביר, ווו די סאָוויעטישע־מאכטהאָבער האָבן אונדז נאָך דער מלחמה פארשפאַרט, און מיט זייער חסד ורחמים אויסגעהיטן. און בכדי מיר זאָלן זיין נוצבאר פארן סאָוויעטישן פאַטערלאנד, האָבן מיר אויסגעהאַקט אוראלטע וועלדער, און די קאטארגע ארבעט האָט אונדז געדאַרפט גייסטיק איבערדערציען, בכדי מיט דער צייט ווערן ניצלעכע מענטשן. דאָס הייסט מיט אונדזער פראַצע האָבן מיר געדאַרפט בויען פאַר די הײַנטיקע פּרעות ווי פאַר יענע אַמאָל אין די אוראלטע צייטן פּיתום ורעמסס.

דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט זאַכאַרן, אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַן אָפּשטאַמיקער — אוקראַינע קיעווער געגנט, אַ זון פון אַ יידישן קאָוואַל, אַ קאָמוניסט בן־קאָמוניסט, דערצויגן אין קאָמסאָמאָל אַ געוועזענער לויטנאַנט פון דער רויטער אַרמיי, אַ פּאַליטרוק. אויסגעזען האָט זאַכאַר ווי אַן אמתער אוקראַינער. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ בלוי אויגיקער, אַ געזונטער שיינער מאַנספּאַרשוין.

און אָט איז זיין סיפּור המעשה, ווי ער האָט דאָס מיר דערציילט. באַלד אין אָנהויב פון דער מלחמה איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די נאַציס מיט נאָך איינעם זיינס אַ חבר אַ טאַטאַר, אויך ווי ער אַ פּאַליטרוק. שווער און ביטער איז געווען דאָס לעבן אין לאַגער פון די געפאַנגענע. אויסער אַלע פּיינען; שמוץ און נויט, איז געווען אַ פּחד צו גיין אין באָד, ווייל דאָ האָט זיך געקאָנט אַנטפּלעקן דער יידן צייכן אין זיין לייב.

מאַכט זיך אַ מעשה, אין אַ געוויסן טאָג קומט אָן צו פאָרן אַ אָפיציר, און פרעגט זיך אויף אַ שוסטער. באַלד האָט זיך זיין חבר דער טאַטאַר געמאָלדן ווייל ער איז טאַקע געווען אַ שוסטער, און גלייכצייטיק אָנגעוויזן אויף זאַכאַרן אַז אויך ער איז פון זעלבן פאַך. אַזוי זענען זיי ביידע אַוועק אַרבעטן אין דער שוסטעריי. אין שוסטער־װאַרשטאַט איז דאָס לעבן געוואָרן אַביסל לייכטער, באַקומען אַ פּענעץ ברויט און אויך אַמאָל אַ טעלער זופּ, און צוזאַמען מיט זיין גוטן טאַטארישן חבר געגאַנגען פון צייט צו צייט אין מרחץ אויסבאָדן זיך מחמת דער טאַטער איז אויך געווען אַ געמלטער. אָפּארבעטנדיק אַזוי אַפּאָר וואָכן, קומט אויף אַ אינספּעקציע אַ אויבערשטורמפירער און ביי אים מאַכט זיך אַ מכשול אין דער מאַשין און קיין איינער פון די אָרטיקע מעכאַניקער קען זי נישט צורעכטמאַכן. באַמערקט האָט דאָס זאַכאַר קוקענדיק דאָרכן פענסטער, און ער גיט אַ זאָג אויפן קול, ווען איך זאָל די מאַשין נעמען אין מיינע הענט אויף איין שעה, באַוועגט זי זיך אַזוי ווי אַ גוטער שווייצארישער זייגער. דאָס האָט אויפגעכאַפּט דער אויבערמייסטער פון שוסטער װאַרשטאַט, װאָס האָט פאַרשטאַנען אַ ביסל רוסיש, און איבערגעגעבן דאָס ווייטער דעם אויסערשטורמפירער, וועלכע האָט זיך באַלד באַוויזן אין שוסטער־װאַרשטאַט, און אויף אַ היטלערישן אויפן א זאָג געטאָן, „ווען דו שפּאַס־מאַכסט צאַלסט דאָ מיט דיין קאָפּ” און זאַכאַר ענפערט דערויף געלאַסן. אויב מען וועט אים צולאַזן צו דער מאַשין מאַכט ער זי אין אָרדנונג אין איין שעה. זאַכאַר האָט וואָרט געהאַלטן, און דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן באַוועגן זיך נאָרמאַל. דער אויבערשטורמפירער האָט אים געקלאַפּט איבער די פּלייצע באַמערקנדיק דערביי, „די רוסן זענען ווירקליך אינטרעסאַנט” „אַ שוסטער פאַר־שטייט מער ווי אַסאַך מעכאַניקער”...

ער האָט דאָן באַפוילן צוטיילן זאַכארין צוויי גאַנצע לאַנגע לאַבלס ברויט, צוויי קילו ווורשט. ניין! נישט אליין האָבן זיי אין דעם דאָזיקן טאָג געגעסן צו זעט זאַכאַר און זיין טאַטארישער חבר. זיי האָבן צוזאַמענגעבראַכט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און חבריש געטיילט זיך מיט אַלעם מיט אַלעמען, און מיט די וואָס האָבן לאַנג שוין נישט טועם געווען פון אַ בעסערן ביסן.

פון דאַן אָן האָט מען זאַכאַרן און דעם חבר דעם טאַטאַר ווייניקער געהיטן, זיי האָבן זיך פריי באַוועגט און דאָס האָט דערמעגלעכט רעאַליזירן זייער חלום און אַנטלויפן פון לאַגער. דער איינציקער ציל איז געווען צוריק צום פראָנט צום סאָוויעטישן פראָנט. ליידער אָט זיך דאָס זאַכארן נישט איינגעגעבן. נישט ווייט פונעם פראָנט האָט אים אַ אוקראַינער פּאַדאַטן און איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ און ער איז פאַרשיקט געוואָרן איז אַ ספּעציעלן שטראָף־לאַגער, אין א שרעקליך גרויזאַמען רעזשים אין דער סביבה פון באַראַנאָוויטש.

ווידער הויבן זיך אָן ביטערע טעג און נעכט פון נויט און פיין. און דאָס שרעקלעכסטע, ער האָט פאַרוילן די האָפנונג ארויסצוקריגן זיך אמאָל אויף דער פריי. ווייזט אָבער אויס, ווי ער דערציילט אַז ער איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ ליכטיקן שטערן. ווייל ווען ער איז שוין געווען אויסגעשעפּט פון די לעצטע כוחות ממש, האָט מען פּלוצים ארויסגערופן ביים אָפּעל, „ווער איז צווישן די געפאַנגענע אַ אויסאָמעכאַניקער” פאַרשטייט זיך אַז זאַכאַר האָט זיך באַלד געמאָלדן און אָנגעהויבן אַרבעטן ביי די רעמאָנט־װאַרשטאַטן. לאַנג האָט ער דאָרט נישט געארבעט ווייל די לעגענדע וועגן א וואונדערליכן מעכאַניקער האָט זיך דער־טראָגן צו אַ שכנותדיקן לאַגער און אַ אויבערשטורמפירער האָט אים צוגענומען בכדי ער זאָל ווערן זיין פערזענלעכער שאָפער, און דאָ הויבט זיך אָן א נייע תקופה אין לעבן פון זאַכארן.

פּלוצים באַקומט זיין שעף אַ איבערוויזונג קיין פראַנקרייך און דאָ געלונגט מיט דער צייט זאַכארן אָנקניפּן באַציונגען מיט דער מק”י — דער פראַנצויזישער אונטערגרונד־באַוועגונג, מיט וועמענס הילף עס ווערט אַראָפּגערוימט דער אויבערשטורמפירער און מיט זיין מאַשין געלונגט אים מיט נאָך פינף פראַנצויזישע אנטי־נאַצי קעמפער אַנטלויפן קיין אַלזשיריע, דאָרט מאָביליזירט ער זיך צו דער ארמיי וואָס דער גענעראל דע־גאָל האָט געשאַפן צוזאַמען מיט אַנדערע פראַנצויזישע אָפיצערן, און זאַכאַר נעמט אָנטייל אין אַ פראַנצויזישן אָפיציר־מונדיר אונטער דער אָנפירונג פון דע־גאָל ביים באַפרייען פּאַריז.

די מלחמה איז פאַרענדיקט די היטלער האָרדעם צושמעטערט, באַקלייד און איינגעהילט אין רום אין פראַנצויזישן מונדיר שטעלט ער זיך צום ראַפּאָרט פאַר דער רויטער ארמיי אין דער הויפּט־שטאָט מאָסקווע. און אויף זיין ברוסט די ערשטע אויסצייכנונג פון דער פראַנצויזישע ארמיי פאַר באַפרייען פּאַריז.

ער רעפּאַרטירט וועגן אַלע פּרטים — ס׳ווערט קלאָר אַז קיין איין מינוט האָט ער נישט פאַרזוימט קעמפן קעגן דעם שרעקלעכסטן שונא פון ראַטנפאַרבאַנד און פון דער גאָרער מענטשהייט — דעם היטלעריזם.

ברידערלעך האָט מען אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און נעבן דעם פראַנצויזישן אָרדן באַהעפט זיך די סאָוויעטישע אויסצייכנונג. מען ווונטשט אים גליק אין זיין ווייטערדיקן וועג צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין פּערוואָ־מייסקי.

ליידער האָט די היימישע רו אין דער ווידערגעפונענער היים נישט געדויערט לאַנג. אָפט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן זאַכאַרן אויף לאַנגע שמועסן פון וועלכע ער פלעגט צוריקקומען א שרעקליך אויפגערעגטער נישט אויסרעדענדיק קיין וואָרט, נאָך אַ רייע באַגעגענישן מיט דער „העפלעכער" נ.ק.וו.ד., האָט מען אים אין אַ נאַכט, אַרום צוויי אַ זייגער געמאָלדן דאָס ער זאָל זיך תיכף צושטעלן אין מיניסטעריום פון נ.ק.וו.ד. אין מאָסקווע, און מען הויבט מיט אים אָן אַלעס פון בראשית...

כּסדר האָט מען אים געפאָרשט, ווער זענען געווען זיינע קאַמעראַדן וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט אים אין די דייטשע לאַגערן. ער האָט זיי דערציילט פון יעדן פּרט, וואָס האָט ער געהאַט צו באַהאַלטן?

די עדות האָבן דערציילט אַז ער האָט געאַרבעט ווי אַ שוסטער און דערנאָך ווי אַ מעכאַניקער און שאָפער, און פלעגט זיי ברענגען שפּייז און פאַרטיילן צווישן די חברים אין די באַראַקן.

און אויף דעם האָט מען געבויט די באַשולדיקונג קעגן אים, פון וואַנען די גוטע באַציאונגען צווישן אים און די היטלעריסטן? צווישן אַ ייד, אַ פּאָליטרוק, און אָפיציר, פון וואַנען די פּריווילעגיעס. ווער ווייס וואָס ער האָט דערציילט דערפאַר, און פאַרטאָן דאָס סאָוויעטישע פאָטערלאַנד.

און אויף דעם סמך האָט מען אים אין אַ מיליטערישן געריכט פאַרמשפּט אין יאָר 1947 אויף צוואַנציק יאָר שווערע תּפיסה.

דער לעזער וועט זיך אַוודאי וווּנדערן אויף דער באַרעדעוודיקייט פון זאַכאַרן אין לאַנד פון שטילשווייגן, און פאַרוואָס ער האָט מיר אַזוי אַלעס דערציילט. איך האָב זיך ווי ער געפינען אין איליזונאָוואָסק אין לאַגער. די שטאָט וואָס טראָגט לענינס נאָמען. ווען ער האָט זיך דערוווּסט אין הארבסט 1948 אַז איך ווער באַפרייט האָט ער שלוכצענדיק און מיט ציטער איבערגלייענט פאַר מיר אַ בריוו פון זיין פרוי און קינדער, אין וועלכן זיי שרייבן אים אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן אַז זיי האָבן מיט אים מער קיין שום שייכות נישט. ...מיט אים דער פאַררעטער פון סאָוויעטישן פאָטערלאַנד...

מיט טרערן אין די אויגן האָט ער ביי מיר זיך געבעטן איך זאָל פאָרן צו זיין פרוי און קינדער און איבערדערציילן אַלץ וואָס איך האָב געהערט פון אים, בכדי זיי איבערצייגן אַז ער איז געבליבן טריי די סאָוויעטן און מיט די לעצטע כוחות געקעמפט קעגן דעם שרעקלעכן נאַצישן שונא, און פונקט אַזוי איז ער אויך טריי געבליבן זיין געליבטע פרוי און טייערע קינדער איז ער געבליבן טריי דעם פאָטערלאַנד.

ליידער האָב איך דעם ווונטש פון זאַכאַרן נישט אויסגעפירט, ווייל די סאָוויעטן האָבן מיר נישט פאַרטרויעט מיין פרייהייט, זיי האָבן מיך אָפּגעפירט מיט אַ ספּעציעלן קאָנוואָיענד קיין בריסק און דאָרט איבערגעגעבן צו דער פוילישער מאַכט.

דאָס איז געווען דעם 15טן פעברואַר 1949. איך האָב זיך געפרוווט פון פוילן זיך פאַרבונדן מיט זיין פרוי, די אַדרעס האָב איך געהאַט פאַרשריבן אין אַ עק פון מיינס אַ העמד. ביז היינט ווייס איך נישט אויב מיינע בריוו זענען דערגאַנגען צו זאַכאַרס פרוי און קינדער.

ביז היינט צו טאָג דערדריקט מיין געמיט ווען איך דערמאָן זיך נאָך אין דעם גורל פון זאַכאַרן.

זיצענדיק מיט פרוי און קינדער אין אונדזער באַפרייט לאַנד ישראל, פיל איך ווי אַ פליכט צו דערמאָנען אונדזער יידישן גורל און דעם שותפות וואָס נעמט אַרום און פאַרבינט דאָס יידישע פאָלק...

ווייל איך דאָ דערמאָנען אַ נאַכט אין באַראַק פון אוליאַנאָווסקער לאַגער, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרווישט ווערן פון מיין זכרון. אַ שוואַרץ פינסטערע האַרבסט־נאַכט און אַ עקשנותדיקער רעגן האָט טרויעריק געקלאַפּט אין די פענסטער. איך האָב דערפילט אַז עמיצער זעצט זיך ביי מיין בידנע לאַגער־קויקע, דאָס איז געווען זאַכאַר, און באַלד האָט זיך צוגעזעצט ר' זישע גרינבערג אַ לאַגער שכן, און ר' זישע האָט מיך געפרעגט צו איך געדענק עפּעס אויסנווייניק פון ביאַליקן. זאָג עפּיס, פון אין אַזאַ שוואַרצער נאַכט אין אַ סאָוויעטישן לאַגער ווען אַ מזומן יידן זיצן אַזוי נאָענט איינער ביים צווייטן ווען אין ישראל קעמפן אונדזערע ברודער און באַשיצן דאָס אידיש באַגייטע היים־ווערט פון טאָג צו טאָג מער אלט... / ...און גאָט האָט מיך צו אייך געשיקט, / און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי / לאַנד.

איך האָב פאַר זיי געלייענט פון מיין זכרון דאָס לעצטע וואָרט פון אונדזער נאַציאָנאַלן דיכטער ח.נ. ביאַליק: ...איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט, / איך האָב געזען איר ווערט דערשטיקט, / איך האָב געזען איר פוילט און פאַלט, / און שיס אַרויס פון זייער האַרץ אַן אוי, און פון אויג אַ טרער... א.ז.וו.

ר' זישע וואָס איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם אַן איידעלער מענטש, האָט זיך שטאַרק צעוויינט, און זאַכאַר זעענדיק זיין גערירטקייט האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל אים פאַרטייטשן די ווערטער אויף רוסיש ווייל יידיש פאַרשטייט ער דאָך נישט. ר' זישע האָט אים איבערגעזעצט, זאַכאַר האָט דאַן אויסגעשריגן מיט צער, פאַרוואָס האָב איך מיין פאָלק נישט געקענט? און פאַרוואָס קאָן איך נישט קעמפן פאַר מיין פאָלק? די טרערן זענען ווי פאַרגליווערטע געבליבן הענגען אויף זיינע אויגן. טרערן וואָס האָבן אים צוריק באַהאַפטן מיט זיין שטאַם.

גולדה לדרמן (טאַרענהיים)

שקלאַפן ארבעט

אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די ביטערע פּאַסירונגען וואָס האָבן פּונקט ווי אַלע אַנדערע יידישע היימען צעשטערט אויף מיין אייגענע וואַרעמע היים. איך וועל יענעם אָנהייב קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דאָס איז געווען סעפּטעמבער 1940 אין אונדזער וווינונג אויף מאַלאַכאָווסקי גאַס 12 אין סאָסנאָוויעץ. אין אַ אָוונט אַרום 11 אַ זייגער ביינאַכט האָבן זיך 5 באַוואָפנעטע געסטאַפּאָווצעס אַריינגעריסן אין דער וווינונג, אויסגעשאָסן מער ווי צען קוילן, איין קויל האָט געטראָפן מיין מוטער גלייך אין האַרצן. מיין פאָטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און די קויל האָט אים אויסגעמיטן. איך בין אַ צעטומעלטע געלאָפן ברענגען אַביסל וואַסער, ראַטעווען די מאַמע, האָט מיר איינער פון די נאַציס פאַרשטעלט דעם וועג, צודריקענ־דיק מיר די צוויי רערן פון זיינע רעוואָלווערס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. רעניע, מיין שוועסטער, וואָס וווינט איצט אין ניו־יאָרק, האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. און האָט דער בעסטיע געוואָרפן אַ קישן אין קאָפּ. דאָס האָט דעם דייטש אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ער האָט איר דערלאַנגט אַ קויל און זי איז געפאַלן א פאַרגאָסענע מיט בלוט.

נאָכדעם האָבן זיי מיך און מיין פאָטער אַוועקגעפירט קיין מיסלאָוויץ. צומאָרגנס האָט מען מיין פאָטער פריי געלאָזט, ער זאָל קענען באַגלייטן מיין מאַמען צו דער אייביקער רו, מען דאַרף צוגעבן, אַז דעמאָלט זענען נאָך גיעווען מער ווייניקער „נאָרמאַלע” פאַרהעלטענישן. ווייל מען האָט נאָך געקאָנט ברענגען אַ מענטשן צו קבר ישאל.

איך בין געבליבן אין תפיסה און דאַן האָט מען זיך אָנגעהויבן מיט מיר מטפל זיין, מען האָט מיך צוגעבונדן צו אַ בענקל, אַ ספּעציעל מעבעלשטיק פאַר פּייניגונגס צוועקן, און באַשטימט שמיץ מיט אַ רימען אויסגעשמירט אין אייל, אַראָפּגעריסן פון מיר די קליידער, זיי האָבן ביי דעם אַלעמען נישט געוואָלט הערן מיינע יאָמערלעכע געש־רייען, און האָבן אַוועקגעשטעלט דריי מוזיקאַנטען, איינעם מיט אַ האַרמאָניע די איבעריקע צוויי מוזיק אינסטרומענטן געדענק איך נישט, און זיי האָבן באַגלייט די שמיטץ מיט מוזיק. דערנאָך האָט מען מיך אַראָפּגעוואָרפן אין קעלער, דאָרט זענען געווען פינף ציגיינערינס. אויך זיי האָבן געהאט דעם זעלבן גורל ווי מיר, יידן. אָנקוקענדיק מיין גוף מיט די שוואַרץ־בלוטיקע צייכנס, האָבן זיי אַוועקגעווישט דאָס בלוט וואָס עס האָט גערונען פון מיין לייב און די ווונדן ארומבאַנדאַזשירט מיט שמאַטעס, וואָס זיי האָבן געהאַט. ביי די ציגיינערינס האָב איך געפינען וואַרעמע מענטשלעכע הערצער, רחמנות־געפילן. ביז מיינע זיבצען יאָר איז מיר נישט אויסגעקומען וויסן אַז ביי די ציגיינער איז דאָ אַזויפיל



הבית נעזב אולם עדיין עוד ביחד.

די היים פערלאָזן אָבער פארלויפיג נאָך צוזאַמען

מענטשלעך געפיל און איידעלע באנעמונג. איך, די חסידיש־נגידישע טאָכטער, האָב אין די פינף ציגיינערינס, דערפילט שוועסטערס צו מיין פיין, געזען, אַז צווישן די אייביקע וואַנדערער, וואָס שלעפן זיך אַרום אין בוידן אָן אַ היים, איז געווען מער געפיל אין קלענסטן נעגעלע ווי ביי דעם גרויסן מעכטיקן קולטור פאָלק, וואָס איז ווידער אין אַ רויבער־און מערדער־באַנדע פאַרוואַנדלט געוואָרן.

זיצן האָב איך נישט געקאָנט, איך בין געלעגן אויפן בויך. נאָך פינף טעג האָט מען זיך דערמאָנט אין מיר, מען האָט אַלץ געטאָן פון דרויסן, בכדי מיך צו ראַטעווען און אַרויסנעמען. דערווייל האָט מען מיך גענומען צום פליקן גענז, פאַר מיין אַרבעט האָב איך באַקומען אַ טעפל שווארצע קאַווע און אַ שטיקל טרוקן ברויט, יעדן טאָג, 6 אַזייגער פרי, איז פאָרגעקומען אַן אפעל, געמאַכט אַ סעלעקציע און די אויסבראקירטע האָט מען אַוועקגעשיקט נישט וויסענדיק וווהין. מיט מיר האָבן זיך אויך געפינעןביידע שוועסטערס פון מיין שפעטערדיקן שוואָגער יחיאל אוסטרי, די טעכטער פון פאוול אוסטרי, רבקה און טאָבטשע, זיי זענען אַרויס פאר מיר אהיים. אויף מאלאָכאָווסקע 12 בין איך שוין נישט צוריקגעקומען. די היים האָט שוין נישט עקזיסטירט. אין שראָדולע איז שוין געווען דאָס געטאָ.

דריי וואָכן בין איך געווען אין דער איינגעפרעסטן און צעשראָקענעם געטאָ לעבן, ביז עס איז געקומען אַ באַפעל פון יודנראט, איך זאָל זיך צושטעלן אויף דער סקלאַדאָווע גאַס, אויפן זאַמל פלאַץ. נאָך עטלעכע טעג האָט מען אונדז, אַ גרופע מיידלעך אַוועקגעשיקט אין לאַסט־וואַגאָנען קיין גלייוויץ. דאָרט בין איך געבליבן $3\frac{1}{2}$ יאָר, באַשעפטיקט זענען מיר געווען ביי סאָדזע. וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן דורך פאַרשידענע כעמישע מיטלען אין אַ היץ פון 45 גראַד, די סאָדזעס זענען געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט זיי געשיט אין זעקלעך צו צען קילאָ, ווייזט אויס אַז דאָס האָט געמוזט זיין אַ וויכטיקער קריגס־מאטעריאל, ווייל אין דער פאַבריק האָט מען געארבעט דריי שיכטן און דער לוין — אַ שוואַרץ שטיקל ברויט מיט ערזאַץ קאַווע, אויף מיטאָג אַ פאקזשעווע־זופּ און צום אָוונט ווידער אַ שטיקל ברויט און קאַווע.

הגם מען האָט געאַרבעט אַכט שעה, נאָרמאַלע שיכטן, זענען די כוחות גוט אויסגעצאַפּט געוואָרן, בפרט ביי די דערמאָנטע קעסט, א פאָר שעה האָט געדויערט ביז מען האָט זיך דערוואשן נאָך דער ארבעט. דאָס לייב פלעגט מען וויקלען אין פאַפּירן, אַז דער שמוץ זאָל זיך נישט איינפרעסן אין די הויט־געוועבן, דאָס האָט אויך געדאַרפט זיין אַ מיטל אַנטקעגן דער ביטערער קעלט. וויפיל דאָס האָט געהאָלפן, ווייס איך נישט, אָבער שיצן האָט מען זיך געוואָלט מיט אַלע מיטלען. נאָך דער ביטערער האָרעוואַניע. וואָס איז געווען איבער מענטשלעכע כוחות, האָט מען אונדז געטריבן וואַשן זיך און נישט שטאַרק געזאָרגט פאַר וואַרעם וואַסער. אין אַ ביטערן פראָסט האָט מען אונדז געהאַלטן אונטערן וואַסער ווי אַ סטאַדע צעשראָקענע גענז און געוואַשן אונדזערע לייבער.

אַ נס נאָך וואָס די נאָרעס, אויף וועלכע מיר זענען געשלאָפן, זענען געווען זויבער, הגם זיי זענען באַשטאַנען פון אַ כריטשע, אַביסל שטרוי און אַ קאָץ, מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז יעדן טאָג אַרום פינף פרי איז פאָרגעקומען דער אַזוי באַקאַנטער אַפּעל.

עס פלעגט טרעפן, אַז באם אַפּעל האָט זיך די יודן־עלטסטע דערמאַנט, אַז עמיצער איז באַגאַנגען אַ חטא, ווי למשל, שטיין ביים צוים און כאַפּן אַ וואַרט מיט עמעצן פון מענער־לאַגער, דאָס האָט זי דערציילט דעם לאַגערפירער. דער נומער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן, און מען האָט דער־לאַנגט קלעפּ, לויט דער שטימונג פון די רוצחים. שווער צו באנעמען ווי אַזוי איך האָב אויסגעהאַלטן איבער דריי יאָר איז דעם דאָזיקן גיהנום.

עס קומט דאָס יאָר 1944, יאנואר, די דייטשן פילן שוין זייער סוף, די כעמיקאלן קענען זיי שוין נישט פיל העלפן, אָבער אַרויסלאָזן די קרבנות פון זייערע לאַפּעס ווילן זיי נישט, אַרויסלאָזן עטלעכע הונדערט אויסגעפייניקטע מיידלעך — דאָס קאָנען זיי ביי זיך נישט פועלן.

דאַן באַווייזן זיך אין לאַגער די פרצופים פון די ס.ס.־לייט מיט זייערע דרעסירטע הינט, וואָס פאַרשטייען אויפן ווונק, זיי האָבן ארומגערינגעלט דעם לאגער, פארזאמעלט אונדז אויף איין פלאץ, געגעבן „צידה לדרך” צוויי שייבן ברויט און אַזוי אין אונדזער לאַגער־אויסשטאטונג, מיט די הילצערנע לאפטשעס אויף די פיס און אין די געשטרייפטע קאצעט־קאָסטיומען, האָט מען אונדז אָנגעהויבן טרייבן.

די שעה איז געווען פינף פרי, די שטערן האָבן נאָך געלויכטן אין הימל, צוגעלויכטן אונדזער מאַרש אַזוי האָבן מיר מאַרשירט דריי טעג, אין די נעכט האָט מען אונדז אריינגעשטופּט ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט, איינער איז ממש געלעגן אויפן צווייטן, נישט האָבנדיק קיין באַגריף ווו מיר זענען. און ווידער טרייבט מען אונדז אין אַ פראָסטיקן פאַרטאָגס. אַרויסגעטריבן אויף דעם פינקעלדיקן שניי. אַ סך זענען פון דעם מאַרש געבליבן קאַליקעס אויף אייביק, מיט אָפּגעפרוירענע פיס, נעזער און אויערן.

נאָך דעם דרייטאָגיקן מאַרש, וואָס אַסך האָבן אים נישט איבערגעלעבט, פאַלענדיק פון מידקייט און הונגער, האָט מען זיי דערשאָסן אויפן אָרט, זענען מיר געגאַנגען ווי פאַרשטיינערטע צווישן דעם ווייסינקן שניי, וואָס איז באשפּריצט געווען מיט בלוט. אזוי זענען מיר, רעשטלעך, אָנגעקומען צו אַ באַן־סטאַציע, ווו מען האָט אונדז ווידער אַרומגערינגלט מיט געווער און אונטערגעהעצט די הינט, ווידער אריינגעשטופּט אין בהמה־וואַגאָנעס, ווו מען האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען, ווען עמעצער איז געפאַלן, איז ער פשוט צעטרעטן געוואָרן. אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט צוויי וואָכן צייט אַהין און צוריק, ווייל עס האָט זיך שוין

געלאָזט פילן די באָמבאַדירונג פון דעם פאַרבינדעטן מי־ליטער.

שרעקלעך איז געווען צו קוקן אין די הונגעריקע פּנימער די מענטשן זענען פון הונגער און מידקייט איינגאַנצן אָפּ־געטעמפּט געוואָרן, דער איינציקער חלום איז געווען אַ ברעקעל ברויט, איך האָב ווי אַנדערע אַרויסגעשטעקט דורך אַ שפּאַרינקע אַ פינגער, כדי אונטערצוכאַפּן אַ פּרושינקע פון פאַלנדיקן שניי, נאָר די ליפּן, די פאַטרוקענטע, אַביסל פאַרפייכטן, אָבער דאָס איז נאָכנישט אַלץ. עס האָבן פּאַסירט זאכן וואָס עס איז שווער צו ברענגען איבער די ליפּן, מענטשן זענען צוגעפאַלן צו טויטע קערפּערס, אָפּגעביסן איברים, פינגער, אויערן בכדי אביסל איינשטילן דעם הינגער.

מיר, אַ גרופּע סאָסנאָוויצער מיידלעך, האָבן זיך איבער־געדעקט מיט אַ קאָץ, ווי מיט אַ טלית, שרייענדיק „שמע ישראל" און געבעטן גאָט, האָבן רחמנות און שיקן שנעלער דעם סוף. אויסלייזן אונדזערע נשמות פון פאַרפייניקטע אין באַליידיקטע גופים, דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע תפילה אויף דער שוועל פון גרויזאַמען הונגער־טויט. סוף סוף זענען מיר, די וואָס האָבן נאָך געזשיפּעט, אָנגעקומען קיין ראַוועגסבריק.

איך וויל נאָך צוגעבן געוויסע פּרטים וואָס האָבן פּאַסירט אין וועג, דעם מאַרש איבער אוישוויץ. נישט ווייט פון דאַנען זענען דאָך געווען אונדזערע היימען, געציילטע קילאָמעטער פון סאָסנאָוויץ. מיר האָבן געוווּסט וואָס דאָס אָרט באַדייט און ווי מען נעמט דאָ אויף די אָנגעקומענע. אונדז האָט מען נאָר דאָ פאַרבייגעפירט. און אָט איז ראַוועגסברוק, ווען מען האָט אויפגעמאַכט די וואַגאָנען און עס האָט זיך דערהערט דאָס רעווען: „ראוס פאַרפליוכטע יודן". אָנגעקומען לעבעדיקע זענען אַן ערך 20 פּראָצענט, די איבריקע זענען געלגן טויט אין די וואַגאָנען.

מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין די בלאָקן. שרעקלעך איז געווען דער קבלת פּנים פון די שקעלעטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. מיר האָבן אין זיי געזען וואָס אונדז דערוואַרט..

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין לאגער נמ. 2. ליגענדיק אזוי אויף דער פּריטשע, אויסגעמאטערט פון מארש, האָב איך איבערגעלעבט איינע פון די גרעסטע איבעראַשונגען אין ראַוועגסבריק האָט זיך שוין געפינען מיין יינגערע שוועסטער רעניע און הערענדיק אז גלייוויץ איז אָנגעקומען, האָט זי א טראכט געטאָן, אפשר בין איך אויך דאָ, און אזוי גנבענדיק זיך פון איין בלאָק אין צווייטן, נאָכפרעגענדיק אויף מיר, ביז די חברטעס פון מיין בלאָק האָבן מיך אַנגע־הויבן וועקן פון מיין פארשמאכטקייט: „גאָלדזע, גאָלדזע, דיין שוועסטער זוכט דיך". אין מאָמענט האָב איך דאָס לשון פארלוירן, מיר האָבן זיך ארומגענומען אין אוודאי אַ שעה צייט געווען פארקלאמערט איינע אין דער צווייטער.

אין דעם לאַגער איז קיין עסן נישט געווען און איך האָב נישט געוווּסט פון וואנער מיין שוועסטער האָט מיר געבראכט א שטיקל ברויט מיט א קארטאָפל. זי האָט אין דעם טאָג, ווי אויך אין די קומענדיקע טעג, ווייזט אויס, איר פּאָרציע עסן אָפּגעגעבן מיר.

דריי טעג צייט זענען מיר דאָרט געווען. מיין שוועסטער איז געקומען פון אוישוויץ צוויי טעג פריער פון מיר. נאָך דער דאָזיקער דרייטאָגיקער קוראַציע האָט מען ווידער אַלעמען צונויפגעזאַמעלט. מיין שוועסטער, וואָס האָט זיך געפינען אין אַנדערן בלאָק, האָט די בלאָק־עלטסטע בשום אופן נישט פאַרגינען, אַז זי זאָל גיין מיט מיר. נאָך קלעפּ, וואָס זי האָט באַקומען, האָט זיך דאָך מיין שוועסטער אריינ־געקרוגן אין מיין גרופּע און אַזוי זענען מיר אַוועק צוזאַמען.

פון יענעם צייט־אָפּשניט געדענק איך ווייניק, ווייזט אויס, אַז איך בין געווען אויף דער שוועל פון טויט. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין ניישטאט, גלעיווע, נאָענט פון האמבורג.

אויך דאָרט איז געווען אַ דורכגאַנגסלאַגער, אַרבעטן האָט מען שוין נישט געדאַרפט און אויך קיין עסן איז נישט געווען מען האָט אויסגעקוקט פון וואנען א ברעקל ברויט צו נעמען, ציטערנדיק געוואַרט אויף אַ ביסן, געזעסן איז מען אויף דער ערד און אין דעם דאָזיקן מצב זענען מיר געווען דריי חדשים צייט, און אויב איך און מיין שוועסטער רעניע זענען געבליבן ביים לעבן, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן מיט דאַנק פּאלא קליינמאַן, וועלכע האָט געאַרבעט אין קיך, זי האָט ריזיקירט מיט איר לעבן און אונדז געבראכט אַ לעפעל געקעכטס טויזנטער מענטשן האָבן זיך ארומגעדרייט ווי די שאָטנס, געשטאַלטן פון מוזולמענער, וואָס לעבעדיקערהייט האָבן זיי געוואַרט אויף דער ריי צום אויוון.

עס איז אָנגעקומען דער 3־טער מאי 1945, און מיר האָבן באַמערקט, אַז קיינער היט אונדז ניט מער. די נאַצי־העלדן זענען פאַרשוווּנדן, געלאָזט אונדז אליין. דעמאָלט האָט זיך אנגעהויבן אונדזער מאַרש. אויף דער קיך. מענטשן האָבן אין שרעקלעכן געדראַנג געשטופּט זיך צו דער קיך וואָס האָט באדינט אונדזערע מערדער, געכאפּט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און געווען איז דאָרט פון אַלעם גוטן — שמאַלץ, פּוטער און נאָך מאכלים, וואָס מען האָט שוין לאַנג זייער טעם פאַרגעסן.

ווי אזוי מיר זענען געבליבן לעבן נאָך דעם עסן, איז באמת אַ נס, צוויי טעג זענען מיר געווען די אליינהערשער און געוואַרט אויף אונדזער גאולה שלמה.

זענען אָנגעקומען די פאַרבינדעטע אַרמייען. די אמערי־קאַנער האָבן אונדז געבראַכט שפּייז און דאַן איז מען ארויס אין דער שטאָט אַביסל זיך אָרגאַניזירן, ווייל כאָטש עס איז געווען דער חודש מאי האָבן מיר נאָך גוט געפילט אין אונדזערע ביינער די אייזיקע פראָסטיקע נעכט, און דעם פינקלדיקן שניי מיט אונדזער בלוט באַפלעקט, אונדז איז געווען קאַלט און אין די קאַצעט־קאָסטיומען האָט מען זיך נישט געקאָנט לאָזן אין וועג.

מיר זענען אוועק זעקס מיידלעך און איין מאַן, וואָס האָט אונדז געפירט מיט אַ דערראבערטן פערד און וואָגן און

מיר האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן אין דער ריכטונג פון אונדזער אַמאָליקער היים סאָסנאָוויץ.

איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין די רייזע שילדערונגען העיקר מיר זענען אין סאָסנאָוויץ, דאָרט האָבן מיר אָפּ־געפונען אונדזער אַ מומע, ראַכע טאָרנהיים, און זי האָט אונדז אויפגענומען. און דערביי צו אונדזערע אַלע איבער־לעבונגען אין צרות האָבן די אַנוועזנדיקע געשמייכעלט קוקנדיק אויף דעם אוצר וואָס איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך אַ זעקעלע מיט רויטן זאַלץ... ווייל מען האָט געזאָגט, אַז אין פוילן פעלט זאַלץ.

אַגאַר פיינעם קבלת פנים האָבן אונדז געמאַכט אונדזערע קריסטלעכע שכנים די סטרוזשקע פון הויז קאָספערקאָווע האָט אויף אונדז אויגעגלאָצט אַפּאָר ווילדע פאַרוווּנדערטע אויגן, ווי מיר וואָלטן זיך באַוויזן פון אַן אַנדערן פּלאַנעט, ווען מיר האָבן געוואָלט באַטרעטן די שוועל פון אונדזער וווינונג, וועלכע זי האָט געירשנט האָט זי אויסגעשריגן: „ווי יעשצע זשיעטשע?״

מיינע טייערע, מען איז ממשיך, מען דערציט קינדער אַ פיינע יידישע שטוב, געראָטענע טעכטער און גוטן מאַן, דערלעבט אין אייגענע מדינה, אָבער דער שאָטן פון יענע יאָרן, פון יענע פינסטערע טעג און נעכט, לאָזט נישט אָפּ. אין טעג פון פריידן און שמחות דערמאָנען מיר דעם חורבן פוילן, דעם חורבן פון אונדזער היים.

חיה נאיאר בת 15

הייתי בת שמנה

נולדתי ב־15 במרץ 1931 במודזיוב. שם אמי לאה מבית בראכנאר. הורי עסקו במסחר ואני למדתי בכתה ג׳, בבית ספר עממי. לא יכלתי להמשיך בלימודי כי עברנו לגיטו. שם לקחו מאתנו את אבא ואחים, נשארתי עם אמא ובשנת 1943 נשלחנו למחנה אושוויץ. הגענו לאותו מקום נאה והועמדנו למיון. בחרו את המוכשרים לעבודה. הודיתי לאלוהים על החסד שאמי עמדה במבחן ומזלי שיחק לי והצלחתי גם אני לחמוק לעבר אמי. אחר כך הובלנו בחמישיות ולי לא היתה חמישי, ניגשת אלי משגיחה ושואלת, בת כמה אני, ואיך באתי לכאן, ומתחילה לסחוב אותי. לאושרי, קראו לה למקום אחר ואני הוכנסתי לבין השורות כדי שלא תכיר אותי.

באנו לחדר הרחצה והנה שואלת המשגיחה, אם ראה מישהו ילדה קטנה. איש לא ענה ואני לא ידעתי איפא אתחבא. ידעתי: אם תכירני תשלח אותי לגאז. הייתי חכמה ממנה, גזזתי את שערותי ולא הכירה אותי.

עברו כמה חדשים, הלכתי עם אמא לעבודה למקום טוב, ל„ניישטוב״ (חדר־התופרות). אבל־מה־בכך, רעבנו מאד והלכנו בלי מלבוש ונעל יום־יום עמדנו במפקדים בקור ימי חורף. יום אחד נערך „סורטירונג״ (מיון) ולקחנו ממני את אמי הבריאה, האהובה, ואני, הילדה החלשה, נשארתי לבדי. חשבתי לי — למה צריכה אני להתענות ורציתי למות יחד עם אמא אבל, להכעיס, לא נתנו לגשת ולהצטרף אליה.

אמי האהובה הבלתי־נשכחת נפלה מידי הבאנדיטים ב־שנת 1944.

בשנת 1945 הייתי מוכרחה לעזוב את המחנה הנחמד והנעים שלא אשכחנו — אושוויץ. הלכנו ברגל שבועיים ואני לא יכולתי כבר ללכת. על אפם ועל חמתם של הפאשיסטים החזקתי מעמד והגעתי לברגן־בלזן. שם ישנו על הקרקע דחוקים כמליחים, בלי שמיכות, וכל מזוננו — סלק ומים. אלוהים היה בעוזרנו ועברנו את התקופה הקשה. בשנת 1945 שוחררתי על ידי חיילים אמריקניים מבארגן באלזן.

מתוך ספר „אחד מעיר ושניים ממשפחה״

אברהם זענדל — שיקאגא

פון די לעצטע אין בענדין

דאָס איז געווען אויגוסט 1943 בעת דער אַלגעמיינער אויסזידלונג פון אַלע יידן קיין שראַדעלע (געטאָ סאָסנאָווצע). אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט מיין פאָטער, מיינע ברידער, מיינע שוועסטער אַרויסגעשיקט קיין אוישוויץ, האָט די געסטאַפּאָ מיך און מיין ברודער אַנשל ז״ל געכאַפּט אין אַ שוואַרצן טראָק, געפירט צום יידישן שפּיטאָל אין געטאָ שראַדעלע, אויפצולאָדענען טויטע קערפּערס. צווישן זיי האָט זיך געפונען מומעק ליבערמאַן און הילאַרי מינץ הי״ד.

נאָך דעם אויפלאָדענען די טויטע קערפּערס האָט מען אונדז צוזאַמען מיט די טויטע אַוועקגעשיקט. אַלע זענען מיר געווען זיכער, אַז מען שיקט אונדז קיין אוישוויץ אָבער דער גורל האָט געוואָלט, איך זאָל איבערלעבן און זיין דער לעבעדיקער עדות פון די גרוילן. אַנשטאָט אוישוויץ זענען מיר אָנגעקומען קיין בענדין, און קאַמיאָנקער געטאָ. אונדזער שרעק איז געווען גרויס, ווייל די געסטאַפּאָ האָט אונדז נישט געזאָגט וווּהין מען פירט אונדז. מער טויט ווי לעבעדיק האָט מען אונדז צוגעטיילט צו דער טויטן קאָמאַנדע.

ווי באַקאַנט איז אין בענדין פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד אַקעגן די נאַציס.

טויטע מענער, פרויען און קינדער זענען געלעגן אין די גאַסן און אין די הייזער, אונדזער אַרבעט איז געווען צוזאַמענצונעמען און אויפצוקלויבן די טויטע קערפּערס אויף

איין זאַמל־פּונקט. דאָן פלעגן די געסטאַפּאָ־לייט קומען יעדן טאָג פון אוישוויץ, מיט הינט און רעוואָלווערן אין די הענט און צווינגען אויפלאָדענען די טויטע קערפּערס.

ווען איך דערמאָן זיך היינט אין יענע גרויל טעג, שוידער איך נאָך, און האָב דאָס בילד פאַר די אויגן, ווי אַזוי האָב איך דאָס געקענט מיטמאַכן?

נאָכעם ווי עס זענען שוין נישט געווען קיין טויטע האָט אונדז די געסטאַפּאָ איבערגעלאָזט אין בענדין און אונדז צוגעטיילט צו דער ליקווידאַציע פון בענדינער געטאָ, דאָס הייסט סאָרטירן זאַכן, אַנצוגען, וועש, מעבל א.ד.ג.

דאָס איז געווען אַ קאַפּיטל פאַר זיך וואָס מיר האָבן געדאַרפט איבערלעבן. האָב און גוטס וואָס יידישע מענטשן, אונדזערע ברידער און שוועסטער האָבן דורות געזאַמלט, האָב מיר געדאַרפט זאָרגפעליק סאָרטירן פאַר די נאַצישע רוצחים.

אַזוי זענען מיר פאַרבליבן ביי דער גרויל ארבעט ביז יאַנואַר 1944.



יהודים מובלים לעבודת כפייה

יידען ווערען געפיהרט צו צוואנגס ארבייט

רטנר חנוך דערציילט

אנהויב חורבן

מיר שטייט נאָך פאַר די אויגן דער טאָג פון מלחמה אויסברוך. פרייטיק אין דער פרי, האָט מען געהערט א אויפרייס. באַלד האָבן מיר אָנגענומען אַ באַשלוס אַוועקשיקן די מאמען, מיט די צוויי יינגסטע קינדער: יוסף 13 יאָר אלט און דער יונגסטער בנימין 3 יאָר אלט. די מאמע איז אוועק אין אונדזער געבורט שטאָט וואָלבראָם, איך בין געבליבן מיט נאָך צוויי ברידער, יעקב (וואָס געפינט זיך אין ר"ג) און מענדעל וואָס געפינט זיך איצטער אין קאנאדע 3 פארהייראטע שוועסטער שוואָגערס און קינדער. שבת האָבן אויך די שוואָגערס אין איין ברידער געדארפט זיך צו־שטעלן צום פוילישן מיליטער. מיר האָבן געדאַרפט שטעלן זיך אין מיעכאָוו צום מיליטער דינסט, די שוועסטערן מיט די קינדער זענען געבליבן אלע צוזאמן. צוליב דעם ווייל די עלטסטע שוועסטער איז געווען שוואנגער. מוצ"ש זיינען מיר אַרויס אין וועג צו פיס, ווייל פון סאָסנאָוויץ איז שוין קיין באן נישט געווען — גייענדיק צופוס קיין שטשעמעשיץ האָבן מיר געטראָפן אַ באַן וואָס גייט ווייטער איבערפולט מיט פליטים אין מיליטער, מיר האָבן געוואַרט אַ שעה צייט, אין דער טאַטע האָט געזאָגט נישט כדאי קינדערלעך וואַרטן, און מען דאַרף גיין בעסער רירן זיך אין וועג ווייל מען ווייסט נישט וואָס עס קאָן דאָ פאסירן, ווען מיר זענען צוריק אַראָפּ פון צוג האָט דער צוג גערירט פון פלאַץ. און מיר האָבן געזען ווי דער צוג ווערט באָמבאַרדירט, אין עס איז נישט געבליבן פון אים א שריד ופליט, פון שטשעמע־

שיץ זענען מיר געגענאַגען מיטן שטראָם פון מאַסן מענטשן, ווייל די דייטשן האָבן זיך שוין דאָרט געפונען.

די שטאָדט פינטשאָוו איז אוועק אין פלאמען הונדערטער מענטשן האָבן זיך געוואלגערט אין דרויסן, מיר האָבן דאַן פאַרשטאַנען אינדזער צוועקלאָז גיין, אין זוכן מיליטער פונקטן, ווען אלץ איז שוין געווען צעשטויבט. נישט געווען קיין צייכן פון פוילישן מיליטער וואָס זאָל זיין אָרגאניזירט, מיר האָבן געלאָזט זיך אויף צוריק קיין מיעכאָוו, אין מיעכאָוו האָבן מיר שוין געטראָפן די דייטשן, און מיעכאוו האָבן מיר געהערט אז אין אגעוועלבל איז געשאָסן געוואָרן ארובן טשאפניקס א זון פון מיעכאָוו.
מיר זענען געגאנגען צוריק קיין וואָלבראָם ווי מיר האָבן געטראָפן די משפחה, געבליבן אין וואָלבראָם איבער אַ וואָך צייט, איינמאָל אין אַ פרייטיקביים פעטער מאיר גלאזער מאיר שוחט האָבן די דייטשן ארויסגעפירט אלע יידן, און אוועקגעפירט קיין זאווערציע. איך זיצנדיק אויף א בענקל אויף דער טעראסע אויפן קאָפּ א שלעזיש גרין קאפעלושל האָב ביי זיך באַשלאָסן נישט אויפהייבן זיך נאָר זיצן ווייטער און אזוי בין איך געבליבן לעבן.

ברוך שחורי (צ׳רנוחה)

געוועזן אמאל א היים...

נאָך אייניקע טעג פריער האָבן זיך באמערקט די כמאַרעס פון אומגליק און פיין וואָס דערנענטערט זיך איבערן יידישן פאָלק אין פוילן. היטלר ימ״ש גרייט זיך צום קריג, און מיר יידן האַבן שוין געווסט וואָס אונדז ערווארטעט. פרטאג אין דער פרי דעם 1 סעפטעמבער 1939, די דייטשע עראָפלאנען זענען איבער סאָסנאָווצע, דעמזעלבן פרייטאג צו מיטאג קומען צוגיין 2 פוילישע פאליציאנטן און זיכן מיין טאטן. (די פאליאקן איז אויך א גרויסער זכות צו זיכן) זיי האָבן אים געטראָפן אין הויף און געהייסן מיט זיי מיטגיין. זיי האָבן צוזאמענגענומען א פאָר יידן און א פאר פאָליאקן אין זיי חושד געוועזן אז זיי זענען דייטשע אגענטן, און מען האָט זיי פארשלעפט ביז קארטוז־בערעזא. מיר זענען אליין געבליבן אין שטיב מיט דער מאמען ביז די היטלעריסטישע בעסטיעס האָבן מאָנטאג צו מיטאג ארייַנגעמארשירט אין סאָסנאָוויעץ. ווער קען עס פארגעסן די ערשטע נאכט פון שרעק און גרויזאמקייט וואָס זיי האַבן דאמאלס שוין אנגעהויבן. מען האט אונז אלעמען געטריבן און געשלאגן ביז אראפ אין שיינם האלע:, און דארט האבן מיר אנגעהויבן פילן וואס היטלער האט זיך פארגענומען. איך דערמאן זיך די נאכט ווען מען האט געברענט די גרויסע שיל אויף דעקארטא גאס, מיר האַבן געוווינט אויף דעקארטא 5. פלוצלינג האבן מיר דערזען די הימלען רויט ווי א פלאם פייער אין דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אונדזער פיין, אלע ארומיקע שכנים האַבן אָנגעהויבן כאפן וואָס עס האָט



ההורים: נתן ואסתר צ׳רנוחה ניספו באושוויץ
די עלטערן: נתן און אסתר טשרנוכא, אומגעקומען אין אושוויץ.

זיך געלאָזט און גענומען לויפן צו אונזער הויז. דער סטרוזש האָט זיי נישט געוואָלט אריינלאָזן, האָבן מיר אליין אויפגעמאכט דאָס טויער און אריינגענומען די אלע וואָס זענען אנטלאָפן, וואָס האָבן געוווינט נאָנט פון דער שול. אין אזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די טאָג טעגלעכע צרות פון דעם יידישן יישוב אין סאָסנאָווצע.

מיר קינדער זענען געבליבן אליין מיט דער מאמען און געמוזט זיכן פרנסה פאר דער שטוב. מיט מורא און גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר אדורך געשטופט די צייט, טראכטענדיק וואָס איז געוואָרן מיט אונזער פאטער. א צייט שפּעטער האָבן יידן אנגעהויבן לויפן אויף דער רוסישער זייט אויך מיין ברידער משה׳ל וואָס לעבט יעצט אין אמעריקע איז געפאָרן קיין לעמבערג, אפשר וועט ער עפּעס הערן פון אונזער פאָטער.

אין לעמבערג האָט ער באמת געפינען דעם טאטן נאָך דעם ווי ער איז גרויסע צרות אויסגעשטאנען פון די פּאָליאקן אין קארטוז־בערעזא, און פון די רוסן באפרייט געוואָרן. איך און מיין ברידער חיים, וועלכער געפינט זיך אויך אין אמעריקא זענען גלייך געפאָרן קיין לעמבערג זעען דעם טאטן און אפשר אים אויך אהיים ברענגען. עס האָט אזוי לאנג געדויערט ביז ס׳איז אויסגעבראכן דער קריג צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד. איך בין דערווייל צוריק געפאָרן קיין סאָסנאָווצע. מיין ברידער חיים האָבן די רוסן אוועקגעשיקט טיף אין רוסלאנד און דער טאטע איז געבליבן אין לעמבערג ביז די דייטשן האָבן לעמבערג באזעצט. אין צווישן צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע צרות אין סאָסנאָווצע, יעדן טאָג אנדערע גזעצן, מען האָט מורא ארויסצוגיין אין גאס און ביינאכט שלאָפן אין שטוב. מען כאפּט צו ארבעט קיין דייטשלאנד, מען כאפּט מענטשן סתם אין די גאסן און שפּעטער פארלאנגט מען אויסקויף געלד, גאָלד און אנדערע שמוק זאכן. מען ליידיקט אויס די יידישע כארמעגנס. מיר אין שטוב בּאראטן זיך וואָס מאכט מען מיטן טאטן, ער געפינט זיך אויך שוין, אינטער דער מאכט פון די היטלערישע בארבארן. איז דאָך בעסער מיר זאָלן זיין צוזאמען. מיר באצאָלן אסך געלד און מען ברענגט דעם טאטן קיין סאָסנאָווצע איבערגעטאָן פאר א קאלעיאזש. מיר זענען געווען גליקלעך ווידער צו זיין צוזאמען. דער טאטע איז געווען אומלעגאל און מיר האָבן געמוזט זיכן וועגן צו מאניעק מערין ער זאָל אים מאכן לעגאל, און אזוי ווי מאניעק מערין האָט מיין פאָטער געקאָנט האָט ער אים לעגאל געמאכט. צווישן צייט האָט מען מיין ברידער משה׳ל אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד אין ארבעטס־לאגער. די לאגע איז געוואָרן וואָס אמאָל שווערער, די יוגענד אין סאָסנאָווצע פלעגט זיך צוזאמען טרעפן און געהיים אויף די דזשאָלקעס, דאָס איז געווען א פלאץ אויף אוסטרוגורסקע גאס, ווי די דייטשן האָבן געגעבן די יידן פון סאָסנאָווצע שטיקלעך באָדן צו בעארבעטן, איך האָב זיך געטראָפן מיט דער יוגענד פון בית״ר, ווי איך האָב דאָרט געטראָפן מיין צוקונפטיקע

פרוי רעגינא זשעלונקה, מיר האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אונדזערע עלטערן אהיים און זיי האָבן באשלאָסן מיר זאָלן תנאים שרייבן, ווי שווער דאָס איז געווען זיך צוזאמען צו קומען און שרייבן תנאים. פונדעסטוועגן האָבן זיך אונזערע עלטערן און געשוויסטער געטראָפן און מיר האָבן די שמחה געמאכט. ווייטער קומט די גרויסע צרה זיך שטעלן אויפן ספּאָרט־פּלאַץ, אלע יידן קינד און קייט מוזן קומען. שטארק הייס אָן וואסער און ברויט האָט מען אונז געפּייניקט און געשלאָגן. איך געדענק אז מיין פרויס מוטער הי״ד האָט מען גלייך מיטן ערשטן טראנספּאָרט אוועקגעשיקט קיין אושוויץ, א טייערע פרוי געווען א גרויסע צדיקת. מיין מוטער האָט מען איבערפירט אויף קאלאנטאיא גאס ווי מען האָט די אלע מענטשן געהאלטן ביז מען האָט צוזאמענגעשטעלט די טראנספּאָרטן, מיין טאטן און אונז קינדער האָט מען אהיים געלאָזט. די מאמען האָט מען ארויסגעגנבעט צוריק אהיים אויף נישט קיין לאנגע צייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איבערפירן אין געטאָ שראדולא, אזוי ווי מיין ברידער דוד הי״ד האָט געארבעט ביי טאביאש האָט דער טרויהענדלער פון געשעפט אלע יידן וואָס האָבן געארבעט ביי אים אריינגענומען וווינען אין הויז פון טאביאש.

אלט־סאָסנאָווצע האָט זיך אָנגעהויבן פאקן אָן איבערפירן קיין שראדולע, און אזוי ווי די עלטערן פון מיין כלה האָבן געוווינט אין אלט־סאָסנאָווצע בין איך צוגעגאנגען העלפן זיי איינפאקן. איך בין דאָרט געבליבן נעכטיקן אין די זעלבע נאכט האָט מען מיך ארויסגענומען פון בעט און איבערגעפירט אין דולאג און שפּעטער אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד און פון דאמאָלס האָב איך מער נישט געוויסט וואָס עס האָט פאסירט מיט מיין פאמיליע און מיט די פאמיליע פון מיין כלה. נאָך א לאנגע צייט האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין ברידער משה׳ל אין לאגער און אזוי צוזאמען איבערגעלעבט. מיינע עלטערן זענען אויך געוואָרן איבערגעפירט אין געטאָ שראדולע און אזוי זענען זיי אויך געשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ צום פארניכטן, אויך מיינע 2 ברידער און 1 שוועסטער. מיין כלה און אויך אירע עלטערן און געשוויסטער האָבן געהאט דעם זעלבן גורל. ווי די קריג האָט זיך געענדיקט האָט איך זיך געטראָפן מיט מיין כלה אין סאָסנאָווצע און מיר זענען אריבער געפאָרן קיין דייטשלאנד. מיר האָבן חתונה געהאט און באשלאָסן אז מיר וועלן פאָרן קיין ישראל און אָנהייבן בויען א ניי לעבן אין מדינת ישראל. מיר זענען פון דייטשלאנד אוועקגעפאָרן אין יאָר 1948 שוין מיט א קינד דער עלטערער זין נתן, קיין ישראל, ווי מיר האָבן געטראָפן דעם איינציקן ברידער פון מיין פרוי וואָס איז געבליבן לעבן משה ירקוני, און די משפחות מיינע פון פישל באציא און צ׳רנוחה, און אזוי האָבן מיר ווי אלע אנדערע רעשטלאך פון אונזערע חרובע היימען און פאמיליעס ווידער אויפגעריכטעט און געבויט א נייע היים און משפחה אין אונזער אייגן לאנד ישראל,

און כאַטש אונזערע בליקן זענען געווענדעט צו דער צוקונפט, טויכט נאָך אויף אין זכרון די אלטע היים, ווייל עס איז שווער צו פארגעסן אזא היים. ווען איך דערמאן זיך אונזער שטוב ווען איך דערמאן זיך די געשטאלטן פון מיין פאָטער נתן און מיין מוטער אסתר און מיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען מער נישט מיט אונז, דערמאנט זיך דאָס לעבן פון א יידישער שטוב אין סאָסנאָוויצע, א שטוב פון יידישקייט פון נאציאנאלקייט, א שטוב פון צדקה. ווער קען פארגעסן א פרייטאג שבת אדער א ים טוב ביי אינז אין שטוב. דער טאטע אויסגעפוצט אין א זיידענע ייפיצע אין א סאמעטן היטל, די זין אויך אזוי אָנגעטאָן גייען שטאָלץ צו ר. יהושיע־לען צום דאוונען, די מאמע איין אויסגעפוצטע קוקט מיט שטאָלץ און פרייד אויף אונז און שעפּט׳עט אן עין הרע.

ווער קען פארגעסן דעם קידוש און די זמירות ביי אונזער טיש, ביי וועלכן עס האָט קיינמאָל נישט געפעלט קיין אָרימאַן. דער טאטע א בעל תפילה, וועלכער האָט נאָר מהנה געווען מיט זיין דאוונען אין די ימים־נוראים די ארימע שיכטן, על מנת שלא לקבל פרס. א לאַנג־יעריקער מיטגליד אין ועד פון לינת־החולים, מלביש ערומ ם, תפארת בחורים, און נאָך. די מאמע א צדקה געבערין, א מיטגליד אין פרויען פאראיין, אייביק זיך אנטערעסירט אין בכבודע ארימע לייט און געזאָרגט פאר זיי.

און דאָס אלעס איז חרוב געוואָרן, דורך דעם בלוט שטורם וואס די דייטשע בארבארן האָבן געבראכט אויף דער וועלט.

געוועזן אמאָל א היים...

ר׳ לייבל בייטנר

עלינו להזכיר כאן תושב חשוב ומכובד ידוע לכל תושבי העיר ר׳ לייבל בייטנר בן לאלתר יוסף מייסדי העיר סוס־נוביץ. ר׳ אלתר יוסף בייטנר הקים הבית הראשון ברחוב מודזיעיובסקי מס. 7 בסוסנוביץ. ר׳ לייבל בייטנר יליד סוסנוביץ היה כבר ידוע בגיל צעיר כעילוי, התחנך בישיבות והתמסר בלימוד תורה, והיה תלמיד חכם מופלג חסיד שהסתופף בצילו של הרבי מרדומסק שליט״א מדור דורות, מעונו וביתו היה ברח׳ קזשיבה מס. 3.

ר׳ לייבל בייטנר הקים דור ישרים לכבודו ולכבוד עי־רנו. בשנת 1924 נבחר כראש הקהילה היהודית בסוסנוביץ ביחד עם ר׳ משה פישל ז״ל. הבית של ר׳ לייבל בייטנר היה פתוח לכל יהודי ולכולם. הוא היה נדבן נלהב וקבל כל בן אדם בסבר פנים יפות, אנשים היו זורמים אליו באמונה שלימה כמו לאב של עיר סוסנוביץ, מי בשביל לקבל עצה טובה ומי לקבל גמילות חסד. הוא הביא עזרה בכל צורה האפשרית ברצון טוב ובמסירות נפש. אז לא היה נהוג בעניני סכסוכים בין יהודי ליהודי לפנות לבית משפט, אלא לבוררות וכולם העדיפו את ר׳ לייבל בייטנר בתור בורר וכולם באו על סיפוקם.

יום ולילה הבית היה מלא אנשים עניים כעשירים, חסידים כמתקדמים ולכולם היה אימון מלא אליו. ר׳ לייבל בייטנר לא ביקש כבוד לעצמו וכולם כבדוהו כראוי.

בשנת 1925 ביקר ר׳ לייבל בייטנר בארץ ישראל לפתיחת האוניברסיטה ובית חולים הדסה בהר הצופים בירו־שלים ומחשבתו היתה להשתקע בארץ, וצעד הראשון היה ששלח את בנו ר׳ נחמן בייטנר ז״ל ארצה בשנת 1926 שהיה תושב תל־אביב 34 שנים. בשנת 1935 הגיעה בתו פעלא לנדוי להשתקע בארץ. כל שאיפתו היתה לחיות בארץ הקודש. מסיבות שונות לא הצליח להגשים את רצונו. אשתו הגב׳ בלימה בייטנר היתה עסקנית ידועה בעירנו. היא התה יושבת ראש בחברות הכנסת כלה ולינת החולים. היא חיתנה כמה בנות יתומות, היתה טובת לב וצדקנית. ובדרך זו חינכה ילדיה.

ר׳ לייבל בייטנר ואשתו בלימה, בתם חוה ובעלה שלמה פירסטנברג וילדיהם יוסי ודוב (בערל) פירסטנברג נספו בעירנו לפי הידיעות שהגיעו, ע״י הגרמנים הרוצחים ימח״ש ביום כ״ו לחודש תשרי 1943.

יתר הילדים שנספו בשואה הם החתן זליג פריוועס ובנו יוסף פריוועס באושוויץ, הבן יעקב בייטנר ואשתו חיה באושוויץ והבן נפתלי בייטנר במחנות בגרמניה. הי״ד.

רק מעטים מהמשפחה המפוארת הזאת שרדו מהחורבן האיום. הבן עזריאל עם אשתו וילדתו שחזרו מהשטח הסו־בייטי והיגרו לאמריקה, והבת הדסה עם בתה האלושא (חיה) שעברו את כל מדורי הגיהינום באושוויץ ניצלו בנס ועלו ארצה, ובנו את ביתם ועתידם במדינת ישראל.

פרוי סולקאָווסקי (שפרינץ) פאריז

איבער בערגן בעלזן

אין מיין זכרון טויכט אויף דאָס געשטאלט פון טאטן און זיין גוטסקייט און גלאָסנקייט, אויך די פרייטיק צו־נאכטן. באזונדערס די פרייטיק צונאכטן באם געדעקטן שבת טיש. אלע זיצן צוזאמען. דער טאטע שפיגלט זיך אין אונדזערע יוגנטלעכע פנימער, אין אונדזער פריילעכקייט

אין יוגנט חן. זיינע אויגן שטראלן פול מיט ליבשאפט צום ארום און אין אפשיין פון די שבת׳דיקע ליכט נעמט ער דעם בעכער אין דער רעכטער האנט נאכן, אויסגעזונגענעם שלום עליכם.

און אָט איז דער פרייטיק צונאכט אין די נאצי צייט

וואָס מיר דערמאָנט זיך. נאָר וואָס געקומען פון שטיבל, ווייל אין שול קאָן מען שוין נישט גיין, קוים צונויפגעשטעלט א מנין ערגעץ אין א שטוב. מיר די קינדער האָבן אויסגעהיטן דאָס מנין פון א ביז נאַציש אויג. אָט קומט ער דער טאַטע מיט פּאַוואָליע טריט ווי א אבל, עפּעס האָט דער שלום עליכם א אנדערן קלאַנג דאַסמאָל. די ווערטער קלינגען ווי א קאַפּיטל תהילים וואָס מ׳זאָגט פאַר א מסוכנעם חולה, אָפּגעגעבן גאָט וואָס אים קומט, האָט דער צער א שפּאַר געטאָן פון זיינע אויגן, א צער געמישט אין שרעק, זיין בליק פאַלט אויף די לערע פלעצער וואָס קוקן מיט פוסטקייט און אימה, פון זיינע צוויי געליטע זין וואָס די נאַצים האָבן פאַרשלעפּט דערווייל צו קנעכטישע ארבעט, און קיין ידיעות נישטאָ פון זיי. דאַן זענען נאָך געווען אַזוי צו זאָגן נאָרמאַלע צייטן. צייטן פון ארבעטסלאַגערן, אויפגעכאַפּט מענטשן און אוועקגעפירט, זיי האָבן געמאַכט אן אנקלייב פון יונגע מענטשן אנהויבנדיק ביי פּיפּצן יאָריקע. א באַשטימטע צאָל האָט געמוזט אויסגעפילט ווערן, און אויב ס׳האָט די צאָל נישט געשטימט וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט, האָט מען געלאָזט זיך אין געיעג אין די גאַסן, אויספילן די צאָל, און דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע. דאַן האָט דער יודנראַט אויסגעפועלט אז זיי וועלן אליין צושטעלן, אָבער ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אז דווקא די וואָס האָבן פיגורירט אויף די ליסטעס פון יודנראַט האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אויף דעם האָבן די נאַצי מערדער רעאגירט מיט אלע זייערע שפּיצלעך. קענענדיק דאָס טיפע משפחה געפיל ביי יידן, ווי געבינדן זיי זענען איינער צום צווייטן און זענען גרייט זיך מקריב זיין איינער פאַרן אנדערן, פלעגן זיי פאַר די נישט צוגעשטעלטע נעמען ערובניקעס, מייסטנס די עלטערן, דאָס פלעגן זיי אנרופן ערזאַץ פאַר דער יוגנט, וואָס האָט זיך נישט צוגעשטעלט, און זיי האָבן די אלטע לייט געהאַלטן אַזוי לאַנג ביז די יונגוואַרג האָט זיך צוגעשטעלט, זיי האָבן געלאָזט הערן, און געדראָט, אז אויב די יונגע וועלן זיך ניט צושטעלן וועלן זיי אויפהענגען א צאָל פון די ערובניקעס, בכדי אזויארום ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די יונגע, ס׳האָט אויך געטראָפן אז מ׳האָט געשפּילט אויף דער צווייפלהאַפטער קאַרט, אז אנשטאָט יונגע זענען געווען ניינציק פּראָצענט אלטע לייט.

ס׳האָט אויך געטראָפן אז ווען זיי האָבן געהאַט די פולע צאָל אין טראַנספּאָרט אן די אלטע, און די צאָל האָט געשטימט, מיט דער רוצחיש דייטשער פּינקטלעכקייט האָבן זיי דאַן די אלטע אפּגעלאָזט.

אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך צעשטאָכן מיט א נאָדל, דאָס איז געווען א טאָג פריער איידער מיין טראַנספּאָרט האָט געדאַרפט אוועק, דאָס האָט זיך דערוויסט מיין שוועסטער, מיין פיס האָט געאייטערט, ניט קענענדיק אויף אים טרעטן און דאָך נישט רעכנענדיק זיך מיט מיינע יסורים וואָס איך האָב פאַרשוויגן מיט פאַרביסענע ציין, האָב איך זיך וואַרפנדיק זיך אין פיבער צוגעשטעלט, דאָס איז געווען דער דריטער קרבן פון אונדזער שטוב, און אַזוי אין שרעקלעכע יסורים, פירט מען מיך אין טראַנספּאָרט אויף דער דריטער מאַי גאַס. נישט קוקנדיק וואָס אויף די גאַסן האָט מען זיך נישט געטאָרט באַווייזן, האָבן זיך פלוצלינג אריינגעריסן מיין מאַמע און מיין שוועסטער אין מיין טראַנספּאָרט און געזעגנט זיך מיט מיר, דאַסמאָל זענען פון דעם בילד אויף די דייטשן געבליבן געפּלעפּט. אין דער טראַגישער סצענע האָב איך זיך געזעגנט אויף אייביק פון מיינע נאָענטע. מער אויף דער וואָר האָב איך זיי שוין קיינמאָל נישט געזען, סיידן אין חלום, וואָס טראָגט מיר אן א נייע בענקשאַפט און באַגלייט מיך אויף שריט און טריט.

געפירט האָט מען מיך אין נייזאַלץ. דאָרט האָב איך געאַרבעט צווישן הונדערט און פופציק סאָסנאָווצער פרויען אין דער שפּינעריי פון דעם גוט־באַקאַנטן גרושוויץ־גאָרן, וואָס פוילן האָט זיך אין גוטע צייטן אָנגעפיל מיט אים באַנוצט. פאַר אונדזער שקלאַפן ארבעט האָבן מיר באַקומען זעקס שטיקלעך ברויט א טאָג.

אין לאַגער בין איך געווען צוזאַמען מיט רבקה זילבערשאַץ וואָס געפינט זיך איצטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע. מיר האָבן זיך אין לאַגער שטאַרק צוזאַמענגעלעבט. ווען מ׳האָט אונדז סאָרטירט צו וועלכע ארבעט מ׳וועט אונדז צוטיילן, האָט מען מיר צוגעטיילט צו צוויי שיכטן איין וואָך בייטאָג איין וואָך ביינאַכט.

רעגינע האָט מיר געראָטן איך זאָל בעטן א לייכטערע ארבעט, ווייל מיין ארבעט האָט געהאַט א סך שטויב, אפשר וועלן זיי צוליב מיין יונגן עלטער איינגיין דערויף. איך אָבער האָב נישט איינגעשטימט, געלאָזט זיך פירן פון גורל בלינד, ווי עס פירט זיך, און דאַן איבער אלע עטאַפּן געהאַלטן זיך צוזאַמען מיט רעגינען.

אויך אין בערגן־בעלזן האָב איך געהאַט די ביטערע זכיה צו זיין. בערגן־בעלזן איז געווען ער׳גער ווי אושוויץ, ביי דעם אפּעל האָט מען געמוזט האַלטן די טויטע פאַר די הענט, איך האָב אַזוי געצייטערט, און מיין יונגער קערפּער האָט אַזוי געשראָקן זיך צולייגן נאָכן טויט אויף די שטויסן פון מתים, וואָס זענען געלעגן קופּעס־ווייז, דאָרט האָט מען געוואָרפן די צום טויט דערשעפּטע.

דאַן זענען מיר אויך קראַנק געוואָרן איך און רעגינע, א יידישע סאַניטאַרקע האָט רעגינען פאַרהאַלטן, זי האָט איר געזאָגט די געפעלסט מיר מיין קינד, איך וועל דיך נישט לאָזן פאַרן קיין אושוויץ, זי האָט זי אָנגעהויבן פלעגן, דער דאָקטאָר האָט אויסגעפינען אז מ׳קאָן זי ראַטעווען. דאָרט האָט זי זיך אויך דורך א צופאַל געטראָפן מיט אירס א ברודער, וואָס איז שוין דאָרט געבליבן די גאַנצע צייט.

איך ווייס דאָס דאָ האָב איך נאָר איבערדערציילט א פּינטעלע פון דעם צער, וואָס איך וועל אים אייביק שוין טראָגן און ניט אויפהערן פאָדערן נקמה!!!

העניע דאנסקי-זינגער, דערציילט:

אין קאַמף פארן לעבן

א שטוב אין סאָסנאָוויץ נאַווא 6, א היים ווי אסאך יידישע היימען. פון דער שטוב איז געבליבן גאָרנישט, דער נומער אויף דער האַנט בליקט מיט מאַריתומקייט: נמ׳ 53143, דאָס איז אלץ. אין דער נומער דערציילט:

אין יאָר 1942 געוועזן נאָך אין סאָסנאָוויץ, אין דער אייגענער דירה, מיין מאַן און מיינע זין: אהרן עלף יאָר אלט און גרשון 14 יאָר.

אין חודש פעברואר 1943 זענען מיר ארויסגעטריבן געוואָרן קיין שראדולע און אין מאי 1943 איז זעוועזן אַן אויסזידלונג פון קינדער. געארבעט האָב איך דאַן ביי ברוינערן אין שאפּ אין א שיך פאבריק צוזאַמען מיט מיין מאַן און עלטערן יינגל. זייענדיק אין שאפּ האָבן מיר באקומען א ידיעה אז מ׳האָט געמאכט אַן אקציע אויף אלע קינדער. א זייגער פינף האָט אונדז די יידישע פּאָליציי אהיימגעפירט. גייענדיק א היים האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף א צוג מיט געפאנגענע יידן. און אויס דעם צוג ארוים האָבן דייטשן ארויסגעשאָסן. דער פאנג וואָס זיי האָבן געהאט אין צוג איז זיי נאָך צו ווייניק געווען, דריי יידן זענען דעמאָלט דערשאָסן געוואָרן, איך קאַן זיך זייערע נעמען נישט דערמאנען. אָנקומענדיק קיין שראדולע האָט מען געזען דעם חורבן. אלע מאַמעס האָבן זיך פארזאמלט פאר דעם יידנראט, די תשובה איז געוועזן אז זיי זענען אויפגענומען געוואָרן אין יתומים הויז. אויב איר ווילט אינטערווענירען גייט צו אייער פירמע ווי איר ארבעט, דאָרט אינטערווענירט. אויף דעם וועג פון שראדולע קיין בענדין זענען מיר אָנגעקומען צום ד״ר בראון אין געטענעט אז איך און מיין מאַן ארבעטן אין שאפּ, און מיר בעטן אונדזער קינד. ער האָט מיט ביי‌זן געענטפערט „געה מאהל וועק, וואן ניכט קאמסט דו מיט״. מיט מיר האָט זיך געפינען נאָך א יונגע פרוי פון דער ביבליאָטעק שענקיעוויצ׳א 12 וואָס ער האָט אויך איר קינד צוגענומען. זי האָט געבעטן מען זאָל איר צוליב טאָן און מיט נעמען און מ׳האָט זי צוגעטיילט צו די קינדער.

צוריקגייענדיק האָב איך דערזען א געסטאַפּאָוויעץ. ער האָט באמערקט ווי איך לויף האָב איך זיך באהאלטן אין א קעלער פון א גוי. צום גליק האָט דער גוי אויך מורא געהאט, ער האָט ווייזט אויס פאבריצירט בראָנפען, אזוי בין איך געלעגן ביז פארנאכט און דאַן בין איך א היים געגאנגען. אינצווישן האָט מען אוועקגעשיקט א טראנספּאָרט קינדער, אנגעטראָפן זיסקינדן דעם איידעם פון קאָרנפעלד, ווסאָ איז געוועזן א פּאָליציסט. איך בין צו צי אים און געבעטן ראטעווען מיין קינד וואָס איז נאָך געוועזן צווישן די פארבליבענע. כ׳וועל דיר געבן גאָלד אי‌ן לעדער, ער האָט ארויסבאקומען דאָס קינד. דאַן האָט מען אים צוגענומען מיט דעם קינד, אים האָט מען אָפּגעלאָזט, אָבער מיין קינד איז נישט געוועזן מער.

אין מאי 1943 פאר דער אלגעמיינער אויסזידלונג שטייענדיק ביי דער ארבעט אין ברוינצר׳ס שוסטער שאפּ, האָט מען זיך אָנגעהויבן סוידלען אז מען ציקט אונז אלעמען קיין אוישוויעץ. מען האָט ארויסגעקוקט דורך די פענסטער. פלוצלינג האָבן זיך באוויזן א הונדערט ס.ס. לייט אין דעם פולן וואפן ווי אויפן פראָנט. פאר דעם טויער איז געשטאנען א יידישער וואכמאַן, איינער פון די ס. ס. איז צו אים צו, אויסגעטאָן די מארינארקע אין זיין היטל און האָט זיך דאָס אליין אָנגעטאָן. נאָך א פינפצן געסטאפּאָוצעס האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפיל. פארמאסקירט זיך פאר יידן, דאַן זענען זיי איבערגעפאלן א לאסט־צוג, דאָס האָט געדארפט הייסן א אימפּראוויזירטער אנפאל פון יידן. הייסט עס יידן הרגענען דייטשן, דאָס האָט געדארפט זיין א צייכן אויף א הריגה.

אין א חודש שפּעטער איז אָנגעקומען א קאָמיסיע מיט קוטשינסקען בראש. און מען האָט גענומען אויסמעסטן, ווי אזוי די לעצטע אויסזידלונג וועט אָנגיין. באזינדער האָבן זיי געמאָסטן די איינגענג ביי די טויערן.

דעם לעצטן שבת פאר דער אויסזידלונג זייענדיג ביי דער ארבעט האָט מען זיך דערוווסט אז עס וועט פארקומען אַן אויסזידלונג, אין א מיטוואָך איז דאָס געווען, איז פארבייגעפאָרן מאניעק מערין מיט די טשארנע אין דער ברידער פון מאניעקן חיים, עס האָט זיך פארשפּרייט א קלאנג אז אויך ער אין זיין סוויטע ארום פערציק מאַן דארפן פארלאָזן צוזאַמען דעם געטאָ, גיין אין דולאק און פון דאָרט אוועק אויסער די גרעניצן פון פוילן. דאָס איז דערגאנגען צו א געוויסן פיעקארסקי, וועלכער האָט די נייעס באלד צוגעטראָגן צו דר געסטאפּאָ. אין דאַן האָט מען אלע אוועקגעפירט קיין אוישוויץ, און דאָרט זענען זיי אומגעקומען. אָט אזוי איז אויך געקומען דער סוף צום יודנראט.

אזוי ווי זיי זענען אוועק, איז געוואָרן א מהומה אז מ׳וועט ליקווידירן אלע יידן. פרייטיק האָבן אָנגעהויבן שטראַמען יידן פון דאַמבראָווע, בענדין אַן אומגעגנט קיין שראדולע, און שבת פארנאכט האָבן זיי געסטאפּאָ לייט גענומען ארומצוימען מיט דראָט דעם פלאַץ, און באלויכטן מיט רעפלעקטאָרן און געשאָסן אין דער לופט. די מענטשן אין בהלה האָבן גענומען לויפן. א גרופּע יידן: פעדער, גרינבערג, זשעפקאָוויץ און מיר זענען געשטאנען אין גאס און גערעדט צווישן זיך, פלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי. אלע זענען זיך צעלאָפן אין די בונקערס. ביינאכט האָבן די דייטשן ווידער געעפנט א שיסעריי אין די הייזער אריין, אין די קעלערס און געוואלדעוועט „יידן הערויס״, זיי זענען געלאָפן איבער די שטיבן, אויפגעריסן

די בונקערס, ארייגעלאָזט וואסער און מיט פארקאטשעטע ארבל מיט אייזן שטאנגען אין די הענט, אויפגעריסן יעדער באהעלטעניש, און געשלעפט צום טראנספּאָרט. די ערשטע קרבנות זענען געווען די פּיצעלעך קינדער, זיי האָט מען גלייך געווארפן אין די וואגאנעס אריין. אונדז איז געלונגען פארהאלטן זיך ביז דינסטיק. דאן זענען די דייטשן געקומען מיט אן אויסרייד מען זאָל זיך צושטעלן צו דער ארבעט אין שאפ. סוף סוף זענען מיר שוין אויף דער גאס, פאר אונדז האָט זיך אנטפלעקט א שרעקליך בילד, אויף דער גארער ערד זענען געלעגן מענער, פרויען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און וועלכע זיי האָבן געהאלטן פארפרעסט וואליזן, די מיילער אויפגעריסענע, פון א סאך מיילער האָבן ארויסגעשיינט גאָלדענע ציינער. דאָס זענען געווען דאָמהַאווער יידן וואָס האָבן נישט געהאַט ווי אריין. זיי זענען געלעגן ווער אויף דער ערד, ווער אויף מאטראצן פארלייכטערנדיק די רוצחים זייער ארבעט.

אזוי זענען מיר געטריבענע אָנגעקומען צום „צילן" וועג דאָס איז געווען א זאמעלפונקט. איך אין מיין מאן נאָר, ווייל מיין עלטערן יינגל גרשון האָט מען שוין אויך פארלוירן, מיט אונדז איז מיטגעגאנגען מיין קוזינע (אסתר קרעצאנעק, וואָס לעבט אויך אין ישראל). געגאנגען זענען מיר מיט די הענט איבער די קעפּ, און אזוי זענען מיר צוגעקומען צום ארט ווי עס האָט געוווינט אברהם פעדער אין יאָסל גרינבערג. דאן איז אונדז געלונגען ארייננגנבען זיך צו פעדערן אין גרינבערגן אין די דירות. קיין לעבעדיקע נשמה האָבן מיר דאָרט נישט געטראָפן, אלץ איז געווען צעטראטעוועט און צעווארפן, איך האָב געשריגן, פעדער, גרינבערג, ליידער האָט קיינער נישט געענטפערט נאָר א פוסטער ווידערקול.

אויף דער ערד איז געלעגן א פרוי מיט דעם פנים צו דער ערד, אין זיך געווייקט אין אייגענעם בלוט, ווען מיר זענען צוריק זענען שוין די רייען געווען אויפגעשטעלט צו פינפטלעך מיט פעק אויף די פלייצעס. ס. ס. לייט האָבן זיי געשלאָגן איבער די קעפּ און איבער די הענט, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און געוואלדעוועט זיי זאָלן אוועקווארפן די פעק. ביז זיי זענען צוגעקומען צו די וואגאָנען זענען שוין פיל געווען האלב טויט. אזוי זענען מיר פארלאָדן געוואָרן אין די וואגאנעס אויף דער בענדינער ראמפּע. ביז דאן זענען מיר געזעסן אויף די פעלדער אָן עסן און אָן טרינקען. ווער ס'האָט געוואגט בעטן א טרונק איז גלייך דערשאָסן געוואָרן. דאָס געיאָמער פון די נאָך רעשטלעך פארבליבענע קינדער אין זייער פּיין אין באזונדער געווען שרעקלעך צוצוזען.

און אָט באווייזן זיך די באקאנטע בלוי ווייסע היטלען פון די יידישע פּאָליציי, באלד נאָך אונדז זענען זיי אָנגעקומען, אויך זיי זענען שוין איצטער אומנייטיק. מען האָט זיי אראָפּגעריסן די היטלען און ס'האָט זיך אָנגעזאמעלט א בלוי ווייסע ריזיקע פּיראמידע פון זייערע היטלען. ווי א מאָנומענט נאָכן אמאָליקן יידישן יאָסיפּאָוויץ אין זאגלעמביע. אויך זיי האָט מען ווילד געשטיפּט אין די וואגאָנעס ביט זשאלעוועדיק קיין קלעפּ. אין יעדן וואגאָן האָט מען אָנגעפּראפּט ביז צוויי הונדערט מענטשן, דאן האָט מען הערמעטיש אלץ פארמאכט. עס איז אונדז געלינגען אויפרייסן א פארקראטעוועט פענסטערל צו כאפּן א טראָפּן לופט. די שטרעקע וואָס מ'קאָן מאכן אין צוואנציק מינוט האָט מען אונדז געשלעפּט גאנצע זעקס שעה.

אזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין אוישוויץ. די יידן וואָס מיר האָבן דאָרט אָנגעטראָפן האָבן אונז געווארנט, מיר זאָלן נישט גיין צו די ווארטנדיקע אויטאָס. ווייל אלע פון די אויטאס גייען גלייך צום אויוון. מאגערע, אלטע לייט, קינדער האָט מען געשלעפּט צו די אויטאָס, און די וואָס האָבן נאָך געהאט א לייטישן אויסזען האָבן מארשירט צופיס. נאָך איינטערוועגס האָט מען אָנגעהויבן צונעמען ביי אונדז גאָלד, רינגען, אויערינגלעך און וואָס מיר האָבן נאָר געהאט. די דייטשן האָבן אונדז אָנגעזאָגט די בשורה אז מ'וועט אונדז אָפּשערן די האָר, באלד האָבן זיך באוויזן שערלעך און מיר אליין האָבן זיך באפרייט פון אונדזערע האָר. דאן האָט מען אונדז געפירט אונטער קאלטע טושן אין מיטן דער נאכט, און די קאפּעס האָבן אונדז געשלאָגן מכות רצח, ביי א באשטימטע אנטלויזונג האָט מען סעלעקטירט א העלפט, צום טויט. אויף דער ערד זענען געזעסן דריי מיידלעך מיטן נאָמען שטראבעל פון בענדין. מיט אן אלטע מאמען, צוויי פון די שוועסטער האָבן באמערקט אז מ'קאָן זיך אויסבאהאלטן אין דעם אויוון פון באָד. זענען זיי אריין אין דעם אויוון. און נאָך דער סעלעקציע ווי א העלפט האָט שוין פארשלונגען דער קרעמאטאָריום איז אָנגעקומען העסלער, וואָס איז געווען דער געהילף פון ד"ר מענגעלע ווי אויך טויבער, און דרעקסלער, א מיאוסער טיפּ א אויסגעדארנטע וואָס האָט אויסגעזען ווי דער מלאך המות אליין, און דאן איז געקומען די בלאָקן עלטסטע פון פערצענטן בלאָק פון לאגער ב. אין האָט אויסגעגעבן אז די מיידלעך פארבאהאלטן זיך אין אויוון. העסלער איז דאן צו צום אויוון און געהייסן זיי ארויסגיין. זיי זענען ארויס. אָבער זיי זענען געווען אזוי אויסטערליש אויסגעריסט אז די ס. ס. לייט, האָבן זיך ווילד צעלאכט מיט א טייוולאניש געלעכטער, ווי נישט זיי וואָלטן געווען די ווילדע חיות נאָר טאקי יענע די צארטע אויסגעריסטע יידישע מיידלעך, שווארץ ווי קויל פון די סאדזעס, דאָס מאָל אָבער האָבן זיי געבעטן געבן זיי ווארעם וואסער אין אויסוואשן, די מסירה פון דער בלאק עלטסטער האָבן זיי נישט אָנגענומען, און געשענקט דאָס לעבן די קרבנות וואָס האָבן זיי פארשאפט אזויפיל שפּאס...

ווידער דערמאנט זיך מיר אן ענין וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון: געווען דאָרט א געוויסע פרוי רויזנזאפט מיט א טאָכטער א מיידל פון א יאָר זיבעצן וואָס

האָט זיך צעקלאפּט א פּוס ביי דער אַרבעט, ווי מ׳האָט געהאט אויסצושטיין ביטערע צרות, און פארהעצט געוואָרן פון הונט. די מאמע האָט זיך געבעטן ביי דער בלאקאווע אז מען זאָל זי לאָזן ביי דער טאָכטער, און זי די בלאקאווע האָט זי גלייך איבערגעגעבן ווי מען דארף, און די מאמע מיט דער טאָכטער זענען דעם זעלבן טאָג אוועק מיטן רויך.

אויך געדענק איך גיט די דריי שוועסטערן פישל פון אסטראגורקע. מיט זיי איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפן צוזאמען. זיי האָבן פארפאסט א ליד, געהאט שארפע קעפּ, די קעפּ, א לאנגע צייט זענען זיי געזעסן. מ׳האָט זיי איזאשטראָף האָט מען זיי געצווינגען קניען מיט שטיינער איבער די קאָפּ. א לאנגע צייט זענען זיי געזעסן. מ׳האָט זיי איזאלירט אין אזוי זענען זיי אויסגעגאנגען.

אין ווידער א פאל מיט א יידיש מיידל וואָס איז געוועזן סעקרעטאר אין סאָסנאָוויצער יידענראט, געקומען א ס.ס. מאן און געבעטן דאָס מיידל פאר זיין ביורא. דאָס האָט שטארק פארדראָסן די איידעלע... בלאקווע האָט זי איר ארויסגעשטעלט אין דרויסן אויפן פראָסט און אזוי א תל געמאכט פון איר יונגן לעבן.

און דאָס וואָס איך דערצייל איצטער איז שוין געוועזן אין יאָר 1944. אין א באשטימטן טאָג איז אויפגעזאמלט דעם עולם און גענומען צו אנטלויזונג, סך הכל איז געוועזן ארום טויזנט מענטשן אין אזוי גערופענעם באד באראק האָט מען זיי אויסגעזעצט נאקעט. ארום אויף די בענק, אסאך האָבן געחלשט, אסאך האָבן געוויינט, אזוי דורך די אָפענע פענסטער האָט געוויעט א ווינט, די בלאק עלטסטע בליאנקע איז איבער זיי געשטאנען, אינצווישן איז אריין העסלער און טויבער מיט דער מפלצת דרעקסלער, און זיי האָבן געפרעגט ווי פירן זיך אויף דיינע לויטע. זי האָט פארקרימט די נאָז, דאן האָט העסלער באלד א זאָג געטאָן „מיר ווערדן די העלפטע וועקמאכן”. פון די טויזנט איז געבליבן אפאָר צענדליק, די איבעריקע זענען מיטן רויך אוועק.

אין דעם בלאָק נמ. 30 ביי די גריכישע איז אויך געוועזן א בלאָק עלטסטע וואָס האָט יעדן טאָג געהרגעט עטלעכע פרויען. מיר האָבן באשלאָסן איר פארקויפן א גאָלדענעם זייגער... אין דאָס האָט מען איבערגעגעבן העסלערן. העסלער האָט אויפגעשלאָסן איר שטוב און געפונען דעם זייגער. נאָך צוויי וואָכן האָט מען זי פארברענט.

די באגעגעניש מיט ד״ר ליבערמאן

דאמאָלס האָב איך געארבעט אין א וועבעריי וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פין יענעם לאגער. איך האָב באמערקט ווי ד״ר ליבערמאן גייט צו דער ארבעט אין פעלד, מיט א שופלע אויף דעם ריקן. איך האָב אים גערופן, ד״ר ליבערמאן אפשר דארפט איר ברויט? — ניין, האָט ער געענטפערט. דאן האָב איך אים געפרעגט פארוואָס פראקטיצירט איר נישט דא אלץ ד״ר? כדאי צוצוגעבן, דווקא די דאָקטאָר דינסט האָט דאָ געמאכט א געוויסער האויבער, אזוי האָט אויסגעזען דער סדר עולם דאָ אין לאגער.

גרויזאם איז געוועזן דער סוף פון פרוי אסטראווסקי פון אלט סאָסנאָוויץ, א בילד שיינע פרוי. אָט גייט זי מיט אונדז אויף ארבעט אין זעלנערישן מארשרוט, די מוזיק שפּילט פריילעכע מארשן, די ס. ס. שרייען לינקס אונד ווידער מאל לינקס, אין זי נעבעך קאָן קיין פיס נישט שטעלן, זי פארשטייט נישט ווי אזוי בייטן זעלנער די פיס. האָט איר א ס. ס.ניק דערלאנגט מיט דער קאלבע איבער דעם קאָפּ, זי איז מאָמענטאל ווילד געוואָרן פון דעם זעץ. פשוט אראָפּ פון זינען אין ווילד זיך צעשריגן. זיי האָבן באלד געברענגט א זאק זי אריינגעוואָרפן, פארבינדן אין אָפּגעשיקט צום אויוון פארברענען. נאכהער האָט מען געבראכט אין אוועקגעשטעלט אן אנדערע אויף איר פלאץ. שפּיל זיך מיט דייטשע אָרדנונג...

די פרוי פון משה בראדקעוויץ, א חבר אין בונדישן קאָמיטעט אין פארוואלטונגס מיטגליד פון לעדער־פאראיין. אין דער צייט פון מלחמה האָט ער זיך פארנומען מיט אפּראוויזאציע, ער האָט אסך געטאָן פאר פאריתומטע קינדער. איך מיט דער פרוי און א מיידעלע פון 13 יאָר זענען געוועזן צווישן די לעצטע טויזנט פון ברוינערס שאָפּ, ער איז אומגעקומען אין יאנאווע אין א קוילנגרובע.

זיין פרוי מיט דעם מיידעל זענען אָנגעקומען אין בירקענאו אין בלאָק דרייצן. דאָס מיידעלע האָט געוואָלט ארויס אין טואלעט, זי האָט געליטן פון דורכפאל. פארעדם האָט איר די שטוב עלטסטע געגעבן א פאטש. זי האָט איר אָפּגעצאָלט גלייך מיט א פאטש צוריק. וי האָט זי איבערגעגעבן אין ד״ר מענגעלעס הענט, און פארברענט. די טאָכטער איז געבליבן און לעבט אין בעלגיע. ווען מען האָט אונז עוואקואירט פון בירקענאו דעם 18.2.45 צו דעם באקאנטן טויטן מארש, האָט מען אונדז געהייסן אויסשטעלן אויף דער גאס, יעדן האָט מען געגעבן א ברויט מיט א שיסל זופּ. דעם זעלבן טאָג בין איך געבליבן אָן שיך, געגאנגען פשוט באָרוועס. דער פראָסט האָט געברענט דרייסיק גראד. ביים דורכגיין פארן באד זענען געשטאנען צוויי מענטשן ביי א מאגאזין פון שיך, דאס זענען געוועזן פראנצויזישע יידן. זיי האָבן מיר געפרעגט אויב איך האָב ברויט. איך האָב געענטפערט, איך גיב אייך א ברויט מיט א פעקל מארגארין און גיט מיר שיך כ׳זאָל קאָנען מארשירן. זיי האָבן מיר געגעבן א פאָר מענער שיך און דערצו א פאָר בערגשטייגער אויך. די בערגשטייגער האָב איך גענומען פאר זיך, און די מענער שיך האָב איך געשענקט א אונגאריש באָרוועס מיידל. איך האָב זיי געוואָלט געבן דאָס ברויט, די יידן האָבן ביי מיר דאָס ברויט נישט גענעמען. און א דאנק די פראנצויזישע יידן בין איך אוודאי געבליבן ביים לעבן. און מיר מארשירן, מען גייט און גייט, אָן א ציל, אָן א צוועק, דער גאנצער וועג פארזייט מיט טויטע.

דער שנײַ רויטעלט זיך פון בלוט, עס ליגן באַרוויסע מענער און פרויען, און דער פראָסט האָט זיי באַשיכט מיט קריש־טאַלענע שיך. אַזוי האָבן מיר אָפּמאַרשירט דרײַ טעג און דרײַ נעכט ביז מען האָט אונדז פאַרלאָגערט אין וואַגאָנעס, ווײַזט אויס דאָס איז געווען די פאַרגעשריבענע צאָל, צוויי הנדערט אין אַ וואַגאָן. און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין ברעסלאַוו, מענטשן האָבן זיך אָנגעשטויסן איינער אין צווייטן. אויף דעם וואָקזאַל זענען שוין געשטאַנען טויזענ־טער דײַטשן, וואָס מען האָט זיי עוואַקואירט. מיר האָבן בײַ זיי געבעטן אַ ביסל הייסע קאַווע, אָבער עטלעכע פון דער היטלער יוגנט זענען צוגעלאָפן און אויסגעגאָסן די קאַווע פאַר אונדזערע אויגן און באַמערקענדיק דערבײַ מיט היט־לערישן גיפט. „דאָס זינד יודן, די קאָנען קראַפּירן". דאַן האָט די אַלטע פרוי ווידער ריזיקירט און האָט ווידער דער־לאַנגט דאָס ביסל קאַווע, אַזוי ווי איך האָב געוואָלט נעמען צו מײַנע פאַרפרוירענע ליפן דעם ערשטן שליק, האָבן מיר אַלע 200 באַפאַלן אַרויסרײַסן דאָס ביסל קאַווע. און אויס קאַווע... אַכט טעג און אַכט נעכט זענען מיר געפאָרן. די לעצטע נאַכט זענען אַ העלפט אײַנגעשלאָפן אויף אייביק, און דאַן זענען מיר אָנגעקומען קיין ראַווענסברוק הינטער בערלין. טויזענטער האָבן זיך דאָרט אויפגעזאַמעלט, אַזוי האָט מען אונדז געלאָזט ליגן אָן וואַסער, אָן פײַער, אָן עסן. און די זעלנער מיט די קאָלבעס אונדז פון פאַר־חלשטקייט געמינטערט, דערלאַנגענדיק קלעפּ מיר זאָלן נישט אײַנפרירן. מײַנס אַ קוזינע אסתר גראַציאַני אויך פון סאָסנאָוויעץ (פון מאַן קולבערג) איז געלעגן אַ פאַרחלשטע און פאַרטרוקעטע און אָנגעהויבן גוססן. דער טויט האָט זי גענומען שטיקן. מיט אַ ביסל אונרײן וואַסער האָב איך זי געראַטעוועט פון זיכערן טויט.

אויף מײַנע פּלייצעס האָב איך זי געטראָגן אין אַ צעלט, דאָרט זענען געווען אויסגעמישט לעבעדיקע און טויטע, בעסער געזאָגט איך האָב זי אַוועקגעלייגט אויף טויטע. בײַנאַכט האָט מען געטיילט אַ קאָפּ עסן, אָבער די אוקראַינישע ווײַבער האָבן קיין יידן נישט צוגעלאָזט. דאָרט זענען מיר אין די באַדינגונגען געווען דרײַ וואָכן. אין אָט בין איך אַמאָל אַרײַן אין קיך כאַפּן אַביסל עסן, דאָרט איז געווען אַ טשעכישע בלאָק עלטסטע, אין האָט אָנגע־וויזן אַז איך האָב אַ שיסעלע עסן, האָט מיך געכאַפּט אַ לאַגער פּאָליציסט אויסגעגאָסן דאָס עסן און דערצו מכבד געווען מיט מכות רצח און געריסן שטיקער פון מײַנע האָר. לאַנג בין איך נישט געווען בײַם באַוווסטזײַן.

צוקומענדיק צום לאַגער צוריק זענען געשטאַנען טוי־זענטער יידישע העפטלינגען.

כדאי צוצוגעבן, מ'האָט נאָך אַלץ סעלעקצירט יידן און נישט יידן באַזונדער, דאַן האָט זיך אָנגעשפּילט אַ סצענע וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן דאָך נישט אויפכאַפּן.

אַ ס. ס. מאַן איז געשטאַנען, אין האַנט בײַ אים געווען אַ ברויט, און געווענדעט זיך צום אויסגעהונגערטן עולם. מיט זײַן גאַנצער דײַטשער חוצפּה הגם זיי זענען שוין געלעגן טיף אין דער אדמה, אַכטונג, אַכטונג, ווער עס וועט כאַפּן דעם ברויט צו אים וועט ער געהערן. אַ פּאָר טויזענטער הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט, ווי הונגעריקע פויגל אין פלי האָבן זיך געקנוילט קעמפענדיק איינער קעגן אַנדערן צו דערגרייכן דאָס איינציקע ברויט.

יאָ, איצטער זיצענדיק אין תל־אביב דערמאַנט זיך דאָס אַלץ, אויף דער שוועל פון זייער סוף, די מפּלה האָט שוין געלויערט אויף זיי, האָבן זיך נאָך באַוויזן דײַטשע ציווילע שקלאַפן הענדלער, קאָנטראָלירט בײַ די פרוען די ציינער אין ברוסטן, די פּלייצעס, און אונטער די אָרעמס, ווער ס'וועט טויגן פאַר אַרבעט. יאָ מײַנע טײַערע, דאָס זענען זיי, די קללה פאַר זיי פון מײַן מויל וועט זיך קיינמאָל נישט אָפּטאָן.

וואָלף בורשטיין (סאָסנאָוויץ—מאָנטריאַל)

לאַגער זכרונות

געווען איז דאָס אין חודש נאָוועמבער 1943 אין לאַגער זאַקסענהיים—דײַטשלאַנד, אין אַרבעטסלאַגער פאַרהעלטניש־מעסיק אַזוי צו זאָגן אַ לײַכטער לאַגער... פאַראַן געווען דאָרט אַ יידישער לאַגער עלסטער, זײַנוול זעלינגער (וווינט איצט אין אַמעריקע). איך דערמאָן אים צום גוטן, אַ ייד פון אונדזער געגנט.

האָט פּאַסירט אַז אין אַ געוויסן טאָג איז אַנטלאָפן איינער פון לאַגער (דאָס איז געווען אַ פאַבריק פון הידראַ־כעמישע אויסאַרבייטונגען זער אַ שעדלעכע אַרבעט), באַטשקאַ האָט מען אים גערופן, דעם אַנטלאָפענעם.

דער לאַגער עלסטער לאַסאַטאַ האָט דאַן באַפוילן אַז מען זאָל יעדן איינעם געבן פערציק שמיץ אויף דעם גאָלן לײַב מיט אַ אויסגעווייקטן אין אייל לעדער רימען.

אייניקע פון אונדז זענען געווען אַזוי צעשלאָגן און פאַרבלוטיקט, אַז לאַנגע טעג זענען זיי געווען שווער קראַנק, און דאָך קראַנקעהייט און צעבראָכענע געמוזט זיך שטעלן צו דער אַרבעט, פאַרהעלטנישמעסיק איז דאָס נאָך געווען אַ לײַכטע שטראָף...

איך האָב פאַר די קלעפּ שטאַרק זיך געשראָקן, היות ווי איך בין שוין דאָ געווען אַ לאַנגע צײַט, אַ תושב,

האָב איך גֶעקאָנט אלע פארבאָרגענע ווינקעלעך, און איך האָב זיך פארבאהאלטן אין דעם וואש באראק און מען האָט מיך נישט געפונען, די שעה׳ן וואָס איך בין דאָרט געלעגן האָבן אן אייביקייט געדויערט. אין די גאנצע צייט זענען צו מיר צוגעגאנגען די געשרייען און יאָמערליך געוויין פון די געשלאָגענע. בעצם האָט מיך שוין מיין אויס־באהאלטן זיך פארדראָסן... מיר האָט זיך אויסגעדאכט אז איך האָב זיך באהאלטן אויף עמעצנס חשבון, אז איך האָב מיינע נאָענטע אָפּגענארט, אזוי האָט מיך געגאגט א חרטה געפיל.

איך רעד זיך דאָ אראָפּ דאָס ערשטע מאָל פון הארצן ווייל נאָך ביז צום היינטיקן טאָג פיל איך אויף זיך שמיץ, הגם איך האָב זיך פון זיי ארויסגעדרייט.

מיר דערמאנט זיך ישׂשכר היידע א דאמבראוווער ייד וווינט היינט אין בני־ברק, א ייד א גערער חסיד א צדיק א גרויסער בן תורה, איז געוועזן שטארק צעשלאגן, א פּאָר וואָכן האָט ער זיך נישט געקאָנט אוועק זעצן.

איינמאָל גייענדיק אזוי מיט ר׳ ישׂשכר היידע צו דער ארבעט זאָגט ער צו מיר, הער זיך איין וואלוועלע, זאָל מען זאָגן די ברכות, וועקסלענדיק זיך, ער א ברכה און איך א ברכה, האָט יעדער נאָכגעזאָגט אמן נאָך דעם צווייטנס ברכות און צוגעוואונטשן זיך אז מען זאָל אויסגעלייזט ווערן פון דער שפלות און רשעות וואָס רינגלען אונדז אזוי ארום און אין וועלכער עס קומט אונדז אויס לעבן אונדזערע טרויריקע טעג. אוודאי האָט די וואך נישט באמערקט אין וואָס מיר זענען עוסק, אסאך מאָל האָט ר׳ ישׂשכר מיט מיר אויך געלערנט א בלעטל גמרא. אָנגעהויבן האָט מען בבא מציעא, מיר האָט זיך דערמאנט ווען איך בין נאָך גאָר א קליין ייִנגעלע געוועזן און אָנגעהויבן בא שניים אוחזין אין חדר ביי יעקב הערש שווארצבוים אין תלמוד תורה, ר׳ משה דוד׳ס א ברודער. מיר האָבן זיך דערמאנט מיינע קינדער יאָרן.

קומענדיק שבת פון דער ארבעט ארום צוועלף א זייגער, ער ליב געהאט כאפּן א ביסל דברי תורה. עס איז צובאוווּנ־דערן זיין אמונה, ער האָט געגלויבט און געוועזן פול מיט בטחון אז מיר וועלן ארויס פון דעם גיהנום.

פון זאקסנהיים האָט מען אונדז איבערגעפירט אין בלעכ־האמער, דאָס איז געוועזן אין חודש יאנואר. אין בלעכהאמער איז געוועזן א לאגער עלסטער קארל דעמערער, געבוירן אין קשיאנז, מיעכאוווער קרייז, געוווינט אמאָל אין ווין, לעבט היינט אין דייטשלאנד, אן איידעלע נשמה, געטון פאר אונדז דאָס בעסטע, באצויגן זיך ממש פאָטערלעך. דערמאנט זיך מיר א פאל ווען אויף א גרופע ייִנגלעך איז געקומען אן אנקלאגע, אז זיי ארבעטן שלעכט און ער האָט געדארפט אדורכפירן א שטראָף, א דורכמאכן מיט זיי געוויסע „איבונ־גען", האָט ער א געשריי געטון „לאוס—לאוס" קינדערלעך, עס וועט לאנג נישט דויערן, מיר וועלן זיי באלד איבערלעבן

(דאָס איז געוועזן אין יאָר 1944), די ישועה קומט אויף אונדז, און אויף זיי זייער ביטערער סוף.

אויך דער „טויטן־מארש" האָט אונדז נישט אויסגעביטן, מארשירענדיק קיין גראָס־רוזן, איך וועל דאָ נישט מאריך זיין ווייל געוויס האָבן שוין אנדערע דערפון דערציילט, איך וויל נאָר דערמאנען אן אויסטערלישן פאל. איינער פון די אנגעזעענסטע יידן אין סאָסנאָוויץ, ר׳ שמואל אהרון פרדס, פישל וויעלגוס אן איידעם, אנהאלטענדיק זיך א שוואכענקער ביי מיר, האָט מתפלל געוועזן אָן אויפהער און געשעפּטשעט דאָס די כוחות פארלאָזן מיך, איך האָב אלץ געטון אים אונטערבוהאלטן, הגם איך אליין בין שוין געוועזן שטארק אָפּגעשוואכט. ער האָט נישט אויסגעהאלטן, און פאר מיינע אויגן האָט זיך אנטפלעקט א טראגיש בילד, ער איז געפאלן, און די עמלקים האָבן אים דערשאָסן, ווי אנדערע קרבנות.

און אזוי קומענדיק קיין גראָס־רוזן — ווער טויט און ווער לעבעדיק, האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף א ניי גיהנום. געלעגן זענען מיר אויף דער גאָלער ערד אין א זומפּ פארבלאָטיקט ביז צום האלדז, דאָס גרויל בילד אויף דער פארשאָלטענער דייטשער ערד וועל איך קיינמאָל נישט פארגעסן.

צום גליק האָט דאָס מער נישט געדויערט ווי דריי טעג און ווידער האָט מען אונדז טראנספּאָרטירט ווייטער. קיין גראס־רוזן איז אָנגעקומען א קלענער טייל סאָסנאָווצער יידן, און מיר מארשירן ווייטער קיין בוכנוואלד. ווידער א ניי גיהנום. געלעבט האָט מען ממש מיט א קרישקע ברויט, אויב מען האָט דאָס נאָר געקאָנט אזוי אָנרופן. ביז בוכנוואלד האָט מען געהאט אונטער זיך נאָך 24 שעה, נאטירליך אויך דאָ האָט מען געמוזט מיט מאכן דעם נאציש־טייוולאָנישן אפּעל.

דאן איז געקומען א באקאנטמאכונג, דאָס ווער עס וויל זיך מעלדן פרייוויליק צו פאָרן קיין קאַן, קאָן פאָרן. איך האָב זיך געמאָלדן צוזאמען מיט מיין ברודער משה הי״ד., וועלכן איך האָב געטראָפן אין בלעכהאמער, און מיר זענען אוועק מיט א לאסט־צוג קיין דאוט־מערגן אונטער שטוטגארט. דריי טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט, אונדזער שפּייז איז געוועזן אלט פערד פלייש און א פיצל ברויט. נאָך אזעלכע מאכלים קאָן מען זיך פאָרשטעלן אונדזער דורשט, מיר האָבן זיך דערמאָנט די פרשה חומש ווי די שונאים אין דער מדבר האָבן אונדז דערלאנגט געזאלצענע לאגלען וואסער...

שוין אין די וואגאָנען האָבן אסאך דעם טויט געפונען ביז מען איז אָנגעקומען קיין דאוט־מערגן. דאָ האָט זיך אנטפלעקט א גאָר נייער גיהנום וואָס איז ביז איצטער נישט געוועזן באקאנט, דאָ איז מען פשוט אויסגעגאנגען פון הונגער. אויך דאָ האָט מיין טייערער ברודער משה הי״ד. פארענדיקט זיין יונג לעבן, ווי אסאך אנדערע, און קיינער ווייסט נישט וואו זיין געביין געפינט זיך.

נאָך פיר וואָכן אפליגן אין דאויט מערגן האָט מען אונדז אוועקגעשלעפּט קיין מינכן, פארלאָדנט אין לאסט וואגאָנען אין א אונבאקאנטער ריכטונג. מיר האָבן מיט

ציטער געטראכט, אויף וויפל מען איז נאָך פעיק געוועזן צו טראכטן און נישט געהאָפט מער אז מיר וועלן נאָך ארויס לעבעדיקע און נישט איינמאָל געזאָגט ווידוי.

דאָ בין איך געוועזן דאָלמעטשער פון יידיש אויף דייטש.

אייניקע זענען אין וועג אנטלאָפן. די באַן האָט געבלאָנדזשעט פונקט ווי די גאנצע וועלט וואָלט אראָפּ פון די רעלסן האָט זיך אונדז אויסגעדאכט. געגאנגען א הין און א הער, אָן ציל און אָן צוועק. דאָס האָבן טאקע די אנטלויפער אויסגענוצט.

מיין בעכער פון ליידן איז ווייזט אויס נאָכנישט געוועזן פול, און אן ס.ס.־מאַן האָט זיך אָנגעשטשעפּעט אין מיר, פרעגענדיק וויפל געלד איך האָב גענומען און וויפל איך האָב פון די אנטלאָפענע באקומען דערמעגלעכנדיק יידן צו אנטלויפן. ער האָט מיר געגעבן צייט ביז צוויי א זייגער, און אויב איך וועל זיך נישט מודה זיין, דערשיסט ער מיך.

און אָט אין דער לעצטער טויט שרעק פאר איך ווייטער, און טראכט וואָס טוט מען מיט דער אָנשיקעניש, און אָט אָט, די גאולה איז דווקא אזוי נאָענט און די רוצחים ווילן אן עק מאכן צו מיין בידנע לעבן.

איך באגרייף נישט איצטער פון וואנען עס האָט זיך גענומען דער כוח דאָס אלץ איבערצולעבן.

עס פילט זיך נאָר א ווילן אויסשרייבן פאר דער וועלט דעם גאנצן צער, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין אונדזערע ביינער.

סוף סוף זענען מיר אָנגעקומען ארום עלף א זייגער צו דער סטאַציע שטאטלעך ביי מינכן. דאָרט האָבן זיך באוויזן די פארפאסטנס פון דער אמעריקאנער ארמיי.

הונגעריקע, דערשלאָגענע, פארמאטערטע א איבערבלייב פון א גרויס פרעכטיק פאָלק האָבן מיר זיך ווידער אָנגעטראָפן אויף מענטשן. און גלייך פון די וואגאָנען האָבן זיי אונדז באפרייט.

שלמה יוסקוביץ — תל־אביב

אנהויב און סוף וואנדערונג

א שיינער זומערדיקער פרימאָרגן, יידן גייען איבער די גאסן אָנגעטאָן אין די יום־טוב מלבושים, יונג און אלט, עס זעט אויס ווי מען וואָלט זיך געקליבן אין שול אריין. א רואיקייט, זעלבסטזיכערקייט, וואָס הייסט? מאגיעק מערין האָט דאָך פארזיכערט אז עס וועט חלילה קיינעם גאָרנישט פאסירן, אזוי האָט מאניעק צוגעגרייט די באפעלקערונג וואכן לאנג סאי אין סאָסנאָוויץ, סאי אין דער אומגעגנט.

נאָך פון פריער האָט מען צענויפגעקליבן די קליינע ישובים אין דער סביבה, קליין און גרויס, אָפּגעסטעמפּלט די ליכט בילער און אהיים געשיקט, ווייזט אויס אזוי ארום האָט מאניעק געווינען דעם צוטרוי פון דער באפעלקערונג. און מען האָט געגלויבט אין זיינע מעשים. האָט זיך געשאפן די אילוזיע אז מען איז דערווייל זיכער, ווייל א טייל משפחה מיטגלידער האָבן געארבעט אין די שאפן, האָט מען די איבעריקע משפחה מיטגלידער נישט באלעסטיקט.

סאָסנאָוויצער יידן האָבן געמיינט אין דעם דאָזיקן טאָג אז מיט דעם וועלן זיי אפקומען, בלויז מיט דעם אָפּסטעמפּלען די ליכטבילדער, אזוי זענען זיי געגאנגען פרייוויליק צום אומגליק. מען האָט אויפגעפאָדערט זיי זאָלן זיך צושטעלן אין די שאפן ווי די משפחה מיטגלידער האָבן געארבעט, זענען זיי געגאנגען משפחה־ווייז. געגאנגען ווי מען שטייט און גייט, מען האָט נישט געזאָרגט פאר עסן, נישט פאר איבעריקע מלבושים. און וועש. אויף וואָס דארף מען דאָס אלץ, מען קומט באלד צוריק.

ערשט ווען דער עולם האָט זיך פארזאמלט אין די אפן האָט די יידישע פאָליציי ארומגערינגלט די פארזאמעלטע און ארום דער יידישער פאָליציי א קייט פון ס״ס לייט, און קיין וועג אויף צוריק איז מער נישט געוועזן, פון דאנען האָט מען אלע צענויפגעטריבן צום פאָליציי ספּאָרט פלאץ און אָנגעהאלטן ביז אין דער נאכט, די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון סאָסנאָוויץ אויף איין פלאץ.

עס איז נישט געוועזן די מעגלעכקייט אפילו צו דערלעדיקן די נאטירלעכע באדערפעניש. דער סאניטארער צושטאנד איז געוועזן א שרעקליכער. וועגן עסן האָט מען פארגעסן טראכטן, און צו דעם אלעם האָט זיך אראָפּגעלאָזט א שלאקס רעגן וואָס האָט דורכגעדרינגען ביז דעם מארך פון די ביינער, דערווייל איז מען געוועזן צענויפגעדריקט משפחה׳ווייז. אין דאָס שטילע כליפּן האָט געשפּאלטן די הימלען, און מען האָט געווארט וואָס דער גורל וועט אנטראגן.

די נאכט איז אראָפּגעפאלן. פלוצים האָט די גאנצע מחנה אומגליקלעכע זיך אָנגעהויבן באוועגן, ווייל עס האָט זיך פארשפרייט א ידיעה אז די געוועלטיקער איבער אונדזער לעבן וועלן זיך באלד באווייזן. און אָט מארשירט א גרופע ס״ס לייט מיט א אויבערשטורמפירער בראש. אזוי ווי זיי זענען אָנגעקומען, האָבן זיך באוויזן צוויי טישן און ביי זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט די מלאכי חבלה. אין פאר זייערע פרצופים דארפן מיר פארביי מארשירן, און זיי די שופטים מי יחיה ומי ימות. אין הארצן האָט נאָך געטליעט אַ

פונק פון האָפענונג, טאָמער דאָך אפשר וועט א נס געשעען.

מיין משפחה וואָס איז באַשטאַנען פון אכט נפשות, דער זיידע יאָסל גרינבערג, די באָבע מינדל, מיין מוטער שרה און די ברידערלעך וואָלף 6 יאָר אַלט, ישראל 4 יאָר אַלט זענען געוואָרן פאַרמשפּט צום אויסזידלען. מיין פאָטער מרדכי און מיר האָט מען דערוויל באַפרייט. מיין שוועסטער חנה האָט מען געלאָזט שיקן אויף צוואַנגס ארבעט. איך און מיין פאָטער האָבן געאַרבעט אין א שאַפּ. מיר גייען אַרויס ביידע פון ספּאָרט פּלאַץ צעבראָכענע און פאַרצווייפעלטע ניש ווייסענדיק וואָס אָנצוהויבן. אזוי בלייבן מיר זיצן אין דרויסן ביים פּלויט פאַריתומטע.

א באַקאַנטער פּאָליציסט האָט אונדז איבערגעגעבן אַז מיין 12 יאָריק שוועסטערל האָט זיך איבערגעכאַפּט צו דער מאַמען — און וויל זיך פון איר נישט שיידן. אין דעם מעמד זענען מיר געזעסן אין דרויסן ביז דער פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן גרויען און דאַן האָט מען אונדז גלייך פאַרטריבן.

נאָך לאַנגע זיכעניש אין לויפן אין פאַרשידענע פּלעצער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אונדזערע נאָענטסטע געפונען זיך מיט נאָך אַנדערע אומגליקלעכע אויף טאַרגאָווע 2, און דער הויף איז אַרומגערינגלט מיט א שטאַרקער פּאָליציי וואַך, מיר האָבן געפּרוּווט פאַרשידענע וועגן, ווי אזוי קאָן מען זיי ראַטעווען, פילענדיק אַז אָט אָט לייגט זיך דער חלף אויף דעם האַלדז, און מען זידלט זיי אויס. געוווּסט האָבן מיר אַז דאָס הויז טאַרגאָווע 2 גרענעצט זיך מיט דער מאַלאַ־כאָווסקי גאַס, א הויז וואָס איז געווען באַוווינט פון פּאָלקס דייטשן און די סטרוזשקע פון דעם הויז איז אונדזערס א גוטע באַקאַנטע, א פּאַרקן א דראָטענער האָט אָפּגעטיילט איין הויז פון צווייטן, וואָס איז געווען באַוואַכט פון פּאָליציי לייט.

עס איז אונדז געלינגען אָנקניפּן א קאָנטאַקט מיט דער סטרוזשקע אוועקגעבענדיק איז וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. פאַרנאַכט האָט זיך אָפּגעבויגן עטלעכע דראָטן און אזוי אַרום איז מיין ברידערל וואָלף אַרויס, שפּעטער איז אויך אָנגעקומען די שוועסטער. מיין ברידערל ישראל האָט זיך געשראָקן קריכן דורך דעם פּאַרקן.

די מאַמע מיט מיין ברידער האָבן דאַן אָנגעהויבן וואַנ־דערן איבער בוידעמס, אַנדערהאַלבן טאָג זענען זיי געקראָכן אָן עסן און אָן טרינקען, מיין ברידערל האָט שטאַרק געוויינט, געפּאָדערט עסן, דער מצב ווערט פון מינוט צו מינוט שרעק־ליכער, און אזוי שפּאַנענדיק איבער די בוידעמער האָבן זיי יך אָנגעשטויסן אין פּסחדיק געשיר פון א שכן פון הויז. אין צווישן דעם געשיר האָבן זיי געפינען א פּאָר טרוקענע מצות (וואָס האָבן זיך שוין אויף דעם צווייטן פּסח נישט דערוואַרט) אין דעם האָט אביסל געשטילט דעם הינגער פון קינד און ער האָט אויפגעהערט וויינען, ווען נישט דער נס מיט די פּאָר מצות, וואָלט מען אַלע געווען געכאַפּט. און אָט אזוי וואַנדערנדיק איבער די דעכער האָט מיין מאַמע גענזיכט א פאַרבינדונג ווייסענדיק אַז איבער דעם בוידעם

ווי זי קלעטערט איצטער געפינט זיך די בעקעריי פון אונדז־ זערס א שכן, שולימוביץ. געוווינט האָט ער מיט אונדז אין שכנות מאָדזעיעווער 33, עס איז אים געלונגען אַריינגעמען די מאַמען אין דעם וואַגן וואָס ער האָט געפירט ברויט אין מיט סכנות נפשות זיי געראַטעוועט, ריזיקירענדיק דערביי זיין אייגן לעבן. די גאַס איז שוין געווען נאָכן אויסזידלען באַוואַכט. די באָבע מיט דעם זיידן האָבן מיר נישט באַוויזן אָפּראַטעווען. דער זיידע האָט נישט געהאַט קיין כח צו קלערן איבער בוידעמס און די באָבע האָט אים נישט געוואָלט פאַרלאָזן.

נאָך איינמאָל איז מיר אויסגעקומען זען דעם זיידן און באָבע, גייענדיק האַנט ביי האַנט, אויף די פּלייצעס רוקזעק וואָס די באָבע האָט אויפגענייט אין וועג אַריין, פון די בעט־דעקעס די פּלושענע וואָס זי האָט זיי באַקומען נאָך צו דער וויפּראַווע אוודאי, אזוי זענען זיי מיר פאַרשווינדן פון די אויגן מיינע אויף אייביק. מען האָט זיי פאַרלאָדנט פון דער ראַמפּע, ווי אומניצבאַרע וועזנס, אַריינגעשטויסן אין די לאַסט וואַגאַנעס, מיר זענען נאָך א צייט געבליבן אין סאָס־נאָוויץ, מיך האָט מען אוועקגעשיקט פּורים־צייט 1943 קיין מאַרקשטאַט, פאַר דעם אָפּפאָרן אין דולאַק, האָב איך זיך צעגזעגעטראָפן מיט מיין שוועסטער, וואָס איז אויך אין דער זעלבער נאַכט אָפּגעשיקט געוואָרן. עס איז מיר נישט געלונ־גען אַז מיר זאָלן אוועק צוזאַמען. דער ביטערער גורל האָט אונדז צעשיידט.

עס איז מיר ווידער אַמאָל אויסגעקומען זען סאָסנאָ־וויעץ מיין היימשטאָט דורך דעם פענסטערל פון א פאַרקראַ־טעוועטן בהמה וואַגאָן ווען מען האָט מיך געפירט פון אוישוויץ קיין דאַכאַו, ווי איך דערמאַן זיך האָט דאָס געמוזט זיין פעברואַר 1944.

אין דאַכאַו האָט מען אונדז פאַרטיילט אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען. מיך האָ מען געשיקט אין דער אויסערן קאָ־מאַנדע דאַכאַו, לאַנצבערג־אַמלעק.

א ביטערע קעלט און פראָסט קלאַמערט זיך צו אונדז־ זערע ביינער, הונגעריקע, מידע און שטענדיקן שרעק פאַר נאָך ערגער, באַדעקט מיט אימפּליי, דאָס איז געווען אונדז־ זער טעגלעך ברויט.

אומקערענדיק זיך אָוונט צייט פון דער ארבעט האָבן מיר זיך אָנגעהויבן רייניקן פון דער דריטער מכה... און דווקא דאַמאָלס אין די פאַרצווייפעלטע מינוטן האָט זיך מיר דערמאַנט א בילדל פון דער היים פון מיינע קינדעריאָרן, עס האָט זיך מיר דערמאַנט לייביש, דער גאַסן הענדלער מיט מציאות ווי אזוי ער האָט רעקלאַמירט זיין סחורה געקלאַפּט גלעזער און אייזן און באַגלייט מיט א פּזמון, פאַרקויפט האָט ער שטויב קעמלען בזיל הזול, עולם שטייט אַרום אים אין האָט הנאה פון זיין פליסיק רעדן, לויבענדיק זיין סחורה — דאָס שפּיציקע בערדעלע הוידעט זיך, די אויגן באַוועגן זיך אין אַלע זייטן. און דאָס גערגעלע ציטערט ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע — און ווען דער עולם הויבט

אָן קויפן די סחורה, הויבט ער ערשט אויפסנוי אָן דעקלאַמירן זיין פּזמון איבער ס׳נײַ, און דער עולם האלט זיך ביי די זייטן. און דערביי א פאר געגעבן מיט דעם קעמל איבער זיין שפּיציק בערדל, דער עולם קייכט ווידער פון געלעכטער און קויפט.

אָט די מצרישע מכּה די פויזנדיקע שותּפים פון די נאציס, האָבן געזויגט דאָס לעצטע ביסל בלוט פון אונדזערע אויסגעמאַטערטע לייבער, האָבן אונדז קערפּערלעך ווי אויך גייסטיק צובראָכן, אפילו די סאמע שטארקסטע צווישן אונז זענען איינגעבראָכן. און דער הונגער האָט זיך נישט אָפּגעטון אויף קיין איין מינוט, דער מענטש האָט אָפּגעזאָגט זיך פון ביסל שלאָף, פון א דרימל, און נאָר געטראכט ווי נעמט מען אביסל שפּייז. שטענדיק איז געשטאנען פאר מיינע אויגן די קיך, פלעג איך אזוי אָפּשטיין גאנצע נעכט פּרווונדיק ארויסשלעפן פון קיך קעלער אפאָר קארטאָפל. איך האָב גוט באקאנט דעם פלאַץ, די פּריטשן, זענען געווען אויסגעשטעלט גראד מיט די פענסטער און צווישן זיי א טאל, איך האָב מיר צוגעגרייט צוויי שטעקענס געמאכט דעם אָנשטעל אז איך הינק אונטער און דורך דעם טאָל דורכגעשארט זיך צו די קלאזעטן וואָס נעבען זיי איז געשטאנען א וואך און דערנעבן די קיך. איך האָב דאן באהאפטן צוויי שטעקענס אין איינעם ארייגעקלאפּט א נאגל, און אזוי ארויסגעפישט פון קעלער פענסטערל א פּאָר קארטאָפל, פארבינדן די הויזן ביי די נאגאוויצעס און ארייגעגנבעט זיך אין באראק צוריק. אין איינער א נאכט בין איך דורכגעווייקט געוואָרן ביז די ביינער, אָבער איך האָב מיין פאנג געבראכט.

ווען מען האָט אונדז געטריבן פון דאכאו קיין טיראָל און דאָס איז שוין געווען פאר זייער סוף, האָט מען אונדז צוגעטיילט א פּושקע מיט קאָנסערוון און א ברויט, איך האָב דאָס פאר איינמאָל אראָפּגעשלינגען. מיר זענען פארברענט געוואָרן פון דורשט און געפּרווט לעשן דעם דורשט מיט וואסער פון די קאלוזשעס, איז דער בויך דערפון געשוואָלן געוואָרן, איך האָב אויפגעהערט טראכטן. אין מיין יונג לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן יעדער ווילן ממשיך צו זיין, און איך האָב זיך אוועקגעלייגט ביים זייט וועג, פאר דעם פלעגן די נאציס געבן א קויל.

פלוצים האָט מען אונדז ווידער צוזאמענגעטריבן, ארויפגעלייגט אויף א פּלאטפאָרמע פון א לאסט אויטאָ און צוגעפירט צו א פלאַץ וווּ עס האָבן שוין געווארט מאסן מענטשן, זאָל דאָ דערמאנט ווערן א ליכט שטראל אין דער גאנצער פינסטערניש פון שנאה, דאָס איז געווען א איינאונאיינציקע דייטשישע פרוי, זי איז אריין אין שטוב און געבראכט ברויט פאר אונדז, און דאָ האָט זיך באוויזן די קראפט פון הונגער, און דער ווילן צום לעבן צעבראָכענע מיט אָנגעשוואָלענע בייכער, אויפגעלאָפענע צונגען פארברענטע פון דורשט האָבן מיר אין דעם אנבליק פון פריש ברויט אלץ פארגעסן, און דאָס ברויט גיריק געשטופּט אין די הונגעריקע מיילער.

אין טאקע אויף דעם דאָזיקן אָרט ביי א וועלדל בין איך מיט נאָך א חבר, גערופן האָט מען אים ישראל, אוועק מיט א זייטיק שטעגל און אויס מארש, דערשלאָגן זיך צי א שייער און דאָרט איבערגענעכטיקט, אינדערפרי ווען דער פויער איז געקומען אויפמאכן דעם שייער, דערזעענדיק אונדז האָט ער אונדז אָן רחמים ארויסגעטריבן.

גייענדיק אזוי האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין א וואךפאסטן, זיי האָבן אונדז באפוילן גיין, גיין פארויס, נישט אפּקערן לינקס אָדער רעכטס ווען נישט שיסן זיי, און אונדזערע ריקנס, אזוי זענען מיר טאקי אָנגעקומען צו א וואך, און זיי האָבן באַפוילן אוועקשטעלן זיך מיט די פּנימער צו דער וואנט. דאָס שטיין אזוי קיקנדיק אויף דער שטימער וואנט האָט געדויערט אָן אייביקייט, עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אז דאָס האָבן זיי אונדז אזוי געהאלטן, בכדי מיר זאָלן נישט באמערקן זייערע צוגרייטונגען צום אנטלויפן.

ווייזט אויס זיי זענען שוין מיד געווען און צו זאט זיך אָנגעפרעסן מיט אונדזער פּיין, זיי זענען געוואָרן אביסל מוטלאָז, געהאט מיט זיך צו טאָן, פלוצים דערהערן מיר דעם רויש פון אנפארנדיקע טאנקן, און פאר אונדז האָט זיך אנטפלעקט דאָס אויסלייזערישע בילד. מיר האָבן דערזען פאר זיך די זיגערישע אמעריקאנער ארמיי.

נאָך א עפּיזאָד וויל איך דאָ דערמאנען. נאָך דער באפרייאונג האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט מיין שוועסטער און זי האָט מיר דערציילט פאָלגענדע מעשה. א שליח א קריסט האָט איר געפלעגט ברענגען פעקלעך פון דער היים, אין דעם לאגער אריין ווי זי איז געווען פארקנעכט, קיין היים אין פּשוטן מענטשלעכן באגריף איז שוין דאמאָלס נישט געווען, טאטע מאמע א פעטער א מומע זענען געווען פארבאהאלטן אין א בונקער, זיי זענען דאָרט ממש פון די לעצטע פארבליבן. נישט צו פארשטיין ווי אזוי האָבן זיי דאָס אלץ אויסגעהאלטן. לויט איך האָב דערנאָך געהערט האָבן זיי זיך אויסגעקויפט מיט געלט און ווערט זאכן, ביי די שכנים פון דער סביבה, ווי לאנג דער כופר נפש האָט נאָך געקלעקט, איז עס ווי עס איז אדורך, און ווען דאָס געלט האָט זיך אויסגעשעפּט זענען זיי איבעריק געוואָרן.

ווי לאנג די מאמע איז געווען אין בונקער האָט זי, נישט צו פארשטיין ווי אזוי, געשיקט די קליינע פּאקעטלעך מיט מאָן־קיכלעך וואָס מיר האָבן אזוי ליב געהאט און דער שליח פלעגט רעגולאר איר אריבערווארפן איבערן פארקאן.

איינמאל איז דער שליח געקומען מיט דעם פּאקעטל, אויסערלעך די זעלבע פארם, אָבער ווען די שוועסטער האָט עס אויפגעמאכט און געריכט זיך אויף דעם היימישן גרוס און די שמחה וואָס די קיכעלעך האָבן פאַרשאפן, וואָס דער גאנצער מאמישער טעם איז געווען אין זיי און דערמאנט דעם אפשיין פון א היים. נישט בויז געשטילט דעם הונגער נאָר אויך די נאגנדיקע בענקשאפט און אין דמיון האָט אָפּ־

געלעבט די האָפענונג אז עס איז נאָך דאָ א היים, אָבער דאָס מאָל האָט זי א דערשראָקענע און דערשטוינטע דערזען, ווען זי האָט אויפגעמאַכט דאָס פּאַקעטל, עטלעכע זעמל באַלייגט מיט שינקע און נישט די מאַמע אויסגעכשרטע און מיט הארץ דערוואַרעמטע מאכלים, נישט די שבת יום־טובדיקע קיכעלעך מיט מאָן.

און ווייזט אויס דאָס איז אויך געווען דער לעצטער חסד פון שליח. געענדיקט מיט יידן אין סאָסנאָוויץ. און ער האָט זיך מער נישט באַוויזן, די חזירי האָט אלץ באַהערשט.

אין דעם מאָמענט האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אין אבלות. צו אלע האָפענונגען זיי ווידער זעען איז א סוף געקומען. צו אלע ליידן פון הונגער, דערנידערונג איז אויך דאָס יתמות געקומען. אין אירע יינגע יאָרן זענען שטיין געבליבן פנים לפנים איבער סניי אנטקעגן דער אכזריות פון די נאצי הארדעס, וואָס האָבן די וואַרעמע יידישע נעסטן צעשערט.

מיר האָבן שטיל געוויינט ביי אונדזער באַגעגעניש, און דאָס געוויין האָט זיך אָפּגעריסן פון אונדז, אוועק ערגעץ אין די הימלען, ווילענדיק זיי שפּאַלטן. און כאָטש מיר האָבן געשוויגן אזא שווייגענדיקן צער, הער איך נאָך היינט דאָס דאָזיקע געוויין.

פרוי מינצבורג-רומאַנקעוויטש

איבערלעבונגען

ע״י יוסף חריף

1944 האָט מען עוואַקואירט אונדזער לאַגער וואָס האָט זיך געפינען אין גלייוויץ, דרויסן א שניי מיט א פראָסט קאַלטע רעגנס האָבן אונדז געפייניקט, און די דייטשן האָבן אונדז געטריבן אָן רחמנות און מערדערליך געשלאָגן. מיר האָבן שוין קיין כוחות נישט געהאַט צו גיין ווייטער, ווען ווער פון אונדז איז געפאַלן האָבן זיי אים גלייך דערשאָסן און געלאָזט ליגן אין שניי זיין טויטן קערפּער. מיט די לעצטע כוחות בין איך ווייטער געגאַנגען, די פיס זענען שוין געווען אָנגעפרוירן און געשוואָלן, מען האָט שוין מער קיין שיך נישט געקאָנט אָנטון ווייל זיי זענען קליין געווען און די פיס אָנגעשוואָלן גרויס, דאַן האָבן מיר זיך געטוישט מיט די שיך ווער עס האָט געהאַט קלענער פיס האָט גענו־מען די קלענערע שיך ווער גרעסערע די גרויסע.

נאָך א פּאָר טעג וואַנדערן האָט מען אונדז אלע צוריק־געטריבן קיין גלייוויץ, מיר האָבן געמיינט דאָס מיר גייען צוריק אין לאַגער, מיר זענען וואָס אָן אמת געווען דערפון צופרידן, ווען מיר האָבן לכל הפחות דעם קאָפּ ווו אוועק־צולייגן, מיר האָבן מער נישט געטראַכט וואָס מיט אונדז קאָן פּאַסירן, אזוי האָט מען אונדז צוגעטריבן ביז די באַהן סטאַציע גלייוויץ, און אין אָפענע וואַגאָנען ווי פאַר קוילן אָדער האָלץ וועלכע זענען שוין געווען פאַר אונדז צוגעגרייט, אין זיי אונדז אריינגעשטיפּט, די ענגשאַפט איז געווען א שרעקלעכע, מ'האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אפילו אויס־דרייען ווער שמועסט שוין פון זיך אוועקזעצן. דאָס ביסל עסן וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט מיט זיך האָט מען עס ממש צעקוועטשט און צעטרעטן און מען האָט עס מער נישט געקענט נעמען אין מויל אריין.

אָט אזוי זענען מיר געפאָרן א פּאָר טעג איבער טשעכאָ־סלאָוואַקיי, הין און צוריק אָן א ציל און אָן א צוועק, אָן ברויט און אָן וואַסער, מיר האָבן זיך דערנערט מיט שניי. ווען דער צוג האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף א סטאַציע האָט מען דערלויבט ארונטערגיין פון וואַגאָן נאָר איינעם און ער האָט געדאַרפט ברענגען שניי פאַר אלע מיידלעך. די גע־וואַלדן נאָך שניי זענען געווען אזוי גרויס, דאָס זיי האָבן געקאָנט רירן א שטיין און האָבן ממש דעם הימל דערגרייכט.

נאָך א לענגערע צייט פאָרן, איז דאָך געוואָרן א ביסל גרוימער, די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען פון די וואַגאָנען, וויסענדיק אז דאָס איז א גרויסער געפאַר און א זיכערער טויט, איין מיידל איז טאַקע דערשאָסן געוואָרן און אסאַך זענען געוואָרן אייביקע קאַליקעס, זיי זענען ארונטערגעפאַלן אונטער די באַהן בעת דעם שפּרינגען, מען האָט אלע נאָכגעשאָסן. ווייניקע בר־מזל זענען געבליבן וואָס זענען ארויס גאַנץ, איך האָב נאָך דערווייל נישט געטראַכט וועגן שפּרינגען, עס איז מיר אפילו אויף דעם זינען נישט געקומען. ווען דער צוג איז געבליבן שטיין אויף דער סטאַציע סולמיצי און די לאַגער עלטסטע האָט ספּאָז־מירט איר איז געווען גוט אין לאַגער האָט זי זיך דערשראָקן וואָס וועט זיין האָט זי געמאַכט געוואַלטן.

חברה האָבן געשריגן אויס דעם וואַגאָן ארויס הער פּאָסטן ביטע הילף, דער הער פּאָסטן האָט געענטפערט מיט א קויל אין קאָפּ, זי איז נעבעך גלייך ארונטערגעפאַלן און דער צוג האָט זי צעשניטן. זי איז געווען די קראַנקן שוועס־טער, א טאָכטער פון א קראָקעווער אַפּטייקער, מען האָט זי גערופן סטאַשאַ, איך בין שוין געווען אויסגעמאַטערט פון נישט שלאָפן, איך האָב נישט געוווסט וואָס מיט מיר טוט זיך און אין א באַשטימטער נאַכט ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע פּראַג, דאַסמאָל האָט שטאַרק געשנייט, דער שניי האָט אלץ איינגעדעקט און פאַרשיט די וואַגאָנען,

מיר זענען געווען גאנץ נאס, מחמת די וואַגאָנען זענען געווען אָן דעכער, דאָרט זענען שוין געשטאַנען אַנדערע באַנען מיט מענטשן פון אַנדערע לאַגערס פון אויסשוויץ און נאָך אַנדערע לאַגערן. איך האָב שוין נישט געוווּסט וואָס מיט מיר טוט זיך. אין פאַרנאַכט צייט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט דאָס איך בין אַנגעקומען אין משוגעים הויז, איך האָב נאָר געהערט ווי מען שרייט און מען רופט „וואַ־טער—וואַדי, וואַטער—וואַדי". די געוואַלדן נאָך וואַסער זענען געווען שרעקלעך. זיץ איך אַזוי אין אַ וואַגאָן אין אַ ווינקל, איך האָב דאַן געפרעגט ביי אַ מיידל, עטקע, זאָג מיר ביטע ווו בין איך, ווו זענען מיר איצטער, האָט זי זיך אויף מיר אײַנגעבייזערט, די ווייסט נישט דאָס מיר זענען אין פּראג, אויף דער סטאַציע פּראַג.

זיץ איך אַזוי און טראַכט, הייסט דאָס דאָס מיר פאָרן נאָך נישט צום פאַרניכטן, ווייל מיר זענען אויף דער סטאַציע פּראַג, און מיינע געדאַנקן לאָזן מיך נישט צערו. איך טראַכט פאַרשידענעס. עס קומען מיר אויף די געדאַנקן מיין ברודער יוסף לייב מאַנציק, וואָלט ער אַנטלאָפן, געשפּרונגען פון צוג, ווען ער איז געפירט געוואָרן פון קראָקע דורך סאַנדאַ־מיר, ער איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, געווען אין פוילישן מיליטער, די דייטשן האָבן אים געשיקט קיין ביאַלע פּאַדלאַסקי. באַלד ווי זיי זענען אויסגעטיגן פון צוג האָבן די דייטשן אין צווישן אַנדערע געטריבן אין אַ פּאָר הילצערנע טרעפּקעס אויף די פיס אין אַ פראָסטיקער קעלט, דער שניי האָט זיך געקלעפּט צו די טרעפּעס, און ער איז אויפגעשטאַנען און אומגעפאַלן, די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט, די דייטשן האָבן אים געשאָסן און ער אַז אומגעקומען אין שווערע ליידן.

אין דעם מאָמענט האָב איך באַשלאָסן אַז איך וויל לעבן בלייבן, דאַן מוז איך שפּרינגען פון צוג, איך האָב פאַרגעסן אין אַלע געפאַרן, וואָס קאָן אַלץ מיט מיר פּאַסירן און רואיק זיך געגרייט צו שפּרינגען, נישט וויסענדיק אפילו אַז דער וואַגאָן האָט נישט קיין טרעפּלעך. אָבער באַלד ווי דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן דאַן בעת דער צוג לויפט בין איך אַריבער אין אַן אַנדערן וואַגאָן ווו עס האָבן זיך געפינען טרעפּ, איך האָב זיך געהאַלטן ביי זיך די אײַזערנע שטאַבעס בעת איך בין שוין געווען אויף די שטיגן גרייט צו שפּרינ־גען האָט מיר די זעלבע עטקע געזאָגט דאָס איך זאָל שפּרינ־גען אין דער ריכטונג פאַראויס ווו דער צוג גייט און איך בין געשפּרונגען. בעת דעם שפּרונגען האָב איך געמיינט דאָס איך האָב מיר געהרגעט ווייל עס האָבן זיך באַוויזן פייערפונקן פאַר מיינע אויגן, איך בין געפאַלן אויף די דראַטן, נעבען די שינעס, אַזוי בין איך געלעגן ביז דער צוג איז פאַרביי. נאָך דעם ווי איך האָב זיך אויפגעשטעלט האָב איך זיך נאָר געוווּנדערט דאָס איך בין גאַנץ, האָב הענט מיט פוס און איך לעב, נאָר דער שטערן האָט ביי מיר געבלוטיקט, איך האָב זיך מיט דעם שטערן אָנגעקלאַפּט אויף די דראַטן, מיט אַ טיכל האָב איך זיך פאַרבונדן דעם קאָפּ, דאָס פּנים איז מיר געשוואָלן געוואָרן, אין אַזאַ לאַגע אײַנע

אַליין באַנאַכט אויף די אומבאַקאַנטע פעלדער, נישט געוווּסט ווו אַהין און ווו אַהער, אַזוי האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. ווייטער און ווייטער, ביז איך בין צוגעקומען צו אַ הויז, איך האָב אָנגעקלאַפּט און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איך האָב באַמערקט עטוואָס ווייטער אַ הייזל פון אַ באַן וועכטער וואָס האָט מיך באַלויכטן מיט אַ פּראָזשעקטאָר, אָבער ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, איך האָב געטראַכט דאָ צו בלייבן אין וואַלד, איז נישט קיין צוועק. איך האָב פאַרגעסן וואָס אַ געפאַרן דראָען מיר, דערווייל האָט אָנגעהויבן טאָגן, איך האָב געהערט דאָס מענטשן גייען, בין איך נאָכגעגאַנגען, ווידער בין איך אָנגעקומען אין אַ דאָרף און איך האָב אָנגע־קלאַפּט אין אַ טיר, אָבער מען האָט מיך נישט אַרײַנגעלאָזט און געטראָפן אַ טשעך וואָס האָט אַמאָל געדינט אין פוילישן מיליטער און האָט פאַרשטאַנען פויליש, ער האָט מיר געגעבן עסן און שלאָפן, אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך ביי אים אויסבאַהאַלטן.

ביינאַכט האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן, און געוואָרנט דאָס אויב מען וועט טרעפן ביי וועמען פון די וואָס זענען אַנטלאָפן פון דעם טראַנספּאָרט וועט גלייך דערשאָסן. אַזוי אַרום האָב איך געמוזט ווייטער גיין. זיי האָבן מיר געזאָגט דאָס נישט ווייט איז אַ דאָרף, בין איך דאָרט צוגעגאַנגען, איך קום צו אַ פּויער און בעט אים מען זאָל מיר געבן אַרבעט זיי האָבן צו מיר גערעט, איך האָב ליידער נישט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך, און זיי האָבן געשיקט נאָך דער זשאַנדער־מעריע און מען האָט מיך אַרעסטירט. אַזוי בין איך אָנגע־קומען צו דער טשעכישער קאָמאַנדע.

נאָך אַ פאַל דערמאַנט זיך מיר בעת איך בין אַזוי געזעסן אין אַ וואַגאָן מיט מיינע געדאַנקן, קומט צו אונדז אַ „שיבערקע" און לייגט אונדז פאַר אַריבערגיין אין אַ צווייטן וואַגאָן מחמת דאָרט איז פיל גרוימער. איך קוק זיך אַרום און זע דאָס דאָרט שטייט אַ וואַך מיט געווער און אַ יידן עלסטער פון אַשוויצער לאַגער. און נאָך עטלעכע מענער און די שיבערקעס פון אונדזער לאַגער האָבן זיך אַזוי שיין אונטער־האַלטן, זיי לאַכן און זענען אַזוי צופרידן. טו איך מיר דאָס אַזוי אָבסערווירן און מיר טיט שוין באַנג וואָס איך האָב געמאַכט, אָבער עס איז פאַרפאַלן. דאַן האָב איך באַמערקט דאָס נישט ווייט איז אַ דאָרף בין איך דאָרט צוגעגאַנגען, נאָרדעקט. עס האָט זיך געדאַכט דאָס דאָ ליגן צוגעדעקטע זעק מיט צוקער אַזוי האָב איך געמיינט. שטיי איך מיר אַזוי און טראַכט ווו אַזוי באַקומט מען זיך פון דאַנען צוריק אַרויס, איך וויל ראָך בעסער זייַן צווישן די מיידלעך ווו עס איז ענג, דאָרט איז מיר פיל ליבער צו פאַרטראָגן די ליידן מיט מיינע אייגענע.

אַזוי שטייענדיק האָב איך זיך צופעליק אויסגעגליטשט און אַרויפגעפאַלן אויף דעם באַרג מיט די צוקער זעק ווי דאָס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, פּלוצים האָב איך דערהערט אַ קרעכצן פון אונטער די קאַצן... דאָס האָבן געקרעכצט מענטשן וואָס האָבן נאָך געלעבט. אַ גאַנצער באַרג טויטע און די וואָס האָבן זיך נאָך געראַנגלט צווישן לעבן און טויט

צוזאמען וואָס גייען אויס. זעענדיק דאָס בילד איז מיר זער שלעכט געוואָרן. דאַן בין איך צו צו די שיבערקע, די זעלבע וואָס דורך איר אייז אומגעקומען אומשולדיק א מיידל וואָס האָט געבעטן הילף פאר אן אנדערער, איך האָב זיך ביי איר געבעטן דאָס זי זאָל ביי דער וואך אויספוילן דאָס איך זאָל קאָנען צוריק, מיין מזל איז געווען וואָס די באַן איז נאָך געשטאַנען.

און איצטער צוריק צו דער קאָמאַנדע. איך האָב געמיינט דאָס מען וועט מיך צוריקשיקן אין טראַנספּאָרט און דאָס איז מיין סוף, זיי וועלן מיך דערשיסן און קיינער פון מיינע נאָענטע וואָס זענען נאָנך פאַרבליבן וועלן זיך אפילו נישט דערוויסן וואו איך בין אהין געקומען. זיי האָבן זיך גענומען פאַרשרייבן א פּראָטאָקאָל, זיי פרעגן מיר ווי איך הייס, עס איז מיר איינגעפאלן דאָס איך זאָל אָנגעבן אן אנדערן נאָמען — א קריסטליכן. מיין נאָמען איז אפילו נישט געווען ענלעך צו א יידישן נאָמען. דער נאָמען ראַמאַנקעוויטש. אָבער איך האָב ארויסגעזאָגט — מונצניק. דאַן געבן זיי א שכלדיקן איינפאל ווי מען זאָגט, און זיי ווענדן זיך צו מיר, דו ביסט נישט קיין יידישע „קיינע יידן" ענטפער איך דאַן ביסטו איין מישלונג, יא איך בין איין מישלינג, מיין פּאַטער איזט קאַטאליש. דאָרט האָב איך איבערגענעכטיגט. צעמאָרגנס האָבן זיי מיך איבערגעפירט אין געסטאַפּאָ און גלייך פון דאָרט אין תפיסה. דאָרטן האָב איך שוין געטראָפן מיידלעך פון אונדזער לאַגער, וואָס זענען אויך געשפרונגען פון צוג, זיי האָבן מיך דערזען און זיך שטארק צעלאַכט, אז איך בין אויך דאָ. איך האָב שרעקלעך אויסגעזען, מיט א צעשפּאַלטענעם שטערן און א געשוואָלן פנים ארומגעוויקלט דעם שטערן מיט א טוך אָנגעטאָן אין מענער הויזן פאַרבונדן די פּוס, אין א מענער מארענארקע און די לאַנגע קליידער אין פּאַסן האָב איך געטראָגן פון אונטן בכדי מען זאָל נישט דערקענען ווער איך בין. מען שיקט אונדז קיין סומין אין תפיסה. מיר שטעלן זיך אויס אין א ריי, מען רופט ווידער די נעמען און איך פאַרגעס מיין נאָמען, מען רופט נאָכאַמאָל אויס מיין נאָמען. די מיידלעך שטויסן מיר, זיי דערמאַנען מיך אין מיין ערשטן פּראָטאָקאָל בין איך געווען געשריבן א מישלינג, איך האָב אָבער געהערט ווי די געסטאַפּאָ רעדן צווישן זיך דאָס איין מישלינג איז שייסע.

ווען איך קום צום צווייטן פאַרהער ענטפער איך דאָס איך בין א קריסטין, נישט פאַרהייראַט ווייל איך האָב געוואָלט אויסמיידן איבריקע פראַגן, ווו דער מאַן געפינט זיך, און ווו מען רופט אים א.א.וו. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל אז איך פאַרשטיי נישט קיין דייטש, מען האָט צוגערופן א מיידל זי זאָל מיר אלעס געבן צופאַרשטיין. ביים טיש זיצן צוויי געסטאַפּאָווצעס און איין צעוויל א טשעכישער שמועסט מיט מיר א ביסל פויליש, מען פרעגט מיך אויך ווי דער פּאָטער און מוטער האָבן געהייסן, צו איך גיי אין קירכע, זיי האָבן מיך גענומען אויף א שטארקן פאַרהער, גרינטלעך אויסגעפאָרשט. אויף דעם טיש ליגט א רעוואָל־ווער און איין געסטאַפּאָוויעץ וואַרנט זאָלסט זאָגן דעם אמת, ווען נישט ווערסט דו גלייך דערשאָסן, איך שטיי גלייך און איך בין גאַרנישט דערשראָקן, איך ענטפער אין דער פוילישער שפּראַך אויף אלעם וואָס מען פרעגט מיך. ווען איך בין שוין צוריק אין תפיסה־קאַמער האָב איך מיר אָנגעהויבן אָפּגעבן א דין וחשבון וואָס איך האָב אָפּגעמאַכט, און אז איך האָב זיך אליין פאַרוויקלט אין א גרויסן געפאַר, איך האָב אין הארצן מקנא געווען די אלע מיידלעך וואָס זיי זענען יידישע קינדער און זיי האָט מען נישט גערופן צו א פאַרהער אזוי ווי מיך. דערווייל האָבן מיך די מיידלעך אויסגעלערנט די קריסטליכע תפילות וועגן וועלכע איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג. פון פראַג האָט מען אונדז אריבערגעפירט אין אן אנדערע תפיסה סאַלמיץ, דערנאָך קיין ברין אונטער א שטאַרקער וואַך, צו דער באַן סטאַציע ווו די שרעקליכסטע פאַרברעכער, אין וואַגאָן איז געווען א קליין פאַרקראַטעוועט צימערל, דאָרט האָט מען אונז פאַרשלאָסן, יעדעס מיידל באַזונדער.

אזוי זענען מיר אָפּגעזעסן א פּאָר וואָכן אין וואלד. אין א באַשטימטן טאָג רופט מען אלע ארויס פון די צעלעס „אנטרעטן" מיר זאָלן זיך צוזאַמענקלויבן, מיר קומען ארויס פון די צעלעס, מיר זעען אסאַך געסטאַפּאָווצעס אין שוואַרצע אוניפאָרמען. מיר האָבן געמיינט אז מיר האַלטן שוין ביים סוף.

דערווייל האָט מען אונדז ווידער אוועקגעפירט צו דער באַן סטאַציע. פאַרלאָדנט אין געשלאָסענע וואַגאָנען. אזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין טערעזין אין א קליינעם פעסטונג שטייען מיר אזוי אין א ריי צו צוויי. נעבן מיר שטייט פרומקע פון סאָסנאָוויץ. גייט צו איר צו אזוי א געסטאַפּאָוויעץ און גייט איר איבערן קאָפּ א שמיץ מיט א לעדערנעם קאַנטשיק, זי האָט זיך קוים דערהאַלטן אויף די פוס, און זאָגט פאַרוואָס האָב איך באַקומען געשלאָגן? ווייס איך נישט, איצטער וועל איך זאָגן דאָס איך בין א קריסטין, ווען איך וועל באַקומען געשלאָגן וועל איך וויסן פאַר וואָס, און אזוי איז טאָג געוואָרן. זי, איך און נאָך צוויי מיידלעך פון יוגאָסלאַוויע זענען אָנגקומען אין א באַזונדערע צעלע. מיר האָבן באַקומען דריי מאָל א טאָג עסן, דאַקעגן די איבריקע זעכציק מיידלעך פון צווייטן לאַגער האָבן באַקומען זער ווייניק צו עסן, דריי מאָל א וואָך אביסל קרויט, קיין געקעכץ אבערהויפּט נישט, אויך די לופט צוגערויבט פון זיי.

דאָרט האָט זיך געפינען א קאַפּא מארישא, א טשעכישע פרוי, זי איז אויך געווען א העפטלינג און זי האָט אָרגאַניזירט ברויט אין שטאַט ביי די בעקערס און האָט דורך א לאָך פון קלאָזעט אריינגעשטיפּט דאָס ברויט, זי האָט קיין שליסלען נישט געהאַט, די שליסלען זענען געווען נאָר ביי דער וואַך, נאָר זיי האָבן אויפגעמאַכט דריי מאָל א וואָך, און אזוי ארום האָט זי דערהאַלטן ביים לעבן זעכציק יידישע מיידלעך, אלע זענען געבליבן לעבן.

איין טאָג פאר דער באפרייונג האָט מען אלע ארעס־טאנטן ארויסגעפירט פון דער קליינער פעסטונג, אין געטאָ אין טערעזין האָט נאָך עקזיסטירט א געטאָ און די זעכציק מיידלעך האָט מען צוריק אריינגעטריבן אין די תפיסה קאמערן. זיי זענען שוין געווען אין הויף מיט אונדז און מיר האָבן דערוויילן נישט געוווסט וואָס דאָס באדייט. דער־נאָך האָט מען זיך דערוווּסט דאָס פאר די זעכציק יידישע מיידלעך איז שוין געווען צוגעגרייט א גרויסע גרוב אין דעם צווייטן הויף פון דער פעסטונג, די נאכט האָבן זיי געזאָלט דערשאָסן ווערן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין געטאָ זענען שוין געווען מענטשן פון אויסלאנד, דער רויטער קרייץ האָט אונדז אלעמען איבערגענומען.

זאָל דאָ דערמאנט ווערן מארישע די טשעכישע פרוי צום גוטן, זי האָט דאָס אלץ איבערגעגעבן דעם רויטן קרייץ און זיי האָבן די מיידלעך געהאלטן א גאנצע נאכט, געוואכט ביי די טיר, עס זאָל זיי חלילה קיין שלעכטץ נישט פאסירן. צעמאָרגנס זענען זיי געקומען אין געטאָ, מיר זענען באפרייט געוואָרן דעם 5־טן סעפטעמבער 1945.

א מאָדנער צופאל, וואָס האָט נאָך פאסירט מיט מיינס א ברודער וואָס איז אדאפטירט געוואָרן פון א טשעכישע משפחה, ער איז געשפרינגען פון צוג און אָנגעקומען אין טערעזין שטאט, נאָך דער באפרייונג האָט מען אים פאר־געסן ארויסלאָזן פון דער צעל. אזוי איז ער א צייט פארבליבן אָן שפייז און אָן וואסער. מען האָט אים ארויסגעטראָגן אויף א טראָג־בעטל כמעט א פארחלשטן. איך האָב נישט געוווסט דערפון הגם געווען אזוי נאָנט. איך האָב דאָן געוואנדערט קיין רייכענבאך ווייל מען האָט מיר איבער־געגעבן דאָס ער געפינט זיך דאָרט און איז נאָר וואָס ארויס פון שפיטאָל.

מיין מערטירערוועג האָט זיך מיט דער באפרייונג נאָך נישט געענדיקט, מיר האָבן זיך טאקע געראטעוועט. איך האָב אויך נאָך דער מלחמה געטראָפן מיין מאן, אונדזערע הארצער זענען אָבער צעבראָכן אויף אייביק. מיר האָבן איבערגעלאָזט אונטער זיך זעקס מיליאָן צווישן זיי מיינע עלטערן, מיינע פיר ברידער און מיין שוועסטער, די גאנצע משפחה און מיינע צוויי קינדערלאך.

דאָס וואָס איך האָב דאָ באשריבן איז בלויז א קליינער טייל פון מיינע לאנגע יאָרן פון פיין אוןליידן, נויט, קעלט, באליידיקונג. עס איז אדורך. עס זאָגט זיך נאָר אזוי אדורך. מיינע צוויי קינדער האָב איך נישט, אָט די טראגעדיע איז נישט אדורך, איך און מיין מאן זעען זיי אויף טריט און שריט אויף דער וואך, און אין שלאָף.

איך זיץ אין מיין גארטן, איך מיט מיין מאן, נאָך איצטער טויכן אויף און מיר איבערסנייי די בילדער פון עבר, אין בזאנאוו איך גיי אין גאס, טרעף מיינע צוויי קינדער, זיי זאָגן צו מיר, מאמושא די לערערקע האָט געהייסן צונייען דעם מענטעלע א מגן דוד, מיט א „יודן אָפצייכן" ווייל די דייטשן קאָנען מיך נאָך כאפן, איך האָב טאקע די זעלבע צייט צוגענייט א מגן דוד און פינף א זייגער פרי בין איך אוועק צו דער ארבעט אין שאפ, און די קינדער זענען געבליבן שלאָפענדיק אין שטוב. איך האָב זיך געווארמט ביי זייער שלאָפענדיקן אָטעם, מיינענדיק אז זיי וועלן זיך אפשר ראטעווען. ניין! די מערדערישע שווארצע לאפע האָט זיי געטראָפן.

און ווידער דערמאן איך זיך, ווען איך בין מיט מיינע קינדערלאך געגאנגען אין גאס, ווי מיר האָבן געמוזט אדורכגיין א באשטימטן פלאץ, ווענדן זיך צו מיר מיינע קינדערלאך מיט זייער קלוגן הארציקן בליק ווי זיי וואָלטן וועלן זוכן שוץ ביי דער מאמען. מאמושו, יא ניעכצע טו אישטש — מיר ווילן דאָ נישט גיין, ווייל דאָ האָט מען צוגע־נומען די באבען מיט דעם זיידן, אויך אונדז קאָנען נאָך די דייטשן צונעמען... זאָלן מיר שנעל אנטלויפן פון דאנען. בין איך טאקע גאָר געבליבן לעבן אָבער א צעבראָכן לעבן, ווו עס קלאפט א צעבראָכן הארץ.

אך, מיינע ליבע ווי זאָל איך אייך שילדערן, מיין יונגע טאָכטער, זי האָט זיך אמאָל אָנגעטאָן (און אזוי געדענק איך און דערמאן זיך אין א בלוי מענטעלע און א היטעלע די זעלבע פארב, מיט א מופקע, ווי זי האָט פארשטעקט די הענטלאך, זי האָט פון דעם ארויסגעשיינט. און ווי שיין איז די גרויסע, מיט וויפל געשמאק און חכמה, איינמאָל האָט זי זיך אין דער גאנצער פראכט אוועקגעשטעלט ביים הויז, אבסערווירענדיק די באוועגונג אין גאס, גייט פלוצלינג אדורך א געסטאפּאָוויעץ פון א הויכער ראנגע, ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי מיין קינד, און געקוקט אויף איר. ער איז געשטאנען גענוג לאנג, איך האָב דערפון נישט געוווסט, שכנים האָבן דאָס געזען, דורך דעם פענסטער. זיי זענען געקומען צולויפן, זאָגן מיר, ווען דער געסטאפּאָויעץ איז אוועק. זיי האָבן זיך אויף מיר געבייזערט, פארוואָס איך לאָז ארויס דאָס קינד אויף דער גאס.

היינט צעטאָג, ווען איך זיץ מיר אויף מיין נחלה, אין לאנד ישראל, און מיין מושב כפר־נטר און מיין הויז טונקט זיך אין גרינס און אין בלומען, ווען די ליכטיקע זין באשיינט יעדעס ווינקעלע פון מיין שטוב און די פּרעכטיקע ישראל־דיקע פאנאראמע באשיינט אלע עקן פון הויז.

אָבער טיף אין הארצן טליעט דער עבר דער צער פון אונדזער געפייניקט פאָלק, פארדאָרבן די פראכט פאר זייער אויסגעצערטלטע קינדער, עס דריקט דער ווייטיק, די גאנצע פארגאנגענהייט, גייט טרויעריק פארביי פאר די אויגן, די יאָרן פון הונגער און האָפנונג, די יאָרן גייען ווי אייביקייט...

און זאָל אין ספר הזכרון פארצייכנט ווערן זייער

ליכטיקער אנדענק, פון מיינע ליבע עלטערן אייזיק און שרה זיסל מונציק — ניפקע; מיינע ברידער בערל מיט זיין פרוי רבקה און זייער זינעלע חיים; מיינע ברודער מיכאל, יוסף, לייב און מאָטל, מיינע שוועסטער נעטל אבראַמאָוויטש איר קינד חיים — זיי זענען אומגעקומען אין יאָר 1943, הי״ד. ד׳ער ליכטיקער אנדענק פון מיינע צוויי טעכטער מארעלא (1943—1934) און דבורה (1943—1938) הי״ד. ארץ אל תכסי דמם.

מרדכי האמפעל

דער אומקום פון זאגלעמביער יידישן יישוב אויפן אייכמאַן־פּראָצעס

אויף דעם פאַרגעקומענעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים (1961) איז דאָס פאַרשניטענע זאגלעמביער יידנטום דערמאָנט געוואָרן מערערע מאָל, סיי דורכן פּראָקוראָר, סיי דורך פאַרשידענע עדות, שוין אין זיין אויפלוידענדער באשילדיקונגס־רעדע האָט דער יורידישער ראַט־געבער פון מדינת ישראל אין יענע יאָרן, גדעון האוזנער, געבראַכט דעם פאַקט, אז נישט נאָר אין װאַרשע האָבן זיך די יידן געבונטעוועט קעגן זייערע נאַצישע מערדער, נאָר אויך אין אַנדערע ערטער, ווי, למשל, אין בענדין, און אַנדערשוווּ. די דאָזיקע עובדה האָט אויך פעסטגעשטעלט אין זיין עדות־זאָגן יצחק צוקערמאַן („אנטעק״), פון די אָנפירער פון װאַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

בקשר מיטן משפט שרייבט די צייטונג „דבר״ (4.5.61) אין אַ לייט־ארטיקל: „לא רק בוורשה התקוממו יהודים, אלא גם בבנדין ובמקומות אחרים, אך לא כל המרידות זכו להד כמרד גיטו וורשה״.

דער פּראָקוראָר, גדעון האוזנער האָט צווישן זיינע הונד׳ערטער דאָקומענטן און באווייזן דערלאַנגט די ריכטער א בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן פון בענדין קיין טערקיי, אין וועלכן די אונטערערדישע באַוועגונג באריכטעט וועגן פאַרצווייפלטן מצב פון די לעצטע פאַרבליבענע פוילישע יידן. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין זומער, 1943, און דאָרט ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„אונדזער האָפענונג זיך צונויפצוטרעפן מיט דער „מולדת״ (געמיינט: ארץ ישראל — מ. ה.) וועט צו אונדזער גרעסטן צער נישט פאַרווירקלעכט ווערן. מיר שרייבן דעם בריוו בחיפזונדיק ווייל דער אַרישער שליח, וואָס זאָל דעם בריוו באַזאָרגן, האָט נישט קיין צייט, און מיר ווידער האָבן מער נישט קיין כוח צו שרייבן...״

דער בריוו איז אָנגעקומען קיין טערקיי און פון דאָרט האָט אים דער פאַרבינדונגס־מאַן איבערגעשיקט צום פאָרשטייער פון דער יידישער אגענץ אין דער שווייץ, אָבער דער בריוו איז אַנטעדקט געוואָרן אין וועג דורך דער דייטשער צענזור. דער דאָזיקער בריוו, וואָס איז געלונגען

דער פּראָקאָראטור פון אייכמאַן־פּראָצעס צו געפינען אין דייטשלאַנד, איז בייגעלייגט געוואָרן דעם געריכט אלס דאָקומענט וועגן דער אָפּגעטוענער אויסראָטונגס־ארבעט דורך די דייטשישע מערדער.

אין משפט איז ארויסגעטרעטן פרוי פרעדקא מאזיא פון דער אקטיוויסטישער ציוניסטישער יוגנט אין סאָסנאָוויץ בעת דער מלחמה, וועלכע האָט עדות געזאָגט איבערן גורל פון די זאגלעמביער יידן וואָס איז באקאַנט פון פאַרשידענע ביכער אין העברעאיש, יידיש, פויליש און ענגליש, געווידמעט דער פאַרניכטונג פון זאגלעמביער יידישן ישוב, פרוי מאזיא האָט דערציילט די ריכטער צווישן אַנדערן:

„...די סאָסנאָווצער יידן זענען געוואָרנט געוואָרן נישט צו רעדן יידיש אָדער העברעאיש בעת די באַזוכן פון אַ הויכן ס.ס.־אָפיציר, אגעבוירענער אין דער דייטשער קאָלאָניע, שרונה, אין ארץ ישראל, וואָס קען יידיש און עברית, מען דאַרף זיך פאַר אים היטן און ווען ער פלעגט קומען קיין סאָסנאָוויץ, האָבן זיך אלע אויסבאהאלטן אין די הייזער אויס מורא פאַר אים. (אַ באַמערקונג פון בעל־המאמר: ביי די פוילישע יידן איז אָנגעגאַנגען אַ שמועה, אַז דער צורר ישראל, אייכמאַן, שטאַמט פון דער דייטשער מושבה, שרונה אין ארץ ישראל און באהערשט אונזערע צוויי שפראכן — מ.ה.).

די עדות׳טע, פרוי מאַזיא, דערציילט שוידערלעכע סצענעס פון דערשיסן יידן אויפן אָרט בעת די אקציעס און פון הענגען יידן אין מאַרק. „מען האָט געכאַפּט מענטשן פונקט ווי מען פלעגט אַמאָל כאַפּן הינט — זאָגט זי — און ניי־געבוירענע קינדער האָט מען געוואָרפן דורך די פענצטער פון שפּיטאָל, פון די אויבערשטע שטאָקן, דירעקט אין די לאַסט־אויטאָס״.

זי דערציילט אויך וועגן די באַזוכן פון מרדכי אנילעוויטש אין זאגלעמביע, וועלכער האָט אָרגאַניזירט קעמערלעך פון אונטערגרונט און וועגן דער גבורה פון זאַגלעמביער יונגעלייט, בחורים און בחורות, אין קאמף קעגן די רוצחים, העלדישע זין און טעכטער — צווישן זיי דער מוטיקער

הארי בלומענפרוכט — וועלכע זענען געפאלן אויף זייער פאָסטן מיט געווער אין דער האַנט.

אין בית המשפט איז אַרויסגעטרעטן אַן עד, גדליה בן־צבי, אַ לערער פון מאָלעריי, וועלכער איז פאַרשיקט געוואָרן פון דער סלאָוואָקיי קיין אוישוויץ, ווערענדיק באַשעפטיקט אין דער קאָמאַנדע מיטן נאָמען „קאַנאַדע", וואָס האָט סאָרטירט די פּאַקעטן און זאַכן פון די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן־מענטשן אין פאַרניכטונגס־לאַגער. דער עד שילדערט דאָס אָנקומען פון אַזאַ טראַנספּאָרט פון בענדין, וואָס איז געווען פון די אויפטרייסלענדיקסטע טראַנספּאָרטן. איבער דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גרעסערע שמירה, ווייל די אומגליקלעכע פאַרשיקטע אין אוישוויץ האָבן געוווּסט זייער גרויזאַמען סוף און פיל פון זיי האָבן געפּרוּווט צו אַנטלויפן, אָבער זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. שעה'ן לאַנג האָבן די קאָמאַנדע־לייט „געאַרבעט" ביז זיי האָבן באַפרייט די באַנען, ווו ס'זענען געווען מערערע טויטע, ממש צוזאַמענגעהעפטע איינער צום צווייטן. די דייטשע וואַך־זעלנער האָבן געשאָסן אין די אויסגעמאַטערטע, האַלב־פאַרחלשטע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט אַרויף אין די לאַסט־מאַשינען.

„כ'האָב געזען — דערציילט דער עד אין זיין דערשיטערנדיקן עדות־זאָגן — גרוילטאַטן, ווי אַ צען־יעריקע מיידעלע איז אַרויס פון אונטער די טויטע קערפּערס, ווו זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אין אַס.ס.־מאַן האָט זי היטער־ווײלעכץ דערשאָסן. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ האַלב נאַקעט ייִנגעלע, וואָס איז אויך דערשאָסן געוואָרן, באַווייזנדיק נאָר אויסצושרייען „שמע ישראל". איינער פון די קאָמאַנדע־מענטשן האָט געפינען זיין ברודער צווישן די פאַראורטיילטע צום טויט. ער האָט זיך געבעטן ביי די בלוטדורשטיקע גזלנים, אַז מ'זאָל זיין ברודער נישט אַריינוואַרפן אין די גאַז־קאַמערן. די תשובה איז געווען: ווען דו ווילסט דווקא קענסטו דיין ברודער באַגלייטן אין אויוון..."

דער אממייסטן געשפאנטער מאָמענט אין פּראָצעס איז געווען דאָס עדות זאָגן פון ק. צעטניק. דער מקונן פון יידישן אומקום. מיט א פארכאפּטן אָטעם האָבן מיר זיך צוגעהערט צו ק. צעטניק'ס נישט דערגענצטע טרויעריק־נאָגנדיקע ווערטער, אין וועלכע ער איז געווען בדעה אויפצוראָלן דאָס בילד פון אימה'דיקסטן גיהנום על האדמות אוישוויץ, און די דאָרט באַגאַנגענע פורעניות און מעשים תעתועים, אָבער ער איז געפאלן אין אָנמאַכט, נישט ברענגענדיק זיין וואָרט צום אויסדרוק.

דאָס פאַרשניטענע יידישע זאַגלעמביע איז פאַראייביקט געוואָרן אין די בלעטער פון אונזער מאַטירלאַגיע־געשיכטע אין דעם היסטאָרישן איבערבליק וועגן די יידישע געשעענישן אין די יאָרן 1936—1951, אלעס דערגענצונג אין פינפטן באַנד פון דער העברעאישער אויסגאַבע פון שמעון דובנאָוס „דברי ימי עם עולם" (הוצאת „דביר", תל־אביב, תשט"ו) ווערט געזאָגט:

„המשורר יצחק קצנלסון שר על הגיטו. ברוך גאפטאק, מפקד „אירגון יהודי לוחם" בעיר בנדין, ורבים אחרים שרו שיריהם על הגיטו בדם לבם. — — — הד מרד גיטו וורשה הגיע לבנדין והוא הפיח רוח חדשה בקרב העם, אך הפעולות של הלוחמים בזגלמביה נכשלו וחבריהם נאסרו".

ברוך גאפטאק

צרו מרחבי תבל לי

צרו מרחבי תבל לי,
המצור עלי סגר.
לא לצאת ולא לבוא,
ובכל — עין המשמר.

עננים שחורים כליל
ממטירים שואה והי.
בא הקץ לכל בשר,
ותבל — עיים תהי.

התבל — יושבת כלא,
וכלאה — אחד גדול;
התבל — רודן ועבד,
במחנק יורדה שאול.

מעשן יאפיר רקיע,
אדמה מדם תאדים.
אי אדם ואי החפש?
אין דין, אין דיין...

אברהם גרין

צ׳ילדז׳ - מצבה לזכר קדושיה

צ׳ילדז׳ עיירת גבול בת כ־30.000 נפש גדולה ומפוזרת בשטחה. במזרח גובלת בבנדין (כ־3 ק״מ) כשבית העלמין המשותף ליהודי צ׳לדז׳ ובנדין משמש גבול שטח השפוט ביניהם. בדרום מזרח בדרך לסוסנוביץ, נמצא מכרה הפחם פיאסקי. בדרום נמתחת העיר עד למילוביץ הסמוכה ואילו בדרום מערב שכן כבוד מכרה הפחם סטורן, גדול המכרות באזור. בצפון מובילה הדרך לגרויצה ואילו במערב זורם נהר הבריניצה המהוה את הגבול בין זגלמביה לבין שלזיה העילית והיווה את הגבול בין רוסיה לבין גרמניה (צ׳ילדז השתייכה לרוסיה ושמינוביצה לגרמניה) לפני מלחמת העולם הראשונה.

יהדות צ׳ילדז׳ לפני מלחמת העולם השניה, היותה רק אחוז קטן של האוכלוסיה ומנתה כמה מאות משפחות. בשנתיים האחרונות שלפני המלחמה, נוספו כמה עשרות משפחות יהודיות לאחר שרבים מבין היהודים הפולנים שגורשו מגרמניה (יהודי זבונשין) התישבו בצ׳ילדז׳.

פרנסת יהודי צ׳ילדז׳ היתה מבוססת בעיקר על מסחר ומלאכה. כמעט כל חנויות המכולת (קמעונאות וסיטונאות), המאפיות, חנויות הבדים והגלנטריה היו מרוכזים בידי היהודים. כן היוו היהודים בעלי המלאכה הכמעט בלעדיים בחייטות, סנדלרות, פחחות וכו׳. היהודים שמשו כספקים עיקריים למכרות הפחם, לפועלי המכרות, לתושבי העיר ואף כרוכלים בכפרי שלזיה הסמוכים. כן נמצאו הרבה מבתי העיר בבעלות יהודית.

כאמור העיר היתה מפוזרת על שטח גדול אולם היהודים התרכזו בעיקר במרכז העיר (ביטומסקה, מילוביצקה, רינק, ונגרודה, בנדזינסקה ועוד) כשהם גרים בשכנות לתושביה הפולניים של העיר. מספר אזורים מריחקים היו כמעט כלתי מיושבים ע״י יהודים (סטורניה, שפיטלנה ועוד) ילעומת זאת היו הרבה בתים שהיו מיושבים רק ע״י יהודים



מתפללים בבית הכנסת במלחמת העולם הראשונה (ליד הדלת — חייל יהודי גרמני). אפשר להכיר את הרב לוונטהל, משה לייב פאסקה, בריל גרין, ישראל קאפה, שלמה שווייצר, דוד זיטמן, אברהם אפשטיין, בנימין ברמן, מנדיל בוזיקובסקי, קליין לייבלה, בריל קופר, אפרים קליינמן ויבל״א זליג רושינק ויעקב ווינברג.

ביניהם בתים גדולים ששמשו כחצרות יהודיים (בית נחמיה שטרוכליץ, בנימין ברמן, אהרון גלברד, מנלה מנדלבוים).

יהדות צ׳ילדז׳ היתה בעיקרה דתית ואף חסידית. החיים הציבוריים התרכזו מסביב לבית הכנסה (בית מדרש) והשטיבליך של גור בבית ר׳ מנדל בוזיקובסקי, רדומסק בבית ר׳ מנלה מנדלבום, וולברום בבית ר׳ נחמיה שטרוכליץ והשטיבל בבית ר׳ בנימין ברמן. בבית הכנסת ובשטיבליך לא רק ישבו והרביצו תורה והמגידים דרשו בעניני דיומא, אלא בין כתליהם קוימו אספות ארגוניות, התנהלו ויכוחים פוליטיים ולעתים אף אישיים.

מוסדות אלה נמצאו ב„שליטת" פרנסים וגבאים, שכמעט ולא התחלפו ואף נתכבדו ברוב הכיבודים. בראש המוסדות בשנים האחרונות לפני המלחמה אנו מוצאים — בשטיבל דגור את משפחת קליינר הענפה בראשות ר׳ שמואל קליינר המכונה „טרוצקי". שטיבל זה היה המאורגן ביותר ועל כן משך אליו את מיטב הנוער החסידי ומשם יצאו גם רוב בעלי התפילה הצעירים. בראש השטיבל דוולברום עמדו ר׳ אהרן גלברד ור׳ אליעזר רושינק, בראש השטיבל דרדומסק אנו מוצאים את ר׳ בר שווייצר ושלמה גוטשטיין ובראש השטיבל אצל ר׳ בנימין ברמן עומד ר׳ בנימין עצמו. בראש בית הכנסת עומדת הנהלה של נכבדים ומקובלים בעיר וביניהם הרב ר׳ אליעזר ליפמן לוונטהל, ר׳ חיים שווייצר, ר׳ בריש היידה, ר׳ יעקב גלברד, ר׳ שאול שוורצבום, ר׳ נחמיה שטרוכליץ, ר׳ חיים וויינברג ועוד, אליהם יש להוסיף את הגבאים הותיקים ר׳ לייבל קאוואן ור׳ פנחס שלום ליפל.



מצבה לקדושי צ׳לאדז במרתף השואה, הר ציון ירושלים

יש גם בבית הכנסת „אופוזיציה" קבועה מורכבת בעיקר מהרביזיוניסטים כשבראשם עומדים אפרים קליינמן, ישראל איסר רויכר, האחים פינקוס (שאח״כ הגרו לשלזיה), האחים כהן ועוד. אם המדובר בבית הכנסת חלילה לי מלשכוח את ר׳ מנלה מנדלבום שעל אף שלאחרונה התפלל בשטיבל



פתיחת האזכרה לקדושי צ׳לאדז במרתף השואה, ירושלים. הפותח — אברהם גרין.

דרדומסק היה בין התורמים העיקריים לאחזקה ולשפוץ בית הכנסת ואף חידש וצבע את הקיר הצפוני שנפגם.

המשמשים בקודש גם הם כמעט ואינם מתחלפים ובראשם מוה״ר הרב לוונטהל, השוחטים ר׳ גליקסמן ולויט ושמש ביהכנ״ס הותיק ר׳ מאריל. כבעלי מוסף קבועים בימים הנוראים משמשים ר׳ משה לייב פסקה (בביהכנ״ס) ר׳ ליפא פישמן (גור), ר׳ בנימין ברמן (רדומסק) ודומני שר׳ משה וולף שפיר (וולברום). כבעל קורא קבוע בביהכנ״ב משמש ר׳ משה לייב פסקה וכבעל תוקע ר׳ יעקב היידה. לתפילת שחרית לביהכנ״ס מוזמנים בעלי תפילה מהשטיבליך וביניהם משה וולף שפיר, בר שווייצר, הרש לייב פרגריכט, פייוול גולדפריינד, (שאף תקע בשופר לאחר פטירת חותנו ר׳ יעקב היידה), חיים מרדכי קליינר ושלמה גוטשטיין.

גם בעליות לתורה יש מעין „חזקה" ואכן בבית הכנסת (אני התפללתי בבית הכנסת) מתכבדים בעליות העיקריות בחגים: הרב לוונטהל (לוי בראש השנה, מפטיר ביו״כ, חתן תורה הראשון בשמחת תורה), ר׳ חיים שווייצר (שירת משה וחתן בראשית הראשון) ר׳ יעקב היידה ואחרי פטירתו בנו ר׳ בריש היידה (עשרת הדברות וחתן תורה השני) ר׳ שאול שוורצבוים (חתן בראשית השני), ר׳ הרצקה כהן, איציקל כהן ושלמה שווייצר עולים ככהנים, ר׳ יוסף אפשטיין ור׳ פלטיאל פינקוס כלויים. למפטיר מוזמנים עפ״ר ה״ה משה׳לה גרטלר, נחמיה שטרוכליץ, יעקב גלברד, מנדיל בוזיקובסקי, הרמן רכניץ, גולדפיינד (אביו של בעל יוזפוב), אפרים קליינמן, יונתן הולצדורף, יוסל גרוסמן ועוד. כמובן שבחגים עולים גם לתורה, בעלי התפילות, הגבאים ועוד. הקידוש המסורתי בשמחת תורה מתקיים אצל החתנים ר׳ חיים שווייצר ור׳ בריש היידה.

חנוך הנוער היה בעיקרו דתי והתבסס על 2 חדרים (אחד של ר׳ משה אביגדור בבית המדרש והשני בשטיבל בחצרו של נחמיה שטרוכליץ), ישיבת כתר תורה בחצרו של ר׳ מנלה ובי״ס לבנות דתיות „בית יעקב" שהוקם לאחרונה. הנוער הדתי שלא הסתפק בחדרים המקומיים, נסע ללמוד בבתי ספר בבנדין הסמוכה ובעיקר לבי״ס האגודאי „יסודי התורה" או „האגודה" כפי שנקרא בפי כל. לחנוך כללי שמשו מספר בתי ספר עירוניים ובראשם בי״ס הותיק ברח׳ בנדזינסקה ואלה שרצו בלמודים על יסודיים למדו עפ״ר בגימנסיות שבבנדין. כאן יש להזכיר את גן הילדים היהודי בראשות רגינה גלטר, שבו התחילו רוב הילדים את „צעדיהם" החנוכיים הראשונים.

בשנים האחרונות נוספה לפעילות החסידית — פעילות ציונית והוקמו קנים של השומר הדתי, (ראש הקן אשר פישל), בית״ר (צבי שטרוכליץ) גורדוניה (פלה אורמן) ועוד. פעילות הסניפים מושפעת ומתואמת ע״י הסניפים בבנדין ובסוסנוביץ. פעילות זו הביאה בין היתר לעליתם של מספר לא מבוטל של בני העיר כחלוצים לארץ ישראל. יהודי העיר מכל השכבות, ליוו את העולים ארצה לא רק בשירה ובזמרה ובחגיגות אלא אף בברכה ובתקוה. זכורני איך התכנסנו באופן חגיגי ליד החשמלית (טראמוואי) בעת עלייתם של ישראל וחנה לאה גלברד, מאיר שוורצבוים, אחים פישל ועוד.

יהדות צ׳לדז׳ נהלה פעילות ציבורית ענפה, כך אנו מוצאים קופת גמ״ח גדולה (בראשה עומד ר׳ חיים שווייצר ומנוהלת ע״י שאול פומרנץ) חב׳ בקור חולים (בראשה שאול שוורצבוים, אהרן גלברד, מנדיל בוזיקובסקי, משה לייב פסקה, לייבל קאוואן ועוד) חב׳ הכנסת כלה וכמובן



אזכרה והספד לקדושי צ׳לאדז



שניים מזקני העיר — ר' פייוול גודפריינד ור' הרשול נוסבוים — מדליקים נרות
לזכר 6 מליון יהודים שנספו בשואה. (מטקס הסרת הלוט מעל המצבה לקדושי צ'לאדז).

חברה קדישא המלווה לדרכה האחרונה את מתי העיירה (בראשה שלום ליפל, בריש היידה, חיים וויינברג ועוד). ארגון הנשים ה„פרויען פאריין" מקיף את רוב נשות העיירה ובראשו עומדות הרבנית לוונטהל, לייצ'ה רכניץ, חנה גרין, איטעלע געלבארד, פייגעלע געלבארד, רחלה לאופר ועוד. לאחרונה הוקם ארגון ט.א.ז. רב משתתפים וזו הפעם הראשונה שהנהלתה היתה מורכבת מהדור השני שעד אז היה רחוק מפעילות צבורית, וכך אנו מוצאים בהנהלה נוסף ליוזמיה ד"ר ליברמן מסוסנוביץ וה"ה שמעון גלברד, בוכינק וחנה גרין גם את יחיאל גלברד, מרקוס רכניץ יבל"א, עו"ד רוזנברג ומגיסטר רוזנבלום ועוזרים בעבודה המעשית הגב' נוסבוים, פייגעלע אפשטיין, פלה שוורצבוים תבל"א, חנה כהן ועוד. באשר לפעילות המוניציפאלית, היתה תקופה ומועצת העיר כללה שלושה יהודים (לאווניקעס): ר' חיים שווייצר, הרמן רכניץ וחנה גרין לבית היידה (הרמן רכניץ היה אישיות ציבורית מקובלת על כל שכבות הצבור, כולל הדתיים, על אף שלא היה דתי במובן המקובל דאז). לאחרונה גברה בעיירה פעילות האנדקים האנטישמיים וכתוצאה מזה הפעילות המוניציפאלית היהודית צומצמה.

בפרוץ מלחמת העולם השניה, ניסו יהודים רבים לברוח מן העיר מזרחה, אולם רובם חזרו ורק מעטים אכן ברחו ואף הגיעו לרוסיה הרחוקה. בעת החזרה לעיר נקלעו רבים



הסרת הלוט מעל המצבה לקדושי צ'לאדז במרתף השאה בהר ציון, ירושלים.
ט"ו אלול תש"ל, 16.9.70. מסירים הלוט: ר' שלמה גלברד ושמעון צ'רי.

למצבים מסוכנים ומספר יהודים אף נרצחו כמו שלושה בנים של ר׳ משה מרדכי קופרברג שנרצחו בגשר סלבקוב. כבר בשנת 1940 התחילו לאסוף יהודים ולשלוח אותם למחנות עבודה בגרמניה ופעילות זו נמשכה עד 1943. בשנת 1941 הועברו היהודים אל הגטו בדרום־מזרח העיר והוקמה הנהלה בראשות פוזמנטיר מבנדין שנשלח מטעם היודנראט בסוסנוביץ.

החיים היהודיים בגטו המשיכו להתנהל אולם הלכו והצטמצמו לאחר שמדי פעם נשלחו משלוחים נוספים למחנות, עד שבמאי 1943 חוסל הגטו והיהודים המעטים הנותרים נשלחו לגטו קמיונקה שבבנדין, מכאן נשלחו לאושביץ יחד עם אחרוני יהודי זגלמביה.

עם תום המלחמה חזרו מספר שרידי השואה לעיירה כדי לבדוק ולחפש קרובים שנותרו בחיים ואולי אף לנסות להציל רכוש כלשהו. באחד הימים נהרגו 2 יהודים חוזרים, שלמה גלברד ומאיר גרוסמן, ע״י תושבים פולניים במקום. רצח זה בראש חוצות שימש רמז לנותרים וכל היהודים עזבו ונתפזרו בכל חלקי תבל.

רוב יהודי צ׳לדז׳, ותיקים כשרידי השואה נמצאים בישראל ומעורבים כאן בכל תחומי החיים, הם מונים בישראל מעל ל־100 איש. כמה עשרות אנשים הגרו לארצות הברית ובעיקר לניו־יורק ולוס אנג׳לס וכן נמצאים בודדים באירופה (גרמניה, צרפת, בלגיה, אנגליה ונורבגיה) ואף באוסטרליה הרחוקה.

בספטמבר 1970, 25 שנה לאחר גמר המלחמה, הוסר הלוט מעל מצבה לזכר קדושי צ׳ילדז׳. המצבה הוקמה במרתף השואה, בהר ציון אשר בירושלים. לצורך זה קוים מפגש, בו השתתפו כ־75 איש מיוצאי צ׳ילדז׳ מכל חלקי הארץ ואף הגיע נציג מחו״ל. המפגש שאורגן ע״י ועדת ארגון (פלה קוניארסקי, צבי שטרוכליץ, יוסף גלברד, לאה מגר־צוקרמן, רבצ׳ה גרושקה־בסרגליק, אברהם גרין) כלל: הדלקת 6 נרות לזכר 6 מיליון נספים. בהדלקת הנרות נתכבדו ר׳ הרשיל נוסבוים, ר׳ פייל גולדפריינד, זליג רושינק, שמעון גלברד, חנה גולדברג ופלה קוניארסקי לבית שוורצ־בוים. בהסרת הלוט מעל המצבה נתכבדו ר׳ שלמה גלברד ושמעון צ׳רני (נציג חו״ל). הספדים נשמעו מפיהם של אברהם גרין, שמעון גלברד ופייוול גולדפריינד. לבסוף נערכו אזכרות לקדושי השואה ולנפטרים לאחר המלחמה וכל הצבור אמר קדיש, ברטט של קדושה ויראת כבוד.

מפגש זה שימש לא רק כמפגש התיחדות וחלוקת כבוד לקדושינו אלא גם כמפגש הגדול ביותר של בני עיר צ׳ילדז׳ לאחר השואה. ואכן היה זה מעמד מרגש, רציני והיסטורי גם יחד.

תשמש רשימה קטנה זו כמצבה נוספת לזכר קדושי צ׳ילדז׳.

הערה: באם גרעתי, הוספתי או טעיתי בפרטים כל שהם ואם חלילה פגעתי בשגגה במישהו אני מבקש סליחה ומחילה. יש לקחת בחשבון שאני מתאר בקצור ובאופן חלקי תקופה בה הייתי ילד בגיל 12—6. א. ג.



קבוצה מיוצאי צ׳לאדז ליד המצבה במרתף השואה.



ההלוויה וקבורת האפר של קדושי זגלמביה שהובא מאושוויץ ע״י שריד
אושוויץ ד. זיכר מסוסנוביץ, ונטמן בבית העלמין בנחלת־יצחק.




הכנסת ספר תורה לזכר קדושי זגלמביה והקרובים המושמדים
ע״י שריד השואה הגב׳ גולדה מבית ליכטיג מבנדין.



יונגסטר



ישראל שרגאי (גינזבורג)
עסקן וותיק ורב פעלים
מפעילי הספר בישראל



אליקים פדרמן מסוסנוביץ
סגן ראש העיר בבני־ברק



שילער פון סאָסנאָוויץ אין דער טשענסטאָכאָווער טעכנישע שול



צעירי אגודת ישראל



קאָמיטעט פון פועלי ציון אין סאָסנאָוויץ



אבראמאָוויץ, מאריאנקי, קלארמאן, ליבערמאן, א. א.



אהרון גרינבלד
מפעילי הספר באמריקה
שסיפק חומר חשוב לספר



משפחת ארנר



א גרופע סאָסנאָווצער יוגנט




קאָמיטעט פאַר הילף נאָכן חורבן אין סאָסנאָוויץ



די תלמידים פון בית הספר „יבנה" אין בנדין

יזכור

תהיינה דמויותיהם
הקדושות והטהורות
של יקירינו חקוקות
בליבותינו וצרורות
עם הנשמות של כל
קדושי ישראל
שנרצחו בשואה
ושמותיהם יאירו
לנו את הדרך
לגאולה השלמה





נר זכרון לקדושים

מונצחים ע״י קרוביהם מארצות־הברית וקנדה

שם המנציח: פאולה מנדל.
ארלעאן אביגדור, צפורה, רבקה, איטה.

שם המנציח: ג. פישל.
איזראעלעוויטש רגינה.

שם המנציח: מוריס רבינוביץ.
אבראמטשיק משה, הענאך.

שם המנציח: הארי אוסטרי.
אוסטרי זיסל, יעקב, מאנה, רגינה, טופקה, סאלא.

שם המנציח: אברהם איגרא.
איגרא ירמיהו, גיטל, בעריש, אליעזר, מרדכי, רחל, חוה, מרים (דאנציגר), רבקה.

שם המנציח: נורמן אנגלרד.
אנגלרד דורה, חיים, לילה, שמואל, טושא.

שם המנציח: י. בן־ציון פישהוף.
אורבך דוד והמשפחה.

שם המנציח: לאון רכניץ.
איצקוביץ אבא, חנה, ברוניה, מארק.

שם המנציח: סול אקשטיין
אקשטיין יצחק, (צוקר) שפרינצה, רייזל, פייגל, מיכל, שלום והמשפחות.

שם המנציח: יוסף בייגעלמאכער.
וחיים יהודה בייגעלמאכער.
בייגעלמאכער שיינדל (לאנגפוס), פייגל מלכה, אהרן מענדל, שמואל אשר, חנה לאה והילדים.

שם המנציח: הימאן רודלער.
ברמן רוזא.

שם המנציח: סאלי פרידמן
בלייכר שאמשע, פעסל (גולדפרוינד), אסתר, העלא, יחיאל יעקב.

שם המנציח: אברהם בראנדיס.
בראנדיס הינדל, חיה, שלמה, חיים, מאניה, גיטל.

שם המנציח: סאם ברונער.
ברונער ישראל, אדעלה, דוד, אברהם, יעקב, ברוך.

שם המנציח: קארל בלומנפלד.
בלומנפלד חוה גיטל, פייגל הענדל, רחל, וולף.

שם המנציח: בוב ברלין
ברלינסקי חיים מרדכי, דבורה, יולה חיה, נחה, לאה.

שם המנציח: זישא שוויצר.
בלום פייגעלע.

שם המנציח: עמנואל בלכמן.
בלכמן פייגעלע (הייצא), אברהם, רחל.

שם המנציח: חוה דרנגר
בודנר שרה (כהנא).

שם המנציח: מלכה דוין.
גלבהאור ישראל שלום, מרים, רחל, מרדכי, צירל.

שם המנציח: דוד וינשטאק.
גוירצמן אברהם.

שם המנציח: דוד גורפינקל.
גורפינקל יעקב מנחם, חיה גיטל, חנוך, משה, מאיר, יחזקאל, חנה, שיינדל.

שם המנציח: שמעון רוזנברג.
גוטמן פולה.

שם המנציח: ס. זאקס.
גולדופסקי אליהו, גולצ׳יא, טובה רחל.

שם המנציח: אירוינג גולדופסקי.
גולדופסקי אליהו, גולצ׳יא, טובה רחל.

שם המנציח: ארנולד גלייטמאן.
גלייטמאן אברהם משה, ביילע (פרימער), יענטל, שרה רבקה, פורע.

שם המנציח: ד"ר מוריס מ. גולדברג
גולדברג אברהם, חנה, רוזה, הינדה.

שם המנציח: מאקס גלעצער.
גלעצער אברהם, (באלימאווסקי) שרה, רחל, אסתר והמשפחה, שלמה, דוד.

שם המנציח: מארי שובערט.
גרנדאפל פנחס, חנה, יצחק, מילא.

שם המנציח: יוליוס סאנדער.
גרוסמן פראניה.

שם המנציח: ג'ורג' גולדשטיין.
גולדשטיין בערנארד, ברוניה.

שם המנציח: וולף ארליך.
גרנק יצחק, הלה, דוד.

שם המנציח: איסר צוקר.
גוטליב ישראל, שרה, מאניה, רגינה.

שם המנציח: סאם גולדובסקי.
גולדובסקי אליהו, גולדה, טובה רחל.

שם המנציח: נתן גראו.
גראו פרידה, חנה, משה, מאשא, שלמה, יצחק, רחל לאה והבנים.

שם המנציח: יצחק דון.
דונסקי יעקב, חוה לאה (וקסלמן), פייגל, חוה לאה בת יצחק, חונה ומשפחתו.

שם המנציח: ארוין דאלעזמאן
דאלעזמאן שלמה.

שם המנציח: אברהם דאלעזמאן.
בריינדל, פערל, רבקה בלומה, חיים מאיר, יצחק משה.

שם המנציח: יוסף דומבק.
דומבק שלמה זלמן, (מורגנשטרן) חיה לאה, פעלא.

שם המנציח: גוטה ברטראב
הימלפארב הערשל צבי, פריידל רחל, יצחק טוביה, מאשה לאה.

שם המנציח: שרה רוזן.
הופס גולדה, יוסף.

שם המנציח: אלקס האליס.
האלישויץ יצחק, טאובה, אליעזר, שמואל, בלומה, קלמן, יוסף.

שם המנציח: עמנואל בלכמן.
היידא אלחנן, אסתר.

שם המנציח: יוליוס סאנדער.
ויינטראוב יצחק, הלל.

שם המנציח: ג'ורג' גולדשטיין.
ולדמאן חיים, רוזה, מיכאל.

שם המנציח: י. וילדער.
וילדער משה, סאלא, שמעון.

שם המנציח: דוד וולנערמאן.
וולנערמאן חנה, אברהם, גוטשה.

שם המנציח: העלען ו. מאיגינעס.
ויינשטאט הערשל, בעלא.

שם המנציח: נתן וינשטוק.
ויינשטוק שפרה לאה, חנה, יענטל, מרים, פולה, אביגדור, אברהם.

שם המנציח: וולף ויינשטיין.
ויינשטיין יצחק שלמה, יוכבד, שפרינצה, גוטל לאה, יעקב מרדכי, אדיל דאבא.

שם המנציח: הרמן וינר.
וינר אברהם, גניה, צעשא, סאלעק, בארבארה.

שם המנציח: פאול מונקה.
מילשטיין משה, באלצ׳ה, אווה, מינה.

שם המנציח: הנרי מנדלבוים.
מנדלבוים אלתר מרדכי, שפרה פערל, פייגל.

שם המנציח: צלה מייזלס.
מייזלס שלמה יוסף, מלכה, משה, גוטל.

שם המנציח: זאב מורטקוביץ.
מורטקוביץ חיים, בילה, גולדה, הנדלה, דוד לייב.

שם המנציח: אדורד זילברשטין.
נונברג סאלד, יאדזא, קארול.

שם המנציח: דוד וולנערמאן.
נאיער לאה, אידה, מירקה.

שם המנציח: קארל וואהל.
נורנברג הרשל.

שם המנציח: ו. כהן.
סימה, בריש, חנה רחל, שלמה.

שם המנציח: הארי נייער.
נייער משה, לאה, דורה, פרץ, סוסיה, לילעך.

שם המנציח: משה סקוצילארז.
סקוצילארז אליהו, זיסלה (יורא), מרדכי דב, אברהם קלמן, שרה דבורה, יעקב, יוסף, צעשא רחל, יונה, העלא.

שם המנציח: יוליוס סאנדער.
סאנדער עובד־ה, מינדלה.

שם המנציח: גוסטה פישל.
סולדין המשפחה.

שם המנציח: הוררי סקורא.
סקורא הירש וולף, שיינדל, משה דוד ומשפחתו, אבנר אברהם.

שם המנציח: ברוצה סלימה.
סלומניצקי פלטיאל, הינדה, אברהם, משה בר, אסתר, פולה.

שם המנציח: ליב סולטאניק.
סולטאניק יצחק, חנה רודה, פעלה, טובקה, פריידל, הענאך, מאטעק.

שם המנציח: שמואל סקורא.
סקורא דב.

שם המנציח: הלה רייך.
צירלה דבורה.

שם המנציח: מרי גרין.
שלמה, יצחק מרדכי.

שם המנציח: מאיר ערליך.
יהודה לייב.

שם המנציח: וולי ערליך.
לאה, מלכה, רויזה.

שם המנציח: רגינה פאטלבסקי.
ענגלענדער לאה ומשפ׳, עקשטיין יצחק.

שם המנציח: קלמן שטייער
(צוקער) שפרינצע.

שם המנציח: יולוס פיעלד ואלכסנדר פיעלד
פרסטנפלד שלמה, זיסל, ברונקה, בעניעק.

שם המנציח: חוה דרנגר.
פורער גיזה (כהנא).

שם המנציח: י. פאיערשטיין ודוד פאיערשטיין
פאיערשטיין שמואל זינדל הענדל, צירל, אבא, יהודה.

שם המנציח: רגינה פאטלאווסקי.
פאטלאווסקי יוסף.

שם המנציח: מוריס רבינוביץ.
פולקה צבי, גוטל, הינדע, רוזקע.

שם המנציח: גוסטה פישל.
פיק צילה, פישל משפחה.

שם המנציח: מוריס פלדמן.
פלמן בלומה, חנה, אברהם.

שם המנציח: דוד וינשטוק.
וינשטוק סימה (שפיצברג), ברונטשה, יולק.

שם המנציח: אלען זענדל.
זענדל לייבוש, שמעון, (בלומנפרוכט) יאנקה, רות, נתן, יצחק, רחל, דבורה.

שם המנציח: הנרי זימבר.
זימבר מאיר, שיינדל, חיה, משה, אסתר.

שם המנציח: שמעון רוזנברג.
זלינגר אליעזר הירש, הינדה, זייבל, דוד, פיניה.

שם המנציח: ס. זאקס.
זאקס גרשון ומשפחתו.

שם המנציח: ויליאם לוקסנבורג.
חילוויטש חיים, (צודנובסקה) חנה, אברהם, בלומה.

שם המנציח: אענעע אוסטרי.
טורנהיים שלמה, (מאנגל) איטה, שמחה, הדסה, לילה, משה, יששכר

שם המנציח: הרמן וינר
יעקובוביץ לאון, רניה, בארברה.

שם המנציח: מרקוס יונגסטר.
יינגסטר דוד, (לוברנט) שרה, טאובה.

שם המנציח: חוה דרנגר.
כהנא חיה, וילי, נפתלי, מאניעק, משה.

שם המנציח: מאקס לאזינגר.
לאזינגר אברהם, מינדלה, באלה, מיכאל, נתן

שם המנציח: לוציאן לובעל וסטעפא לובעל.
לובלסקי יהודה, אסתר, ברונקה.

שם המנציח: ישראל לאנדסמן.
לאנדסמן רגינה, יוסף דוד, מנשה, רבקה לאה.

שם המנציח: ויליאם לעסארגען.
לעסארגען שרה, ישראל, יומעק.

שם המנציח: אוה פרנקל־ברבש.
לנצנר מאיר דוד, אידה, יאדזה, מוטק, באשא.

שם המנציח: דוד וינשטוק
ליווער יהודה לייב, (קוצינסקי) חנה.

שם המנציח: ויליאם לוקסנבורג.
לוקסנבורג שמחה, רוזליה, שלמה.

שם המנציח: וולדוקס.
ליפניצקי הרש, לאון, משה, פנחס, גוטמן, פולה, אלטה.

שם המנציח: זליג לעווי.
לעווי זיסל, בלומה, אסתר, ביילה.

שם המנציח: לייב סולטניק.
מלינוביצר שמואל, מלכה, אידל הירש, בריינדל, חיה.

שם המנציח: גוסטה פישל.
מושקטבלאט חיים.

שם המנציח: הנרי מאיור.
מאיורציק זיגמונט.

שם המנציח: ר. מיודובניק.
מיודובניק יעקב, העלא, מאניעק.

שם המנציח: שמעון מארין.
מארין אברהם, לובה, לילעק.

שם המנציח: הארי סקורא.
מיכאלובסקי מאיר יוסף.

שם המנציח: דורה ויניארז.
מנדלביץ שמעון, אווה, קארול, קאלמוס, טובצ'א, הענוס.

שם המנציח: פאול מונקה.
מונקה אירה, רייזל.

שם המנציח: פאול מונקה.
מארקאיטש מאיר, פאיגל, אברהם, חיים, יחזקאל.

שם המנציח: זישא שוויצר.
פרידמן חנה.

שם המנציח: זישא שוויצר.
פלאוונער שרה.

שם המנציח: ברנרד פרגריכט.
פרגריכט אלעזר, רחל לאה, וולף, יעקב, אסתר, סימה, זיסל.

שם המנציח: הנרי הורון.
פרידברג פנחס.

שם המנציח: פאול פטאשניק.
פטאשניק חיים שלמה, צורל.

שם המנציח: פינקוס פיינר.
פיינר גדליהו, רבקה לאה, אברהם, לייזער, ביילע, אידית, בריינדל, חיה.

שם המנציח: היימן בוטר.
פוטרשניט ירחמיאל, פעסיע, חיה, הינדע, מארמא, באלטשע, דאבא.

שם המנציח: יהושע ושרה פרידלר.
פרידלר שאול, (רוס) חיה, יוסעלע, מאָטעלע, געניא, מאנטשע.

שם המנציח: א. רקושינסקי.
פרישר אלתר, (מלינובסקי) העלא, רגינה, יצחק, בולעק, שמיאלק.

שם המנציח: יוליוס סאנדער.
פאסלושני העלא.

שם המנציח: פעלא פארסונס.
פארסונס יעקב, העלא, מאניעק.

שם המנציח: פ. רפופורט.
פערגריכט רחל, מנדל, ישראל, גיטל, חיים.

שם המנציח: אברהם פוזנאנסקי.
פוזנאנסקי שלום, דובה, לאה, פעלא.

שם המנציח: אברהם ברנדיס.
פוזמאנטיר נתן, רחל, שרה, לאה, פרידה, לייבל, שלמה.

שם המנציח: דוד פוקס.
פוקס יוסף, פרימט, מוניעק, יאדז׳ה, מענדעק.

שם המנציח: חיים צרנוכה.
צרנוכה נתן, אסתר, עמנואל דוד, הרצקה, נאחצ׳ה.

שם המנציח: יוסף צימבליסטה.
צימבליסטה לוי, מינדל, רבקה, אהרן.

שם המנציח: סול אקשטין.
צוקר עקיבא, שלום, גוטל.

שם המנציח: הנרי הורון.
צוקר עקיבא, (פרידברג) שרה, מוטק.

שם המנציח: שרה קרוק ויהושע פרידלר.
קרוק שמעון דוד (ווילדער) רויזה, יקותיאל, רוכטשע, אדעלא, חייהלה.

שם המנציח: ג׳ורג׳ גולדשטיין.
קרוק יקותיאל, (גולדשטיין) לוסיה.

שם המנציח: יצחק קולון.
קולון אברהם, רוזה, העלא

שם המנציח: שמעון מארין.
קעסטברג ציביה, אסתר, לולה, מאניה, אביש.

שם המנציח: לאו קאראנא.
קאראנא המשפחה.

שם המנציח: יוסף קוגלמאן.
קוגלמאן משה.

שם המנציח: זאב מורקוביץ.
קארשוש שעיה, באטשה, איטקה, אידל, אברהם.

שם המנציח: מ.קולין־קוזלובסקי.
קוזלובסקי יצחק, באלבינה, בנימין.

שם המנציח: רגינה פטלובסקי.
קנאבלער שמואל, רעילא, ירחמיאל והמשפחה, לייביש והמשפחה.

שם המנציח: יהושע ושרה פרידלר.
רוס אסתר שיינדל.

שם המנציח: א. רקושינסקי.
רקושינסקי לאזאר, (לייכטער) איטה.

שם המנציח: הימאן רודלער.
רודלער אנשל, רחל, שלמעק, העלא, יאדזא, טבעל.

שם המנציח: אברהם פוזנאנסקי.
ראבינקו דוד, בילה, (אדלער) העלא, אברהם.

שם המנציח: ליאון רכניץ.
רכניץ מרקוס, אלקה, הינדה

שם המנציח: הלן ברוטוביץ.
רקושינסקי לאזאר, (לייכטער) איטה.

שם המנציח: שמעון רוזנברג.
רוזנברג זלמן, הרשל.

שם המנציח: יוסף זומבק.
רוזנבאום שפרינצה.

שם המנציח: דוד רוזנצווייג.
רוזנצווייג רבקה, חיים, טאובה, אסתר, גיטל, פייגל, וולף, איטשה, דינה, מרדכי.

שם המנציח: קלמן שטייער.
שטייער נחום, (ברלינסקי) לאה חיה, צבי, אהרן.

שם המנציח: לוציאן לובעל.
שצ׳עקאצקי יצחק, לאה.

שם המנציח: לאו קאראנא.
שבת משפחה.

שם המנציח: שרה ויאטרק.
שויצר חיים והמשפחה.

שם המנציח: זישא שויצר.
שויצר משה נוטע, יואל, זעליג.

שם המנציח: פאול מונקה.
שולוביץ חנה, רגינה, אברהם.

שם המנציח: ישראל שטיגליץ.
שטיגליץ פנחס, (מנגל) חנה גיטל, אברהם ישׂשכר, משה אלימלך, מנחם מנדל, רבקה.

